STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02054

DI SHVERE TSAT

Ber Isser Zabiezensky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-02054-0

D:\YIDDISH\Titles\9780657020545T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

די שווערע צייט

אהלי שדד וכל מיתרי נתקו
בני יצאני ואינם, (ירמיה י׳ כ׳)

איין ראמאן אין פיער טהיילען פון דער לעטצטער צייט אונטער דיא
יודען אין רוסלאנד.

פערפאסט

פאן

בער איסר בן גרשון זאביעזענסקי אויס וויטעבסק

ערשטער טהייל

הוצאות נמכר לצמיתות לר׳ יעקב סאפירשטיין

נאכדרוק שטרענג פערבאטען

ווארשא

שנת תרמ״ד לפ״ק

ДИ ШВЕРЕ ЦЕЙТЪ

т. е. тяжелое время

Романъ въ четырехъ частяхъ

Б. Г. Забѣженскаго

варшава 1884

Дозволено Цензурою
Кіевъ, 14 Марта 1884 г.

Въ Типографіи Н. Шрифтгиссеръ Налевки № 13

(1.)

דיא שרעקליכע איינשפערונג

אין איינע פון דיא זאטיגע גאסין פון יעקעוו אין אקליינעם ציממער מיט ווענינ מעבעל נור איין טישעל מיט צוויא שטולען , איז געזעסין איינגער מענטש אונגעפער איאהר פיר אונ צוואנציג , אן זיין געזיכט איז צוא זעהן אז ער האט אסאך גיהארעוועט גיארבעט מיט דעם קאפף , געקליידעט איינפאך , דיא האר קורץ אפגעשארין וויא פעך , דאס געזיכט אדעל אונ צערטליך , ער נעמט ארויס דיא אוהר פון טאש גיט אקוק אונ זאגט : א , עס איז שוין פינף שטונדען זייט איך בין דא אונ קיינער ווייזט זיך ניט , ניט דער מענטש וואס איך בין מיט אים גיקומען אונ ניט זיין ווירטה . . . ; איך קלער אוועק צוא געהן , איך וויים אפילו ניט צוא וועל איך טרעפין וויא צוא געהן אליין , דען מיר זענין זעהר פיל געפארין ניט אין בעקאנטע געגענדען ; דער טייפעל וויים אים וויא הין ער האט מיך פערפירט , עס איז אריבער נאך אשטונדע , ער קלערט : עס איז ניט קיין שכל , איך קאן דאך דא אפ זיצען ביז טאג , מען דארף פארט געהן , ער געהט צוא צום טיהר אונ וויל זיא עפנען עס עפינט זיך ניט , ער איז געווארען בלאסס ווי אליינוואנד , א , שרייט ער אוים מיט איין ערשראקענער שטימע , קאן דאס זיין דאס מאן האט מיך אין חדר געפיהרט , מאן האט מיך דא פערשפארט אין [illegible] אונ איך וועל גימאלס ארויס , איך גלייב דאס ניט , דען וואס האט מען [illegible] מיר מאן זאל [illegible] זיט מיר זא בע[illegible] , וועמען האב א[illegible] [illegible]ועכטס געטאן , [illegible] עטוואס פאר[illegible] איך זאל קריגען [illegible] כע בריטיגע פייני[illegible] ם זאלען זוכען [illegible] לעבין אווע[illegible] נעמען , ניין , איך [illegible] דאס ניט , איך קלער פיללייכט הט . . אין איין איהרטהום פארשפארט פון יענ[illegible] [illegible]יט דיא טהיר , ער זוכט זיין ווירטה אונ הט אים ניט געפונען . דאפיר געווערט עס לאנג , עס קאן זיין אז באלד וועט ער קומען , ער געהט צוא צום טהיר אונ בעטראכט זיא גוט , פיללייכט איז זיא ניט זא פעסט דאס מען זאל זיא ניט קאנען עפענען , אבער וויא ערשראקען איז ער געווארען אז ער האט דערזעהן אפעסטע אשטארקע טיהר דאס אין קיין טורמע גיבט ניט קיין פעסטערע , ער איז געבליבען שטיין אויף איין ארט , דאס הארץ האט איהם אן געהויבין צוא קלאפפען , ער וויים ניט וואס מיט איהם טוט זיך , איהם איז ארויף אויפין זינען אלערליא פינסטערע געדאנקען : עס קאן זיין גאר לייכט — דענקט ער אז — מען

האט מיך דא גערנע פאר שפארט, יעדער מענטש האט פיינדע, האב איך זיך געווים אויך ערוואָרבען פיינדע, מען פארגינט מיר ניט מיין לעבען, מיין עקסעסטירען אויף דער וועלט, צוואר איך האב נימאנדען עטוואס בעזעס געטאהן, דא מוס עטוואס שטעקען קנאה אויך אביסעל; מען קאן ניט קוקען וויא איך בין גליקליך. אונ דער אמת פאר וואס קומט דאס מיר אזוי איין גליק? זיין אין אזוי איין רייכער הויז, עס זאל מיר גאר ניט פעהלען, מען זאל מיר האלטען טהייער וויא איין אייגען קינד אונ אזא טהייערער ענגעל וויא יהודית זאל מיך ליעבען. יא עס איז געוויס אוים קנאה, קנאה מאכט אן דיא גרעסטע שנאה, אבוואהל דער וואס מאן באניידעט איהם נימט ביא קיינעם גאר נישט אפ. דיא הויפט קנאה מוס זיין איבער יהודית. איך מוס שטעהן איינעם אויפען וועג, קלערט ער אז מען דארף מיך אבראמען איך זאל אים ניט נישאען, יא וואס קלער איך אפולע. וויא עס שיינט מיר איז פינקעלשטיין העכסט פערליעבט אין איהר. אים פלעגט ברענען וויא אהעלישער פייער אז ער פלעגט זעהן וויא יהודית איז מיט מיר זא פריינדליך אונ ליעבליך. אבער א, פינקעלשטיי, וועט דאס ניט טאהן, אגעבילדעטער מענש וועט גאר ניעמאלס האבען אין זינען אזוי טיראניש באגעהן זיך מיט זיינעם אפריינד. אבער ווער קאן דאס זיין איין אנדערער? וואס מאכט דאס אוים ווער אונ וואס. אבי איך בין פערשפארט, פערשלאסען אין פינסטערע געפענקניש אונ פיללייכט אויף עוויג... נאר וואס איז דא פאר אפענסטער? פיללייכט קאן מען ארוים דורך איהם. וויא פינסטער איז איהם געווארען אין דיא אויגען אז ער האט זיך איין געקוקט אונ האט דער זעהן וואס ביז איצטער האט ער ניט באמערקט אז דיא פענסטער איז מיט אייזערנע גראטעס. וויא קומט אין אהאטעל אפענסטער מיט אייזערנע גראטעס? א איך בין פערשלאסען אויף עוויג, אויף עוויג, אויף עוויג, היער וועט זיין מיין קבר, היער וועל איך באגראבען ווערען לעבענדיגערהייט, היער וועל איך אוים געהן פון הונגער אונ פון דארסט. אך ווי! בין איך פערקראבען אין אזעלכע אונמוטהיגע געדאנקען, וואהנט גאר ניעמאנד? דיזעס גראבען הויז? ז ער דען געבויט? געווארען מעהר ניט וויא פון מיינע וועגען מיך צוא פארש[…]ארען? פאר מיר אי[…] ענגע אין אקליינעם צימער... אין דעם עטאזש וואהנט ווים קיינער ניט. […]ן אז איך בין דורך געגאנגען פיעל צימערן האב איך אין זייא ניט באמערקט […]ילו אטישעל אדער אשטוהל, אבער פילייכט וואהנט ווער אין דעם אונטערשטען עטאזש; איך וועל אנפאנגען צוא קלאפען שטארק ביז מאן וועט דער הערען אונ מאן וועט מיר עפנען. ער געהט צוא צום טיהר אונ קלאפט מיט אלע זיינע קרעפטען, עס איז אבער זאגסט עס הערט קיינער ניט. ער האט גענומען קלאפען מיט דיא שטוהלען זא מעכטיג ביז ער האט זיי צו בראכען אונ גאר נישט. א איך בין אום גליקליך, ניט אוף אשפיעל האט מען מיך היר פארשפארט. מיין געגנער האט געמוזט גאנץ גוט ארום קלערען זיין פלאן וויא מיך צו פטרן. ער האט אוים געקליבען אפוסטע הויז וואס קיינער וואהנט אין איהם ניט. דיא פענסטער פון מיין צימער זאל זיין ניט צום גאס; דאס

ניעמאנד זאל ניט דער הערן מיין שטימע, אונ זאל זיין פארשטעלט מיט אייזערנע גראטעס.

עס האט זיך באוויזען אדונקעלע ליכטיגקייט אין פענסטער. דיא ליכטיגקייט פון טאג וואס אלעמען באשענקט יא איהרע גאבען מיט דער פולער האנד האט אהער ניט געוואלט אריין שיינען אין גאנצען. דען דיא פענסטער וואר צוא אבוידעם אונ אום טאגס וואר דארטען ניט אפולע ליכטיגער וויא אין אאנדער הויז ביי נאכט ווען דיא לאדען זינד אפען. נאר יעדאך האט איהם אריין געשיינט אפונק האפנונג פון דער ליכטיגקייט. ער האט געקלערט דער טאג קאן איהם אפשר עוואס הילפע ברענגען. פיליכט וועט קומען היר ווער עס איז. אונ וועט אפ שפארען אדער אז ער וועט שרייען זעהר הויך וועט אפשר ווער עס איז דער הערן. עס איז פער ביא געגאנגען פיעל צייט אונ ניעמאנד קומט בעפרייען איהם פון זיין געפענקעניס. אונ זיין געשרייא וואר וויא איינער שרייט אין אווישטעניס. ביי איהם איז שוין קיין צווייפעל געוועזען דאס אום צו ערמארדען איהם דורך הונגער אונ דארסט האט מען איהם דא פאר שפארט.

האפנונגסלאז האט ער זיך אוועק געלעגט אופין דיל, האט אוים געטאהן פון זיך דעם מאנטעל, האט איהם אונטער געלעגט אונטערין קאפף אונ האט זיך זעהער שטארק פאר טראכט. עס איז שוין מעהר וויא אמעת לעת אז ער האט ניט געגעסען ניט געטרונקען. נאר פון צוא פיעל דענקען וועגען זיין לאגע אונ וואס מיט איהם וועט זיין האט זיך איהם גאר ניט געוואלט עסין. ער האט גענומען קלערן: קאן דאס זיין אז ער וועט דא שטארבען? קאן דאס זיין אז ער וועט זיך ניט זעהן מעהר מיט זיין יהודית? קאן דאס זיין אז ער וועט ניט קאנען אונטער שטיצען זיינע עלטערן? אי טהייערע יהודית, וואס טהוט זיך מיט דיר יעצט? איך גלויב דו ביסט אונרוהיג זא וויא איך, דוא קאנסט ניט איבער קלערען וואס טהוט זיך מיט מאנעס-זאהנען. דאס פון געסטערן אן זייט ער איז אוועק אין אוניווערזיטעט איז ער נאך ניט דא; אבער צו ווייסט דוא אין וואס פאר א פאלאזעניע געפינטער זיך יעצט? צו קאנסט דוא זיך פאר שטעלען וויא שלעכט וויא ביטער איהם איז, וואס פאר איין שרעקליכער טויט איהם שטעהט פאר?... אי, ער פאר שפרייט שוין זיינע שווארצע פליגלען געגען מיינע אויגען! ער געהט צוא מיר מיט זיין פירכטערליכען געזיכט. אי איך וועל זיך בעסער ניט ארויף לאזען אופין זינען דיא פארגען דאפאן!... עס שרעקט מיך ניט אזויא וויא שלעכט איז צוא שטארבען פון הונגער, דיא פיל ליידען וואס איך וועל אריבער טראגען ביז דער גוטער נאכט דער טויט וועט קומען צוא מיר מיט זיינע הערליכקייט בעפרייען מיך פון מיינע קוועלען. אי, וויא עס שרעקען מיך דיא געדאנקען צו שיידען זיך מיט דיר טהייערע יהודית! איך וואלט שטארבען רוהיג אז איך וואלט זעהען דיין געזיכט געגען מיינע אויגען. אז איך וואלט קאנען מיין לעצטען קוס דיר שענקען אונ באקומען פאר איהם דיינעם, וואס וואלט מיר ערלייכטען מיינע ליידען; איך

וואלט קאנען דיר זאגען מיין לעצטען אדיע, אוים גיסען מיין טרערען ליגענדיג אין דיינע ארעמס. א אום גליקליכער! דוא שטארבסט אהנע צוא הערין דיא שטימע דיינער ליבער יהודית, אהנין צוא זאט מאכען דיינע אויגען קוקענדיג אויף איהר געזיכט, אהנע צוא הערין דיא ליבליכע ווייד דיינע עלטערן, אום וויינען זיך אויף זייער האלז, א׳ איהר אום גליקליכע! זינד רוהיג אונ איהר ערפאהרט ניט וואס טוהט זיך מיט אייער זאהן; איהר ווערט דאס ניט אריבער טראגען וויסענד אז ער קוועלט זיך אין אזעלכע אנגסטען אונ געפאהרען; איהר וואלט זיך דאס ארויף לאזען אויפין זינען וואלט איהר געוויס ניט אוים האלטען מיט אייער שוואכען געזונד... א גיב זייא גאטט קרעפטען צוא אריבער טראגען עס. א גאטט! אויף וועמען לאז איך זיי אויף דער ברייטער וועלט אן א מיטעל צום לעבען? אן אפארפארע, אן א אונטער שטיטצער?! איך לאז זיי, א גאטט. אויף דיין פאפעצעניע, אויף דיין פיהר. דוא זאלסט ערבארמען זיך אונ ניט לאזען זיי אין הונגער אונ אין נאטה אין זייערע אלטע יאהרען.

עס איז געווארען ווידער נאכט. דיא ביסעל ליכטיקייט וואר פארשוואונדען. ער האט זיך אוועק געזעצט אונ האט גענומען זינגען פאלגענדע ליעד:

1

מיין הארץ וויינט אין מיר מיט ביטערע טרערין
דיא זאנגענשיין פון לעבען, איז מיר פארשטעלט
ווער ווייס וואס עס קאן דא פון מיר איצטער ווערין
איך זעגען זיך שוין יונגער הייט פון דער וועלט.
מיר איז פינסטער געווארען אין מיטען טאג:
עס גיסט זיך מיר טייכען בלוט פון דיא אויגען
נאר וואס העלפט מיין געוויין, מיין יאמער אונ קלאג,
פון מיין נעסט בין איך זעהער ווייט פאר פלויגען.

2

פון הימעל זעה איך ניט דיא שיינע שטערין,
אין פינסטערנים פאר שפארט בין איך דא אליין
דיא וואלקענם פאר גיסען פיעל הייסע טרערין
אונ דער ווינט באגלייטעט זיי מיט א געוויין.
דוא מאנד, נאכט קעניגען פון הימעלם געצעלט.
דוא גייסט ראך ארום, איך ווען אללע שלאפען

דער צייל האטש פאר מיינע פריינד, דער גאנצער וועלט
דאס גרויסע אונגליק וואס מיר האט זיך געטראפען.

3

זייא געזונד יהודית, מיין ליבע מיין געטרייע,
איך וועל זיך שוין ניט זעהען מיט דיר;
פאר וואגעלט וועה איך פון דער וועלט דיא פרייע
דורך אווילדען מענשין, אטיראן, אמהיר.
בייא דיא לעצטע מינוטען פון מיין לעבען
קאן איך זיך מיט מיינע עלטערן ניט זעהען;
איך שטארב. ווער וועט אויף זייא השגחה געבען,
גאטט ווייס וויא מאן וועט זיך מיט זייא באגעהן.

4

באפיר, טינט, פעדערין מיט וואס איך פלעג שרייבען,
איהר זייט בייא מיר זעהר טהייער געוועזען.
פאר וועמען וועלין מיינע ביכער בלייבען,
איך וועל שוין מעהר אין זייא געוויס ניט לעזען.
מיינע חלומות זענען אין ים דער טרונקען,
איך האב פאלש געהאפט אז מיר וועט ווען זיין גוט.
מיינע האפענונגען זינד אין תהום פאר זונקען,
עס געהט שוין מיר אריין אין קאפף דאס בלוט.

ער האט אפ געזונגען דיא ליעד און האט זיך ווידער געלייגט און איז אנטשלאפען געווארען. איהם האט זיך געחלומט זעהר שרעקליכע חלומות: וויא יהודית זיצט און וויינט און קלאגט וואס ער איז ניט דא אזא לאנגע צייט. און אנשטאט צו טרייסטען זיא שיט מען נאך איהר זאלץ אויף דיא וונדען. מיא רעד פר איהר אן אויף איהם וואס אין אבעזער קארט שטעהט, זיא חלשת, זי ווערט צו גאנגין פון אנגסט און פון צער, זיינע עלטערן זעהט ער געהן אוים פון דיא כוחות, זייא קאנן ניט אריבר טראגן זייער פינסטערע ביטערע לאגע. זיי האבען ניט וואס צו עסין וואס צו טרינקען, זיי ווארטען אלעם, פילייכט וועלין זיי הערין עטוואס פון זייער זאהן, האט מען זוי געבראכט א נאבריכט דאס ער איז געשטארבען. זייא זענן געפאלען אן דער ערד, האבין ארויס געלאזין אביטערליכן געשרייא און זענן געבליבען אין אונמאכט, פון דעם געשריי האט ער זיך אויף געכאפט. ער גיט אקוק

עס איז געוואָרן ליכטיגליך. די נאכט איז אַוועק געגאַנגען און עס איז אָן געקומען דער טאָג.

דער הונגער און דער דאָרשט האָבען אויף אים זעהר שטאַרק אָן געהויבען צו ווירקען. עס האָט זיך אין איהם אָן געצונדען אברענענדיגער פיבער. זיין צער און אַנגסט, הונגער און דאָרסט און דר שרעקליכער חלום דאָס מאַן רעדעט אָן אויף איהם פאַר יהודיתן, און די פינסטערע לאַגע זיינע עלטערן, האָבען איהם צו זאַמען אַרום גענומען דאָס ער האָט שוין ניט געקאָנט ווידערשטיין מיט זיך זעלבסט, זיינע געדאַנקען האָבען זיך צו מישט און ער האָט אָן געוואָרן זיין גלייך געוויכט. ער האָט אָן געהויבען צו לויפען הין און צוריק איבערן צימער, האָט אום געוואָרפען דעם טיש און די צו בראָכענע שטוהלען, האָט געקלאַפט אין טיהר מיט זיינע לעצטע קרעפטען. אין איינגע שטונדען אַרום האָט ער ווייטער אָן געהויבען אַרום לויפען ווי א וואַהנזיניגער איבערן צימער, האָט געריסען די האָר פון זיך געקלאַפט אין קאָפף, צו ריסען די קליידער, געשריהען ווי א ווילדע חיה... יהודית! גלויב ניט וואָס מע רעדט אויף מיר! איך בין ריין! איך שטאַרב מיט מיין גאַנצער ליבע צוא דיר! איך וועל וועגין דיר דענקען אויף יענער וועלט אויך... איך שטאַרב און א אַנדערער וועט ביי מיר צוא נעמען מיין יהודיתן? ניין, איך שטאַרב ניט! איך וועל לעבען אויף מיינע פיינדע להכעיס. פאָטער, מוטער, גלויבט ניט דאָס איך בין געשטאָרבען. איך לעב! איך וועל אייך נאָך גליקליך מאַכען, גליקליך ווי די וועלט.

אַזוי איז ער אַרום געלאָפען דעם גאַנצען טאָג איבערן צימער פאַנטאַזירענדי, ביז ער איז אויס פון די כוחות און איז געבליבען ליגען אויף דר ערד קראַנק לאַז.

2

די צוויא סטודענטן.

דעם זעלבען יונגען מענטשין זעהען מיר מיט איינגע מאָנאַטען צו ריק אין א שיינעם זאָממער טאָג שפּאַצירענדיג אין א זייטיגער אַלייע פון יעקעווער גרויסען שפּאַציר גאָרטען מיט זיינעם א קאָמעראַד און האַלטען פאָלגענדעס געשפּרעך:

—הער צוא מאַנעסואַהן (זאָ האָט מען איהם גערופען), זאָגט פינקעלשטיין, א יונגער א הויכער בלאָנדין, זעהר אַריסטאָקראַטיש געקליידעט נאָכן לעצטען פאַסאָן.

—מיר איז א וואונדער אויף דיר, וויא איז דאס א מענטש אזויא שטענדיג פארנומען נאר אומקטוועננע בעשעפטיגען, שרייבען אונ לערנען טאג אונ נאכט, זיטצען אליין פארשפארט אין א צימער, ניט ראזוואליקאייען זיך אין א געזעלשאפט, אויף א קאנצערט, אין טעאטער זעט מען דיך אויך זעלטען, אין גארטען מער ניט וויא א מאהל אין א מאנאט.

—איך וויים ניט וויא אנדערע, אנטווארטע איהם מאנעסזאהן— נאר איך האב קיינע צייט צוא פאר בריינגין אין גאר נישט, זיטצען אונ פלודערין אויף שטיינער אונ ביינער אין דיזעם אדער אין יענעם הויז, שלאגען דיא שוועלין מיט פוסטע וויזיטין, בעזאנדערליך. געהן אויף בעלער. מאסקאראדין אונ דאס גלייכען; ווען איך בין געגאנגין אין גימנאזיום, האב איך געוווסט אז איך בין א שילער אונ האב ארבייט וואס צוא מאהן, ניט פארברייננין דיא צייט אין געזעלשאפטין אדער אנדערש וואו, ארום שלעפען זיך איבערן בולוואר מיט פריילינס וויא אנדערע גימנאזיסטן. אונ דיא רעכנונג איז ביא מיר געווען זעהר א פראסטע: אין גימנאזיום דארף מען געהן. אפאר אורזאכעס דארף מען העבין. ווארום מיינע עלטערין וואוין נימאלס רייך אונד פון קינדהייט אן האב איך פארדינט אויף זיך אליין, דיא איינענע אורזאכעס דארפען אוודאי מאכין ניט פער לאזען זיך אויף ניסים אז עס וועט קאממען א ענגעל אין טרוים אונ וועט אוים לערנין אללעס אויף איין פוס, אדער דער אנדערער זאל פאר מיר מאכען, אונ עפעס פאר זיך דארף מען אויך לערנען, ווארום אז מיא זאל זיך פאר לאזין אויף דיא טרוקענע קלאסישע אורזאכעס אליין, קאן מען וועניג וואס קענען; גימנאזיע איזט מער ניט איין עלעמענט ווען מיא וויל אליין ווייטער לערנין; נעם צום ביישפיל שפראכען, וואס וויים א גימנאזיסט וואס לערענט מער ניט אוים אז דיא לעקציאנען, דייטש אדער פראנצעזיש. אונ שרייבען אליין עטוואס גוט געוויס ניט, אונ אם מעהרסטין פאר שטייט ער ניט אפילו א בוך אדער א צייטונג א דייטשע זא גליך א פראנצעזישע.

—וועגין גימנאזיע רעד איך מיט דיר ניט. דאן האסטו געוואלט באקאממען א גאלדענע מעדאליע, אונ אויסער דעם ווארסטו דאמאלס נאך א קינד, אונ האסט נאך קיין שכל געהאט צוא פארשטיין דיא וועלט; דוא ווארסט דאמאלס א חדר אינגעל וואס האט פורכט פאר דעם רבים לאקשען. דאס זעלבע האסטו פארט געהאט מיא זאל דיר ניט שטעלין א שלעכטע מיינונג ביסטו אום גליקליך. דאמאלסט בין איך אויך געוועזן אזויא. איך האב זיך אויך געלערינט גאר ניט שלעכט. דען איך פארכטע זיך פאר א יעדיניצע וויא א פערד פאר א פייטש; אבוואהל איך האב דאן אויך געהאט מעהר שכל פאר דיר; ווען איך האב נאר אפ געזאגט דעם אורזאך אונ האב געשפיהרט, דאס וועניגער וויא א דרייא וועל איך ניט האבין. דאן האט שוין מיך ניט געארט, אונ האב זיך מיר גאר ניט אינטערעסירט צו וויסען אקוראט וואס פאר א באל איך וועל האבין.

אבער יעצט ביסט דוא דאך ניט קיין חדר אינגעל, דוא פארשטעהסט ערשט אז א מענטש דארף א ביסעל לעבין אויך, ניט נאר זיטצען אונ לערנען אונ קוועטשין דיא באנק.

— ווען בייא דיר קומט אויס אז איך וואר איין קינד ווען איך בין געגאנגען אין גימנאזיום, ווייל איך האב זיך געלעהרינט גוט אונ ניט געקוקט אויף נארישקייט, אונ לאכסט פון דעם וואס איך האב געוואלט באקומען גוטע מיינונגען מיט א גאלדענע מעדאליע, בין איך יעצט אויך דאס זעלביגע קינד, אונ וויל האבען גוטע מיינונגען מיט א גאלדענע מעדאליע.

— אך וואס פאר איין דומהייט דאס איז! וואס קומט דען ארויס פון דיא גוטע מיינונגען מיט דיא גאלדענע מעדאליען? וויא פיעל דאקטורים האבין גיענדיגט זייער שטודיום גאר פראסט אהנע פאחוואלען אונ אן מעדאליען, אונ האבין מער פראקטיקע, טויזענד מאהל מעהר וויא דיא וואס האבען זיך אויס געצייכענט אין זייער שטודיום. וויא פיעל יוריסטען האבען גיענדיגט מיט גאלדענע מעדאליען אונ האבען ניט קיין קאפיקע בייא לייב אונ זעעל, אונ פראסטע אדוואקאטען האבען טויזענדער!

— נאך דיין רעכנונג נאך דארף מען גאר ניט שטודירען; מען זאל קוקען וואס דער פארדינט מעהר אונ דער וויניגער. איז פאראנען גאנץ פיעל מענטשען, וואס קאנען גאר נישט אונ פאר דינען פיעל געלד! אט נאפרימער, דיין פאטער האט זעהר וועניג געלערינט, פון דעסט וועגין ווייס איך ניט צוא וועסט דוא פאר דינען מיט דיין געשטודירטקייט אין א יאהר וואס ער אין א מאנאט.

— איז וואס מיינסט דוא! וויא פיעל מארך פון דיא ביינער האט ביי מיר ארויס גענומען דיא גריכישע שפראכע אונ צוא וואס ניצט זיא מיר יעצט? אונ דער גאנצער לאטיין וואס איך האב געזוברעוועט פון ערשטען קלאסס אן, איצטער ווייס איך ניט צוא געדענק איך דיא ערשטע ספראזשעניע. ווארט, אן א געלעכטער אמא... וויא וועט זיין כטראדאטעלנע (לידענדער גאטונג) נאסטאיאשצע וורעמיא איזיאוויטעלנע ניעסקלאניאעמאע (אינדעקלינאבעל) אמאר... דוא ווייסט פאר וואס איך געדענק גוט דיא ערסטע ספראזשעניע? ווייל איך ליעב גוט. חי! חי! חי! (אמא הייסט איך ליעב). וואס! צוא וואס האב איך געדארכט זא פיעל הארעווען אויף לאטיין אונד גריכעש אונ יעטצט אויף וואסער שווארץ יאהר דארף איך דאס, מאן קאן דען ניט זיין א גוטער יוריסט מיא זאל ניט קאנען לאטיין אונ גריכעש? אונד דיא גאנצע פיזיקא, חימיא, געאמעטריא, אונ טריגאנאמעטריא ברייגען מיר יעצט זעהר פיעל נוטצען?! א שפאסס!

בייא דיר קומט אויס אז יעדער קענטניס, יעדער חכמה מוז נאר א פאלגע ברייגען צוא פארדינען. אונ ווען ניט דארף מען זיא האבען אויף

שוואַרץ יאָהר. צום ווייניגסטען זאָל זיא האָטש נוטצען צוא דער וועלט. צום בייא שפּיל אויף גריבעש אונ לאַטיין האָסט דוא חרטה וואָס דוא האָסט געלערינט, אָבער וויא איך זעה אויף פראַנצעזיש גאָר ניט. וואָרום דאָס ברענגט דיר פיעל נוטצען. מיט וואָס וואָלסט דוא שמעקען בייא דיא היינט מאָדישע דאַמען אָדער פריילינס אז דוא וואָלסט קיין פראַנצעזיש קאָנען. בייא מיר קומט אוים גאָר אַנדערש; יעדע קענטניס אונ חכמה איז שאַצבאַר פאַר זיך זעלבסט, ווייל זיא איין קענטניס איזט. אונ דאָס אַליין איז גענוג אז זיא דאַרף גאָר קיין אַנדער זאַך פון איהר ניט פאָדערין.

—וויא איך זעה וועל איך דיך ניט איבער שטעלין. דען אונזערע געדאַנקען זינד זייער וויט אייגע פון דיא אַנדערע, אָבער מיר ריידען דאָך איבער הויפּט וועגין לעבין וועגין פאַר ברייגען אביסעל דיא צייט צווישען מענטשין. וועל איך דיר ווייזען פיעל סטודענטין אונד געלעהרטע, וואָס זאָגען אויך אזויא וויא דוא, אז לערנין איז אשטיק גן עדן. וויא פאַר צייטיגע יודען האָבין געזאָגט, גאָר לערנין אונ לערנין, תורה אונ תורה. תורה איז דיא בעסטע סחורה, אן תורה קאָן דיא וועלט א מינוט ניט שטעהן, פון דעסט וועגין פאַר ברענגין זייא צווישען לייטען אויך א ביסעל, געהען שפּאַצירען, אונ זיצען ניט אימסער פאַר שפּאַרט וויא א פויגעל אין קלעטקע.

—דאָס איז ווייטער אַנדערס. אביסעל פאַר ברייגען וואָלט איך אויך וועלין, אביסעל שפּאַצירען געהן זאָג איך אויך אז עס איז זעהר נעטהיג, אונ געזונד, איך אוטווערזשדאַע ניט אז א מענטש דאַרף גאָר קיינע רוהע האָבען; אָבער וועלכער מענטש איז פאַרנומען אזוי וויא איך? אויסער וואָס איך לערנין אַליין, האָב איך פיר אוראָקעס אונ איין אוראָק פון דעם אַנדערין איז זעהר וויט, דאָס מיט גאַנג געהט ביי מיר אוועק זעקס שטונדען אויף זייא. אויסער דעם נעמט בייא מיר אַראָפּ צייט מיין ליטעראַטור, וואָס איך שרייב אין איינינע זשורנאַלען, אונ דאָס ברענגט מיר אויך עפּעס אַריין, אונ קיין איבעריגע געלד פון דעסט וועגין האָב איך ניט; אין יעקיעוו קוואַרטיר מיט עסין פאַר איין מענטשען קאָסט אויך ניט בילליג, נאָר פאַר זיך אַליין, וואָלט איך ניט דאַרפען זא פיעל האָרעווען, איך מוס אָבער ערנעהרין מיין פאָטערס פאַמיליע, וואָס זיא איז ניט אין שטאַנד זעלבסט צוא ערנערין זיך.

—נא דיר נאָך, נוא פּיללייכט איז דיר ווייניג! א יונגער מענטש וואָס פאַנגט ערסט אן צוא לעבין אויף דער וועלט, וואָס מוסס אַרבייטען מיטען קאָפּף ערדייכען עטוואָס א ציעל, אונ מיטען האַרצען פאַר דינען זיך א שטיקעל ברויט דורך פאַר פינשטערטע אוראָקעס, דאַרף ער נאָך האָבען אויף זיך עלטערין אונ דאַרף נאָך זייא פּראָפּיטאַיען. א! וואָס טוהט זיך דאָס מיט דיזען מענטשין. ער לעבט דען צוא ער איז בעגראַבען לעבענדיגערהייט? פיעל האָבין דיר דיינע עלטערין טובות געטאָהן? וויא דוא האָסט אמאָהל דער ציילט, האָט זיך

דיר דיין פאטער ביז פונפצעהן יאהר אין חדר געגעבן, ביז דו האסט זיך צום שכל געחאפט און ביסט אליין אוועק אין גימנאזיום. ח׳, ח׳, ח׳, פון פינף ביז פונפצעהן, צעהען יאהר פארבראכט אין גארנישט, א שפאס וואס ער האט זיך אויס געלערינט אין דער צייט? תנ״ך, הקדוק און שרייבען עברעיש, און דאצוא נאך אודאי האלב ש״ס דורך געלערינט, אונטער זייא דיא דרייא בבות: בבא קמא, בבא מציעא, (וואס פאר א מציאה!) דיא דרישע ווייס ער נישט אז נישט וואלט ער זיא אויך אויס געערבינט, מיר איז א חדוש וואס דארף מען שטודירען יורידסט נאך דעם אז מען לערינט אויס דיא דרייא בבות:

— ווען דיך פאר דריסט וואס דוא האסט געלערינט לאטיין און גריכעש און אנדערע נאוקעס, ניט וואס דוא האסט פאר געסין, איז קיין וואונדער ניט דאס עם זאהל פארדריסען ווען מיא פאר ברייננט אזוי פיעל צייט אויף אידעש אין גאר נישט (נאך דיין רעכנונג נאך) מיך פאר דריסט אויף לאטיין און אויף גריכישע אוודאי ניט, אויף אידעש וואלט מיך אפשר פאר דריסען, ווען איך וואלט מער נישט גאר דער ביי בלייבען, אבער וויא באלד איך האב דאנקען דעם עוויגען עטוואס אנדערע זאכען אויך דער גאנגען, פאר דריסט מיך גאר נישט אויף דעם וואס איך האב געלערינט אידעש; אויף תנ״ך, דקדוק און עברעיש געוויס נישט, דיא עברעישע שפראכע האט מיך בעקאנט געמאכט מיטין יודענטהום צוא וויסען וואס א איד בעדייטעט, און זעהען דאס א איד האט נישט וואס אראפ צוא פאלען אנטקעגין אנדערע נאציאנען מיט זיין רעליגיע, איסטאריע און גייסט צוא ערדייכען און צו פארשטיין וויסענשאפטען... אפילו אויף תלמוד אויך ניט, דער תלמוד שארפט אויס דעם קאפף דאס נאך דעם איז לייכט צוא פערשטיין דיא גרעסטע חכמות; דער מענטש וואס האט געלערינט פיעל תלמוד איז איהם נאכהער קיין חכמה, קיין קונץ צוא שווער, זאגט דער בעריהמטער אידעשער מאטעמאטיקער ה׳ סלאנימסקי, נאר וואס זאלען מיר פאר קריכען אין רייד? דוא זאגסט דאך אליין אז דוא וועסט מיך ניט איבער שטעלין, דאס גלייכען וועל איך דיך נישט איבער שטעלען, דאס וועט ביא מיר אוודאי קיינער נישט פועלין איך זאל פאר לאזען מיינע עלטערין אויף דער עלטער אין דער צייט וואס איך קאן זייא העלפין, נאר דאס האב איך גראדע אפ געקלערט, אז דיזען קאניקול דארף מען אביסעל זיך אפ רוהען, איך זאג שוין אליין אז איך בין צוא פיעל פאר הארעוועט און פאר אומערט געוואָרין, מען דארף עפעס א ביסעל פאר ברייגען אין געזעלשאפטען דיא פאר מאנאטען.

— דוא מיינסט אז דוא האסט מיך גאר מחיה געווען, דוא האסט מיר גאר א נייע נשמה אריין געזעצט; מיר איז אבער גאר גלייך, צו דו וועסט ארבייטען דעם גאנצען מעת לעת, אדער דוא וועסט גאר גוליאען שטענדיג, גאר גאר נישט יעדערער וויל זאגען דעם אנדערין וויא ביא איהם קומט אויס.

—נאר דאס ווייסט וואס איך וועל דיר זאגען אז איך זאל יא אפילו ווערין ווען עס איז צוברעכענגען א ביסעל ציינ, געפין איך נישט וואו.

—אז דוא ווילסט וועל איך דיר בעקאנט מאכען אין א רעכטין ארט.

—איך האב מורא אז צוא דיינעם א ארט וואס דוא וועסט מיך בעקאנט מאכען וועל איך דארפען אוים שרייבען דאס גוך אלבום ליובווי אי קאמפלימענטאוו.

—ווען איך זאג א רעכטער איז א רעכטער. אז דיר וועט אויך געפעלין דיא זיינען מענטשען גאלדענע מיט זעלטענע תאראקטערין. שעצען דעם אנדערין וויא זיך זעלבסט; א זעלבע קינדער וויא ביא זיא איז צוא זוכען אין וועלטין; שיינע קלוגע גוטהערציגע, זייער פראסט ביא זיך, נאר איבער אלעמען איז צוא זוכען אזא קינד וויא זייער עלטערע טאכטער יהודית, דאס איז גאר נישט קיין מענטש, זאנדערין א ענגעל, א געטליכעם וועזען.

—קאנסט דוא מיר נישט זאגען פיללייכט זייער פאמיליע?

—אך, פאר וואס נישט! זייער פאמיליע איז גאלדענבלום

—גאלדענבלום? פרעגט מאנעסזאהן ערשטוינט —.

—וואס ביסטו אזוי ערשראקען געווארען, דוא קאנסט זיא דען?

—ניין. איך קאן זיא נית נאר דאס פריילין גאלדענבלום, האבע איך א מאהל געזעהין ארוים געהענדיג פון איהר פאטערם הויז. יא, דוא ביסט גערעכט... אונ דוא ביסט מיט איהר גוט בעקאנט?

—איך? א פראגע! מיט וועמען בין איך דען נית בעקאנט? מיר דאכט אז דוא וועסט נית געפינען א גראסארטיגעם הויז אונ איין אריסטאקראטישע פריילין אין יעקעוו דאס איך זאל מיט זיא נישט זיין בעקאנט, נאר מיט פריילין גאלדענבלום בין איך נאך מעהר וויא בעקאנט.

—פיללייכט נאך פערליבט? דען אללע פריילייגם ליבען דאך דיך, וויל דוא ליעבסט זיא צאלט מען דיר אפ.

—ווען אללע ליעבען איז נאך נישט אזויא וואונדערליך. אבער פריילין גאלדענבלום זאל ליעבען איז עטוואס אנדערש, נישט אזויא גיך ליעבט זיא וויא אללע; ווען זיא ליעבט יעמאנדען דארף ער זיין ליעבענם ווירדיג.

—אבער זיא ליעבט דיך?

—וואס פרעגסט דוא זיך אזויא שטארק נאך? דוא וועסט שפעטער וויסען. נית אללעם מיט א מאהל.

—ווען קאנסט דוא מיך פארשטעלען דארטען?

—תאטש היינט.

—היינט נישט, איבער אכטאג דינסטאג. ווען ביא אונז וועט זיך ענדיגען דיא עקזאמענם.

—ער הייבט שוין אן ווייטער מיט זיינע גיינג, ער האט מורא פילייכט וועט איהם עטוואס שאדען צום לערנען. נוא זאל זיין איבער אכטאג דינסטאג.

—עס איז שוין שפעט אין דער נאכט, צייט צוא געהען א היים.

דיא צווייא פריינדע האבען זיך פראשצייעט איינע מיט דיא אנדערע אונד זינד פארט געגאנגען.

3

מאזעס מאנעסזאהן דענקט וועגען יהודית גאלדענבלום.

אז מאנעסזאהן איז געקומען שפעט אין דער נאכט אהיים, נאך זיין געשפרעך מיט פינקעלשטיין, איז איהם ארויף אויפן זינען פאלגענדע געדאנקען: וויא עס קאן טרעפען, דאס יעדער ראזוגאוואר זאל ברענגען עטוואס נוצין. צווייא מאנאטען זינד פאריבער זייט איך האב באגעגענט איין פריילין ארויס גייהענדיג פון איין הויז, אונ איך וואר ענציקט; איהר שענהייט, איהר אדעלקייט, איהרע בליקען וואס וויזען ארויס איהר ריינעס הערץ האבען מיך באצויבערט אונ צוא געצויגען וויא מיט מאגאנעט; איך האב איהר נאך געקוקט דיא גאנצע גאס ביז זיא איז פערשוואונדען געווארין, אבער איהר געזיכט איז מיר אלעס געשטאנען געגין מיינע אויגען. איך האב אלעס געקלערט: ווער קאן דאס זיין, דיזעס געטליכעס וועזען? איך האב גענומען נאך פרעגין זעהר שטארק ווער דאס קאן זיין פאר א פריילין, ווער עס וואהנט אין דעם הויז פון וואנען איך האב זיא געזעהן ארויס געהענדיג. האב איך דער גאנגען אז דארטען וואהנט איין רייכער קויפמאן איזידאר גאלדענבלום; ער האט זעהר פיינע קינדער שענע אונ געבילדעטע, אונ מער פון אלעמען צייכענט זיך אויס זיין עלטערע טאכטער יהודית. וויא געפינט מען א סלוצאי בעקאנט ווערין מיט איהר? האב איך אלס געקלערט, פיעל פריילינס האב איך געזעהען אין יעקעו אונ מיך האט גאר נישט געארט פאר זייא אונ דיזעס מאהל בין איך געווארין גאר אונרוהיג, מיר איז גיט איין געגאנגען קיין זאך. עס האט זיך מיר אלעס געגארט, בעקאנט ווערין מיט פריילין גאלדענבלום יעדע זאך אבער געפינט מען ניט בשעת מאן זוכט. האב איך דען געקלערט דאס פון מיין געשפרעך מיט פינקעלשטיין, וועט ארויס קומען, דאס ניט איך זאל זיך דארפען בעטין פארשטעלען מיך בייא גאלדענבלומען, נאר ער אליין האט זיך מיר אן געשלאגען, אונ האט מיך נאך צוא גערעדט... קאן דאס אבער זיין דאס זיא

אין פער ליעבט אין איהם. וויא עס ווייזט אויס פון זיינע רייד. אז עס גלויבט זיך מיר נישט... נאר וויא דאס איז צוא אזוי צוא אזוי, גענוג איז מיר אז איך וועל האטש האבען א זכיה צוא ערקענען זיך מיט איהר... אך! וואס האב איך בעדארפט אפ לייגען מיין וויזיט אויף א גאנצע אכטאג? ניין, איך בין געדעכט, לאז פריהער אוועק געהען דער עקזאמען, זאל נישט מישען איינס צוא דאס אנדערע. אבער אך וויא שלעכט, איך הארעווע אונ הארעווע, איך ארבייט זא פיעל, אונ קאן זיך אפילו נישט מאכען א רעכטין קאסטיום, איך האב דאך נישט א בגד וואס אן צוא טאהן; דער אלטער ראק מיינער איז שוין גאר אויס געטראגען, דיא האזען זינד אויך ניט גאר שענע... איך האב היינט אפ גענומען פונפציג רובעל פאר צוויי אוראקעס פיללייכט וואלט איך זיך געמאכט פאר דיא געלד א קאסטיום? איך דארף זייא דאך אבער אוועק שיקען דיא עלטערין, עס איז שוין אריבער מעהר וויא א מאנאט אז איך האב זייא נישט געשיקט קיין געלד, זייא האבען שוין געוויס נישט א קאפיקע אויף דער הוצאה... אך! ביז וואנען וועל איך זיך אפפערין פאר מיינע עלטערין? איך בין דאך א יונגער מענש, איך דארף דאך אליין אויך עטוואס לעבין אויף דער וועלט; פיללייכט וואלט איך זייא ניט געשיקט דיזעס מאל קיין געלד אונ מאכען זיך א קאסטיום? יא איך וועל טאהן אזוי... ניין! איך קאן דאס נישט טאהן! עס מאג זיין וואס עס וויל. איך קאן זיך נישט ארויף לאזען גאר אויפען זינען, אז א מאנאט צייט וועלין זייא נישט האבען אויף דער הוצאה... ניין, איך וועל דאס נישט טאהן. אז! וויא פיעל האבען מיינע עלטערין געליידעט, וויא פיעל אנגסט אונ שמערצען האבען זיי פערטראגען צייט זייער לעבין, אונ יעצט זאלען זיי נאך צוא דער עלטער נישט האבען וואס צוא עסען?! זיך טאר דאס גאר נישט דענקען, עס איז א פאדלאסט, נידערטרעכטיגקייט! איך קלער אריבער צוא געהען צוא פיאדער דעם קליידער-קרעמער. איך האב דאך געלערינט יעצט נישט לאנג זיין זאהן, פריגאטאוועט איהם אין גימנאזיום אונ ער איז געווען זעהער קאנטעט. פיללייכט וועט ער מיר בארגען א קאסטיום, דיזע געדאנקען האבען ערפילט מאנעסזאהנס קאפף דיא גאנצע נאכט. אויף מארגען אין דער פריה איז ער אריבער געגאנגען צוא פיאדערין אונ האט בייא איהם געבעטין א קאסטיום אויף אויס צאהלען.

—אך, זאגט פיאדער, מיט דעם גרעסטין כבוד.

—איז פראגען ביי אייך יעצט פיינע קאסטיומען?

—א פראגע! איהר קאנט אויס קלייבען וועלכען איהר ווילט.

— וואס וועט קאסטען דיזער קאסטיום, פרעגט מאנעסזאהן נאך דעם אז ער האט אויס געקליבען א אנצוג נאך זיך נאך.

—צוא ליעב אייך, אכטציג רובל.

—אך, וואס רעדט איהר? אין מיינע אויגען איז ער מער ניט ווערט אז פונפציג.

—איהר אבידיעט מיך גאר מיט אייערע רייד, איהר קאנט דען קלערין גאר אז איך וועל נעמען ביי אייך איבעריגע?

—הייסט דאס אז וועלוועלער וועל איך איהם נישט קריגען?

—איך האב אייך געזאגט אז דאס איז נאר צוא ליעב אייך, ביי א אנדערין וואלט איך נעמען פאר אי׳ז הונדערט.

—נוא ווען איהר זאגט אזוי, גלויב איך אייך אויף אייער ווארט, ווייזט אהער דעם קאסטיום. ער האט צוא גענומען דען אנצוג, אונ קלערט פאר זיך: אללעס זאגט מען אידען זיינען עקספלאטאטארין; אט איז א קריסט, א בעקאנטער, וואס וויא עס ווייזט אוים נאך זיינע רייד איז ער מיר זא גוט וויא א ברודער, טוט ער מיר א צוא ליעב, אונ נעמט ביי מיר אכטציג פאר א אנצוג וואס איז ווערטה נור פונפציג, ווייל ער פאר שטייט אז איך בין געצוואונגען איהם צוא נעמען, - אונ דיא גאנצע זאך וועיל אן געלד. זאך געלד, דאס איז עפעס א תוכחה, אז אן זיי איז גאר א צרה, א היפשער פראצענט איז דאס אכטציג פאר פונפציג.

4

דער ערשטער וויזיט.

איינע אליין אין איהר צימער איז געזעסין יהודית גאלדענבלום. עס וואר אין שענער העלער זאממער טאג; דיא זאננע האט אריין געשיינט איהרע שטראהלען אין פענסטער אונ זייא האבען זיך פאנאנדער געגאסען איבער דיא פיינע וואזאנען מיט שיינע בלומען וועלכע גיבען ארוים פון זיך א פריאטנעם ריח גאר וויא אין גן עדן; דער סאלאוויא (נאכטיגאל) האט זיך פארנאנדער געזונגען אויבען איבערין פענסטער אונ געגעבין פיינע טרעלען. אין צימער וואר זעהר פיין, אלעס צוא געקליבען אין ארדענונג. יהודית איז געזעסין אן געטאהן אין איין ווייסען זאממער קלייד, דיא האאר פאר קעמט ארויף, דאס געזיכט רויטער וויא געוועהנליך, א ביסעל פאר טראכט, זיא האט נאר וואס געענדיגט דאס בוך „דניאל דערונדע" פון דער בעריהמטער ענגלישער פער פאססערין דזשארדז עליאט, אונ האט גענומען איבער קלערין אלעס וואס זיא האט געלעזין.

—אך , וואס פיר איינע שרייבערין דיא דזיארז עליאט איז , דענקט זיא , יעדעס בוך וואס זיא לאזט ארויס אויף דער וועלט , מאכט א רושם אויף דער לעזע פובליק , אונ אבראשצייעט אויף זיך א גראסער וונימאניע . נאר דיזע פערפאססונג איהרע געפעלט מיר מעהר וויא אללע איהרע ספרים , זיא האט אין דיזען בוך בעריהרט מיט איהרע פעדער דעם אידעשין וואפראס , אונ האט איהם ראזריעשעט מיט אזא פיינעם רעזולטאט אויף א האפענונג דאס אידען וועלין האבען ווייטער זייער לאנד מיט זייער רעגירונג .

עס האט זיך געלאזט הערין א קלונג אין טיהער , אונ פינקעלשטיין מיט מאנעסזאהנען זינד אריין געגאנגען .

פינקעלשטיין האט זיך געגריסט מיט יהודתן אונ זיך פאר נייגט מיט גראציאז , אונ צוא געגעבין א שמייכעל ווארט . נאכהער זאגט ער : איך האב דיא עהרע פאר צו שטעלין איהנען הערין מאנעסזאהן . איין קאללעגע מיינער פון אוניווערזיטעט .

—זינד זיא הערר מאנעסזאהן ? זאגטע יהודית .

—יא , אנטווארטע מאנעסזאהן .

—ביז יעצט האבע איך זייא געקאנט צוויי־ערלייא פאך , פריער פון זייערע ארטיקלען אונ דיכטער וואס איך האב געלעזין אין פערשידענע זשורנאלען , נאכהער האט זיך מיר געמאכט איין צופאל צוא קענען זייער פערזאן , נאר איך האב ניט געוואוסט אז דאס איז דער זעלבער וואס איך האב פיעל מאל פאר געניגען געהאט פון זיינע סטאטיאען , יעצט האב איך דיא עהרע צוא קאנען זייא פערזענליך .

ווען איינער שטעלט פאר דעם אנדערין אין א געזעלשאפט וויל ער אז מען זאל איהם פיין צוא נעמען . אבער נישט שענער וויא איהם זעלבסט . פינקעלשטיינען האט געשטאכען אין דער צעהענטער ריפ וואס יהודית האט אזויא העפליך צוא גענומען מאנעסזאהנען , איהר געזיכט האט באוויזען אז זיא איז העכסט צופרידען פון זיין ערשיינען , ער איז שוין מיט איהר בעקאנט פון א לאנגע צייט ; פינקעלשטיין האט נימאלס באמערקט פון איהר אזויא פיעל נייגונג וויא אין דער וויילע צוא מאנעסזאהנען ; אנצווענדען איהרע אויפמערקזאמקייט אויף איהם האט ער געזוכט ווערטער צוא שטערען זייער געשפרעך אונ ארויס וויזען פאר מאנעסזאהנען זיין פאמיליארנאסט מיט איהר . „זאגען זייא מיר פריילין גאלדענבלום , ווארום זינד זיא געוועזן זא פערטראכט ווען מיר זינד הער געקומען צוא זייא ?"

—איך האב נאר וואס געענדיגט לעזין איין בוך , אונ האב פון איהם גרויס פערגעניגען געהאט , האב איך גענומען איבער קלערין אללעס וואס איך האב געלעזין .

—וואס קומט ארויס פון דיא צוא פיעל לעזען ביכער ?

—עס ווענדעט זיך וועלכע ביכער . צום ביישפיעל איוואנהאָע , טאָם סויער , פאלקרעקטיגקייטס , פאנכאן-דע-טאראלליס ראמאנען . זאג איך אויך אז זייא ברענגען ניט קיין נוצען מער ניט וויא דיא צייט פארטרייבען , איבער א רעכטעס בוך , זאגאר א ראמאן , איז גאנץ ניצליך , אזעלכע ביכער איז פראגען גאנץ פיעל וויא צום ביישפיעל : אויערבאכס שפילהאגנס צשערנישעווסקיס . פיסארעווס , פיסעמסקיס . נאר בעזאנדערליך האב איך פארגעניגען געהאט פון דיזעס דזשארדזש עליאטס בוך וואס איך האב יעצט געלעזען , ווייל עס וואר פערפאסט פון א בעריהמטער פער-פאסערין , נישט אײנע יודין , אונ רעדט זעהר גוט אויף יודען . וואס זאגען זיי אויף דאס בוך , „דניאל דארונדע" הערר מאנעסזאהן ?

— וואס זאל איך זאגען , אז בייא אונז אין רוסלאנד וואלט געווען צעהן פערפאסער אזעלכע וואס וואלטען שרייבען ווערק וויא דניאל דארונדע , וואלט שוין לאנג פערניכטעט געווארען דער האס פון דעם קריסט צוא דעם יודען , אונ דאן וואלט געוויס פערבעסערט געווארען דיא אידעשע פאלאזשעניע אין רוססלאנד , אבער צום אונגליק איז בייא אונז זעהר ווייניג פערפאסער וואס זאלען ריידען גוטס אויף אידען .

—איך פארשטייא ניט , רופט זיך אפ פינקעלשטיין . וואס שטעלט איהר זיך אזויא פאר א אידען ? צוא אז דער בגד אדער הפץ איז מיינער , מוז איך זאגען אז ער איז שענער פון אלעמענס , האטשע אין דער טהאט איז ער מיאוסער ; דאס זעלבע אין נאציאנאלנאסט אונ רעליגיע , צוא ווייל איך בין געבוירען געווארין אין דעם נאציאן אין דער רעליגיע דארף איך זוכען מיטלען אויף ווייזען אז זיא איז דיא בעסטע ?

—איהר האט א טעות פינקעלשטיין , זאגט יהודית , ניט ווייל דער אידעשער נאציאן איז אונזערער קוק איך אויף איהם ניט פון דער שלעכטער זייט , ווען עס וואלט געוועזן זאגאר א פרעמדער , אונ איך וואלט געמען הערין אויף דעם אינטערס אין פניות , וואלט איך אויך פריזנאיען אז דער אידעשער נאציאן אונ זיין גלויבען זינד ניט ערגער פון אנדערע , דער פאר געפעלט מיר זעהר וואס דזשארדזש עליאט ? האט פאר געשטעלט דניאלן , דעם העלד פון איהר ראמאן , אז בעפאר ער האט נאך געוווסט אז ער איז א איד האט ער געקראגען ליעבע צוא אידען , אויסער דעם ברענגט אונז דיא שולד , פארטהיידיגען דעם גלויבען אונ דאס פאלק וואס מיר געפינען אז ער איז ניט ערגער פון אנדערע , אונ אללע פערהאכטען איהם אומזיכט .

—קומט בייא אויך אויס אז גאר אום-זיסט אונ אום-נישט בינדען זיך אללע צוא אידען , אונ איך זאג אז מען קלינגט איז א חנא , אז אללע לייגען אויף איינעם א שלעכטין נאמען איז ער עס געוויס ווערט אונ האט דאס כשר פאר דינט . ערשטענס וואס איז נאך פראגען אזוי פיעל נארעשקייט וויא ביי אידען

אזויא פיעל כויעוויעריע, אזויא פיעל דוממהייטען וויא אין זייער רעליגיע געפינט
זיך; איך ווייס ניט פיעל פון אידעשקייט, נאר א ביסעל דרייט זיך מיר עפעס
אין קאפף, איך געדענק נאך עפעס וואס מיין רבי האט מיך געלערנט,
א נארישקייט געדענקט זיך, איז אזויא: א איד קאן נישט לעבען, נישט עסן,
נישט געהן, נישט שטעהן, נישט זיצען נישט ליגען, ער איז פארבונדען אויף
יעדען טריט, בסדר: וויא ער וואכט זיך אויף טאר ער נישט זיצען איבעריגעס,
טאר קיין שהיות מאכען, איהם איז פארבאטען צוא ליגען די האנד צום
מונד, צום נאז, צוא די אויגען, טאהר נישט געהן פיר איילען אן געוואשען,
אז ער דארף זיך וואשען, הייבט זיך אהן וויא פיעל מאהל ער זאל ארויף גיסען
אויף די הענד, אויף וועלכע האנד פריהער; אז ער ציהט זיך אן, דארף ער
וויסען וועלכין שטיפעל פריער אן צוא טאהן, ער טאר נישט גיין גלייך נאר
איין געבויגען, ער דארף דאווענען צעהן וועגען מיט תפילות און טאר גאר
נישט טראכטען; איהם איז פארבאטען זיין פריילעך, לעבען אויף דער וועלט;
דאס רופט זיך פריצות, דאס קלות ראש. דער פאר ברענטמען, דער פאר
בראטמען, דער פאר שמייסטמען מיט אייזערנע ריטער, מען קייקעלט אין
שנייא. אין אייז אין פייער אין וואסער; קורץ דער פון, מען זאל נעמען אויס
רעכענען אללע נארישקייט וואס אין דער אידעשער אמונה געפינד זיך איז דאס
אויף יאהרען ניט אויף טעג. היינט די מצות וואס אללע אידען מוזען זייא
מקיים זיין איז אונערטרעגליך: ניט עסן מיט אגוי, דער וויין וואס דער גוי
האט זיך אן גערירט אן איהם טאר מען איהם נישט טרינקען, ער דארף עסן
פלייש, איז אויף דארויף אן געשריבען טויזענד ספרים, ער דארף מאכען פסח
א זכר וואס די אידען זענען ארויס פון מצרים האט מען אויף דארויף אן
געשריבען צעהן וועגין, אויף סכות איז אויך גאנצע סחורזאקאנעס, אויף
שבת איז דאך גאר סכנות. און די מנהגים די שיינע: די שלאגענעס כפרות
מיט שמייסען די הושענות. טרייסלען זיך צום תשליך, שפרינגען פאר דער
לבנה; די פיינע אויף פידיונעס אין די שולען פאר א גבאי, א בעל קריאה,
א בעל תפלה א בעל תוקע מפטיר שישי שלישי, אור זרוע; קאן מען זיך
איינע די אנדערע די קעפ אראפ נעמען. אין שול איז גלייך וויא אין
א בערזע; זיינע אבער גלויבונג אין גוטע אידען, דער גוטער איד איז ביי איהם
א גאט, אן א גוטען אידען נישט א טריט; זיינע מלמדים, שדכנים, רבנים,
חזנים בטלנים, מיט דער גאנצער היילינער סוויטע, עס איז א קליינינקייט,
היינט אז מיא איז נאבאזשנע, רעליגיעזיש, דארף מען האטש זיין גוט איינער
צוא דעם אנדערין. נייז דאס ניט, וואס געהערט איינעם צוא דעם אנדערין
וואלטען זייא אראפ נעמען האטש די קאפף פון די פלייצעס. אויף א טעפיל
מיט אלעפיל פרעגט מען א שאלה, און אויף א רוביל פרעגט מען גאר קיין
שאלה צוא ער איז א כשרער, א מילב ווען מע געפונט אין א שטיקיל ברויד

איז טריף אלעס, און אז מען זאל אויף עסין דעם מילב איז גאר א חמא, און א מענשען מעג מען אויף עסין מיט דיא פליישׁ מיט דיא ביינער מיט אלעם מיט אנאנדער. נאך דעם, נאך א זעלכע נארעשע מנהגים, דומע געבאטען, איבערגלויבעניש שלעכטע טהאטען, וויל מען דער קריסט זאהל ליעבען א אידען, פאר מאכען דיא אויגען, מאכען זיך ניט זעהענדיג און נחת קלייבען פון איהם; און געבילדעטע לייט וואס געהען אין אוניווערזיטעט און פאר שטייען פיעל וויסענשאפטין און שפראכין זאלין זיך אויך מאכען וויא גאר נישט, וויא נישט אן זייא געהערט דאס און שרייען: געוואלד, איך האב ליעב מיין פאלק, איך בין געטרייא מיין רעליגיע! וועמען ליעב, וואס געטרייא? ווייסען זייא אליין נישט און הערין פילייכט נישט וואס זייא זאגען.

—דיא רייד זינד שוין גאנץ אלטע, האט זיך אפ געריפין מאנעסזאהן, אבער וויא נישט ריכטיג זיי זענען איז גאר לייכט אויף צוא ווייזען, וועגען דער אידעשער רעליגיע איז גאר נישט דא וואס צוא ריידען, זיא איז געגרינדעט געווארין אויף מענשין ליעבע, אויף וואהלטהאטען, אופין ריינעם שכל און אויפקלערונג, און דאס וואס עס איז צוא געקומען נאך איבעריגע דינים און מנהגים דארף מען זעהן דיא צייט אין וועלכע מען האט זייא געמאכט און ...עורינדעט, און דיא אורזאכע פאר וואס מיא האט דאס אזויא געטאהן, ...ילייכט האט מען דאמאלס געמוזט אזויא, און ווידער וועלכע רעליגיע איז דאס ...יין פון צוא געקומענע מנהגים וואס זענין ניט גאר ...מאקהאפטער, וויא פיעל ...רות האבען אן געטאהן דיא אינקוויזיטארען, וויא פיעל בעזעס האבען צוא ...אהן דיא יעזואיטען און האבען דאס אריין געשטעלט אלעס אין פרומקייט. ...ין דער צייט ווען בילדונג איז וועניג דאן ליעגט מען אין רעליגיעזעשע ...ויפקלערונג. אפולע דארף איך דאך דיר נישט ברייננגען קיין ראיות, דוא ...אסט דאך געלעהרינט היסטאריע אזויא וויא איך; דיא אידישע ראבינער וואס ...נען געלעגין נאר אין דעם וויא שטארקער מאכען דיא אמונה קאן מען גאר ...שט פאר אורטהיילען; זייא האבען געזעהן אז דער איד איז זעהר געדריקט, ...א ברענט איהם מיא בראט איהם נאר איבער זיין רעליגיע, האבען זייא געווענדעט אללע זייערע קרעפטין פאר שטארקען זייער אמונה; ווען זייא ...לטין נישט ארום געצאמט מיט אייזערנע גראדין וואלט שוין גאר נישט ...בליבען פון אידין, זייא וואלטען זיך שוין לאנג צוא מישט מיט דיא אנדערע ...ציאנען, און אזויא האלט דאס אויף אז זייא האבען נאך עפעס א שטיקעל ...ם; דיא אידען זעלבסט האבען זיך אוועק געלאזען נאר אין סאחאלאסטיקא, ...ל קיין אנדער זאך האבען זייא נישט געקאנט אויף וואס זייא זאלען אוועק ...ען זייערע ספאסאבנאסטין, שטודירען האט מען זייא נישט געלאזין, האבין וואס א סלוזשבע א צישין, דאס אוודאי נישט, וואס דען האבען זיי געזאלט ...ה? דיא גאנצע טראסט איז ביא זייא געווען דיא תורה. דיא גאנצע

בחמה וואס זייא פלעגין היטען דיא מצוות אונ יעדער מנהג. בסילא איז זיא געוואָרען אבערגלויביש. אין דער צייט וואס אידן איז געוועהן פרייא איז געוועהן אונטער זייא דיא גרעסטע געבילדעטע מענער; אין דער לעצטער צייט אין רוסלאנד, איז פאריבער איינינע צעהענדליג יאהר זייט מען האט געגעבין אידן אביסיל פרייהייט האבען זייא זיך ארוק געטאהן אין בילדונג גאר פארטרעפליך. מיא געפינט יעצט בייא אידן דיא גרעסטע געבילדעטע לייט; פיעל האבען זיך אויס געצייכענט אין וויסענשאפט אונ בעשיינען זייער פאטערלאנד: מיר געפינען בייא אידן דיא גרעסטע דאקטוירים אונ יוריסטען; אונטער דער יונגער פאקאלעניע וועט איר פיללייכט געפינען איינעם פון הונדערט א פאנאטיק זאגאר אין דיא פראווינצאלנע שטעדט, אויך דיא יונגע קינדער אונזערע, אפילו דיא רבנישע אונ מלמדישע זיינען שוין גאנץ פרייא, אונ אנדערע נאך צוא פיעל פרייא. איז פאר האקסען דעם אידען פאר זיין סויעווערסטווא פאנאטיזמוס. איז גאר נישט דא וואס. ווען מען וואלט זייא געבען מעהר פרייהייט וואלטען זייא געוואָרען נאך בעסער; וואס דוא זאגסט אז אידן זיינען אבמאנשציקעס, עקספלאטאטארעס, איז אויך ניט אזוי וויא דוא מיינסט: זייא זיינען אויך נישט ערגער וויא אנדערע נאראדן, אידן האבען געהאט מער נישט וויא איין ספאסאב צום לעבען, האנדעל; אונ האנדעלס לייט פון אנדערע נאציאנען זיינען ניט בעסער פאר אידעשע.

פינקעלשטיין האט אויף זיינע רייד ניט געהאט וואס צו אנטווארטען, אונ יהודית איז געוועזין זעהר צופרידען פון מאנעסואהנס אנטווארט.

דיא צייט איז אזויא אוועק אין פארשידענע געשפרעכע, איבער הויפט וועגען אידן אונ זייער לאגע אין רוסלאנד. אונ מאוס מאנעסואהן מיט יהודית גאלדענבלום זיינען געוועזען העכסט פארגעניגענד וואס זייא האבען געפונען זייערע געדאנקען פאסט אין אללעס שטיממען איינע מיט דיא אנדערע. מאנעסואהן האט גענומען אפשייד פון יהודיתן, זיא האט איהם זעהר פריינדליך געדריקט דיא האנד אונ האט איהם בעשאטען מיט איהרע ליעבענדע בליקען אונ האט איהם געגעבען זעהער שטארק, ער זאל איהר בעזוכען אפט; פינקעלשטיינען האט זיא אויך געבעטען ער זאל איהר בעזוכען, אבער קעלטער וויא מאנעסואהנען. ער איז געוועהן בעשטירצט וואס ער האט באמערקט יהודית'ס ניט גלייכגילטיגקייט צוא מאנעסואהנען

א צרה מיט געלד.

עס איז שפעט אין דער נאכט, דער זייגער האט שוין געשלאגן איינס. אין דיא שטראססען איז שטיל אונ רוהיג, מען הערט זעלטן פאהרענדיג אדער געהענדיג, מער ניט וויא אדער א פאר פערליבטע פערזאנען וואס חעמען ניט וויללען נישט דאס א צווייטע אויג זאל זיא זעהען ארום שפאצירען, אונ געניסען דיא שטילקייט פון דער נאכט וויא אדם-הראשון אין גן-עדן, אדער איין דיעב וואס וויל עטוואס באקומען אונ היט זיך דאס נימאנד זאל איהם באמערקען. דיא נאכט מיט איהרע שווארצע פליגלען פאר דעקט פאר דיא וואס וויללען זיין פאר בארגען פון מענשען אונ נימאנד זאל זיא זעהען, אין א קליינעם צימער אין וועלכען עס וואר מער נישט וויא א שרייב טיש אויף וועלכען עס איז אין געווארפען פארשידענע פאפירען, א פאר שטוהלען אונ א בעטיל, ארום דיא וועגט פאליצעס פול מיט ביכער, איז געזעסען מאנעסזאהן האלב אין געלעהנט אונ האט געלעזען א בוך. דער פערפאססער האט פאר געשטעלט א גאנץ פיינע העלדין, קלערט ער, אבער זיא קומט ניט צוא יהודיתן. אך, ווען איינער וואלט פערפאססען א ראמאן מיט אזא העלדין וויא יהודית וואלט ער אויס נעמען א וועלט. שטעלט זיך פאר איהר ווכס, איהר טאליע, איהר מראמאר-ווייסע האלדז, איהרע וואנגען וואס זיינד פול וויא גראנאט-עפפעל, דיא שטארקסטע העלדען, דיא שטארקסטע נאטורען קאנען ציהען וויא וואקס פון איהרע פייערדיגע בליקען; ווען זיא רעדט מיט איהר זיסער שטימע קאן זיא ערמונטערן דעם גרעסטען אונטומהיגען מענשען. אי וויא גליקליך איך האב זיך גערעכענט דיא איינציגע שטונדען וואס איך האב מיט איהר פערבראכט. זייא זיינען מיר אריבער געפלויגען וויא מינוטען, איך וואלט וועלען אז יעדע סעקונדע זאל זיך ציהען א יאהר, יעדער מינוט איין עוויגקייט; איהר ריינעס הערץ, איהר כאראקטער, איהרע גוטע זיטען וואס איך האב געזעהן אין איהר אין דער קליינער צייט וואס איך האב מיט איהר בעסעדעוועט! איהר הארץ איז פאל ליעבע צוא איהר נאציאן, ניט וויא אנדערע האלב געבאקענע ציוויליזירטע פריילינס וואס קוקען פערזריעגיע אויף זייער פאלק. דאס אלעס לאזט זיך גאר ניט בעשרייבען זאגאר ניט בעטראכטען.

א, וויא גליקליך איך בין! דיזער ענגעל האט זיך מיט מיר זא פריינדליך אונטער געהאלטען, זא ליעבליך געשפראכען אונ האט מיר אויס געדריקט איהר צופרידענהייט מיט מיין ערשיינונג צוא זייא אין הויז, האט מיך געבעטען אפט בעזוכען איהר, איך האב זיך נימאלס געשעצט זא גליקליך, איך האב זיך גאר

אין פרדים גיט פאר געזייקעלט זיא זאל זיין אזויא ראספאלאזשעט ווא מיר. פינקעלשטיין האט זיך באריהמט אז ער איז מיט איהר נאך מער וויא באקאנט האב איך זיך ערשראקען פיללייכט נאך פערליעבט, אבער וויא עס ווייזט מיר אויס איז זיא גאר גלייך גילטיג צוא איהם. א, ווען מיין פאטער וואלט אויך געוועהן איין רייכער מאן וואלט איך דאך געוועהן אין גאנצין גליקליך... ניעמאלס איז מיר ארויף דער געדאנקען, וויא ניט גוט עס איז וואס מיינע עלטערין זיינען ניט רייך, יעצט פיהל איך וויא איך בין אומגליקליך, א איזידאר גאלדענבלום וועט זיך דער וויסען אז א ארימער סטודענט ליעבט זיין טאכטער, ער וועט דאס רעכענען פאר דער גרעסטער שאנדע. א, אונגליקליכער! וואו הין קריכסטו? אויף א שפיץ בוים וואס וויא עס וועט א בלאז טאהן א ווינטעלע, דאן פאלסטו אראפ אונ ווערסט צערשמעטערט, בעסער ניט אויף הויבען זיך איידער נאך דעם אראפ קריכען צוא ריק... א! אבער ניט איך קאן זיך אויף האלטען פון צוא פליהען, איין שטארקער שטורעם טראגט מיך אונ הויבט מיך זייער הויך, איין אדלער פאר שפרייט זיינע פליגלען אונ הויבט מיך אויפין עפיין גיפפעל מיינעם גליק, איך מוז פליהען וואו הין דער ווינט טראגט מיך, איך מאג נאכהער אראפ פאלין, איך מוז שוועבען אויף דעם אדלערס פליגלען ער מאג מיך נאכהער אראפ ווארפען אין מיטען דעם מעער... א, געלד! וואס איז דאס פאר א צרה מיט זייא, אז זייא מאכען קיטייסקע ווענד צווישען דיא מענשען, זייא מאכין גלייכע פערזאנען וייט איינע פון דיא אנדערע. וויא דער הימעל פון דיא ערד, אונ ווייטע נאהענט!

6

ניט אללע קוקען אויף געלד.

דיא נאכט אין וועלכער מאנעסזאהן וואר פול מיט ליבע-געדאנקען אונ גליקליך וואס יהודית האט איהם זא ליעבליך צוא גענומען, איז פאר איבער געגאנגען; דער דונקעלער הימעל איז געווארען ווידער העלער, דער מארגענשטערין האט אנגעהויבען צוא לייכטען; דיא קרעהען פון דער הענער, דאס זינגען דער פאגעל, דיא ארבייט מענשען וואס געהן ארויס פריה אויף זייער ארבייט, דיא בויערן וואס געהן אויפען פעלד ארבייטען. דיא ערד דיא מוטער פון אלעס וואס אויף דער וועלט געפינט זיך, האבען פאר שטעהרט דיא שטילקייט פון דער נאכט; אללע בעשעפענים, אללע לעבענדיגע וועזען זיינ[ען]

מקבל פנים דעם מארגען, פרייען זיך געגין דער ליכטיגקייט וואס קומט אן, שטעהן אויף פריה אונ געהן איהם אנטקעגין, אויסער דער רייכער מאן וואס האט ווענינ צוא ארבייטען, זיינע געשעפטין ווערען געפיהרט דורך אנדערע, זיינע שווערע ארבייט טוען אנדערע, אללע הארעווען אונ מיהען זיך אויף איהם אונ האבען מער ניט וויא דעם שטיקעל טרוקענעם ברויד, אונ ער פארשווענדעט זייער גאנצע מיהע; ער שלאפט זיך רוהיג, איהם ארט ניט וואס עס איז געווארען טאג, ער איילט זיך ניט אויף צוא שטעהן. נאר איינע רייכע פערזאן האט זיך אויף געוואכט זעהר פריה, נאך פריהער וויא דער פויער אונ דער ארבייטס מאן, וועיל זיא האט לכתחילה ניט אן געהויבען צוא שלאפען. דיזע פערזאן וואר יהודית. דיא שטראלין פון דער זאנגע האבען דורך געדרונגען דורך דיא שפאלטען פון דיא לאדען אין יהודית'ס צימער, אויף איהר געזיכט וואס האט געשיינט וויא דער העלער מארגען שטערן. א, דיא זאנגע שיינט שוין אונ איך האב נאך ניט אן געפאנגען צוא שלאפען, דענקט זיא. וואס איז דאס מיט מיר? איך פיהל זיך גאר עפעס אנדערש, מיין קאפף איז מיר פול מיט געדאנקען וואס האבען מיך גישט געלאזען שלאפען, עס האט זיך מיר געדוכט וויא מאנעסזאהן שטעהט נעבען מיר אונ רעדט מיט מיר; זיין שטיממע איז זא זיס, זא ליעבליך, יעדעס ווארט צו געהט איבער אללע גלידער, אונ איך שעמע זיך העכסט גליקליך. א, גאר אומגעריכטערהייט האב איך געסטערן גענאסען אזא גליק, איך האב זיך גאר ניט פארגעשטעלט אין דער צייט וואס פינקעלשטיין האט אן געזונגען אין טהיר, דאס דיא פערזאן וועלכע איך האב געוואַרט צוא זעהן שטעהט פון מיר זא נאהענט, מיין אידעאל ערשיינט צוא מיר אין הו.., פון דער צייט וואס איך האב געלעזען זיינע ארטיקלען וואר ער ביא מיר העכסט געשעצט, ער איז מיר פאר געקומען פאר איין זעלטענעם מענשען וואס איז ניט לייכט צוא געפינען; איין הארץ מיט פאל ליעבע צוא דעם צווייטען אונ ברענט חיא פייער מיט ליעבע צוא זיין פאלק, ער וואלט זיך וועלען אפפערין פיר זייערט וועגען פער בעסערין זייער לאגע, ריין מאכען זיא פון דעם שמוץ וואס ווארפען אויף זיא זייערע פיינדע. איך האב שוין לאנג געוואלט מיט איהם בעפריינדעט ווערען אונ איך האב ניט געפונען קיין צופאל, דען וויא מען האט מיר ערצעהלט געהט ער ניט אין געזעלשאפטען, נאכהער האט זיך מיר געמאכט א סלוצשיא אנטרעפען זיך מיט איין יונגען מענשען, אונ ניט וויסענדיג ווער ער איז, איז ער מיר זעהר געפעלין געווארען, אבער וויא געפעלען. אז איך האב זיך געשעמט ארויף לאזען אויפין זינען אז איך בין אין איהם פערליעבט. ווארום עס איז דאך גאר קאמיש, וויא פערליעבט מען זיך אין א מענשען וואס מען ווייסט ניט ווער ער איז? זאנדערבאר איז מיר געוועזן וואס דיא סימפאטיע מיינע צוא מאנעסזאהן דעם ליטעראט ניט קאנענדיג איהם פערזענליך. מיט דער סימפאטיע צוא דעם יונגען מענשען ניט וויסענדיג ווער

ער איז אונ ניט קאנען זיין נאמען , זיינע אידעען , אונ פיעל מאהל האב איך געגומען קלערין פילייכט זינד דיא ביידע אידעאלין מיינע גאר איינער . דאס הייסט דער יונגער מענש איז מאנעסזאהן זעלבסט , אבוואהל איך האב ניט געפונען קיין פריצשינע צוא מיין דענקען זא ; וויא אנגענעהם איז מיר נאכהער געוועזן , אז איך האב ערפאהרען דאס מיין מיינונג האט מיך ניט געבראכט אין איין אירטהום , מיין צופרידענהייט דאפון איז געוועהן זא גרויס דאס איך האב זיך ניט געקאנט איין האלטען אויס צוא דריקען עס מאנעסזאהנן אין דיא אויגען צום ערשטען וויזיט ; פינקעלשטיין וואס ווייס וויא קאלט איך באגעה זיך מיט איהם , וואס ער איז איין איינגעהער צוא אונז שוין פון עטליכע יאהר , אונ דאצוא נאך איין רייכען כאנם א זאהן , האט דאס געברענט וויא פייער , ווען ער וואלט נאך וויסען וואס ביא מיר אין הארצען טוהט זיך , וויא איך ליעב איהם זא שטערבליך , וואלט איהם גאר פאר ברענען דער צארין ; איהם, אזא מיליאנערס א זאהן , אזא פארשיין (וויא ער דעבענט זיך) אזא אריסטאקראט עלעגאנט , האב איך גאר נישט געאנטווארטעט אויף זיינע ליעבע ערקלערונגען אונ א ארימען סטודענט וואס איך ווייס גאר נישט צוא ער ליעבט מיך , ליעב איך שטערבליך . . . א ארימען סטודענט ? . . . יא , וואס איז פון דיא רייכע וואס זייא קענען פארשווענדען געלד פיל , וואס זייא האבען אלעם פארטיגע ! ווען מען וואלט זייא אזויא ווייניג לערנען וויא דיא ארימע וואלטען זייא גאר נישט קאנען ; אז מען האלט פאר זייא פון קינד ווייס אן לעהרער , גווערנערין אונ ווערנאנטקעס , מאבען זייא דורך זויא עס איז גימנאזיום , אונ אוניווערזיטעט אויך איבער געוואלד . זייא פרעדפאצשיטאען בעססער צוא פאר ברייגען דיא צייט אין סוויעטסקע אבשעסטוועס , אין טהעאטער , אויף בעלער , וועהרענד דער ארימער לעהרינט דיא קלאססישע לעקציאנען , לעהרינט פאר זיך אונ דאצוא מוז ער נאך געבען פרעמדע אורא קעס ער זאל האבען פון וואס צוא ער־נעהרען זיך , ווער רעדט געניאלע מענשען איז כמעט אלע מאהל פון ארימע ארוים געקומען , ניט פון רייכע . דיזעס אללעס האט געדענקט יהודית ליגענדיג אויפען בעט ביז עס איז שוין געווארען שפעט אויפין טאג , דיא מאטר איז אריין צוא איהר אין שלאפצימער אויף וועקען זיא . „עם איז דאך שוין צעהן אוהר — זאגט זיא — וואָרום שלאפען זייא היינט אזוי שפעט ?" „עס איז שוין צעהן אוהר ? " זאגט יהודית מיט אינפעט . יא . איך האב זיך גאר היפש פאר שלאפען ! אדער גאר נישט געשלאפען , קלעהרט זיא פאר זיך , שוין צייט אויף צוא שטעהען . מיט דיזע ווערטער האט זיא זיך אן געצויגען אונ איז אריין אין סטאלאווע וואו דאס גאנצע געזינד איז געזעסין אונ האבען טהיי געטרונקען , דאס געזיכט וואר ביא איהר א ביסעל פערענדערט , זיא וואר בלאססער וויא געוועהנליך , אונ איין שפור פון צערשטרייאונג איז געוועזן צוא ערקענען אויף איהר , דיא עלטערין האבען באמערקט דיזעס אונ האבען געמיינט דאס זיא איז ניט גאר אין גאנצע

נשטער, זייא האבען איהר גיפרעגט וואס זיא ליידעט האבען זייא באקומען א אנטוואָרט דאס זיא האט קאפף־שמערצען.

7

שטארק פערליעבט.

דיא ליעבע פון מאנעסואהנען מיט יהודיתן איז אללעם גשווארען שטארקער אונ שטארקער. ער פלעגט איהר אפט בעזוכען אונ פלעגט אפ זיצען יעדעס מאהל פיעל צייט, (עס וואר דאן קאניקול צייט אונ ער וואר פיעל ליידיג), נאר וויא אפט ער פלעגט קאמען צוא איהר אין הויז פלעגט דאס איהר אויס ווייזען וויא ער קומט זעלטען; זיא וואלט וועלען ער זאל זיין מיט איהר שטענדיג צוזאמען; אונגעדולדעט פלעגט זיאווארטען אויף איהם פון איין וויזיט ביז דעם אנדערן. יעדער מינוט האט זיך ביי איהר געצויגען וויא א יאהר. דיא קאניקול טעג זינד פאריבער געגאנגען אונ עס האט זיך ווייטער אן געהויבען דיא צייט פון לערנען, עס איז פארשוואונדען צוויי וואכען דאס מאנעסואהן איז ניט געוועזן ביי גאלדענבלומען, יהודית פלעגט זיצען אללע טאג געגען פענסטער אונ פרעגט זיך איינקוקען זעהר שטארק אויף יעדען פאר־בייא געהער. פיללייכט איז דאס מאנעסואהן, אונ אז זיא פלעגט באמערקען אז עס איז א אנדערער פלעגט איהר ווערען פינסטער אין דיא אויגען. זיא האט געפרובירט געהן זעהר פיעל שפאצירען דיא צייטען, פילליכט וועט זיא איהם זעהן אירגענד וואו, אבער ליידער האט זיא איהם נירגענד באמערקט.

איין מאהל זיצט זיא אזויא פערטראכט פערטיפט אין געדאנקען. זיא הויבט אויף איהרע אויגען זיא גיט אקוק אין פענסטער. א. מאנעסואהן געהט! זיא איז אויף געשפרונגען ראאש פון איהר ארט אונ איז געלאפען אליין אויף עפנען דיא טיהר בעפאר עס האט זיך נאך געהערט אקלינגענדיג; זיא וואלט ארויף פאלען איהם אויפין האלדז, גלייך מאנעסואהן איהר, זייא וואלטען אויס דריקען זייערע געפיהלען מיט זייער ארום ארמען זיך; נאר זייא האבען זיך שטארק איין געהאלטען, זיא האט איהם פאר רופען צוא זיך אין צימער, האט איהם שטארק אויס גערעדעט וואס ער איז אזוא לאנגע צייט ביי זיי ניט געוועזען. אט דאס איז דיין פערשפרעכן, אפט בעזוכען מיך—זאגט זיא.

— וויא לאנג בין איך בייא אייך געוועזן? מיט צוויי וואכען צוריק.

—מיט צוויא וואכען צוריק!? אך, ביא מיר האט אוים געוויזען אז צוויא יאהר איז שוין פערפלאססען.

—יא, ביא מיר האט אויך אוים געוויזען אז עס איז שוין פאריבער צוויא יאהר אונ כיללייכט נאך מעהר, ווארום מיר איז דיא צייט זייער לאנגווייליג געוועזען אבער פערצייהע. אז דוא וואלסט וויססען מיין לאגע, וויא איך בין שטארק פערבונדען, דאס איך האב קיין צייט צוא אטעהמען, וואלסט דוא מיך געוויס ענטשולדיגען.

—ביסט דוא דען זא שטארק פערנומען אז דוא האסט ניט זאגאר איין ליידיגע שטונדע אין טאג? אונ וואס איז דאס ביא דיר אזעלכע אינטערעסין וואס זיא זיינען ביא דיר טהייערער וויא איך? א, דיינע ווערטער דיזע קאנען פערדראכט מאכען, איך זאל דענקען דאס דיין ליעבע צוא מיר איז ניט זא שטארק, ווארום איינעם וואהרען ליעבענדער פערזאן שטעהרט קיין זאך ניט צוא געפינען א צייט זעהן זיך אפטער מיט זיין פערליעבטער.

—ווען ביא דיר וואלט זיין רעכט איך זאל לערנען ווענינער אונ קומען צו דיר אפטער. וואלט ביא מיר אויך זיין רעכט.

—ניין. דאס ניט, וואס געהערט צוא לערנען פערלאנג איך אליין ניט דאס דוא זאלסט אפ שפארען דאפון צוא ליעב מיר; לערנען איז דיא ערשטע זאך, אונ ווען איינער געוואהנט זיך איין לערנען ווענינער צוא ליעב עטוואס... טרעפט נאך דעם אז מען הערט אויף גאר צוא לערנען, אונ גאנץ אפט לאזט זיך אוים גאר נישט פון דעם גאנץ סטודיום איבער א זעלבע זאכען. נאר שוין-זע פארנעמען ביא דיר מאכען דיא אורזאכען אזוי פיעל צייט, אז ביא דיר בלייבט גאר ניט קיין ליידיגע שטונדען אין טאג.

—דיא אורזאכען מאכען, פארנעמען ביא מיר זעהר א פולע? איך מאך דיא גרעסטע אורזאכען אין צוויא שטונדען; נאר אויסער מיינע אורזאכען האב איך פיר אורזאכען פרעמדע, וואס צום אומגליק זיינען זיא וויט איינער פון דעם אנדערין, דאס צוזאמען מיט גאנג געהט ביא מיר אוועק זעקס שטונדען אויף זיא.

—פון מיינעט וועגען וואלט מיך ניט ארען אז דוא זאלסט זיין פערנומען מער ניט וויא צוויא שטונדען; אונ מיר איז טאקע אוונדער צוא וואס דארפסטו האבען פיר אורזאכען, וויא עס וויזט אוים ביסט דוא דאך ניט קיין פאר ברייננער, אונ ווען מיא זאל לעבען עקאנאמיש, איז גענוג צוויא אורזאכען איין מענשען אויף דורך לעבען זיך; ווארום קיין וואלוועלע אורזאכען האסט דוא דאך מסתמא ניט.

—אז איך וואלט דארפין מער ניט וויא אויף זיך זעלבסט וואלט מיר זיין גענוג נאר איין אורזאך. דען איך האב איין אורזאך וואס איך נעם פאר

איהם פידציג רוביל א מאנאט, אבער איך האב אלטע עלטערין ארעמע אונ מוז זייא ערנאהרען.

—דוא ביסט גערעכט, עלטערין דארף מען ניט פאר לאזען, דער שולד ליעגט אויף יעדער מענשין אפ צאלען זיינע עלטערין פאר זייער מיהע אונ זארג פאר איהם, איך וועל דיך געוויס ניט אפשלאגען דאפון. ווארום איך וואלט געוועזן נידערטרעכטיג ווען איך וואלט דאס געטאהן; אין געגענטהייל, דוא ביסט בייא מיר זעהר טהייער וואס דוא געמסט אויף זיך אזא יאך אין דער צייט וואס אנדערע מענשען אויף דיין ארט זוכען זיך גאר פארשידענע אודראוואלסטוועס צוא פאר שאפען זיך. וועהרענד פילע סטודענטען וואס ניט נאר זייא זאלען העלפען זייער עלטערין, זאגאר ווען דיא עלטערין שיקען זייא אויף אללעס וואס זייא דארפען אונ זארגען פיר אללעס וואס זייא נויטיג האבען, אונ זייא—דיא סטודענטין—שעטצען זייא גרינג אונ פערהאססען זייא ווייל זייא זאגען פון דעם אלטען דור, אונ פערגעססען דאס ווען ניט דיא עלטערין וואלטען זייא ניט געקאמען צו דער שטופע וואו זייא האלטען. נאר זאג מיר מאנעסזאהן, ווען דוא ביסט זא שטארק פערנומען, ווען האסט דוא געהאט אזויא פיעל צייט צוא ארבייטען אין ליטעראטור, וואס איך זעלבסט האב געלעזין דיינע איז אויך גענוג דאס זאל אן שרייבען א מענש וואס איז עלטער פאר דיר מיט צעהן יאהר, אויך וויא מען האט מיר ערצייילט האסט דוא ערווארבען ספעציאלנאכט אין שפראכען וואס מען לעהרינט גאר נישט אין גימנאזיום, מען האט מיר דיך פאר געשטעלט אונטער דיא אויגען, בעפאר איך האב נאך דיך געקענט, פאר א גראססען קענער אין דער ענגלישער שפראכע; ווען האסט דוא אלס געהאט צייט צוא ארבייטען זא פיעל?

—דיא שפראכען אונ דיא איבעריגע קענטניסע האב איך דערגאנגען ווען איך האב נאך אין גימנאזיום געלעהרינט, דאן בין איך נאך ניט געוועזן באלעסטיגט אויס האלטען מיינע עלטערין, מיין פאטער האט נאך דאמאלס אליין פערדינט. איך האב געהאט צייט. אונ ווען א מענש האט אין דיא יונגע יאהרען צייט איז דיא ערשטע שולד זיינע, זארגען פאר זיך זעלבסט, אריין חאפען אין קענטניס וואס מען קאן, ווארום וואס מען ווערט עלטער ווערט אללעס מעהר זארג. אונ דאן איז שוין שוועהרער צוא דער געהן עטוואס; דער צווייטער שולד איז זארגען פאר עלטערין ווען עס איז באשערט פון גאט דאס זייא זאלען דארפען אן קומען מען זאל זארגען פאר זייא, דער דריטער שולד איז זארגען פ..ר דעם אנדערין אויך, וויא פיעל מען קאן, צוא מאטעריאלע צו אידעאלע. מאטעריאלע, האב איך נימאלס געקאנט זארגען פאר דעם אנדערן, אידעאלע האט זיך מיר געדוכט קאן איך עטוואס ברייגגען נוצען מיט מיין שרייבען, האב איך אן געפאנגען צוא שרייבען פריהער אין אידעש. אונ האב געשריבען דיפעראלין: אופמערקזאם געמאכט אונזערע ברידער אויף פארשידענע נארעשע

אויף פיהרונגען אין לעבען, מהאטען אונ דענקען, נאר אז איך האב אקוק געטאהן אז פיעל פון אונזער יונגער פאקאליעניע זיינען שוין צוא ווייט פערקראכען, זיי האבען ארויס געגאסען דיא מאלטער מיט דעם קינד צוא זאמען, זייא האבען אוועק געווארפען פיעל נארישקייט, אבער פיעל רעכטע זאכען אויך, זייא פערהאסטען דיא רעליגיע מיט זייער נאציאן ניטצווייניגער וויא א קריכט, האב איך שוין אן געפאנגען צוא שרייבען „אוו זאשציטו יעווריעוו אי רעליגיע" אהנע שאהנונג געקריטיקירט דיא פארשע אויפגעקלערטע וואס מיינען אז מיט דעם מאכען זייא זיך אן כבוד וואס זייא זעלבסט האלטען ניט פון זייער גלויבען אונ נאציאן, אונ האב גראדע געשריבען אין רוסיש ווארום קיין אידעש לייענען דאך ניט אזעלכע וואס האלטען פון דעם גאנצען יודענטהום מיט דער אידעשער שפראכע א אויסגעבראזענע איי. נאר יעצט קאן איך דיר זאגען, זינד איך האב זיך מיט דיר בעפריינדעט שרייב איך כמעט גאר ניט: דיא ליעבע צוא דיר וואס איך דענק שטענדיג וועגען איהר, אונ זיא געהט מיר ניט ארויס פון זינען לאזט מיך ניט צוא פיעל ארבייטען, איך מוז האבען צייט אויף טראכטען אויך, נאר וויא איך האב דיר געזאגט פריהער, אז פון דיא אורזאכעס וואס איך דארף מאכען פאר זיך קאן איך נישט אפשפארען, פון דיא שטונדען וואס איך גיב־אויך ניט, ווארום איך מוז האבען געלד, וואס דען פון שרייבען קאן איך אראפ נעמען דיא צייט, דער שרייבען קריכט מיר ניט אין קאפף. אונ ווידער קלעהר איך אז דיר איז געוויס אנגענעהם ווען איך דענק וועגען דיר. אין בייא מיר בעססער פערשאפען פארגניגען דיר איינער. וויא הונדערט אנדערע פערזאנען.

—דיין אויף פיהרונג געפעהלט מיר זעהר, איך האב זיך נישט געקאנט פארשטעלען א אידעאל א בעסערין וויא דוא, יעצט בין איך אויסער זיך פאר פריידע אז אזא מענש וויא דוא לייגט אפ זיין ארבייט—וואס לויט וויא דוא זאגסט אז דיר דוכט זיך „פיללייכט" בריינגסטו נוצען מיט דיין ארבייטען; ניין, דוא בריינגסט געוויס פיעל נוצען. אונ וועגען מיר צוא דענקען, מיט מיר צו פארבריינגען; בין איך גליקליך, העכסט גליקליך; אבער איך וויל זיין נאך גליקליכער: איך וויל דאס דוא זאלסט זיין מיט מיר אפטער. דוא זאלסט מיט אונז צוא זאממען אין איין הויז זיין. דוא זאלסט ווארפען דיין שרייבען צוא ליעב מיר וויל איך גראדע ניט, איך וויל בעססער דוא זאלסט זיין וועניגער פארנומען מיט פרעמדע ארבייט צוא ליעב געלד. דוא ביסט פערנומען זעקס שטונדען, צוא זאמען מיט גאנג, אויף אורזאכעס, איך וועל מאכען אז פון צוויא שטונדען ארבייט וועסט דוא האבען זא פיעל געהאלט וויא פון דיינע זעקס, בייא אונז איז פראגען א מענש וואס דינט אללעם קארעספאנדענט שרייבען בריעף אין העברעאיש, רוסיש, דייטש, פראנצעזיש. פאר צוויא שטונדען אין טאג ארבייט גיבען מיר איהם הונדערט רובל מאנאטליך אונ

פארטיגען מיש. וועל איך זאגען דעם פאטער ער זאל דיך בעססער נעמען ארום פיעל מאל טרעפט אז מיר דארפען שרייבען ענגלישע בריעף אויך אונ ער קאן ניט, איך וועל אויך זאגען דעם פאטער אז איך אליין וויל זיך לערנען דיא ענגלישע שפראכע, אונ אין אמת וויל איך זיך טאקע לערנען ענגליש; איך האב זעהר לוסט צוא קאנען דיא שפראכע, ביא מיר איז זיא ניט ערגער וויא פראנצעזיש וואס אללע האבען זיא אן גענומען פאר אלגעמיינע וועלט-שפראכע, אין אללע לענדער לערינט מען זיא. אונ אללע געבילדעטע רעכנען זיא אויף דער צווייטער סטאפנע נאך דער לאנד שפראכע. מיין פאטער געפעלסט דוא זעהר אונ ער וואלט וועלין האבען אזא מענשען וויא דוא, ביא זיך אין שטוב מעהר וויא יענעם וואס ער איז איהם מיאוס געווארען פאר זיין צוא פיעל פרייהייט: אויף דיר האט ער מיר אליין געזאגט אז ער האלט דיך פאר א כאראקטערישען מענשען, פאר איין וואהרען איד. ער האט געהערט דיין געשפרעך. דאס ערשטין מאהל מיט פינקעלשטיינען. דוא האסט דאן גערעדעט הויך, גאריאצשע דאס מען האט געהערט יעדעס ווארט אין פאטערס גאבינעט וואס גרענצט זיך מיט מיין צימער. אונ ער האט זיך געשמאלצען פון נחת, ער זאגט אז ער האט ניעמאלס געהערט אונ געזעהן אזוי פיעל ליעבע צוא א יודען אין א סטודענט.

— דיין פארשלאג פאר שאפט מיר דען גרעססטען פארגעניגען אז איך זעה וויא דוא זוכסט מיטלען אריין בריינגען מיך צוא אייך אין הויז, נאר לוידער קאן איך עס ניט אן נעמען, ווייל איך וויל נישט דאס צוא ליעב מיר זאל מען אפזאגען דעם אנדערין וואס פיללייכט וועט ער נישט האבען קיין אנדער שטעללע, אונ איך קאן זיך מיין פארדינסט האבען, מיט מעהר אדער ווייניגער הארעווען, פון אוראקעס.

— יענעם וועט קיין היזק זיין וועהן מען וועט איהם אפזאגען דיא שטעללע, דען זא וויא זא וויל ער זיך אליין ענטזאגען; ער האט שוין אן געקליבען פיל געלד זינד ער איז ביא אונז יעצט וויל ער אליין מאכען א געשעפט.

— א, איך בין גליקליך! איך האב זיך ניעמאלס געשעצט זא גליקליך צו זיין, עס עפינט זיך פאר מיר א נייע וועלט, איך גרייט זיך — אן צוא קומען אין פאראדיז, צוא זיין אין אזא הויז וואס אזא ענגעל וויא דוא געפינט זיך אין איהר, איך וועל זיך קאנען מיט דיר זעהען אפט. אן קוקען דיין ענגלישעס געזיכט, אפט מיט דיר ריידען הערין דיין גאלדינע שטיממע. א, איך בין גליקליך!

— יהודית האט זיך אוועק געזעצט געגען קלאוויר האט אן געהויבען צוא שפילען אונ צוא זינגען דיא ווערטער.

1

גליק און פריידען
בעגלייטען אונז ביידען
פון היינט אן איבעראלל.
אין אנדער איבערגעבען
אויפין גאנצען לעבען
אין פרידען און מאראלל

2

אונזערע קערפער און זעללען,
געדאנקען און געפיהללען
פערקניפטען זיך שטארק איצונד.
קיינע פיינדליכע האנדע
ווערדען זיין אום שטאנדע
צושטערען אונזער היילינעם בונד.

3

צוא דיעזע מינוטען
גיב אונז צוא גוטען
אויך גאטט דיינעם זעגען,
גליק און פריידען
זאללען אונז ביידען
בעגלייטען אויף אללע וועגען.

די טענער פון פיאנע מיט איהר זיסע גאלדענע שטימע האבען געקלונגען איבערין צימער, מאנעסזאהן איז געזעסען וויא בעצויבערט, ער האט קיין ווערטער געפונען, אויסדריקען זיינע געפיהלען! ער איז געזעסען א היבשע ווילע ניט אויסרעדענדיג א ווארט, אם ענדע האט ער א שפרונג געטאן פון זיין שטוהל צוא יהודיתן און האט מיט א הייסען קוסס וואס ער האט געגעבען אויף איהר אלבאסטער־ווייסען שטערין, אויס געדריקט זיינע געפיהלען, ער האט גענומען אפשייד פון איהר און איז אוועק א היים מיט פאללער זיסע האפנונגען.

8

גליקליך וויא דיא וועלט.

דאס גליק פון מאנעסזאהן מיט יהודיתן איז געוואָרען אין גאַנצען פאַרפולט; ער איז געוואָרען ביא גאלדענבלומען א קאָררעספאָנדענט פיהרער אין זיין געשעפט. ער האָט שוין ניט געדאַרפט אוים זוכען איינע פרייע צייט אום צוא קאָנען אריין געהן צוא גאלדענבלומען פאַרברייגגען מיט יהודיתן, ער האָט געהאט פיעל פרייע צייט אונ האָט געקאָנט ריידען מיט איהר וויפיל ער האָט געוואָלט אונ ווען ער האָט געוואָלט; אויך דאס גאַנצע הויזגעזינד. איבער הויפט דער ווירטה מיט דער ווירטין האָבען איהם זעהר שטאַרק ליעב באַקומען, ער איז ביא זיא געוואָרען גאר וויא א אייגענער מענש, אָדער בעסער: וויא א אייגען קינד, וועגען יהודיתן איז גאר קיין רעדע ניט, יעדער מינוט אונ יעדע סעקונדע וואָס ביא איהם פלעגט זיין א לעדיגע, פלעגען זיא פאַרברייגגען צוא זאַמען, זיא זיינען געוואָרען גאר וויא א ברודער מיט א שוועסטער, פאָרען פאָטער אונ מוטער אין דיא אויגען פלעגען זיא זיך איינע דיא אַנדערע ניט איהרצען, אונ פלעגען מאַכען שפאַסען אונ לאַכען איינע פון דיא אַנדערע. זאָגאר א אַנדערס מאָהל ערלויבען זיך אוים דריקקען ציינערע אינגערליכע געפיהלען פאַר דיא עלטערין אין דיא אויגען. אונ דאס האָט זיא גאר ניט געהאָרט, אָבוואָהל עס איז געווען לייכט צוא באַמערקען דאס זיא זיינען פערליעבט איבער דיא אָהרען, זיא האָט זיא געדעכענט ביידען פאַר ריינע ענגלען, זיא האָט ביא זיך געוואונשט באַשטימט, דאס קיין בעזעס וועט פון זיא, גאָטט בעוואהר, ניט הערויס קאָמען. איזידאר אָבער האָט גאר אַנדערש געקוקט אויף דעם איגטערעס; ער האָט פאַר שטאַגען גענוג דאס מאנעסזאהן מיט יהודיתן ליעבען זיך שטערבליך, אונ ער וואר דער פון העכסט צוא פרידען.

—איזידאר וואר א מענש מיט פיעל פערשטאַנד, ער האָט אין זיך געהאט א מאססע בילדונג וואס ער האָט דערגאַנגען אַליין פון זיך, דען ווען ער וואר א קינד איז נאָך קיין מאָדע געוועזען גימנאזיעס אונד אוניווערזיטעטין. זיינע עלטערין האָבין איהם ניט געשטערט צוא לערנען זיך. וויא פאַר צייטען איז געוועזען, וויל ער האָט זייא פריה אָן געוואָרען, דען ער איז געבליעבען א יתום אונ האָט זיך ערצויגען אָן עלטערין; אָבער ער וואר אָרטאָדאָקסיש געוועזען. ער האָט פיינט געהאט דיא פוסטע ליבעראַלין, דאס הייסט דיא וואס מאַכען זיך מעהר ניט פאַר ליבעראַלען וויל זיא נעמען דאס אָן פאַר א שצאַנאַלכטווא

וויא א מאדישען קאסטיום, וועהרענד דעם אמתן ליבעראל וואס איז געזאנגען ליבעראליש וויל ער דענקט אזוי. אונ מיינט ניט דאמיט צוא שפעגאליען, האט ער ניט פאראכטעט; ער האט אויך פיינד געהאט דיא איניקוויזיטארען וואס פארפאלגען דעם אנדערן פאר זיינע אידעען. איבער הויפט איז איהם ניט געפעלען געוועזן פיעל פון אונזערע יונגע געבילדעטע וואס זייא מיינען אז וויא מען סטודירט מוז מען לאכען פון אללע הייליגע רעליגיאזע זאכען וואס אונזערע עלטערן האבען זיך געאפפערט איבער זייא, זא גאר אנדערע קינדער וואס זיינען גאנץ פרום, וויא זייא קאמען אריין אין גימנאזיום ווארפען זייא אראפ אלעס פון זיך. זייא מיינען עס איז עפעס דער דין אזויא. אז ער האט אן געפאנגען יהודיתן צוא בילדען האט ער זיא פריהער וויא אללעס געלערינט אידעש אונ אז זיא האט פערשטאנען דיא העברעאישע שפראכע אונ איז באקאנט געווארען מיט דער אידעשער רעליגיע אונ געשיכטע וואס דאס וואר א עלעמענט צום יודענטהום האט ער איר אפ געגעבן אין גימנאזיום. זיין האפנונג זיא זאל זיין געבילדעט אונ רעליגיעזיש האט זיך אויס געלאזען; זיא האט געהאט זעלטענע פייהיגקייטען אונ האט זיך אויס געצייכענט אין לערנען אונ איז געוועזן העכסט געבילדעט, אונ האט פארשטאנען דיא אידעשע שפראכע אונ פיעל געוואוסט פון אידעשקייט, וואס א יוד בעדייטעט.

פון דעסט וועגען, קאן מען זאגען, גאלדענבלום איז נאך ניט אזויא געוועזן ספאקאינע אז זיין טאכטער וועט זיין אקוראט וויא ער מיינט. דיא יונגע פאקאליענע איז דאך פארט אנדערס פון דר אלטער; אבער גאר פאר ווערען מאכען בעקאנטשאפטען אויס מיידען געזעלשאפטען קאן מען דאך ניט א קינד אונ אין געזעלשאפטען טרעפט מען זיך אן מיט אללערלייא מענשען, מיט אללערלייא כאראקטערין וואס קאנען מאכען א שלעכטען איינדרוק אויף א יונגעם קינד. אבוואהל, עס איז געוועזן לייכט צוא זעהען אז דאס איז ניט אזא קינד וואס בייא איהם איז רעכט וויא דער מגיד זאגט, אונ ער האט אויך ערפארען אז וואס זיא קלעהרט אפ איז זיא אין דעם שטארק וויא אייזען. אז זיא איז שוין געווארען עלטער אין דער צייט וואס א פאטער הייבט שוין אן צוא קלעהרין וועגען שידוכים פאר א קינד, האט ער אויך נישט געוואוסט וואס צוא טאהן. ניט קיין געסטודירטען האט ער ניט געוואלט, א שטודענט איז איהם אויך געוועזן גאר נישט צום הארצען, אבער דער אובען געשריבענער פריצישינע, וויל ער האט א קוק געטאהן אז אללע אידעשע סטודענטען זיינען גאר קנאפע יודען, מאנעסזאהן איז איהם גלייך געפעללין געווארען, א מענש אקוראט נאך זיין כאראקטער נאך וויא ער פערלאנגט; אבוואהל ער איז געוועזן א ביסעל פרייער אין אויפפיהרונג וויא ער, דארף מען ניט פערגעסען אז ער איז פארט א סטודענט; נאר ער האט געקלערט ווער וויים צוא יהודית וועט איהם ליעבען.

אדער ער יהודיתן; אז ער האט דער זעהן אז זייא זיינען פעד קניפט איינע אין דיא אנדערע זעהר שטארק, זייא ליעבען זיך גאר מיט א פייערדיגע ליעבע האט דאס איהם גרויס הנאה געטאהן. מיך ארט גאר נישט וואס ער איז ניט רייך־ האט ער געטראכט־איך דארף זיין געלד גאר נישט, דאנקען גאט איך האב געלד גענוג, וואס איז מיר דיא פעולה אז פינקעלשטיינס פאטער האט א פולע געלד, אז ער וואלט זייא אפ געבען דעם זאהן, ווייס איך ניט צוזו וואלטען זייא זיך א פולע איין האלטען בייא איהם, בעסער ווענינגער געלד אונ זיין א מענש איידער א פולע געלד אונ נישט קיין מענש". ער האט בייא זיך איין בעשלוס געמאכט אז ווען מאנעסזאהן וועט ענדיגען זיין קורס זאל בייא זייא נישט אנדערש, א שידוך זיין.

9

א בריעף צוא דיא עלטערן.

ליעבסטע טהייערסטע עלטערן!

פערצייהעט מיר וואס איך האב אייך זא לאנג גאר נישט געשריבען, עס איז באלד א מאנאט פאריבער זייט איך האב אייך ניט געשיקט קיין בריעף ניט קיין געלד, איהר מיינט אפשר איך האב אייך פארגעסען? ניין, איך פארגעס אייך ניעמאלס. איהר געהט מיר ניט ארויס אפילו אויף א קליינע ווייל פון זינען, נאר דיא אורזאכע דאפון איז פאלגענדע: אבוואהל איך האב אללע מאהל געהאט גוטע אורזאקעס, כמעט בעסערע וויא אללע סטודענטען היא, אבער איין שטיקעל חסרון וואר אין זייא וואס דאס געלד האב איך נישט בייא אללעמען געהאט אין דער צייט דאן וואר אפילו הייליג. וויא בייא מיר אין קעשענע ווארום קיין ארימע אורזאקעס האב איך ניט געהאט, אבער דאס וואלט זיין גוט ווען איך וואלט דארפען לייגען דאס געלד אין קלאר, ווען איך האב אבער געדארפט אייך שיקען אונ פלעג נישט האבען אין דער צייט פלעגט דאס מיר פערשאפען דיא גרעסטע קריינקונגען, פיעל מאהל פלעג איך זיך פאר שפעטיגען שיקען אייך געלד פלעג איך דער פון האבען דעם גרעסטען צער, נאר דאס איז נאך נישקאשע, חאטשע נישט אללע מאהל אין דער צייט, אבי איך פלעג שיקען; דיא לעצטע צייט אבער האט זיך מיר געמאכט

סלוצאי, וואס איך בין געוועזען אויסער זיך פאר צער: עס איז אריבער כמעט א מאנאט און איך האב אייך גאר ניט געשיקט, איהר ווייסט פאר וואס? מיא האט מיר געמאכט א אן-ועטץ! חי! חי! חי! איך זאג צוא גראב, עס איז עפעס נישט פאססיג איצטיגע יאהרען ריידען אזויא גראב, יעצט דארף מען עפעס אוים קלערין שענערע נעמען: אויף א שווארצעס מיידעל זאגט מען א בראנעטקע, אויף א קארגען גביר, ער פיהרט זיך עקאנאמיש, אויף א מישוגענעם, א קאפריז, אויף א אן זעצער—א באנקראט. און ווייסט איהר ווער? דוקא ווער עס האט א פולע געלד און גיט אויף פראצענט. און דער צוא נאך א געבילדעטע דאמע וואס רעדט פראנצעזיש וואו זיא געהט און שטעהט, זאגאר אז צוא איהר קומט א מוזשיק לייען געלד, טרעפט אויך אז זיא פאר געסט און פאנגט אן מיט איהם צוא ריידען פראנצעזיש אז ער שטעלט אן צוויא גרויסע אויהרען און שצירעט אוים דיא אויגען און קוקט פערבליפט. איך האב זיך נישט גערעכט אויף אזא סורפריז, איך האב אפ געלעגט דיא געלד אויף אייך צוא שיקען און דיא אנדערע האב איך זיך פאר טאהן, איך האב אוועק געגעבען א חוב פאר א קאסטיום וואס איך האב זיך געבארגט.

יעצט דאנקען גאט דארף איך גאר נישט אן קומען צוא אורעקעס און וועל נישט זיין אזוי פיעל פאר נומען, איך האב איצטער געקראגען א שטעללע זעהר אגוטע; איך בין יעצט א קארעספאנדענט ביא איין היזיגען געוויססען גביר איזידאר גאלדענבלום, איך פיהר זיינע קארעספאנדענציעס אין פינף שפראכען: העברעאיש, רוססיש, דייטש, פראנצעזיש, ענגליש, איך בין מעהר נישט פערנומען וויא צווייא דרייא שטונדען אין טאג און האב דער פאר הונדערט רובל א מאנאט און פערטיגען קאסט. איך נעם ביא זייא יעצט הונדערט רוביל פאראוים און שיק זייא אייך. איך בעט אייך אום פערצייהונג פאר מיין פארשפעטיגען דיזעס מאהל צוא שיקען אייך געלד אויך א בריעף, קיין געלד האב איך נישט געהאט, און א בריעף אן געלד האב איך ניט געקאנט שיקען ווערענד איך האב געוואוסט אז איהר נייטיגט זיך זעהר אין געלד; פון יעצט אן קאנט איהר זיין גאר רוהיג אז איך וועל אייך שיקען געלד וויא פיעל איהר וועט דארפען, מיר קומט אן דאס געלד איצטער זעהר גרינג און אויף זיך דארף איך גאר נישט, איך האב אללעס פערטיגע.

וואס געהערט צוא מיין איצטיגער לאגע האב איך ניט זא פיעל ווארטען אוים צוא שרייבען אייך וויא גוט מיר איז, איך האב זיך קיין מאל נישט גערעכט אז מיר זאל זיין אזויא גוט. דיא ארבייט איז זעהר א גרינגע און מיט עהרע, איך דארף זיך ניט אפ עסען דאס הארץ מיט אונגעהארכזאמע קינדער. איך בין אויף איין ארט, איך דארף ניט לויפען און איילען זיך קומען צו דער מינוט און ווען נישט, הערען דיא אויסרייד פון דיא עלטערין, און פון דיא

שילער. פאר וואס איך קאם צוא שפעט. דאס גאנצע הויז-געזינד ליעבט מיך אונ עהרט מיך וואס איך קאן אייך גאר אזוי פיעל נישט אויס שרייבען. א, מוטער! אז דוא וואלסט זעהן וויא דיא ווירטען קוקט אויף מיר אויף יעדען טריט וויא אויף א ציטעריגעם קינד צוא עס איך מיט אפעטיט, צוא שלאף איך רוהיג, וואלסט דוא וויסן וויא גוט גאטט איז אז ער פערלאזט קיינעם ניט, אונ וואלסט זעגנען דיא טרייע פרויא וואס פארטרעט דיין שטעל אונ וויל גוטס טאהן דיין קינד. אונ אז דוא מיין ליעבער פאטער וואלסט זעהן וויא דער ווירטה באגעהט זיך מיט מיר וויא מיט א קינד ער פרעגט זיך ביי מיר נאך יעדען טאג וויא געהט דאס מיר, וויא פאר ברענג איך דיא צייט, וואס איך טוה, וואס איך לעז, וועהרענד ער איז זעהר שטארק באשעפטיגט דאס א אנדער מאהל פארברייננגט ער מיט זיינע אייגענע קינדער זעהר וועניג, וואלסט דוא אויך זאגען: געלויבט איז גאט וואס ער האט מיר צו געשיקט אזעלכע מענשען וואס זאללען זיך מיט מיר זא באגעהן!" א, מיט וואס האב איך דאס פארדיענט אזויא פיעל ליעבע אונ טרייהייט פון זייא צוא האבען, ווייס איך נישט?

איך האב אייך נאך וואס צוא שרייבען נייעס נאר איך מוז דאס אפלעגען אויף דעם אנדערן מאהל, אבוואהל דיא נייעס איז וויכטיגע נאר איך קאן נישט וויסען דאס ענדע וואס עס קאן דאפון ארויס קומען; עס קאן זיין דאס איך זאל זיין דער גליקליכסטער אין דער וועלט, אדער דער ערשטער דער אומגליקליכסטען. זייט געזינד אונ גליקליך פון מיר אייער אייך ליעבענדער אונ טרייער זאהן.

מאיסיי מאנעסואהן.

10

דיא קנאה (דער נייד)

ווער ווייס וואס פאר אמאבט עס האט אין זיך דיא קנאה, ווער ווייס איהרע קרעפטען, זיא קאן אפט מאל ברייננגען פיעל גוטעס אונ קאן זעהר גליקליך מאכען דעם מענשען, דען יעדע זאך אין דער וועלט האט דאך גוטס אונ שלעכטס; דארט זעהען מיר א קינד לעהרינט זיך זעהר גוט ווייל ער איז מקנא וואס מען זאגט אויף דעם אנדערן קינד דאס ער איז זעהר א ווילער

ער לערינט פיעל אונ קאן אללעס; דארט פיהרט זיך איינער פיין אויף, וויל ער איז מקנא דעם צווייטען וואס האט א פיינעם נאמען איבער דעם וואס ער פיהרט זיך שיין; איינער א גביר איז מקנא דעם אנדערין וואס האט זיך געמאכט א גרויסען נאמען מיט זיינע פיעלע וואהלטהעטיגקייט איהם ווילט זיך אויך נאך טאהן, דער וויל טהוט ער פיעל טובות... דאס איז אבער ווען דיא קנאה ערוועקט אין איינעם געפיהלען נאך טאהן דעם אנדערן, סטארען זיך ארבייטען לערנען, אום בעססערין זיינע פעלערין, מאן וואהלטעטיגקייטען דאן ברייננט זיא פיעל גוטס, אם מעהרערסטין אבער ברייננט זיא ניט גוטעס, דיא גרעססטע אומגליקען אונ צרות; זיא דערוועקט זעלטין יעמאנדען נאך טאהן דעם גוטען, זאנדערען שלעכטס טאהן איהם. זוכען אללערלייא מיטלען אראפ ווארפען איהם פארשטומצען זיין נאמען; ער ווערט איהם דער גרעססטער פיינד זא גלייך וויא ער וואלט בייא איהם עטוואס אפ גענומען.

עס גיבט אללערלייא ארטען קנאה! דער ארימאן וואס געהט איבער דיא הייזער איז מקנא דעם צווייטען וואס האט געמאכט מיט איינינע גראשען אונ שטיקלעך ברויט מעהר פאר איהם, דר בעל מלאכה דעם אנדערין וואס האט מעהר מלאכה אונ לעבט בעססער פון איהם, דער קרעמער דעם וואס לייזט מעהר, דער מלמד דעם וואס האט א בעססערין קנעלונג, דער רב—וואס נעמט מעהר שכירות, איין גוטער איד דעם אנדערין—וואס האט מעהר נארען ארום זיך וואס שלעפען צו איהם פיטאקעס. אללע האבען אין זיך דיא שלעכטע מדה פון קנאה מעהר וויא דיא גוטע;

שטארקער אונ מעכטיגער פון אללערליי קנאות איז דיא קנאה פון כבוד; דער הונגעריגער וואס האט אטאג ניט גיגעססען אונ וועט אריין געהן צו זיינעם א בעקאנטען אונ וועט איהם אן טרעפען זיצענדיג בייא איין גוטען מיטאג וועט ער נישט ווערען אזוי צוא קאכט וויא אז ער וועט קומען אין שול אונ וועט זעהן אז זיין גלייכען האט מען געגעבין שישי, א גוטע הקפה, א פיינעם פסוק אונ איהם גאר נישט. אונ מעהר וויא בייא אללעמען האט זיך געפונען א ארט דיא קנאה פון כבוד בייא דיא סוויעטסקע מענשען, בייא דיא פוסטע אריסטאקראטען, בייא דיא וואס זארגען פון פרנסה האבען זייא נישט; זייערע געשעפטען גייהען זיך גוט אן זייא, אונ זייא קאנען פארברייננען דיא צייט אין געזעלשאפטען, מקנא זיין דעם אנדערען וואס ער עסט גוט, אונ טרינקט גוט אונ געהט פיין געקליידעט? האבען זייא ניט וואס מקנא צוא זיין, דען זייא קאנען דאס אלעס אויך אויס פיהרען, אונ זיי פיהרען דאס מאקע זייער ריכטיג אויס. אט בייא דיא ברענט דיא קנאה פון כבוד, וויא פייער: פון יעדער קלייניגקייט וואס ביי א אנדערין וואלט דאס זיין א גילעכטער, נעמען זייא זיך אוועק דאס לעבען, פאר יעדע פוסטע זאך וואלטען זייא זיך אדער דעם אנדערן אן טאהן א טויט אונ רעכנען דאס נאך פאר א העלדענטהאט. ווער רעדעט

װען אײנער פון זײא איז פֶערלִיעבְּט. אָדֶער אִיהם דַאכְט זִיךְ אַז עֶר אִיז פֶערְלִיעבְּט. אונ מִיט זַײן פֶערְלִיעבְּטֶער הָאט אַ אַנְדֶערֶער גֶערֶעדט צוּא פִּיעל פְּרַײנְדְלִיךְ ? הױבְּט עֶר אָן צִיטֶערְן װִיא אַ בְּלַאט, פִּילְלַײכְט לִיעבְּט זִיא יֶענֶעם מֶעהר װִיא אִיהם, עֶר אִיז גְלַײךְ גְאטָאװ מַאכֶען פוּן יֶענֶעם אַ תֵּל, אונ פַארלֶעשֶׁין מִיט יֶענֶעמְס בְּלוּט זַײן פַײעֶר װָאס בְּרֶענְט אִין אִיהם.

דֶער מֶענְשׁ װָאס בַּײא אִיהם אִיז דֶער כַּארַאקְטֶער נִיט פַארְדָארְבֶּען. בַּאנֶעהְט זִיךְ אִין לִיעבֶּע אױךְ, נִיט װִיא אַ טִירַאן, דֶען עֶר בַּארֶעכֶענְט זִיךְ װָאס אִיז דֶער אַנְדֶערֶער שוּלְדִיג װֶען עֶר לִיעבְּט דִיא זֶעלְבֶּע װָאס עֶר, אונ צוּם אוּמְגְלִיק לִיעבְּט זִיא יֶענֶעם מֶעהר װִיא אִיהם ? יָא, עֶס אִיז װָאהר דָאס אִיהם אִיז נִיט גוּט, אִיהם אִיז שְׁװֶער צוּא זֶעהֶען דָאס זַײן פַארלִיעבְּטֶע לִיעבְּט אַײן אַנְדֶערֶען ; עֶס טְרֶעפְט דָאס מֶען טוּהְט זִיךְ אָן זֶעלְבְּסְט אַ מעשה פוּן אַ זֶעלְבֶּע זַאכֶען, אִיהם אִיז לִיבֶּער צוּא שְׁטַארְבֶּען נָאר זַײנֶע אױגֶען זָאלֶען דָאס נִיט זֶעהְן ; אָבֶּער דֶעם צְװײטֶען טוּהְט עֶר נִישְׁט קֵיין בֶּעזֶעס, דֶער מֶענְשׁ אָבֶּער װָאס בַּײא אִיהם אִיז אַ כַּארַאקְטֶער אַ אִיסְפָארְצְשֶׁעטֶער, אונ עֶר קוּקְט מֶער נִישְׁט אױף דֶעם אַנְדֶערִינְס שְׁלֶעכְטְס, נָאר אִיהם זָאל זַײן גוּט, עֶר װֶעט נִיעמַאלְס קְלֶערֶען פִילְלַײכְט אִיז דֶער אַנְדֶערֶער װֶערְט אוּנ אִיךְ נִישְׁט ? דֶער אִיז אִין לִיעבֶּע פִּירְכְטְזַאם, בֵּײזֶער װִיא אַ טִיגֶער, עֶר װֶעט נִישְׁט רוּהֶען אונ שְׁלָאפֶען בִּיז עֶר װֶעט דֶעם גֶעגְנֶער זַײנֶם פֶערְנִיכְטֶען, אַרײן בְּרֵיינְגֶען אִין טוּיטֶער הֶעלֶע עֶר זָאל נִישְׁט עֶקְסֶעסְטִירֶען אױף דֶער װֶעלְט.

אוּנְזֶער פִינקעלשטײן, װָאס אִיז דִיא לֶעזֶער בַּאקַאנְט הָאט דֶער זֶעהן דָאס מַאנעסזאהן, װָאס עֶר אַלֵיין הָאט אִיהם אַרײן גֶעבְּרַאכְט צוּא גאלדענבלומען אִין הױז אונ בֶּעקַאנְט גֶעמַאכְט מִיט יהודית׳ן, הָאט אִיהם פוּן דֶער עֶרְשְׁטֶער מִינוּט אָן בַּאלְד בַּײא דֶעם עֶרְשְׁטֶען װִיזִיט אַרִיבֶּער גֶעיָאגְט, און װָאס װַײטֶער הָאט אִיהם אַלֶעס יהודית מֶעהר לִיעב בַּאקוּמֶען אַז זִיא הָאט שױן אױף אִיהם — אױף פינקעלשטײנען — גָאר נִישְׁט גֶעװָאלְט אַכְּרַאשְׁצַײעֶן װנִימַאנְיֶע ; װִיפִיל מָאהל עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּא גאלדענבלומען מִיט אַ װִיזִיט פְּלֶעגְט מֶען אִיהם זָאגֶען דָאס נִיעמַאנְד אִיז צוּא הױז, װֶעהְרֶענְד עֶר הָאט גֶעװוּסְט דָאס יהודית אִיז יָא דָא, אונ װֶען מֶען פְּלֶעגְט אִיהם זָאגֶען דָאס זִיא הָאט אִיהם גֶעבֶּעטֶען הֶערַײן קָאמֶען פְּלֶעגְט עֶר אָן טְרֶעפֶען מאנעסזאהנען, װָאס קוּקֶענְדִיג אױף אִיהם הָאט אִיהם גֶעבְּרֶענְט אַ שְׁטַארְקֶער גִיפְט, עֶר פְּלֶעגְט זֶעהֶען װִיא זַײא רֵײדֶען זָא לִיעבְּלִיךְ, אױס דְרִיקֶען זַײעֶרֶע לִיעבֶּעס גֶעפִיהְלֶען פַאר אִיהם אִין דִיא אױגֶען אָן סֶטֶעסֶנִיעֶנְיֶע, אונ אױף אִיהם קוּקְט זִיא גָאר גְלַײכְגִילְטִיג, הָאט אִיהם גֶעבְּרֶענְט זִיא אַפַײעֶר, װֶען עֶר װָאלְט נִישְׁט פָארְכְט גֶעהַאט פַאר דֶער גֶעזֶעץ דֶער רֶעכְטֶע, װָאלְט עֶר מאנעסזאהנען אִין דֶער צַײט גֶעשְׁטָאכֶען, עֶר פְּלֶעגְט אַװֶעק גֶעהְן אַ צוּקָאכְטֶער אַ צוּבְּרָאטֶענֶער. אַ, פְּלֶעגְט עֶר זָאגֶען פַאר זִיךְ, דֶער יְשִׁיבָה בָּחוּר, דֶער אִידְיָאט, אִיךְ מַײן דֶער אִידִישֶׁער פַאטְרִיָאט, װֶעט זַײן מַײן גֶעגְנֶער

אין איין ראליע פון ליעבע! איך וועל זיך מיט איהם אפ רעכנען אויף דער וועלט, ער וועט וויסען וואו היין ער קריכט! א, וואס פאר א נארר איך בין אבער, איך האב איהם געדארפט איין רידען, ער זאל בעזוכען געזעלשאפטען אונ אריין פיהרען איהם אין דיזען פאראדיז, א גרויסער זארג וואלט מיר געוועזען אז ער וואלט זדיהאיען אויף זיינע אוראקעס מיט זיין ליטעראטור, איך האב געמיינט ער איז גאר א מלאך, ער קוקט ניט אויף פרויענצימער, אונ ווער רעדט ער זאל נאך זיין מיין געגנער איז מיר געווים אין זינען ניט געלעגען, ערשט, וואו היין ער קריכט! פון יהודיתן האב איך אויך מעהר געהאלטען, צוא אז זיא ליעבט א אידען אונ ער איז א אידעשער פאטריאט דארף זיא איך אין איהם פערליעבען? וואס האט זיא אין איהם אזוי געפונען וואס זיא חלשט נאך איהם: פאר דרייען דעם פאטער א קאפף ער זאל אפ זאגען זיין אלטען בריעף-שרייבער אונ נעמען איהם אויף זיין ארט, אום זייא זאלען זיין שטענדיג צוא זאמען, קיין פערליעבטע פיהרט דאס נישט אוים. א! פאר וואס קומט דאס איהם אזא גליק? דיא ערד וואלט מיך בעסער איין שלאגען איידער מיינע אייגען זאלען דאס זעהן וויא ער איז אזוי גליקליך אונ איך אזוי אומגליקליך, אונ איבער וועמען? דורך זיך זעלבסט וואס איך האב איהם מיט מיינע הענד אוועק געגעבען דאס גליק... א, עס וועט זיך אבער אפולע נישט האלטען ביי איהם דאס גליק, ווען ער איז צו איהם צוגעבונדען זאגאר מיט אייזערנער קייטען וועל איך איהם אפרייסען מיט צוואנגען, אונ ווען ער איז שוין טיף אין געווארצעלט געווארען וועל איך איהם אויס רייסען מיט דיא ווארצלען צו זאמען. סיידען איך וועל ניט זיין אויף דער וועלט אויב איך וועל איהם ניט זעהן אזוי נידעריג פאלען וויא ער איז הויך ארויף געקראכען.

11

דער ראטה דער פרעפלער.

אין איינעם פון דיא גראססע גאסטהייזער אין יעקעוו אין א בעזאנדער צימער ארום א טישל איז געזעסין דרייא יונגע מענשען, אויפן טיש איז געשטאנען א בוטעל שאמפאנסקע באלד א ליידיגער, פארשידענע זאקוסקעס אונ מאנבערלייא שפייזע, נישט אוים געקליבען צוא כשרה צוא טריפה, זייא

האבען זיך נאך געפרענט אויף דיא קאמליעטען וואס פאר א שוהט האט גיקיילעט דאס פלייש.

—לאז מען געבען א בוטעל מארעדע — רופט זיך אפ איינער א יונגער מענש אונטער דעם נאמען מערדינסקי, מיט א רויטען געזיכט מיט רויטע האאר און פייערדיגע אויגען — נישקאשע פינקעלשטיין וועט אפ צאהלען. זיין טאטע האט גענוג געלד. א, מיט אזעלכע מענשען איז אחיות צוא פארברייגען, עס איז אין קיין זאך א סטאנאווקע, וואס מען פארלאנגט קאן מען באקומען.

— יא, רופט זיך אפ דער אנדערער וואס הייסט דיעבמאן, א בראגעט מיט ניט קיין גראבעם טרויאיגעם געזיכט איך האב פארשטאנען פריהער אז פינקעלשטיין רופט וועט מען קאנען אריין גיסען, און עסין וועט אויך ניט פעהלין, פינקעלשטיין איז אלייט פון איהם האבען הנאה פיעל יונגע מענשען. ער לאזט זיך נישט בעטען גיב נאר א פיפס איז אלעס דא, מיר האבען נאך ניעמאלם פון איהם עטוואס געגאסען, ביז עס איז געקומען דיא כשרה צייט. (מסתמא דארף ער אונז, דענקט ער פאר זיך, אונזערע ברידער גיט מען ניט אומזאנסט וועז מען האט אונז ניט נייטיג שעמט מען זיך זאגאר צוא ריידען מיט אונז, חאטזשע יענער מעג זיין פאר שטעלטערהייט ערגער, ער וויל טאן אללעס ביז און קאן ניט, קלייבט ער אונז אויס פאר א ארודיע).

דער דריטטער וואס וואר פינקעלשטיין האט אן געקלאפט און האט געהייסען דעם קעלנער אריין טראגען צוויי בוטעל מארעדע.

—הערט ברידער, רופט זיך אפ פינקעלשטיין איך האב פאר אייך א שטיקעל געשעפט, אז אייך וועט געלטען אויס פיהרען עס, וועט איהר זיין העכסט באלאהנט פון מיר.

—א שטיקעל ארבייט, זאגט מערדינסקי, גאטט זאל אייך שענקען געזונד. מיר זיצען שוין א פאר חדשים אן א שטאך מלאכה, חלעבין א הארץ-וויטאג, ואו הין מען טוהט זיך א קעהר איז ניטא קיין גליק, וויא איך בין א איד, מען האט בעדארפט פאהרען צום רבין, אזוי אפ געטאהן זיך דאס גליק האטזשע נעם און צוא רייס זיך, עס געהט נישט, עס איז אבער נישט קיין שכל אז עס וואלט זיך ציהען נאך א ביסעל אזוי וואלט איך געשוואלען ווערען פון הונגער; עס איז געווען שוין גאנץ נאהנט דער צוא.

— יא, בייא אייך א שטיקעל מלאכה — זאגט דיעבמאן — זעהר פיין מיר וועלען אייך מאכען דיא ארבייט אויפין העכסטען ארט. און דיא גיט ער א קלער, דאס איז א פעט בייגעל, מען קאן ארום איהר געפינען פלייש און איינוועניג איז אויך דא מארך, אט אזא געשעפט איז גאנץ גוט מען דארף איהם אריין פיהרען און צאפין פון איהם שמאלץ, ביי אזעלכע איז א מצוה, וועט ער ווייניגער פארשווענדען מיט זיינע טאוואַרישצעס; נאר מען דארף וויסען וואס איז

דא פאר א ארבייט. שדים ווייסען וואס אזעלכען קאן ארויף אויפן זינען. ווייס איז פאר א ארבייט? פרעגט ער פינקעלשטיינען.

—ער וויל שוין וויסען—זאגט מערדינסקי—ער האט קיין צייט ניט, אבי עס איז דא מלאכה אונ ביא אזא בעל הבית, ער מאג הייסען זאגאר אראפ שלעפען א מלאך אדער א מלאבטע פון זיבעטין הימעל וועל איך איהם אויך אויס פיהרען. מיט דיא ווערטער גיסט ער אן א גראסען באקאל מיט שאמפאניער אונ גיט א געשריי לחיים הערר פינקעלשטיין, הלואי מיר זאלען טרינקען אז אונזער געשעפט וועט זיך אויס פיהרען, ער האט אויס געליידיגט דעם באקאל ביז דעק אונ גיט א קנאק מיטען גומען אינ פארבייסט מיט א שטיק קאלבאסע.

—אבער מיר וואלט זיך וועלין וויסען וואס פאר א שטיקעל ארבייט דאס איז.

—שוין אזוי גיך? זאגט פינקעלשטיין אונ פאר זיך קלערט ער וויא אן צו הויבען, נעמט נאך אביסעלע אונ פארבייסט.

—ניין, מער וויל איך נישט, איך טרינק נישט פיעל.

—נוא וועל איך טרינקען פאר דיר, זאגט מערדינסקי. אונ גיסט אן ווייטער איין גאנצען באקאל אונ זופט איהם אויס אין גאנצען.

—אונ איך וועל אייך קוקען אין דיא אויגען? זאגט פינקעלשטיין איך מאג דאך אויך נעמען א ביסעלע. לחיים, ברידער! גיב גאט טרינקען אין דעם זעלבען ארט אז איהר וועט ווערט זיין. איך זאל אייך גוט באפרידיגען אונ מאכט אויך א קדחת פון רביעית.

—בראווא זאגט מערדינסקי, איהר מאכט דאך גאנץ גוט, אויף מיינע נאמנות ניט ערגער פאר מיר. נוא שלימזל, זאגט ער צוא דיעבמאנען. לעהרן זיך! דוא ביסט ציטעריג ביא זיך, דוא האסט מורא דיר וועט דיא קאפף וועה טאהן.

—נוא וואס איז פארט דיא ארבייט—פרעגט דיעבמאן אונגעדולד, אונ קלערט, איך וואלט שוין וועלען וויסען וואס גאטט שיקט מיר צוא פאר א געשעפט. מיר גייהט זיין מאדערע מיט זיין באלטייען גאר נישט אן, איך וואלט בעסער וועלען דיא מלאכה זאל עפעס זיין גרינגער, דאס הייסט מען זאל דעם אנדערין נישט דארפען אומגליקליך מאכען, עס איז דא אזויא אויך גענוג אומגליקליכע מענשען אויף דער וועלט. עס איז דא! אונ וואס בין איך? מיר דוכט אז עס איז נאך נישט דא מעהר אומגליקליכער וויא איך בין.

—נוא הערט ברידער, יעצט וועל איך אייך זאגען מיין פארלאנג פון אייך. אונ ער קוקט זיך ארום פון אללע זייטען, צוא הערט וועער נישט.

—מיר שטעלען אן דיא אערין אונ הערין, זאגט מערדינסקי.

—מיר שטעהט פאר א גליק, אזא גליק וואס איך קאן איך גאר ניט אפשילדערן, וויא גליקליך איך וועל זיין ווען עס וועט זיך מיר אויס לאזען גוט. נאר עס שטעהט מיר איינער אויפ'ן וועג, דאס איבער איהם קאן איך ניט קומען צוא מיין גליק, יענער וויל ביי מיר אפ נעמען מיין גליק, וויל איך איהר זאלט יענעם אפ ראמען.

—ווער איז דאס דער מענש? פרעגט דיעבמאן.

—א אידעשער סטודענט א יוריסט, ער געהט מיט מיר צוזאמען אין לעצטין קורס ער הייסט מאנעסזאהן.

—יא איך קאן איהם—זאגט דיעבמאן, איין איידעלער א פיינער מיט שווארצע האאר מיט שווארצע אויגען וויא פעך. אונ אין הארצען האט זיך, ביי איהם ערוועקט מיטלייד צוא איהם, ער קלערט: איך האב פארשטאנען פריער אז דא געהט וועגען עפעס אומגליקליך מאכען איינעם, אונ וועמען א ארימען, אונ געוויס פאר א ליעבע אינטריגע, ווארום וואס דען קאן פעלען אזא מענשען וויא פינקעלשטיינען; איך וועל זיך אבער סטארען גרינגער מאכען יענעם, זיין אורטהייל זאל זיין עפעס לייכטער.

—א! א חרפה, זאגט מערדינסקי, אויך מיר א אינטערעס, איינס אונ צוויי אונ ער וועט שוין ניט מישייען אייך, א קוועטש פארין גארגעל שטעלט ער ארוים די צונג אונ וועט שוין מעהר ניט קאנען ריידין, אדער א חירק מיט מיין כשר חלפיל אונ באסטא, ער וועט שוין האבען דעם ליכטיגען גן-עדן, די שחיטה וועט זיין כשר על פי דין ווארום איך האב דאך קבלה אויף שחיטה, אונ וואס פעלט גלאט ער זאל מאכען בור. בור. בור. אין דגיעפער, איך וועל איהם טובל זיין אויף נאמנות על פי דין, די טבילה וועט זיין א כשרה אונ ער וועט קומען גלייך א ריינינקער אויף יענער וועלט.

—דאס איז צוא פיעל—זאגט דיעבמאן צוא מערדינקעם—פיללייכט קען מען עטוואס איין גרינגערין מיטעל געפינען. מאכען דאס יענער זאל אייך ניט מישייען ניט אום צוא ברייגען איהם. דען וואס וועט אייך זיין די פאלזע פון יענעמס טויט, איהר זאגט דאך אליין אז איהר דארפט מער ניט דאס גליק ערייכען, אונ יענער שטיט אייך אויפ'ן וועג, ער וויל ביי אייך ארויס רייסען עס, נוא דארף מען מאכען ער זאל ניט וועלען אפנעמען בייא אייך אייער גליק.

—ער וועט זיך אבער גאר קיין אויפ'ן ניט אזוי זאגען פון ניט צוא שטעהען מיר אין וועג.

—וואס הייסט אפ זאגען, מיר וועלן איהם דען געבען איין ריידען. מיר וועלן מאכען ער זאל גאר גיט קאנען קומען צוא דעם אז ער וועט אפילו וועלען.

— וואס צשארעסט דוא אקאפ, זאגט מערדינסקי, איך פאר שטעה ניט וואס ארט דיך פאר יענעם, דוא ביזט דען איהם א ברודער? לאז ער ברעכען דיא קאפ האב איהם צעהן שווארצע פינסטערע יאהר, געהט ער לעזאזל אונ פינקעלשטיין איז א גוטער מענש, ער העט נישט וועלען אונזער טרחה אומזאנסט, דיא בעסטע עצה מיינע איז, וויא איהר זעהט מיך א אידען, וואס דארף מען דא האבען צוא פיעל צערעמאניעס, איינס אונ צוויא אונ קאניעץ.

— פאלגט מיך פינקעלשטיין זאגט מיר דעם אינטערעס אין וואס ער איז אייער שטן, מיר דוכט אז איך וועל אייך געבען א גוטע עצה אז איהר וועט אליין קאנטענט זיין, א מאהל האט מען געזאגט אז איך האב א גוטען קאפף, אקליינע ראיה קאן איך אייך ווייזען, אז איך וועל אפשר אליין טרעפען א ביסעל דיא הויפט זאכע אין וואס עס באשטעהט אייער אינטערעס, מיר דוכט אז אין א ליעבע.

— געטראפען, זאגט פינקעלשטיין, איהר קאנט פילייכט איזדאר גאלדענבלום?

— פטור ווער קאן איהם נישט? זאגען מערדינסקי אונ דיעבמאן.

— איהר קאנט אפשר אויך זיין טאכטער יהודית?

— א! — רופט זיך אפ מערדינסקי — אונזער פינקעלשטיין האט א גוטען געשמאק מיר דוכט אז זיא איז דיא ערשטע שוינהייט אין גאנץ יעקעוו.

— וועגען דעם איז ניטא וואס צוא ריידען, אז איך האב זיא אויס געקליבען איז זיא געווים ניט קיין שלעכטע סחורה, נאר הערט, אט דער ישיבה בחור מאנעסזאהן האט זיך אויך פערליעבט אין יהודיתן אונ זיא ליעבט איהם שטערבליך.

— וואס זאגט מען אויף דעם שלעפער? זאגט מערדינסקי, וואו הין ער קריכט! ער פארליעבט זיך אין אזא גבירים טאכטער, ער איז ווערט מען זאל איהם א לערנען, זאל ער ווייטער וויסען וואו הין ער קריכט. א סמארקאטש, מעהר פעהלט איהם נישט אז איזדאר גאלדענבלומס טאכטער, לאז ער זיך בעסער פערליעבען אין מיין מעסער, הערט מיך פינקעלשטיין, דיא בעסטע עצה איז טאקע מיינע, מאכען דא מיט איהם גרויסע מלאכות? אריין זעצען איהם מיין העכטיל אין זיין פערליעבטער הערציל, אונ א האן וועט ניט א קרעה טאהן.

— אונ איך זאג אז איך בין גערעכט — זאגט דיעבמאן, וואס האט זיך ערשראקען אז פינקעלשטיין זאל ניט איין ווילליגען מיט מערדינסקעס עצה, אונ מאנעסזאהנם לעבען שטעהט שוין אין גראססע געפאר — וויא באלד זיא ליעבט איהם שטערבליך קאן זיין דאס נאך זיין טוידט וועט זיא איהם אויך ליעבען אונ וועט איהם ניעמאלס פארגעסען, אונ אויס טרייהייט צוא איהם וועט זיא אייך

דאן אויך ליעבען; בייא איהר קאן נאך פאלען א חשד אויף איך אז אייער האגר איז אויך דארין, ווייל ער איז געוועזן אייער געגנער און דאן וועט זיא איך געווים ניכט ליעבען, יעצט הערט מיך אויס: איהר זענט א רייכער מאן איינער פון דיא רייכסטער אין יעקעוו, זעהר א שיינער און א געבילדעטער, מאנעסזאהן איז א ארימער, מיאוסער פון איך, היינט פאר וואס זאל זיא איהם ליעבען מעהר פון איך? געוויס טוז עס זיין פאר זיין כאראקטער, פאר זיין ארענטליכקייט, פאר זיינע אידעען; איך פארשטייה אז איהר געפעהלט ניכט יהודיתן, מוז זיין אז זיא האלט ניכט פון א זאלכע מענשען וויא איהר, זייא קאמען בייא איהר אוים צוא פריי, דארפט איהר אויף ווייזען אז מאנעסזאהן האט א פערדארבענעם כאראקטער און איז פיעל פרייער פון איך פארבארגענערהייט ער איז מעהר ניכט א צבוע, מיט זיינע רייד מאכט ער זיך פאר א ענגעל און אין אמתן איז ער העכסט פאר דארבען.

—מיט וואס קאנסט דוא דאס אויף ווייזען, א מענש וואס געהט ניט ארוים פון שטוב, געהט נירגענד מיט וויזיטען, האט נירגענד קיין אינטערעסין, זאגאר ווען ער געהט שוין וואהין געהט ער צוא זאממען מיט גאלדענבלוכם פאמיליע און צוא הויזע אדער ער לעהרענט און שרייבט, אדער ער פארברייגגט מיט יהודיתן, און ווען זייא קומען צוא אנדערע פריזענצימטער רעדט ער מיט זייא גאר ווענינ, אום יהודית זאל איהם ניכט חשד זיין; איז וואס קאן מען אוים טראכטען אויף אזא מענשען?

—וואס קאן מען אויס טראכטען? א דאגה וואס, איך האב שוין א גוטען פלאן וואס איז מיר אקארשט ארויף אויפין זינען, דאס איהר וועט אליין זאגען אז עס איז אנטיק פון דער וועלט, גיט נאר א קוק אויף מיר העררר פינקעלשטיין.

—וואס זאל איך קוקען אויף דיר, איך קאן דיך גיט, וואס?

—גיין, גיט גוט א קוק.

—נוא איך האב גוט א קוק געטאהן.

—וואס איהר האט זיך גאר ניכט געכאפט? — גיין?

—מיר דאכט אז איך בין פאחאושע א ביסעל אויף מאנעסזאהנען?

—פינקעלשטיין האט נאך א מאהל א קוק געטאהן און זאגט; א ביסעל.

—אביסעל? אז איך זאל וועלען בין איך גלייך מאנעסזאהן, אז איהר זעלבסט וועט מיך גיט דערקאנען.

—איז וואס וועט זיין דאפון?

—א גוטע פראגע הלעבין איך קאן דען וועניג פארלאסטען אם טאהן אונטער מאנעסזאהנס נאמען, אז ער זאל זיך נאך דעם האבען וואס צוא קראצען; נאר דיא ערסטע זאך וועל איך אט דאס טאהן, איך וועל זיך מאכען פונקט וויא מאנעסזאהן און פאר קליידען זיך וויא ער, און געהן צוא

מאטוויען אין גאסט הויז , איך וועל דארטען שכורן און גוליאען איינע טעג מיט אוים געלאסענע פרויען , אויף איינער וועל איך זאגען אז דאס איז מיינע א פארליעבטע , און וועל אוים לאכען פון יהודיתן , פון איהר שיינהייט און פון איהר רייכטום . איהר וועט מאכען א רייד וועגען דעם מיט יהודיתן און ייצט איהר דאס ערציילען , וועט זיא געוויס ניט גלויבען , וועט איהר זאגען אז זיא קאן דאס זעהן אליין ווען זיא וויל ; זיא וועט נישט וועלען געהן אין מאטוויעווס גאסטינניצע, וועט איהר זיא ראטען זיא זאל זיך איבער טאהן אין מענערשע קליידער . וועט זיא קיינער נישט דערקאנען , זיא וועט זעהן מיין אויף פיהרונג דארט וועט זיא אויף מאנעסואהנען ווערין אש להבה און איהר ליעבע וועט זיך פאר וואנדלען אין האסס .

—דאס וואלט פילייכט זיין נישט שלעכט: אבער איך האב דאך דיר געזאגט, דאס ער געהט נירגענדס פון שטוב ארוים , מעהר נישט וויא אין אוני-ווערזיטעט , קיין אוראקעס האט ער אויך יעצט נישט , און עס קאן זיין דאס אין דער צייט וואס איך וועל זיא רופען געהן זעהן וואס מיט איהם טוט זיך וועט ער גאר , דאמאלס זיין צווא הויזע .

—איז וואס אז ער וועט זיין צווא הויז ? וועט זיא דען געהן צו איהם אויפין קוואטיר ערפארען צווא ער איז אין דער היים ?

—וויא הייסט זיא וועט געהן אויפין קוואטיר צווא איהם ? ער איז דאך ביי גאלדענבלומען קוואטיר .

—ביי גאלדענבלומען ? נאך בעסער , דא וועל איך שוין דארפען האבען מערדינסקעס הילף , ער זאל פארפיהרען מאנעסואהנען וואו עס איז און זאהל איהם האלטען פארשפארט איניגע טעג ; יהודית וועט זעהן דאס עס איז פאריבער א פאר טעג און מאנעסואהן איז נישט דא וועט זיא נישט וויסען וואס איבער צווא קלערען , דאן וועט איהר , זיא ערקלערען וואס ער איז פאר א מענש און וועט איהר וויזען וואו ער איז .

—גוט דיא עצה געפעלט מיר . איך מוז געשטעהן אז עס וואלט ניעמאלס מיר ארויף אויפין זינען ; אמת וואס מען זאגט אז דוא האסט א גוטען קאפף . אידען וואלטען שוין זאגען ,שאדע וואס דער מענש איז אראפ פון גוטען וועג ער וואלט זיין וואו עס איז א גרויסער רב" אבער איך פארכטע זיך פילייכט וועט זיא דיך דער קאנען אז דאס איז נישט מאנעסואהן , זיא קאן איהם שוין גאנץ גוט , און דאן בלייב איך הינטערשטעליג .

—דאס זארגט נישט , איך וועל זיך נישט אן נעמען א זאך וואס איך זאל נישט אוים פיהרען גוט , זייט רוהיג יהודית איז שוין ביי איך אין דיא הענד און מאנעסואהן וועט שוין נישט טאהרען אויפען שוועל ארויף צו גאלדענבלומען , גאר דוא מערדינסקי זייא מיר צו הילף .

—וואס הייסט, פאר שפארען מאנעסואהנען אויף עטליכע טעג? אויך מיר א קונץ פון מיר וועט קיין מניעה זיין.

—נוא בראטיא איך דיעלו—זאגט פינקעלשטיין

—אידיאם!—האבען זייא ביידע געאנטוואורטעט.

דיא דרייא יונגע לייט האבען זיך פארנאנדער געשיידעט. און יעדער איז אוועק אין זיין וועג.

12

יהודית'ס ליידען.

אוהר איינס ביי נאכט איז געזעסען יהודית אין איהר צימער זעהר אונרוהיג וואס מאנעסואהן איז נאך נישט דא, זיא וויים דאס ניעמאלס טרעפט ער זאל קאמען אזויא שפעט א היים, דאס הארץ האט איהר אן געפאנגען צוא קלעמען פיללייכט האט איהם עטוואס איין אונגליק געטראפען, יעדאך האט זיא זיך געטרייסט אפשר איז ער געגאנגען צו זיינעם א קאמעראד פארברייגען, אביסיל, אבער אז עס איז אריבער נאך א שטונדע, צוויי, דריי, און ער איז נאך אלעס ניט געקומען איז זיא געווארען העכסט אונרוהיג, וואס זאל דאס בעדייטען—רעכנט זיא—וואס ער איז נאך אזוי שפעט נישט דא, דיא אוהר האט דאך שוין געשלאגען פיער. עס ליגט גאר נישט אין זיין נאטור ער זאל אפ זיצען וואו עס איז א גאנצע נאכט. איהר אתרוהיגקייט האט איהר נישט געלאזען שלאפען, און זיא איז דיא גאנצע נאכט וואך געוועזן, פארטאג האט זיא קוים איינגעשלאפען א ביסעל און איז אפ געשלאפען צוויי שטונדען, זיא האפט זיך אויף פון שלאף, רופט א דיין גלייך איהר מאגד און פרעגט איהר, צוא איז מאנעסואהן געקומען? זיא האט באקומען איין אנטווארט אז נאך נישט. א שוידער איז איהר אריבער איבערין גאנצען קערפער, א גאטט! עס ליעגט געוויס עטוואס בעזעס דארין, א גאנצע נאכט זאל ער נישט זיין, און יעצט איז שוין א פאר שטונדען אויפען טאג און ער איז נאך אללעס נישט געקומען, זיא האט זיך אן געצויגען און איז אריין אין סטאלאווע, זיא האט אן געטראפען דעם פאטער און פרעגט ביי איהם גלייך: וואס קאן דאס זיין וואס מאנעסואהן איז ניט דא? דער פאטער האט איהר אן געקוקט אין דיא אויגען, וואס פאר א צערשטרייטונג עס איז געוועזן

אין זייא צוא זעהן, ער האט איהר געאנטווארט דאס ער האט שוין אויך וועגען דעם פיעל געקלערט אונ ווייס נישט וואס אפ צוא קלערען — איך ווייס גאר נישט וואס מען טוהט, עס מוז זיין עפעס דארין מען דארף איהם שיקען זוכען.

— וואו קאן מען איהם זוכען אונ ווער קאן וויססען וואו ער איז?

יהודית האט ארום געשיקט זוכען איהם וואו זיא האט געקאנט. אבער צום אומגליק האט זיא פון קיינעם קיין גוטען אנטווארט ערהאלטען, דען ניעמאנד פון זייא האט איהם געזעהען.

אבענדס איז זיא געזעסען אזוי העכסט פארצאגט אונ פאר אומערט, מיט א מאהל האט זיא דער זעהען פינקעלשטיין איז אריין מיט א פרייליכען געזיכט.

וואס מאכט יהודית? — פרעגט ער — וויא עס שיינט זינד זיא יעצט זעהר אונרוהיג, פאסט דאס פאר אזא מענשען וויא זייא זאל זיין אזויא טרויעריג?

— עס איז עפעס גלאט אזוי אומעדיג אויפ'ן הארצען, איך ווייס אליין נישט וואס.

— יא, זאגט פינקעלשטיין, עס גיבט גאנץ אפט דאס מען ווערד א מאהל זא אומעדיג, אבוואהל עס פעהלט גאר נישט.

— דאס איז וואהר, יעדאך איז נישט גלייך דער אומעט צוא דעם וועהן עס פעהלט יא וואס.

— ניין, עס איז פראנען א זעלכע מענשען עס מאג זייא זיין וויא גוט, עס מאג זייא גאר נישט פעהלין, אונ זייא זיינען שטענדיג מרה שחורהדיג, אימער פאר פינסטערט, גלייך וויא זיי וואלט דיא גרעסטע אונגליק געטראפען.

— דאס איז ווייטער אנדערש, דאס איז א זאלכע מענשען וואס זייא האבען פסיכאלאגישע פעהלערין, דיא מענשין זינד ניעמאלס פרייהליך עס מאג זיי זיין ווי גוט, נאר עס איז פראנען א זעלכע מענשען וואס זיי האבען קיין זעלכע פעהלערין נישט, זאנדערין עס ווירקט אויף זייא דעם צווייטענס אונגליק, זיי קאנען נישט זעהן דעם אנדערינס נישט-גוט, וואס מען זאל קוקען אויף דעם געפינט מען עס זעהר אפט.

— עס איז פראנען אבער פיעל מענשען וואס מאכען זיך אז זייא זיינען גוט הערציג, מיטליידענד, אונ אז מען ערציילט זייא וועגען דעם אנדערינס נישט-גוט, גיבען זייא א זיפץ אונ א קרעכץ גלייך וויא זייא וואלט דאס דערנומען ביים הארצין אבער אין דער טהאט צשעפעט זייא דאס גאר נישט, מעהר ניט פון לייטענס וועגען שטעלען זייא אן א רחמנותדיגע מינע מיט א פארקרימטען געזיכט מען זאל זאגען אז זייא זיינען זייער גוטע, זא גלייך וויא עס גיבען פיעל מענשען וואס ווייזען אוים אין סימבאל פון ארדענטליכקייט פון גערעכטיגקייט

און שטילערהייט ווען קיינער זעהט נישט טוהען דיא אלעס בעזעס , מעהר וויא אלע מענשען . איך ווער מעהר נישט אונמוטהיג אז איך קוק אויף אזעלכע מענשען וואס אם מעהרערם גליקט זייא אפ דאס מען האלט זייא פאר העכסט כאראקטעריסטישע מענשען , און דעם אמתן מענשען וואס האט פיינט צו מאסקירען זיך פאר האסט מען .

יהודית האט א קלער געטאן צוא וואס ציעלען דיא לעצטע ווערטער זיינע און זאגט : יא , עס איז וואר דאס זינד דא פיעל מענשען א זעלכע , עס איז אבער קיין מאנגעל דא אין אמתע ארדענטליכע מענשען וואס טראגען קיין מאסקע , און זיינען העכסט כאראקטעריש נישט פון לייטענס וועגען .

—מיר דאכט אז עס איז אפילו איינער נישט דא . וועגען פאר צייטיגע . איז גאר נישט דא וואס צוא ריידען , בייא זייא שפיעלט דאך דיא גאנצע ראליע פארמאסקירען זיך , זאנאר ביי דיא היינט וועלטיגע שפיעלט דאס אויך קיין קליינע ראליע , און ווען עס געפינט זיך איינער פון טויזינד וואס טראגט נישט קיין מאסקע קוקט מען אויף איהם וויא אויף א אויס ווארף .

—קומט אויס נאך אייער רעכנונג נאך אז עס איז גאר ניטא קיין ארדענטליכע כאראקטישע מענשען אויף דער וועלט ; וועגען דיא וואס טראגען נישט קיין מאסקע איז דאך קיין רעדע , זייא שעמען זיך דאך נישט מיט זייער נישט ארדענטליכקייט , און עס איז נישט באהאלטען פון צווייטען , ער זאל נישט קאנען עס באמערקען .

—געוויס נישט ! אפילו איינער נישט !

—מיר דאכט זיך אז עס איז יא דא !

—עס „דאכט“ אייך אבער איהר האט א טעות , דען עס איז פראגען א זעלכע וואס קאנען אזויא שפיעלען א פאלשע ראליע דאס דער גרעסטער קליגסטער מאן ווערט גאר נישט דער קאנען , אז זייא זיינען פאר מאסקירט . אבער דערפאר אז זייא ווערט איבער דריססיג טראגען אויף זיך דיא איבריגע לאסט , דאן ווערען זייא דיא גרעסטע פערדארבענע מענשען אין דער וועלט .

—עס איז נאך אויך ניט אזוי ריכטיג וויא איהר זאגט ; דער וואס איז עפענטליך צוא פיעל פריי זעהט מען געוויס זיין אונארטיגקייט , און דער וואס איז א ביסעל פארמאסקירט (וועגען דיא וואס שטעלען זיך ארויס מיט זייער צוא פיעל פרומקייט וויא אנדערע חסידים , רייד איך נישט) געוואהנט ער זיך איין צוא פירען איין ארטיגעס לעבען און בלייבט דער בייא . און ווען עס זאל שוין זיין פון אנפאנג — וויא איהר זאגט — פון לייטענס וועגען , אבער אם ענדע גייהט דאס ביי איהם אריין אין נאטור אזוי . „דיא געוואהנהייט איז דיא צווייטע נטור“ זאגט דער שפריך ווארט .

—ניין! טויזנד מאהל ניין! דער וואס פירט זיך געדריקט, ווערענד דיא געדאנקען זיינע זינד פריי, אונ פארמאסקירט זיך פון לייטענס וועגען, מוז ער אם ענדע אויס טאהן דיא מאסקע פון זיך וואס לעסטעט איהם זעהר, אונ ווערט נאכהער פיעל מאהל ערגער וויא דער וואס איז צום אנפאנג פריי. איהר האט געוויס געלעזען פאלדעקאקס בוך „זענשציני איגרא אי ווינא“, האט איהר געזעהן דאס ענדע פון דרייא יונגע מענשען וואס דער פאטער האט זיי פאר ווערט טרינקען וואנער אביסעל, שפילען אין קארטען, אונ פאר ברייננען אין פרויען געזעלשאפטען, אונ זיין פלימעניק האט ער פאר האסט ווייל ער האט אין זיך געהאט דיא דריי מדות, אם ענדע אז דער פאטער איז געשטארבען אונ האט געלאזען זיין גאנצען פארמעגען זיינע זאהנע, האט איינער פאר טרונקען דיא גאנצע געלד זיינע, דער אנדערער פאר שפילט אין קארטען, דער דריטטער פאר שווענדעט אויף פרויען, ווערענד דער פלימעניק וואס איז צום אנפאנג געוועזען א מענש אונ האט נישט געלעבט געדריקט, איז געבליבען א מענש אונ האט נאך אן געקליבען פיעל געלד.

—פון איין בוך איז קיין ראיה נישט אונ בפרט נאך פון פאלדעקאקס א ווערק—א איראניע האט זיך באוויזען אויף איהרע ליפפען—איך זאג נאך אלעס מיינע אז פון נישט גאר פיעלע ווערט פיעל. וויא איינער א בארימטער פראפעססאר האט געזאגט וועגען טרינקען, אז נישט צו פיעל איז נישט שעדליך, גאר פון נישט פיעל ווערט פיעל אונ מען קומט צו צופיעל.

—איהר רעדט אלעס טעאריש אבער איך רייד וואס איך ווייס פון פראקטיקע. זייא פיעל מענשען וואס זייא לעבען זיך פריי אונ זיינען העכסט גליקליך, אונ וויא פיעל וואס האבען זיך געדריקט נישט נאך זייערע געדאנקען זינד געווארען אם ענדע דיא גרעסטע אויס געלאסענע אונ האבען פארשווענדעט אלעס וואס זייא האבען געהאט.

—איך רייד אויך נישט גאר טעאריש, איך האב אויך געזעהן גאנץ גענוג פראקטיקע אז מענשען וואס האבען זיך געפיהרט סעריאזנע, האבען אזויא אפ געלעבט זייערע יאהרען ארדענטליך, האבען בייא קיינעם גאר נישט פאר נומען, אין געגענטהייל זייא האבען נאך געגעבען לייטען וויא פיעל זייא האבען געקאנט ווערענד פיעלע וואס האבען ליעב געהאט פרייא צו לעבען האבען פאר שווענדעט זייערע געלד ביז דעם לעצטען גראשען אונ זיינען נאך געבליבען אן-וועצער.

—דאס איז אויך וויא איך זאג, ווייל דיא עלטערין האבען זייא צו פיעל פאר צאמט; אונ האבען זייא נישט געלאזען לעבען אויף דער וועלט. אונ וויא באלד זייא האבען זיך אויס געצאמט אונ אראפ געווארפען פון זיך דאס יאך דאן האט זייער פרייהייט קיין גרענעץ געהאט.

—איך ווייס גישט צוא וויא איהר זאגט ווייל דיא עלטערין האבען זייא צוא פיעל פארצאמט, צוא פילייכט פערקעהרט, וויל דיא עלטערין האבען אויף זייא גישט געקוקט, נאר וואס זאלען מיר ריידען א פולע אין אזא פאלעמיק, וואס אונזערע געדאנקען זיינען ווייט איינע פון דיא אנדערע, מיר שפארען זיך וויא איז בעסער צו זיין אטקראוונא צוא-פריי, צו א ביסעל פאר שטעלט. זאג איך אז ווערער צוא זיין אויס געלאסען עפענטליך, איז שוין בעסער אביסל זיין פאר מאסקירט, דאס איז אבער אללעס נאך אייערע רייד נאך וואס איהר זאגט אז קיין אמתע ארדענטליכע מענשען זינד גאר גישט דא, אבער איך זאג גאר אז עס איז דא פיעל אמתע מענשען אויף דער וועלט, וואס זיי זיינען ארדענטליך, פראם, ארטיג אונ באראקטעריש אן א פניה, איז ווען איך זאל שוין אייך געשטעהן אז דיא וואס לעבען איינג גישט נאך זייערע געדאנקען נאך מוז זייא צום סוף איבערדריכסיג ווערין זייער אויף פיהרונג, אבער דער אמתער ארדענטליכער מענש וועט זיך גיעמאלס אום בייטען.

—דאס גישט, איינער זאל זיין מיט א אמת ארדענטליך, ארטיג, וויא ער ווייזט אויס; איז גישט דא, עס איז אללעס פאר שטעלט, פאר פארבט, פאר וויסט, דיא גאנצע וועלט איז פאר מאסקירט; איהר מוזט מיר אליין געשטעהן אז קיין אמת איז ניטא, אונ ווען איין פארמאסקירטער ווארפט פון זיך אראפ דיא מאסקע ווערט ער ערגער וויא אזוי אפרייער.

—וויא הייסט איך מוז... איהר קאנט דען מיך גייטען? יעדער מענש האט זיין קאפף אונד דער צווייטער קאן איהם גישט זאסמאווען ער זאל דענקען אנדערש.

—אז איך זאג איהר מוזט, ווייס איך וואס איך זאג. איך וועל אייך ברייגגען א בייא-שפיל וועט איהר מיר אליין מודה זיין אז עס איז אלעס אמת וואס איך האב גערעדט מיט אייך ביז יעצט, נאר פריהער מוז איך מיט אייך אפ ריידען אז איהר זאלט מיר פערצייהען ווען איך וועל פילייכט מיט מיינע רייד באליידיגען א פערהאנדעלטען אייערן, א פריינד, אדער א מענש וואס איז בייא אייך הויך געשעצט יענער מאג זיין זאגאר אייערער א הויזיגער.

—ווען נאר איין אמת מאגט איהר זאגען סמיאלא האטושע אויף מיין אייגענעם פאטער.

—ווענן א אמת איז גישט דא וואס צוא ריידען. וויא דענקען זייא וועגען מאנעסואהנען, וואס איז ער פאר א מענש?

—יהודית איז געווארען העכסט צארענדיג, זיא האט פארשטאנען אז ער וויל דא עפעס רעדען שלעכטס אויף איהם, נאר זיא האט זיך אויף געהאלטען ער זאל גישט באמערקען איהר צארען אונ האט געאנטווארטעט: מאנעסואהן? איין העכסט ארדענטליכער מענש, וואס קאן נאר געבען אויף דער וועלט, מיט

זעהר איין ריינעם א ארדענטליכען און א גוטען כאראקטאר אן פניות, א מענש וואס ליעגט שטענדיג נאר אין לערנען וויא איך זעה מיט מיינע אויגען; געהט א מינוט ניט ליידיג, לעבט זעהער א ארטיגעם לעבען, פאר שווענדעט נישט א פעניג אויף שארלאטאנסטווע, ווען ער איז נאך בייא אונז אין הויז נישט געוועזן פלעגט ער פון דיא געלד וואס ער האט פאר דינט דיא גרעסטע העלפט אוועק געשיקט זיינע עלטערין, איהר פאר שטייהט אליין אויך, קאן מען לעבען פריי אין יעקעוו מיט קוואטיר, מיט עסען, קליידער און ביכער מיט ווייניג געלד?

—וואס א מאהל ווייס איך נישט, איך האב מיט זיינע עלטערין נישט גערעדט צוא ערפאהרען אויב זייא ערהאלטען פון אים מאנאטליך געלד, אז ער האט געלעבט א ארטיגעם לעבען ווייס איך, נאר אז דאס איז געוועזן נישט מיט א אמת ווייס איך אוודאי; דיא מאסקע איז שוין בייא איהם אראפ געפאללען און פון איהם וועט זיין דער סוף וויא פון אללע וואס טראגען מאסקעס.

—איהר זאלט עס מיר ערוויזען פאקטיש; אויב נישט וועל איך אייך געוויס נישט פערצייהען וואס איהר פאר ליימדעט א ריינעם מענשען אומזאנסט.

—געוויס, נישט אנדערש וויא פאקטיש, איהר וועט דאס קאנען ערפאהרען מיט אייערע אויגען זעלבסט, שוין דער צווייטער טאג וויא ער גוליאעט בייא מאטוויעיעווען, ער האט שוין דארטען פיעל געלד פאר לעבט אויף פיאנסטווא, קארטען און... מיינער א פריינד א קריסט האט עס מיר דערציילט בין איך געווארען אויסער זיך, מיך האט דאס זעהר פארדראסען; איך ווייס דעם רעזולטאט וואס קאן ארויס קומען פון דיא פערצאמטע גייסטער אז זיי צאמטען זיך אויס, איך בין אריבער געגאנגען זעהן וואס מיט איהם טוהט זיך, איך זעה דאס ער ליעגט שכור אויף א דיוואן, דיא אויגען ברענען בייא איהם וויא פייער. איך האב מיט איהם אן געפאנגען צוא ריידען האט ער אויף מיר זאגאר נישט א קוק געטאהן, איך הער מעהר נישט וויא ער רעדט מיט איין הייזעריגער שטיממע: מען דארף לעבען אויף דער וועלט, גענוג מיר צו לעבען וויא א מאנאך, נישט צוא געניסען פון דער וועלט. מען וועט מיר פאר מיין ביז יעצטיגער געדריקטען לעבען וואס איך האב געלעבט, אויך נישט געבען קיין שטיק לייהן אויף יענער וועלט, איך האב איהם אויף געמונטערט א ביסעל און זאג איהם: מאנעסזאהן, וואס איז דאס מיט דיר?

—א, פינקעלשטיין, זיץ, דוא וועסט טרינקען א גלעזעל שאמפאניע?

—ניין, אנטווארטע איך איהם איך וויל יעצט נישט.

—א, דוא ביסט שוין געווארען א צדיק אין פעלץ!

—דוא קלערסט נאר נישט צוא גיין א היים? זייא וועלען דאך נישט חסען וואס איבער צו קלערען וואס דוא ביסט נישט דא אזא צייט.

—אויך מיר מיין באבעס דאגות, איך בין געוועזן א נארר ביז יעצט וואס איך פלעג קוקען אללעס וואס דער אנדערער וועט זאגען אונ זארגען, איך האב איהם אן געגריפען פארין האנד אונ האב איהם געוואלט אוועק פיהרען א היים. האט ער מיר א שטויס געגעבען דאס איך בין שיער נישט צו שמעטערט געווארען. איך האב איהם געלאזען אליין אונ בין פארט געגאנגען.

יהודית איז געזעסען דיא גאנצע צייט וואס ער האט גערעדט, וויא א דערשלאגענע; יעדעסווארט האט איהר געשטאכען וויא מיט שפיזען, דיא הענד האט זיך איהר אן געהויבען צוא טרייסלען, דאס געזיכט וואר בלאס וויא לייוואנד, זיא האט געמיינט זיא וועט נישט אויס האלטען הערענדיג זיינע רייד, ווען ביא איהר וואלט זיין א רעוואלווער אין האנד וואלט זיא איהם גלייך געשאסען וויל ער קאן זיך ענטוואגען צוא רעדען בעזעס אויף מאנעסזאהנען. פינקעלשטיין האט דאס באמערקט אונ איז געווארען אויסער זיך פאר פריידע.

יהודית האט זיך א ביסעל געשטארקט, אנגעווענדעט איהרע קרעפטען מאכען זיך א ביסעל רוהיגער אונ זאגטע צוא איהם:

—איהר זאלט וויסען, הערר פינקעלשטיין, אז איך עהרע אונ שעץ מאנעסזאהנען זעהר פיעל, איך וועל איהם נישט פערביטען אויף טויזענד אנדערע מענשען, איך האב פון איהם קיין שלעכטס געזעהן, אויך נישט געהערט, נאר גוטס. איך הער דאס פון אייך דאס ערשטע מאהל איך גלויב דאס אויף איהם נישט; ער איז נישט ספאסאבנע צוא טאהן זאלכע נארישקייט, זא זייט איר אביאזען צוא ערווייזען דאס מיר אללעס פאקטיש איך זאל ערפאהרען זיין אירדטהום מיט מיינע אויגען זעלבסט, דאן וועל איך אייך געשטעהן אז עס נישט דא קיין רעכטער מענש אויף דער וועלט; אבער ווען נישט, זאלט איהר וויסען אז איך וועל אייך געפינען מיט וואס צוא באצאהלען פאר אייער פערלייםדונג וואס איהר טראכט אויס אויף א ריינעם מענשען.

—א, היט מיך גאטט פון אויס צוא טראכטען בעזעס אויף דעם אנדערען, איך האב זאגאר נישט אין מיין נאטור צוא ריידען אויף איינעם שלעכטס וואס איך האב אליין פון איהם נישט געזעהן נור געהערט. אבער איך וויים נישט וויא ווערט איהר דאס קאנען דער געהן, אונ זעהן מיט אייערע אייגענע אויגען? איהר וועט דען געהן אליין צוא מאטוויעוען? עס פאסט דאך פאר אייך נישט!

—א, איך מוסס געהן! דען איך קאן נישט רוהען וואו איך זאל נישט וויסען צוא אורטהיילען מאנעסזאהנען צוא גוט, צוא שלעכט; איך קלער זאגאר שוין צוא געהן, אונ איך וועל אייך בעטען איהר זאלט מיט מיר צוא זאמען געהן.

—פון מיינער זייטע וועט נישט זיין קיין אויפהאלט, דען אייך צוא טאהן איין געפעלליגקייט איז מיר זעהר אנגענעהם. אבער איך וויים נישט וויא מיא

שטהוט ? איך פאסט פאר קיין אויפין נישט געהן א היין, ווען איינער זאל דער פון ערפאהרען זייט איהר העכסט פאר שימפפט; איהר ווייסט וואס איך וועל איך זאגען, איהר זאלט זיך פאר קליידען אין מענערשע קליידער דאן וועט איך ניעמאנד ערקאנען.

—יא, יא, איהר זייט גערעכט, א דאנק איך פאר אייער גוטע עצה. זייט אזוי גוט ציהט אויף א ווייל, איך וועל אריין געהן אין גארדעראבע איבער מאהן זיך און קאם גלייך ארויס, און דאן פאהרען מיר.

13

דיא שרעקליכע מינוטען.

עס איז נאך נישט שפעט אין דער נאכט אוהר עלף, איין פינסטערניש האט פאר שפרייט איהרע פליגלען איבער דער ערד, עס וואר אם אנפאנג דעם מאנאט, דער מאנד איז נאך נישט געבארען געווארען און ער איילט זיך נישט צוא געבארען ווערען, דען זיין שיקזאל איז נישט קיין זאווידנער, איהם קומט אויס צוא רעגירען ווען אללע מיסטטהאטען ווערדען געטאהן, ווען אללע בייזע פלאנען ווערדען אויס געפיהרט קיין שטערען זעהט מען אויך נישט, דען דער געדיכטער שווארצער וואלקען פאר שטעהלט זייא; צוא דיא פינסטערקייט איז נאך געוועזן א שטארקער ווינד, מעהר האט מען נישט געזעהן אז דראשקעס אום פליהענדיג הין און צוריק, זאגאר דעם קארגען וואס זאלעוועט אללע מאהל געלד אויף פאהרען. ווילט זיך אויך נישט אין אזא אונגעוויטער געהן צוא פוס. צווישען אללע דראשקעס און קארעטעס איז געפאהרען שנעלל איין קארעט מיט צווייא יונגע מענשען זעהר פיינע, עלעגאנטיש אן געטאהן דאס ווארען אונזערע צווייא בעקאנטע פערזאנען, פינקעלשטיין און יהודית וואס וואר אויך אן געטאהן אין מענערשע קליידער; זייא האבען דעם גאנצען וועג אפילו א ווארט נישט אויס גערעדט איינער מיט דעם אנדערין, דאפיר האבען זייא געדענקט זעהר פיעל, דיא קארעטע האט זיך אפ געשטעלט, דאס הארץ האט איהר אן געפאנגען צו קלאפען זעהר שטארק, דאס ווען פינקעלשטיין וואלט נישט זיין אזויא פערטראכט אין זיינע שלעכטע געדאנקען, וואלט ער הערין יעדער קלאפ איהרעס הערצענס וויא שטארק ער איז.

—דאס איז מאטוויעוועס הויז? פרעגט זיא מיט איינער ציטערנדער שטימע.

—יא . אַנְטוואָרְטעט פינקעלשטיין .

—גֶעהְט אַ פְרִיהֶער אונ איך וועל נָאך גֶעהְן נָאך אַייך . פינקעלשטיין איז אַרַיין אין קָארִידָאר , יהודית נָאך אִיהם . בִּיז זֵייא הָאבֶּען זִיך גֶעפוּנֶען אִין אַ פַיינֶעם פֶּערְפוּצְטֶען צִימֶער בֶּעלַייכְט מִיט זֶעהְר פִיעל בֶּעלַייכְטוּנְג , אונ אַ אָרְקֶעסְטֶער מוּזִיק שְׁפִּיעלְט אונ פִיעל אויסְגֶעצִירְטֶע הֶערְין מִיט מֶעדְכֶען וואָס אויף זֵייעֶרֶע גֶעזִיכְטֶער לִיגְט אַיין שְׁטֶעמְפִּיל פוּן רַאזְוורַאט , טַאנְצֶען קַאדְרִיעל , אַרוּם פַיינֶע מַארְמָארְנֶע טִישְׁלֶעך אויף וועלְכֶע עֶס אִיז אָן גֶעשְׁטֶעלְט פֶערְשִׁיעדֶענֶע גֶעטְרַאנְק , זִיצֶען יוּנְגֶע מֶענְשֶׁען אונ זִינְגֶען לִיעדֶער .

1

אִין דֶעם ווַיין
קוּקְט אַרַיין ,
וויא עֶר אִיז
שְׁטַארְק אונ זִיס .
קְלָאר אונ פֶעט ,
גוּט אונ גֶעשְׁמַאק ,
גָאר נִיט זַאלֶעווֶעט
דֶעם פְּיֶעטַאק .
לְחַיִים בְּרִידֶער
קוּמְט אַ הֶער ,
טְרִינְקֶען ווִידֶער
נָאר וואָס מֶעהְר .

2

אַלְלֶע הָאבֶּען צֶער
צוּא אָרֶעם צוּא רַייך ,
אַ קְלוּגֶער אונ אַ נַארר
זִינְד אִין דֶעם גְלַייך ;
דֶעם אִיז בִּיטֶער
עֶר הָאט נִישְׁט וואָס צוּ עֶסֶען ,
דֶער הָאט פֶערְלָארֶען גִיטֶער ,
דֶער קָאן זַיין לִיעבֶּע נִיט פֶערְגֶעסֶען ,
טְרִינְקְט זֶע אָבֶּער אוֹיס
אַ הִיפְּשֶׁע בִּיסֶעל ווַיין ,
ווֶעט דֶער צֶער אַרוֹיס
אִיהְר ווֶעט גְלַייך פְרֵיילִיך זַיין .

3

דֶער ווֶעהְט
גֶעלְד קְלַייבֶּען ,
אונ דֶער בֶּעט
דֶעם רַבִּין :
צוּ קִינְדֶער אַ סְגוּלָה ,
גַן-עֵדֶן אַ פוּלֶע ;
דֶער ווִילל
זַיין אַ גַבַּאי ,
אונ דֶעמְס צִיעֶל
אִיז עוֹלָם הַבָּא ,
אַ שֵׁיינֶעם נָאמֶען ,
אַ אַיידֶעם אַ פְרָאמֶען .

4

זֵייא זַיינֶען אַלְלֶע
גְרוֹיסֶע נַארֶען ,
דֶער ווַיילֶע
טוּהֶען זֵייא דַארְרֶען ,
זֵייא לֶעבֶּען נִיט
קֵיין פְרַיילִיכֶע מִינוּט ;
פוּן זֵייא לַאכְט
צוּא זֵייעֶר קָאפְּף אַקְלָאג
גֶעלֶעבְּט אַ גוּטֶע נַאכְט
צוּא דֶעם אַ גוּטֶען טָאג ,
אִין אַלְלֶע טְרַאקְטִירֶען אונ שֶׁענְקֶען
נָאר גֶעגֶעסֶען נָאר גֶעטְרוּנְקֶען .

אויף א פיינער זאפע מיט גרינעם זאמעט באצויגען זיצט מאנעסזאהן און געשפארט דעם קאפף אויפען שוים פון איין שענעם פריילין, דיא אויגען זינד ביא איהם רויט וויא ביא איינעם וואס האט זעהר פיעל געטרונקען, דאס געזיכט בלאס אונ דיא האאר נישט פאר קאמט.

פינקעלשטיין איז צוא געגאנגען צוא איהם אונ האט זיך מיט איהם געגריסט, יהודית איז געבליבען פון וויטען, מאנעסזאהן האט איהם אן געפאסט פארין האנד אונ זאגט מיט איין הייזעריגער שטיממע: דוא ביסט אויך געקומען, וואס אארט דיך דוא וועסט נישט חרטה האבען, זעה טוה א קוק אויף דאס פריילין וואס זיצט נעבען מיר, איז זיא נישט שענער פון יעקעווער רייכע געבילדעטע פריילינס, מיט דיא ווערטער ארעמט ער זיא ארום אונ גיט איהר א קוסס.

—איז זיא דען שענער פאר יהודיתן אויך?

—אפראגע איז דאס! יהודית איז גענען איהר א אפפע.

—האסט דוא דען מעהר פערגעניגען מיט איהר צו בעסידעווען וויא מיט יהודיתן?

—אויך א פראגע: וואס פאר א נחת איז מיר פאר בריינגען מיט יהודיתן? רעדען מיט איהר וועגען פאליטיק, וועגען בילדונג אונ ליטעראטור? אויך מיר א תענוג, אויף אללע פרומע אידען געזאגט געווארען, אז מען רעדט מיט איהר דארף מען זיך היטען א ווארט א איבעריגען אויס צוא ריידען, זיא איז מדקדק אויף יעדער אויס שפרוך וויא גאטט מיט זיינע צדיקים, דוא וואלסט וויסען וויא זיא האט דיך פיינט געהאט וויא א שפין, מעהר נישט ווייל דוא ביסט א ביסעל צוא פריי, נוא, קאן מען דער לעבען פיעל נחמה פון אזא פאר בריינגען מיט א פריילין.

—מאנעסזאהן! וואס טוהט זיך מיט דיר? צוא פון דיר הער איך דאס אזעלכע רייד צוא פון א אנדערין? דוא האסט זיך אזויא גיך איבער געביטען? געדיינק וואס דוא פלעגסט ריידען אויף אללע דיא וואס לעבען פריא, אונ זיך האסט דוא גערעכענט גרעסער אונ העכער פאר אללעמען ווייל דוא האסט געלעבט סעריאזנע. אויף פרויענצימער האסט דוא גאר נישט געוואלט קוקען, מעהר נישט וויא איין יהודיתן האסט דוא אויס געקליבען אונ האסט זיך איין געליעבט אין איהר ווייל דוא האסט זיא געפונען א אידעאל נאך דיין מיינונג נאך, אונ יעצט... א, וויי, דוא האסט א פאר געטאהן אין דער וועלט גאר ווייט. מעהר וויא א אנדערער אין פיעל יאהרען, איך מאג זיך שוין ביא דיר לערנען.

—וואס מיינסטע מען חאפט זיך אללע מאהל שפעט צום שכל, צום אנפאנג איז מען א קינד, נאך דעם א חדר אינגעל, ביז מען געהט ארויס פון חדר

—אבער וויא ווערט דאס א חדר אינגעל מיט א מאהל אזא אויס־געלאסענער?

—דוא מיינסט אין דער אמתין אז איך בין געוועזן פריהער א חדר אינגעל, איך האב אללע מאהל פערשטאנען וואס גוט און וואס שלעכט, נאר איך האב געשפיעלט א פאלשע ראליע, איך האב ניט אויס געזאגט וואס ביא מיר אין הארצען טוהט זיך זאגאר פאר מיינע בעסטע פריינד, איך האב געקלערט דאפון עטוואס נוצען זיך ארויס ברייגען, און א ביסעל נוצען האט מיר שוין געבראכט מיין פערשטעלטע ראליע וואס איך האב געשפיעלט: ערשטענס וואס אללע שעצען מיך פאר א העכסט ארטיגען מענשען, דאס איז א כלל ווען וועט דיך דער אנדערער שעצען אז דוא וועסט זיך אן טאהן צרות! אבער ווען דוא וועסט האבען געלד און לעבען גוט, האבען פארגעניגען; וועט מען דיר ניט פארגינען; פאר קעהרט האסט דוא צרות; דוא מוטשעסט זיך, מאטערסט זיך. ניט צוא געניסען פון קיין זאך אין דער וועלט, אפפערין זיך זעלבסט פאר דעם אנדערין, אוועק געבען איהם וואס דוא פאר דינסט, וועט מען זאגען אויף דיר דוא ביסט א מענש. צווייטענס האט מיר געלונגען אן קומען צוא גאלדענבלומען אויף א שטעלל, דאס איז זעהער א וויגארדנער ארט, און פון יהודיתם ליעבע וועט מיר אויך עטוואס ארויס קומען.

—הײנט ווען דיר האט אזוי פיעל נוצען געבראכט דיין אלטער ארט לעבען, ווארום האסט דוא איהם זא גיך פערביטען אויף א אנדערין?

—דוא ווייסט אבער פינקעלשטיין, וואס איך וועל דיר זאגען, עס איז גרינג צוא ריידען, פאר שטעלין זיך, אנשטרענגען זיך, אבער אין אמת איז דאס ניט נאר לייכט אויס צ א פיהרען; איך קאן דיר זאגען אז עס האט מיר געלעסטעט מיין לעבען וויא צעהען פוד משא, איך האב אפ געקלערט, עס מאג זיין וואס עס וויל און מען דארף אן פאנגען צוא לעבען פריי, בעסער אפ לעבען איין טאג אין פרייהייט, טאן וואס מען וויל, איידער צעהען יאהר אין מטיעסניעניע, נאר איך האף אז איך וועל נאך האבען איצטער אויך דעם זעלביגען נאמען מיינעם, דוא ווייסט אז דיא וועלט איז וויא א קינד, אז ער זעהט אז אללע טאנצען טאנצט ער אויך — אללע וויינען וויינט ער אויך, אבוואהל ער ווייסט ניט וואס מען וויינט און וואס מען טאנצט, אז איינער ערווארבט זיך איין שיינעם נאמען און מען הערט אז יענער איז א פיינער מענש, מאג ער נאך דעם טאהן וואס ער וויל, נאר זיין א ביסעל פארזיכטיג. וועט ער איהם אלעם ניט אנווערען.

—אבער וואס וועסט דו טאהן אז יהודית וועט וויסען פון דיין אויפפירונג יעצט?

—פון וואנען וועט זיא וויסען? וועהר וועט איהר געהן דערצעהלען? דוא געוויס ניט, און איין אנדערען וועט דאס ניט ליגען אין קאפף און

וויא וועלין נישט האבען קיין צופאל צוזאמען קומען זיך מיט יהודיתן, דיא מענשען וואס געהן אריין א העך האבען נישט קיין אריין טרעט צוא גאלדענבלומען, און אז זיא וועט יא דער וויסען טא צ ארט אים ניי! איך האב רען עפעס פאר נומען ביא איהר דאס איך זאל דארפען פאר איהר צוא פיעל יוצא זיין?!

—און וואס וועסט דוא זאגען פאר א תירוץ, וואס עס איז שוין באלד צוויי טעג און דוא ביסט נישט געוועזן צוא הויזע?

—דאס איז א גרויסע דאגה, יעצט וויל איך דעם קאפף נישט ברעכען אז איך וועל דארפען וועל איך געפינען א תירוץ, אבער לאז זיין גענוג צו ריידען חענען דעם, איך וויל יעצט נישט זארגען וואס עס וועט זיין, איך ווילל יעצט לעבען גוט. דוא וועסט געהן א קאדריל?

—ניין!

—א גלאז שאמפאניער וועסט דוא טרינקען?

—אויך נית!

—וואס איז דאס מיט דיר געווארען?

—איך וויל זיך מיט דיר בייטען; דוא ביסט געוועזן ביז איצטער געדריקט. און איך פרייא, יעצט לעב דוא פרייא און איך וועל אנפאנגען צוא לעבען סעריאזנע? און דאן וועט מיך אן פאנגען יהודית צוא ליעבען און שטאט דיר.

—זאל דיר גאט העלפען; נאר איין זאך בעט איך דיך!ווארט אפ אביסעלע, איך ווילל נאך האבען איינינע מאטעריאלישע נוצען פון מיין ליעבע מיט יהודיתין.

—וואס הייסט מאטעריאלישע נוצען?

—איך מיין גאר פראסט געלד. דוא ווייסט גאנץ גוט אז צוא לעבען גוט מוז מען האבען געלד און איך האב זייא גאר וועניג און דער פאר האט זייא גאלדענבלום צו פיעל. וויא יהודית איז אין מיר פאר ליעבט, ווייס איך אז וואס איך וועל ביי איהר בעטען וועט זיא מיר נישט ענטזאגען.

—נוא איך וועל דיר דאס מאהן לאז נאר האלטען דער בייא, לעת עתה איז נאך גאנץ וויט דער פון.

דיא גאנצע צייט וואס פינקעלשטיין האט גערעדט מיט מאנעסזאהנן איז יהודית געשטאנען אין געהאקטע וואנדען, וויא זיא איז אריין אין זאל און האט דער זעהן מאנעסזאהנן האט זיך איהר אן געצונדען א פייער אין אללע איהרע אברים, דיא בלוט איז איהר אריין אין געזיכט, און איין פיבער האט איהר גענומען טרייסלען דעם גאנצען קערפער, זיא האט געפאסט וויא עס איז מוטה זיא זאל זיין בייא זיך, און קאנען אויס הערין וואס פינקעלשטיין וועט מיט איהם שפרעכען. יעדעס ווארט איז וויא גיפט אריין אין איהר ברוסט!

דיינע ווערטער וואס זינד פֿאדלע אונד צינִיש איבעראל אונ וואס ווייזען ארויס זיין פֿאלשקייט געגען איהר בעזאנדערליך , האבען זיא זא ערעגט דאס וועז זיא וואלט איהם קאנען דער שטעכען דער שיסען וואלט זיא עס געטאהן ; זיא וואלט נאך אַ ביסעל, ארויף פֿאלען אויף איהם אונ וואלט צוא איהם אויס לאזען כל חמתה , נאר איהר האט אויף געהאלטען איהר פֿאלאזשעניע אז זיא האט זיך בעטראכט וואו זיא איז , זיא האט זיך אויף געהאלטען , אבער וואס בַּא איהר אין הארצען האט זיך צוא טאהן , איז גאר נישט צוא באשרייבען ; זיא האט געמיינט דאס דיא קרעפטען געהן איהר אויס , דאס גאנצע הויז האט איהר אויס געוויזען וויא אַ העללע אין וועלכען פיעל טייפלען אונ מזיקים שוועבען ארום אונ רויבען בּייא איהר אַ וועק דאס לעבען , זיא האט אַ קוק געטאהן אז מיט איהר האלט דא זעהר נישט גוט אונ זיא קאן דא בלייבען אין אונמאכט , האט זיא געבעטען פינקעלשטיינען ער זאל זיא אפּ פיהרען גיכער אַ היים , ער האט גענומען אַבשייד פון מאנעסזאהנען (דאס הייסט פון דיעבמאנען) אונ האט איהם איין געראמט אין אויער איינִיגע ווערטער אונ איז פֿארט געגאנגען .

14

אַ דיעב מיט ניט אַ פֿערדארבענעם הערץ .

אין דעם זעלבינגען האטעל וואס מיר האבען געזעהן מיט איינִיגע טעג צוריק פינקעלשטיינען , דיעבמאנען אונ מערדינסקען זיצענדיג אין אַ הונט רשטען צימער אונ קלערין מיט וואס פֿאר אַ כבוד מכבד צוא זיין מאנעסזאהנען , וועלין מיר זייא געפינען אויך יעצט .

—נוא , זאגט דיעבמאן צוא פינקעלשטיינען , וואס טוהט זיך ?

—וואס זאל זיך טאהן , אנטווארטעט פינקעלשטיין , דוא האסט געשפילט דיין ראליע וויא דער גרעסטער אקטיאר , דוא האסט געזעהן דיא תנועות וואס יהודית האט געמאכט , בעת איך האב מיט דיר גערעדט ?

—יא , איך האב געזעהען , מיר דאכט אז נאך אַ ביסעל וואלט זיא דא בלייבען אויפן ארט אונ וואלט נישט קאנען קומען אַ היים .

—דוא ווייסט וואס מיט איהר האט זיך געטאהן פֿארענדיג ? זיא האט שטארק געחלשט אונ איך האב זיך זעהר ערשראקען פֿאר איהר , נאר איך האב

עפאסט מוטה אונ האב זיך נישט אפ געלאזען אין א שלעכטער צייט, איך האב זיא גענומען שטארק סינטערן ביז איך האב זיא אויף געמונטערט;

—אונ וואס מאכט זיא איצטער?

—איצטער איז זיא זעהר קראנק, דאקטורים זאגען אז מיט גראם מיהע קאן מען זיא אויס היילען; זיא האט א גרויסע היץ-קרענק.

—וואו איז איצטער מאגעסזאהן?

—וויים איך! דוא פרעגסט ביי מיר, פון וואנען זאל איך וויסען? מען דארף פרעגען מערדינסקען, ער האט זיך דאך אן גענומען צוא פאר שפארען איהם.

—א, רופט זיך אפ מערדינסקי—אז איך האב זיך אן גענומען האב איך מיינס איספאלנייעט, איך האב איהם פארשפארט גאנץ גוט, אז איך וויים נישט צו וועט ער שוין קאנען ארויס פון דארטען עוויג.

—וויא הייסט עוויג, דוא דארפסט איהם דען עוויג האלטען? מען האט דאך דיר געזאגט מעהר נישט וויא אף א פאר טעג זאלסט דוא איהם פארשפארען אונ היינט איז שוין דרייא טאג פאריבער?

—וואס ארט מיך אז צעהן? איך דארף דען קארמענען דיא פארלע וואס איך זאל ציילען דיא טעג! איך האב איהם פארשפארט אונ גאר, פון מיינעטוועגען מעג ער א פגירה איין נעמען דארטען.

—אונ דיא גאנצע דרייא טעג האסט דוא איהם גאר נישט געגעבען עססען?

—חא! חי! חי! וואס פאר א בעל רחמים דו ביסט, איך האב אים געזאלט טראגען פוטער-קוכען מיט קאפפע אללע טאג אויף פרישטאג?

—אבער ער קאן דאך שטארבען דארטען ניט געגעסענערהייט! בייא דיר איז נאך רעכט געוועזן נישט ארויס לאזען איהם יעצט אויך!

—איך פארשטייה ניט, וואס ארט דאס דיך פאר אים אזוי, ער איז דיר א ברודער וואס? זאג אליין, דוא האסט דאך א גוטע קאפף, איך וועל איהם געהן אללע טאג עסין געבען, ער זאל מיך נאך ערקאנען, אונ זאל מיך ווען עס איז אומגליקליך מאכען?

—אוי מערדער!

—זע, וואס פאר א ערליכער מאן ער איז, ער רופט מיך מערדער, אונ וואס ביסט דוא?

—איך האב נאך ניעמאנדן ערמארדעט, אונ בייא דיר גאר וואס דוא קאנסט איינעם ערמארדען איז וויא געפונען, האטשע מען דארף דאס גאר נישט, דוא ביסט וויא א שלאנג וואס טיידט דעם אנדערין וועהרענד איהר קומט גאר קיין פעולה ניט ארויס.

—הער דיעבמאן, איך וואלט דיר בעסער ראטהען ווערין א בעל הרשן, זאגען דעם עולם מוסר, וואלטען זיך מיט דיר ווייבער בענטשען; ווען דו האסט אזא גוטען הארץ, וואס טויג דיר צו זיין א חברה-מאן?

—נוא, אפולע ניט ראזגאווארעווע איך פרעג ביי דיר קיין עצות ניט, אבער היינט בעט איך דיך דוא זאלסט איהם ארויס לאזען.

—דווקא נישט, וויל דיר ווילט זיך צוא פיעל לאז ער חוואריען דארטען.

—אבער איך זאג דיר דוא זאלסט איהם ארויס לאזען!

—אונ איך זאג דיר אז נישט, דוא מיינסט אין דער אמתין אז איך האב פאר דיר מורא, איך וועל דיר א מאהל טאן להכעיס.

—לאזט דוא איהם נישט ארויס?

—צוא וואס דארף איך עס, געהן צו איהם, פיללייכט דער קאנט ער מיך נאך דעם, מעהר פעלט מיר נישט, אזוי וועט ער אוים געהן וועל איך קיין מורא האבען פאר איהם, אונ פינקעלשטיין וועט אויך וויסען אז ער איז פטור געווארען פון א צרה, וואס זאגט איהר פינקעלשטיין?

—פינקעלשטיין האט גאר נישט געאנטווארטעט.

—זאלסט מיר זאגען וואו דוא האסט איהם פאר שפארט, זאגט דיעבמאן מיט מוטה.

—וואס שרייסט דו אזוי אויף מיר? איך האב פאר דיר קנאפ מורא, אז איך וועל וועלען וועל איך זאגען אונ אז איך וועל נישט וועלען וועל איך נישט זאגען.

—דאכט זיך אז דוא וועסט באלד זאגען, אין דיא רייד האט ער איהם אן געפאנגען צוא דריקען פארין גארגיל. דאס ער איז שיער נישט געפאלען אויפין ארט, אונ האט אן געפאנגען צוא שרייען: איך זאג! איך זאג; נאר לאז מיך איין.

דיעבמאן האט איהם איין געלאזען.

—וואס זאגט מען אויף זיינע יאהרען, האט ער א געזונד! נאך א ביסעל וואלט איך בלייבען בייא איהם אונטער דיא הענד, געזונד וויא א לייב, אונ א הארץ פון א האז.

—נוא, דוא וועסט ריידען שפעטער, יעצט זאג מיר וואו ער איז.

—אין ווארפלאמייעווס הויז, איך האב איהם אריין געפיהרט מיט א אויס רייד דאס מיינער א ווירטה פון גראדסטייוועל האט איהם א גערוס פון זיינע עלטערין אונ וויל זיך זעהן מיט איהם, נאכהער בין איך ארויס איך האב פאר שפארט פון דערויסען דיא טהיר אונ ער איז דארטען געבליבען.

—טאמער וואלט איהר אונז יעצט געבען פאר דער טרחה, זאגען זייא צו פינקעלשטיינען.

ער האט ארויס גענומען פון טאש דרייא הונדערט רובל אין האט זייא אוועק געגעבען, זייא האבען צו גענומען דאס געלד אונ זיינען אוועק יעדער אין זיין וועג.

ענדע דעם ערשטען טהייל.

דִּיא שְׁוועֶרֶע צַייט

אָהֳלִי שֻׁדָּד וְכָל מֵיתָרַי נִתָּקוּ
בָּנַי יְצָאֻנִי וְאֵינָם, (ירמיה י׳ כ׳)

איין ראמאן אין פיער טהיילען פון דער לעצטער צייט אונטער דיא
יודען אין רוססלאנד.

פערפאסט

פאן

בער איסר בן גרשון זאביעזענסקי אויס וויטעבסק

צווייטע טהייל

זכות נמכר לצמיתות לר׳ יעקב סאפירשטיין

נאכדרוק שטרענג פערבאטען

ווארשא

שנת תרמ״ד לפ״ק

ДИ ШВЕРЕ ЦЕЙТЪ

т. е. тяжелое время

Романъ въ четырехъ частяхъ

Б. Г. Забѣженскаго

варшава 1884

Дозволено Цензурою
Кіевъ, 14 Марта 1884 г.

Въ Типографіи Н. Шрифтгиссеръ Налевки № 13

15

גערעטעט פון טויט

דיעבמאן איז ארויס פון האטעל דע־פאריז וואס ער איז דארטען געווען צוא זאמען מיט פינקעלשטיינען און מערדינסקען, ער האט גלייך גענומען קלערען, וואס טוהט זיך מיט מאנעסזאהנען איצטער? ווער ווייס צוא לעבט ער נאך, פיללייכט איז ער שוין געשטארבען?... וואס ארט ער מיך אזוי שטארק? ווארום האב איך זא פיעל מיטלייד אויף איהם? פיעל מאהל ווען איך זעה אומגליקליכע פאר קוועטשעט מיר מיין הארץ, אז איך זעה גליקליכע מענשען וואס זיי האבען ניט פערדינט צוא זיין זא גליקליך, ווערט מיר צוא קאכט מיין בלוט, אבער ניט אזוי וויא דיזעס מאהל, א, ווי פארלע דיזער פינקעלשטיין איז אז צוא ליעב זיין ליעבע (און פיללייכט איז דאס א איין געבילדעטע ליעבע, זיא איז איהם אזוי געפעלין און דיא רעכנונג צוא ליעבען זיא, איז אויך ניט קיין שלעכטע) וואס ער האט צוא יהודיתן און קנאה צוא מאנעסזאהנען, דאס אזוי איין ארעמען סט־רענט זאל ליבען אזא שיינהייט, איז ביי איהם רעכט אומברייגען א מענשען וואס האט איהם נייעמאלס געטאהן קיין בעזעס! איך זעה אז ווען ניט איך וואלט ער לאנג איינשטימען מיט מערדינסקען צוא ערמארדען מאנעסזאהנען דורך הונגער און דארשט. ווען איך בארעכען זיך פיעל מאהל אז איך פאראורזאך פיעל מענשען בעזעס — אבער ניט מארדטהאטען — וויל מיין אבסטאיאטעלסטווע ברינגט מיר מיט, וויל מיא האט מיך ניט געלערנט קיין ארבייט איך זאל קאנען פאר דינען כשר מיין שטיקעל ברויט — וואלט איך זיך זעלבסט ערמארדען — און אזא מענש וואס קיין זאך פעלט איהם ניט מעהר ניט וואס ער קאן ניט זעהן אז א ארימער פון איהם זאלל ווערען גליקליכער פאר איהם וואלט ער איהם גערען פטרין פון דער וועלט.

מיט דיזע געדאנקען איז ער געגאנגען בעפרייען מאנעסזאהנען פון זיין שרעקליכער איינשפארונג. ער איז צוא געגאנגען צוא דעם הויז וואו מאנעסזאהן איז פארשפארט, און דאס הארץ האט איהם אן געפאנגען זעהער שטארק צוא קלאפען; א, זאגט ער, גאטט ווייס צוא לעבט ער נאך? ער איז ארויף אויף דיא טרעפ ביז דעם אויבערשטען עטאזש, ער גיט א קוק דיא טיהר איז פערשלאסען מיט איין גראבען שלאס, קיין שליסעל האט ער ביי זיך

ניט געהאט, האט ער ארויס גענומען אזוי איין אייזערנע מאבעריי וואס מען קאן עפענען מיט איהר דעם גרעסטע שטארקסטען שלאס. האט אויף געעפענט דיא טיהר דט אן געצונדען א שטיקעל ליכט, ער גיט א קוק עס ליעגט א מענש איין אבגעמאגערטער, מעהר זעהט מען אויף איהם נישט אז הויט און ביינער, אונטער דיא אויגען איז ביי איהם שווארץ, דיא האאר צו ווארפען, אויף געדרעהט, דיא קליידער האלב אויס געטאהן און האלב אן געטאהן, ער אטהעמט שוואך, דיא אויגען זינד ביי איהם האלב צוא געמאכט האלב אפען, ער האט ניט באמערקט דאס יעמאנד איז אריין אין צימער און שטעהט נעבען איהם און בעטראכט איהם מיט מיטליידענדע בליקען, דיעבמאן האט איהם אן געפאסט פארין האנד און האט איהם א טרייסטעל געטאהן, ער האט א ביסעל געעפינט דיא אויגען און האט א קוק געטאהן, אויף דיעבמאנען. דיא ליפפען זיינע האבען זיך אן געהויבען צוא בעוועגען, דיעבמאן האט צוא געלעגט זיינע אהרען הערען וואס ער רעדט, האט ער מער ניכט געהערט אז דיא ווערטער: דוא ביסט מיין מערדער! וואס האסט דוא צוא מיר? —

— ניין, איך בין ניכט דיין מערדער, איך בין דיין ערלעזער, איך בין דיך געקומען רעטען פון דיין אומגליק, ער האט ארויס גענומען א בוטעל מיט טראפפינס, האט איהם אריין געטריפט אין מונד און ער איז געווארען א ביסעלע מונטערער! נאכהער האט ער איהם געגעבען אויס טרינקען א גלאז מילך, איז ער געווארען קרעפטיגער א ביסעל און האט אן געפאנגען צוא ריידען לויטער,

—זאגט מיר אומבעקאנטער מענש, ווער זייט איהר, איך זאל וויסען וועמען צוא דאנקען פאר מיין לעבען, מיינע עלטערן וועלין אייך אויך דאנקבאר זיין וואס איהר האט זייא אומגעקעהרט זייער זאהן, און איינע יונגע פערזאן וואס איהר זעלבע איז אן געקניפט אן מיינער, וועט אייך אויך דאנקען פון גאנצען הארצען, (דאס וויים איך ניט, דענקטע דיבמאן) פריהער האב איך זיך ערשראקען, איך האב געמיינט דאס מיין מערדער איז געקאמען זעהען צוא בין איך געשטארבען, אדער ער האט געשיקט איין שליח זיינעם ערקונדיגען זיך וואס מיט מיר טוהט זיך, און מאכען איין ענדע פון מיר ווען איך לעב נאך? נאר יעצט זעה איך דאס גאטט האט אראפ געשיקט איין ענגעל פון הימעל רעטען מיך. — פון וואנען ווייסט איהר, טאמער בין איך אויך א מערדער און איך בין גראדע געקאמען ענדיגען דא מיט אייך?

—ניין, ניט זאגט עס גנעדיגער הערר, מען קאן פארשטייהן א מענשען נאכען געזיכט נאך, און דאס געזיכט אייערע ווייסט מיר אויס פון איין העכסט ארדענטליכען מענשען. (דיבמאן קלערט פאר זיך, דאס איז גוט וואס איך האב חאטשע א געזיכט פון א ארדענטליכען מאן), ביי מיר איז קיין צווייפעל, דאס איהר זייט געקאמען מיך רעטען, נאר זאגט מיר וויא אזוי האט איהר ערפאהרען

דאס איך בין היר איין געשפארט ?

—דאס האט איהר געטראפען דאס איך בין געקאכען אייך רעטען , נאר וויא אזוי האב איך זיך דער וואוסט פון אייער איינשפארונג היר , קאן איך אייך ניט זאגען ; איך בעט אייך איהר זאלט דאס גאר ביי מיר ניט פרעגען , יעצט זייט איהר פריי , איהר קאנט געהן וואו הין איהר ווילט .

—נוא ווען איהר פערלאנגט ניט , פרעג איך ביי אייך ניט , אבי איך בין יעצט פריי , א , ליבער גאטט ! זאגט ער אויפהייבענדיג דיא הענד אין דער הויך – דיין הילף איז אויגענבליקליך , איך האב שוין געמיינט דאס איך וועל ניעמאלס זעהען דיא שיין פון דער וועלט , איך וועל ניט זעהן מיין טהייערע יהודית , איך וועל ניט קאנען אונטער שטיצען מיינע עלטערין , דא וועט זיין מיין קבר ; אבער א איך לעב נאך ! איך בין פרייא ! ניט זארג טהייערע יהודית , איך קום באלד צוא דיר , מיר וועלען ווייטער פארברייגגען גליקליך וויא געוועזן . אין דיא ווערטער איז ער ארויף געפאלען דיבכאנען אויפין האלדז אונ מיט איין וויינענדיגער שטיממע האט ער געזאגט : א , גנעדיגער הערר ! מיט וואס זאל איך אייך באצאלען פאר אייערע גנאדען מיט מיר ? איך האב ניט זא פיעל ווארטען אייך צוא דאנקען ! טוהט מיר דיא גיפעליגקייט אונ קומט מיט מיר צוא גאלדענבלומען ; מען וועט דארטען אייך העכסט בעלאהנען פאר אייער בעפרייען מיך .

—אונ איך בעט אייך איהר זאלט מיך ניערגענד פיהרען אונ זאגען דאס איך האב אייך בעפרייט , דען אז דיא וואס האבען אייך איינגעשפארט וועלען ערפאהרען אז איך האב אייך ארויס געלאזען קאן איך באשטראפט ווערען שרעקליך , אונ בייא זיך דענקט ער : אך וויא אנגענעהם עס איז צוא טאן גוטס דעם צווייטען אונ יענער זאל זיין דאנקבאר ! נאר ניט אזא מענש וויא איך קאן טאהן גוטס מיט אלעמען ! א , ארימער מאנעסזאהן ! דיין פריידע , פאר ברייגגען ווייטער מיט יהודיתן אין פערגניגען , איז אומזאנסט !

16

פון פייער אין וואסער .

דיעבמאן האט ארויס געפיהרט מאנעסזאהנען פון דאס הויז וואס ער איז פאר שפארט געוועזן , האט איהם געוויזען וואו הין צוא גיין , אונ אליין איז ער אוועק אין א אנדער וועג . מאנעסזאהן איז געוועזן זעהער שוואך , דען עס איז שוין דער פערטער טאג וואס ער האט נאך גאר ניכט אין מויל גיהאט ; ביז

גאלדענבלומס הויז וואר נאך וועהער ווייט, איז ער אריין אין א האטעל, האט גענומען אנלאז וויין גוטען ער זאל ווערען שטארקער און האט געהייסען געבען עסטוואס עסין; נאך דעם האט ער גענומען אדראשקע און האט איהם געבעטען ער זאל פאהרען נאר וואס גיכער; יעדער מינוט האט זיך איהם אויס געצויגען ווי א יאהר, ער וואלט שוין גערן קומען צוא גאלדענבלומען זעהן יהודיתן און דער ציילען איהר וואס מיט איהם האט זיך פאסירט ער איז צוא געפאהרען צוא גאלדענבלומס הויז, איז אראפ פון דראשקע אבער אן שטאדט דעם וואס ער האט געקלערט ווי א גרויס וועט זיין זיין פריידע אז ער וועט דער זעהן דאס הויז וואו זיין גאנצעס גליק איז, האט מען איהם עמפפאנגען קאלט־בלוטיג, ער האט געקלערט: ווי ער וועט אריין אין שטוב וועט יהודית געהן איהם אנטקעגען, ווי א מאהל פלעגט זיין, נאר א! יהודיתן האט ער גאר ניט געזעהן, און אויזדאר אליין זיצט אומעריג פארטראכט, אין דער מהאט האט זיך אויזדאר ערפרייט אז ער האט דער זעהן מאנעסזאהנען, דען ער האט געקלערט, פיללייכט וועט יהודית בעסער ווערען ווען מען וועט איהר אן זאגען אז מאנעסזאהן איז געקומען; אבער ער וואר אזוי פאר אומעדיגט פון איהר קראנקהייט, דאס ער האט ניט געקאנט ארויס ווייזען איין שפור פון פרייד. ער האט אקוק געטאהן אויף מאנעסזאהנען, האט ער זיך שטארק ערשראקען, דען ער וואר זעהר אפ געצעהרט אפ געמאגערט, און מאנעסזאהן קוקענדיג אויף איהם האט זיך אויך ערשראקען דען גאלדענבלום האט זיך אויך שטארק פארענדערט אין געזיכט, זייא האבען זיך אן געקוקט א ביסעל איינער דיא אנדערע, נאכהער רופט זיך אפ גאלדענבלום צוא מאנעסזאהנען: וואס איז דאס מיט אייך געוועזן דיא גאנצע צייט?

מאנעסזאהן האט איהם אויס דער ציילט אלעס וואס מיט איהם האט זיך אפ געטאהן. אבער וואס זעהן זייא אזוי שלעכט אויס אין געזיכט? — פרעגט ער גאלדענבלומען —

—איך? אויך א פראגע! מיר איז עפעס גוט אויפען הארצען אז יהודית איז געפעהרליך קראנק, און גאט ווייס וואס מיט איהר וועט זיין.

—אזוי! יהודית איז קראנק?! פרעגט מאנעסזאהן ערשטוינט, וואס איז איהר?

—ביי איהר איז א היטץ־קראנקהייט — קומט אריין געוואר ווערין. זייא זיינען אריין צוא איהר אין צימער. אין דער צייט איז איהר געוועזן לייכטער א ביסעל; נאר ווי זיא האט דער זעהן מאנעסזאהנען האט זיא אן געהויבען צוא שרייען! געה וואו דוא ביסט געוועזן, איך קאן אויף דיר ניט קוקען! דער פאטער האט געמיינט דאס זיא רעדט פון היטץ, האט ער אן געפאנגען צוא רייען: מיין טאכטער, וואס איז מיט דיר? דאס איז דאך מאנעסזאהן! איהם איז געווארען זעהר שלעכט אויפען הארצען, אז אנשטאט דעם וואס ער האט געקלערט דאס זיא וועט ווערען בעסער מיט מאנעסזאהנס

ערשיינונג, איז זיא געוואָרען העכסט אויף געריגט, אונ דיא קראנקהייט איהרע האט זיך נאך פארשטארקט.

—דוא שטעהסט נאך דא! דוא געוויסענלאָזער נידערטרעכטיגער מענש, האט יהודית אנגעפאנגען ווייטער צו שרייען — דוא האסט נאך אהאזע צוא אן קוקען מיר אין דיא אויגען! דוא מיינסט דוא וועסט מיך אלעס נארען, גענוג שוין צוא נארען מיך, איך קאן דיך גאנץ גוט!

מאנעסואהן איז שטארק אראפ געפאלען ביא זיך פון איהרע רייד; אבוואהל ער ווייס גאנץ גוט דאס ווען יעמאנד איז אין א היטץ־קריינק טרעפט אפט מאהל אז ער רעדט אויף זיינעם אבעסטען פריינד אלעס בעזעס, נאר אין דער צייט ווען זיא האט דיזעס גערעדט איז זיא געוועזן ביא איהר גאנצען זינען, עס איז געוועזן צוא באמערקען אויף איהר געזיכט, דאס דיא ווערטער געהען ארויס פון גאנצען הארצען, פון איין מענשען וואס ווייס אונ בעטראכט וואס ער רעדט, זייא האבען אוועק געלאזען איהר צימער, פאר זייער אוועק גאנג רופט זיא זיך אפ: פאפא! ווען דוא ווילסט איך זאל געזונד ווערען זאל מאנעסואהן ביא אונז אין שטוב ניט זיין, ווען ניט וועל איך געוויס ערגער ווערען.

דער פאטער האט ניט געקאנט אפ קלערין וואס זאל דאס באדייטען; צום אנפאנג האט ער געקלערט אז זיא רעדט פון היטץ, אם ענדע האט ער אויך באמערקט דאס זיא זאגט עס מיט איהר גאנצען פארשטאנד, פון דעסטוועגען האט ער מאנעסואהנען גאר ניכט געזאגט, דען ער האט געקלערט פיללייכט רעדט זיא פארט פון היטץ וואס זאל ער דער ווייל־ע באליידיגען א מענשען אומזאנסט.

אפאר וואכען זינד פאריבער אונ יהודית האט אן געהויבען קומען צוא זיך; ביא איהר וואר איין פערצעהן טאגעדיגער פיבער, יעדער טאג פלעגט זיא פרעגען צוא איז מאנעסואהן ביי זייא אין הויז. דען זיא האט פערשטאנען אז מען וועט ניט איכפאלניאיען איהרע רייד, אונ ווייל מען האט געזעהן דאס זיא וויל ניט לײדען ער זאל זיין דא חאטשע זייא איז געוועזן רעטעוואהל דיא אורזאכע דאפאן, דארום האבען זייא איהר געזאגט דאס ער איז פארט פון דאנען; נאר וויא ערשטויגט איז זיא געוואָרען ווען זיא איז נאר וואס אראפ פון בעטיל אונ איז אריין אין שטוב אונ האט געפונען מאנעסואהנען זיצענדיג ביים טיש, זיא איז געוואָרען העכסט צארנדיג אונ מיט גרויס כעס האט זיא אויס געשריגען: איך האב דאך אייך געזאגט איהר זאָלט מעהר ביא אונז אין שטוב ניט זיין, וואס האט איהר געמיינט אז איך האב דאן גערעדט פון היטץ, נוא זאג איך אייך יעצט נאך איין מאהל! איהר זאָלט זיך ניט ענטוואגען אריין טרעטין אפום צוא אונז אין שטוב, איהר הערט וואס איך זאג אייך? פינסטער איז איהם געוואָרען אין דיא אויגען הערענדיג דיזע ווערטער, מיט איין ציטערענדער שטיממע האט ער געזאגט:

— יהודית, וואס האב איך געגען דיר געטאן, וואס דוא ביסט זא צארענדיג אויף מיר? א! דיין צארען טארעט מיך, איך קאן ניט אוים האלטען הערין דיזע ווערטער פון דיר!

— קיין אנטווארט האב איך אייך ניט צוא געבען, ווען איהר וועט זיך גוט בעטראכטען וועט איהר אליין געפינען א ענטפער אויף אייער פראגע! נאר דער ווייל גיב איך אייך איין אנטווארט דאס איהר זאלט ביי אונז אין שטוב ניט זיין, אונ קיין קשיות זאלט איהר ביי מיר ניט פרעגען, ער איז געווארען בלאס וויא א לייגוואנד, דיא אויגען האט ער אראפ געלאזען צוא דער ערד, גלייך וויא א פאראורטהיילטער צום טאדט ווען מען לעזט איהם אוים דיא ביטערע רעשעניע, עס האבען זיך ביי איהם אן געהויבען צוא טרייסלען הענד אונ פים, אלעס וואס אין שטוב האט זיך ביי איהם אן געהויבען צוא דרייען, ער האט אוואראף געטאהן זיין לעצטען בליק אויף אלעס וואס האט איהם אוים געוויזען זא מילד, זא ליעב אונ איז פארט געגאנגען.

17

גלויב דאס ניט.

וואס פאר א פארשמאכטע אויגען ביי איהם איז, קלערט יהודית פאר זיך, נאך דעם אז מאנעסזאהן איז אוועק געגאנגען, ער מאכט זיך גאר אונוויסענד, אונשולדיג, גלייך וויא ער וואלט זיין אין דער טהאט דער ערדענטליכסטער מענש, ער געפינט אין זיך גאר ניט קיין פערברעכין וואס זאל אויף ברייגגען מיין צארין אויף איהם, ער פרעגט נאך ביי מיר איך זאל איהם זאגען וואס האט ער געזינדיגט געגען מיר וואס איך בין אויף איהם זא צארענדיג, איהם וואלט זיין גוט אז איך וואלט איהם אוים רעכענען אין דיא אויגען, זיינע מיססע־מהאטען! א מאנעסזאהן, דוא אירדסט זיך! דוא מיינסט אז איך וויים גאר נישט, דוא קאנסט זיך ניט פאר שטעלען אז איך האב דיך מיט מיינע אויגען געזעהן ביי מאטוויעוון, אונ געהערט וויא דוא האסט אוים געלערט דיין גאנצעם הארץ פאר פינקעלשטיינען, וויא דוא שפילסט גאר אפאלשע ראלע אונ אין אמתן ביסט דוא ערגער פאר דיא ערגסטע אוים געלאהענע, א, דיא גאנצע וועלט איז פאלש ניט דא קיין אמת, וויא פינקעלשטיין זאגט, א, אזוי וויא איך האב פון דיר געהאלטען! אזוי וויא איך האב דיך געשעצט גערעכענט פאר דעם העכסטען סארט מענש אין דער וועלט, אונ יעצט א! האסט זיך מיר ארוים געוויזען אזוי פארלע אזוי כאראקטערלאז... אבער א גאטט, וואס

טוהט זיך דאס מיט מיר? מיר גלויבט זיך נאך אלעס ניט אז מאנעסזאהן זאל זיין פאלש... אבער האבען דאס ניט מיינע אויגען געזעהן? ניט מיינע אהרען געהערט? שלעכט, איך מוז געשטעהן אז איך האב זיך גענארט אין איהם ביז איצט, רעכענענדיג איהם פאר איין זעלטענעם מענש... אבער איך מוז מודה זיין אז איך ליעב איהם יעצט אויך. יעצט נאך דעם אז איך האב געזעהן זיינע שלעכטע מעשים, א, איך ליעב איהם! איך ליעב איהם שטארק! וויא מיין לעבען! זיא האט אוים געדריקט איהרע געדאנקען אין דיא צוויא פערזען וועלכע זיא האט געזונגען:

איך ליעב דיך מאנעסזאהן געטרייער,
מיט איין שטארקען ברענענדען פייער,
איך ליעב דיך מיט מיין גאנצען לעבען,
מיין זעלע טהוט צוא דיר שטרעבען.
דוא האסט מיך בעצוואונגען ניט מיט דיין יחוס,
ניט מיט דיין געלד, ניט דיין געזיכט דאס שיינע!
איך האב געחלשת אוים געגאנגען פון דיא כוחות
נאך דיין כאראקטער דיא זעלע דיא ריינע.

* *

*

איך גלויב ניט דוא זאלסט זיין פערשטעלט,
א מאסקע אויף זיך טראגען,
שפילען א פאלשע ראליע פאר דער וועלט,
מעהר ניט כדי לייט זאלען זאגען.
איך קאן ניט גלויבען דוא זאלסט זיין
צוא מיר פאלש און אונגעטרייא,
אפ לאכען פון מיר ביוא אגלעזעל וויין
און א אוים געלאסענעם מעדכען דער ביוא.

אך, וויא טיראניש איך האב זיך בעגאנגען געגען איהם, האט זיא אנגעפאנגען ווייטער קלערען, ניט אוים הערען זאגאר זיין פערטהיידיגונג, און פילייכט וואלט ער געשטעהן אויף אללעס און וואלט פערציידונג בעטען! און פערשפרעכען ווייטער ניט טאהן דיזעס, יא! צוא שטרענג האב איך זיך מיט איהם בעגאנגען, א! וויא בלאס ער איז געווארען ווען איך האב איהם ארוים געיאגט פון אונזער הויז, וויא פינסטער האבען אוים געוויזען זיינע אויגען בעת ער האט אוים געהערט מיין בייזען דיקרעט אויף איהם! א, איך האב מיט

איהם מיטלייד! דער שטריינגסטער ריכטער אורטהיילט ניכט א מענשען וואו ער הערט ניט אויס זיין פארטהיידיגונג, אונ איך האב איהם געמישפט גאר אהנע צו הערין פון איהם איין איינציגעס ווארט; עפעס מוס האבען דערינען א האנד פינקעלשטיין, ער איז מיר געוועזן צו פרעהליך ווען ער איז געקומען אן זאגען מיר איך זאל געהן זעהען וואס מיט מאנעסזאהנען טוהט זיך, אונ ווען ער האט גערעדט מיט איהם ביי מאטוויעוון איז געוועזן צו באמערקען איין לעבערליכע מינע אויף זיין געזיכט, אם ענדע ווען איך האב איהם געבעטען דאס מיר זאלען פארען א היים דען מיר איז ניט גוט געווארען, האט ער איהם איין געראמט אין אהר, ער האט געמיינט דאס איך זעה שוין גאר ניט וואס עס טוהט זיך, אבער איך האב עס באמערקט! עס קאן גאר לייכט זיין, דאס ער האט איהם אללעס איין גערעדט מיך אויס צו פרובירען זעהען צו איך גלויב אין איהם, צו איך וועל איהם ליעבען ווערהרענד איך וועל פון איהם זעהען אונרעכט, מען דארף פרעגען דעם פאטער וואס פאר א תירוץ האט ער איהם געזאגט וואס ער איז ניט געוועזן פיר טאג צו הויז, געוויס האט דאך דער פאטער ביי איהם געפרעגט וואו ער איז געוועזן דיא גאנצע צייט. זיא געהט צו צום פאטער אונ פרעגט איהם דיזעס.

איזודאר אנטוואורטעט איהר וויא מאנעסזאהן האט איהם ערצעהלט דאס ער וואר פאר שפארט דיא גאנצע צייט דאס ער האט שוין געמיינט אז ער וועט ענדיגען זיין לעבען אין זיין איינשפארונג, נאר עס איז געקומען איין אונבעקאנטער מענש אונ האט איהם בעפרייט, יהודית האט דאס אויס געהערט זעהר אויפמערקזאם, נאכהער פרעגט זיא ביים פאטער: איז וואס קלערסט דוא, איז דאס אמת?

—וואס זאל איך קלערין, וואונדערבאר קומט מיר אויס דיא געשיכטע, אבער וואס קאן מען וויסען, עס קאן אויף א מענשען אלעס טרעפען, אבער זאג מיר מיין טאכטער וואס ביסט דוא אויף איהם זא שטארק אויף גערעגט געווארען, דאס דוא האסט איהם זא שענדליך פערזאגט פון אונזער הויז?

—ווייל מען האט מיר ערציילט (זיא האט ניט געוואלט זאגען דאס זיא האט אליין געזעהען) דאס ער איז געוועזן דיא גאנצע צייט ביי מאטוויעוון אין גאסטהויז. ער האט פערבראכט אין שארלאטאנסטווא אונ אין פיאנסטווא,

—גלויב דאס אויף איהם ניט, איך האב ערקאנט גוט זיין כאראקטער, ער וועט דאס ניט טאהן, דאס איז מער ניט וויא א פאר ליימדונג.

—זאגסט דוא פאפא, איך זאל דאס אויף איהם ניט גלויבען? (אונ פאר זיך דענקט זיא: איך וואלט אויך ניט גלויבען, אבער וואס זאל איך טאהן אז צום אונגליק האב איך עס געזעהן מיט מיינע אויגען זעלבסט?)

—געוויס ניט.

18

א מענש גלויבט דיא אייגענע אויגען ניט .

דעם פאטערס מיינונג , דאס ער האלט אויך מאנעסזאהנען פאר א מענשען וואס וועט ניט טאהן קיין נארישקייט , האט אויף יהודיתן געמאכט איין גראססען איינדרוק , איהר הארץ איז געווארען בעסער צוא מאנעסזאהנען , זיא האט גענומען דענקען וועגען גערעכט מאכען איהם , אין דעם איז פינקעלשטיין אריין . א ! קלערט זיא פיללייכט וועל איך פון זיינע רייד ערפאהרען עטוואס וואס זאל מאנעסזאהן'ס שולד קלענער מאכען ?

—וואס מאכט איהר יהודית ? — זאגט פינקעלשטיין געבענדיג איהר דיא האנד — א , דאנקען גאטט איהר גערעדט שוין אום , אך איך פרייא מיך זעהר אז איך זעה דאס איהר זענט בעסער , אבער האט איהר אפ גערוהט פערצעהן טעג !

—יא , ניט שלעכט אפ גערוהט , איך האב געמיינט אבער איך וועל שוין אפרוהען אויף אימער איז אבער באשערט נאך צוא מוטשען זיך אויף דער וועלט .

—איך פערשטעה ניט , וויא הייסט מוטשען זיך , וועמען איז דען בעסער פון אייך ?

—וואס רעדט איהר פינקעלשטיין , קאן דען דיא וועלט מיט איהרע מענשען ביי מיר האבען איהרע רייצבארקייט אז איך זעה דאס דער מענש וואס איך האב איהם גירעכינט פאר איין ענגעל איז אזוי כאראקטערלאז ?

—דאס געהערט גאר ניט איינם צוא דאס אנדערס , עס טרעפט אז מיא האט א טעות אין איין מענשען דארף מען דען פערהאססען איבער דעם דיא גאנצע וועלט ? איהר דארפט פרייליך זיין , וואס איהר האט פריה דער זעהן אייער אירטהום , איהר וואלט זיך פיללייכט שפעטער חאפען ווען אייך וואלט זיין שווער צוא העלפען יעצט אבער קאנט איהר נאך העלפען , איהר קאנט נאך געפינען פיעל מענשען אויף דער וועלט וואס וועלין אייך זיין געטרייא מיט זייער ליעב אונ לעבען „מענשען" ניט ענגלען , דאס איז געוועזן אייער פעהלער וואס איהר האט געזוכט ענגלען אויף דער וועלט האט איהר געפונען טייפלען .

—ניין , נאך דעם אז מאנעסזאהן איז מיר געווארען פאלש וועל איך שוין ניט געפינען קיין מענשען אויף דער וועלט .

—איז דען אייער ליעבע געוועזן אזוי שטארק צוא איהם , דאס ווען ניט ער קאן שוין אייך א אנדערער ניט גליקליך מאכען ?

—יא , אהנע צווייפעל ,

—און איך ווייס ניכט וואס האט איהר אין איהם פריהער געזעהן, ווען ער וואלט שוין זיין גאר וויא איהר האט געמיינט, ווען איהר וואלט פון איהם קיין פארלאסט ניט געזעהן און ניט געהערט וויא ער פעראכטעט אייך, האלט פון אייך ווייניגער וויא פון איין אויס געלאסענעם מעדכען, און קוקט אויף אייך מעהר ניט צוא ליעב אייער געלד, איז וואס איז אין איהם אזוי דער מעהר? דער מענש איז גאר געבויט געווארען אויף צשעסטאליובי און עגאיזום; ער האט געלערנט גוט אין גימנאזיום צוא האבען גוטע מיינונגען דאס איז גאר צשעסטאליובי, זיין פאטריאטיזום איז אויך מער ניכט וויא הוילע עגאיזום, אויף וויזען, דאס מיין פאלק איז דאס בעסטע מיין נאציאן איז דיא שענסטע, וואס דען? זיין ליטעראטור! א איהר קאנט ניט דיא ליטעראטארין, איהר ווייסט ניט וואס דאס זיינען פאר א סארט מענשען, איך קאן זייא בעסער פאר אייך; איהר מיינט אין דער אמתן, אז זייא קוקען מעהר ניט אויס בעסערין דעם נאראד וויא זייא שטעלין זיך פאר? זייא קוקען מעהר ניט גראם מאכען זיך, אויף הייבען זיך גרעסער פאר אלעמען, מען זאל קוקען אויף זיי עפעס בעוואונדערליך, זייא זיינען ניעמאלס קאנטעט פון זייער לעבען ווען מען זאל זייא רעכענען פאר גלייכע מענשען מיט אלעמען, זייא ווילען אלעם מען זאל פאר זייא זינגען שירים ותשבחות, שרייען „אורא"! און הייבען זייא אין דער לופטען און נאך דעם טויט שטעלין זייא מאנומענטין.

—דיא רייד אייערע איז גאר איבעריג, יעדער האט זיין נאטור, מיין איז געפעלין אזא מענש און מיר אזא, ווען מען זאל שוין קלערין אז זייא טוהען פון עהרע וועגען, דער ווילע ברייננגען זייא פארט פאלזע דער וועלט, מען זאל פארדערין פון א מענשען ער זאל טאהן אלעס מער ניט פון דעם אנדערינם וועגען איז צוא פיעל, וויא פיעל מענשען האבען געבראכט דיא גרעסטע נוטצען מיט זייער מיהע אויף דער וועלט, וואס פילייכט האבען זייא דאס געטאהן פון כבוד וועגען, נאך אייער רעכנונג נאך, אבער דער ווילע האט דיא וועלט פארט געהאט פאלזע פון זייא.

—אך מיין גאטט! וואס קומט זייא פון דיא גוטסקייט ארויס? דער ווילע לעבען זייא גאר ניט אויף דער וועלט, מעהר ניט מיט זייערע פוסטע עהרע וואס מען גיט זייא הונטער דיא אויגען אדער נאכען טויט, און פיעל מאהל האבען זייא נאך גאנץ גענוג צרות פאר זייער לעבען, פון דעם פעבל וואס פאר פאלגט א זעלכע מענשען וואס קריכען צוא פיעל, וויא פיעל גראססע געלעהרטע האבען געהאט א שווארצען סוף איבער צוא פיעל חכמענען זיך? און וואס פאר א לעבען קאנען האבען דיא פרויען פאר א זעלכע מענשען?

—עס ווענט זיך וואס פיר איינע פרויא, דער וואס געפעלט אזא מענש לעבט זיא געווים גליקליך, אז זיא רעכענט דאס דער מאן איהרער ברייננגט א פאלזע דער וועלט; נאר איך זאג דאך אייך אז דאס געהערט גאר ניט צוא אונזער געשפרעך, ווען איך וואלט ניט געפינען מאנעסזאהנען בייא אזא לאגע

אין מאטוויעוס נאסט־הויז , אונ הערין פון איהם אזעלכע רייד וואלטען מיך טויזענדער מענשען ניט אפ ריידען פון צוא ליעבען איהם , נאר הערט וואס איך וועל בייא אייך פרעגען , מיין פאטער זאגט ווען מאנעסזאהן איז געקומען א היים איז ער געוועזען זעהר אפגעצערט , אקוראט וויא א מענש וואס האט פיעל טעג ניט געגעסען , ווען ער וואלט מער ניט וויא געוועזען בייא מאטווייעווען וואלט ער דען געווארען אזוי אפ געמאגערט ?

פינקעלשטיין איז געווארען רויט , יהודית האט דאס באמערקט .

—געוויס , אנטווארטעטע ער , פון צוא פיעל טרינקען אונ לעבען א לידערליכען לעבען קאן מען ווערען אפ געצערט .

—ניט אזוי פיעל , אונ ניט אין אזא קורצע צייט . מאנעסזאהנען האט דער ציילט דעם פאטער , דאס מען האט איהם געהאלטען פערשפארט פיער טאג , ער האט דיא גאנצע צייט ניט געטרונקען ניט געגעסען .

פינקעלשטיינען איז אריין דיא בלוט פון דיא פיאטעס אין געזיכט אונ ער איז געווארען רויט וויא א ראק , יהודית קלערט בייא זיך עס מוז זיין עטוואס דארין וואס ער ווערט אזוי רויט , אי וואס ? ווייס איך ניט .

—איך פארשטייה ניט זאגט פינקעלשטיין , איהר סלערעוועט מיך וויא א גוטער סלעדעוואטעל וואס וויל ערפאהרען צוא איז ריכטיג וואס יעמאנד ערציילט , ווען איך וואלט אייך ערציילען אויף איהם עטוואס וואלט איהר קלערין פיללייכט זאג איך ליגען , אבער ווען איהר האט אלעם געזעהען מיט דיא אויגען זעלבסט איז דאך ניט דא וואס צוא ריידען , ווען איהר גלויבט ניט אייערע אויגען , וואס וועלען וויקען מיינע רייד ? קלערט זיך אייך וואס איהר ווילט , איהר וועט מיך ווען עס איז דער מאגען , איהר וועט זאגען אז איך האב געמיינט אייער טובה , אדיע .

19

צוא געלייגט א קנייטעל .

פינקעלשטיין איז ארויס פון גאלדענבלומען ניט גאר קאנטענט , דער פלאן זיינער האט אפילו גאנץ גענוג געדייסטעוועט — דענקט ער — מאנעסזאהן איז בייא איהר אראפ געפאלען אין דיא אויגען הונדערט שטאפעל אראפ ; אבער א אומגליק וואס זיא האלט פון איהם אזוי שטארק דאס זיא זוכט אלעם אוף איהם א זכות : אונ איך האב מורא דאס סוף כל סוף זאל זיא ניט ווערען ווייטער צוא

איהם גוט וויא געוועזן, מע' דארף זעהען נאך וואס עס איז טאהן, דאס ער זאל אזוי שטארק פערדהאסט ווערין ביי איהר אין דיא אויגען, דאס זיא זאל ניעמאלס אויף איהם וועלען קוקען. אין דעם האט ער דער זעהן דעם בריעף־טרעגער געהענדיג, ער פרעגט ביי איהם צוא איז ניט דא פאר פריילען גאלדענבלום איין בריעף? אונ קלערט: שיין וועט זיין אז מיר וועט אפ גליקען צוא בעקומען איין בריעף וואס מאנעסזאהן האט איהר געשיקט דען געוויס האט ער אויס געשריבען זיין גאנצעס ביטערעס הארץ אין א בריעף נאך דעם אז רעדען קאן ער מיט איהר ניכט יעצט, דער בריעף טרעגער האט געאנטווארטעט: יא, עס איז דא א בריעף.

—נוא גיבען זייא מיר דעם בריעף, דען איך דארף זא וויא זא ארויף געהן צוא זייא וועל איך אייך פערשפארען א טרחה. דער בריעף־טרעגער האט איהם אפ געגעבין דעם בריף. פינקעלשטיין האט א קוק געטאהן אויף איהם אונ איז געווארען פאלער פריידע דען ער האט דער קאנט נאכען אדרעס אז דאס איז מאנעסזאהנ'ס האנד שריפט ער האט איהם אויף געזיגעלט פארזיכטיג מען זאל איהם קענען ווידער פערזיגלען ווען מען וועט דארפען אונ האט גענומען לעזען פאלגענדעס:

טהייערע ליעבע יהודית!

איך שרייב דיר דיזען בריעף מיט בלוט פון מיינעם הארצען; מיין קאפף רוישט אין מיר, מיינע אויגען זינד מיר פינסטער, דיא הענד טרייסלען זיך, איך האב זאגאר קיינע קרעפטען צוא שרייבען יעצט, נאר איך שטארק זיך איבער דיא כוחות, א! אז איך דער מאן זיך אז דוא צירנעסט אויף מיר, אז דיין ליבע צוא מיר איז פערוואנדעלט געווארען אין האסס, דאס דוא ווילסט גאר ניט זאגאר איך זאל זיין ביי אייך אין הויז ווירד מיר איבער דריכינ מיין לעבען, איך פאר שטעה דאס עס מוז זיין עטוואס דארין, בייזע פיינדע האבען געמוסט אן מאכען א גרויסע אינטריגע צווישען אונז, אונ זייא האט געלונגען פערלייטמדען מיך ביי דיר אין דיא אויגען, דוא רעכענסט מיך געוויס זעהר געוויססענלאז, נידערטרעכטיג געגען דיר, ווען ניט וואלסט דוא זיך מיט מיר ניט באגעהן זא שטרענג, זא צארענדיג, אונ דאס פאר פינסטערט מיר מיין לעבען, מיר איז ערגער וויא דער טויט אז איך שטעל זיך פאר אז דוא רעכענסט מיך פאר אומגערעכט געגען דיר אין עטוואס; אז איך בין געוועזן פארשפארט אין מיין פינסטערער איינשפארונג אונ האב גערעכינט אז דארטען וועל איך שטארבען, דארטען וועל איך אפ לעבען מיינע לעצטע טעג, אונ איך וועל זיך דארפען שיידען פון דיר האט מיך חאטזשע איין זאך געטרייסט, אז איך שטארב מיט מיין וואהרע ליבע צוא דיר, אונ איך בין ניט פערפלעקט ביי דיר אין דיא אויגען, דוא ליעבסט מיך וויא געוועזען; אבער יעצט, א! דיא איינציגע זעלע וואס איך האב אזוי שטארק געליבט אונ וואר פון איהר זא געליבט, קאן מיך ניט ליידען! איך וואלט זיך זעלבסט ערמארדען אום בעפרייען זיך פון זאלכע ליידען, וואס איין

כמענשענס פעדער איז צוא שוואך אוים שרייבען א צעהנטעל פון זייא, נאר מיך האלט אויף איין זאך דאס פיללייכט וועט זיך דער געהן אם ענדע מיין אונשולדיגקייט געגען דיר ווילט זיך מיר ניט שטארבען אונ אם ענדע ווען עס וועט זיך ארוים ווייזען מיין אומשולד וועכט דוא זיך בערייען אויף דיין צארען, דאס ער האט אומגעבראכט אריינע זעלע פון דער וועלט, א! מיין טרויסט דאס איך שטארב אונ מען רעדט אן אלעס בייזעס אויף מיר פאר מיין יהודית'ן האט זיך אין דיא ווארהייט אוים געלאזען, א, אומגליקליכער! וואס האב איך געדארפט צום אנפאנג אן קומען אין פאראדיז אונ נאכהער פערשלידערט ווערין אין דער פינסטערער העלע? אלע האבען פריהער גיהנם אונ נאכהער גן־עדן, אונ איך בין פארהער אן געקומען אין גן־עדן אונ וואר פון איהם אזוי גיך פערוואגעלט וויא אונזער פאטער אדם!

נאר איין זאך בעט איך דיר, אונ האב עס רעכט צוא פאדערין פון דיר: דעם גרעסטען פערברעכער ווען מען אורטהיילט צום טויט, לעזט מען איהם זיין דעקרעט, אונ מען רעכענט איהם אוים דיא מיסעטהאטען וועלכע עס האבען אויף איהם געבראכט אזא שטרייגען משפט, אונ דוא האסט מיך פערארטהיילט ערגער וויא צום טויט אונ האסט זאגאר ניט געלאזט מיך ערפאהרען, מיין פערברעכען מיט וואס איך האב פערדינט אזא שטרייגען שטראף פון דיר, אונ ווען איך האב עס אליין געפרעגט בייא דיר האסט דוא מיר גאר נישט געאנטווארטעט, ווער רעדט וויא עס טוהען גוטע ריכטער, זייא פרעגען בייא דעם ווינאוונעם מיט וואס קאן ער זיך פערטהיידיגען, אונ פיללייכט קאן ער ברייגען צייגניס וואס זאלען ערווייזען זיין אומשולד האסט דוא געוויס ניט געטאהן.

א, טהייערע יהודית! ערבארעם זיך איבער מיר אונ טוה מיר מיין לעצטען וואונש, אונ מאך מיך וויסען מיין שולד געגען דיר, אונ פיללייכט איז דאס גאר ניכט אזא גרויסע פרעסטופלעניע, א, בענאדיגע מיך אונ פערציהע מיר עס, איך וועל זיך אן געמען פון יעצט אן ניט מאהן עטוואס געגען דיין ווילען אויף דאס מינדעסטע, אונ אויף מיין פאריגע זינד האסט מיך גאנץ גענוג בעשטראפט, איין רגע אין דיין צארען איז בייא מיר איין עוויגקייט קוועלין אונ ליידען, איך קאן ניט לעבען ווען דוא צארינסט אויף מיר! אונ ווען איך בין שטארק בעפלעקט געווארען בייא דיר זא לאז מיך פערטהיידיגען זיך, פיללייכט וועל איך קאנען ערצייגען מיין ריינקייט מיין אומשולדיגקייט, א, זייא ערבארעמהערציג אונ גענאדיג, לאנגמוטהיג פאללע הולד אונד טריי! דיין דיך ליעבענדער ווערענד דוא איהם האסט אונ פעראכטעסט

ט. מאנעסזאהן.

פינקעלשטיין האט דורך געלעזען דעם בריעף אונ ער איז געווארען אויסער זיך פאר פריידע. „אבער וויא דאס הארץ האט מיר געזאגט — דענקט ער — איך

זאל פרעגען דעם בריעף־טרעגער צוא האט ער ניט א בריעף צוא יהודיתין, אז עס וואלט איהר אן קומען אזא בריעף, וויא איהר ליעבע איז נאך גרויס צוא מאנעסזאהנען... זיא וואלט איהם געוויס פערצייהען, אט וואלט איך האלטען גאנץ גוט, יעצט אבער האף איך אז דער בריעף וועט נאך זיין א ווערקציג אין מיין האנד, מער צוא פערהאסקען איהם ביא איהר אין דיא אויגען, דער אדרעס וועט מיר צוא ניץ קומען, אונ א בריעף וועל איך אן שרייבען א אנדערן אן שטאדט דעם אונ וועל איהר אוועק שיקען... אבער וואס פאר א תירוץ זאגט מען וואס ער אליין האט ניט געשריבען — אז ער איז זייער שוואך אונ קאן אליין ניט שרייבען האט ער געבעטען א אנדערן זאל אן שרייבען דעם בריעף אונ א בעוויז אז ער איז פון איהם, האט ער דעם אדרעס אליין אן געשריבען... ניין עס איז נישט, ביא איהר קאן פאלען אפאדאזרעניע אז דאס איז א אבמאן, מען דארף זעהן נאך מאכען זיין האנדשריפט, מען דארף זיך מיישב זיין ווייטער מיט דיעבמאנען פיללייכט וועט ער עס קאנען, וויא ער ווייזט מיר אויס איז ער א מענש א גראמאטנער אונ דיא מענשען ווען זיא זיינען גראמאטנע קוקען זייא נאר אויף נאך מאכען דעם אנדערינס שריפט; אונ ווען ער אליין וועט ניט קאנען וועט ער מיר רעקאמאנדירען א אנדערן וואס זאל קאנען נאך מאכען א פרעמדע האנדשריפט מיט דיא געדאנקען איז ער אוועק צוא דיעבמאנען, ער האט איהם ניט געפונען צוא הויזע; ער האט געפרעגט ביא דיא הויזלייט וואס ער וואהנט, צוא וויסען זייא ניט וואו ער איז האבען זייא איהם געאנטווארטעט דאס ער איז א גאנצען טאג ניכט צוא הויזע פון יעצט אן, ער האט אן געפאנגען צוא קלייבען לומפען, געהט ער ארום אגאנצען טאג מיטען זאק אונ ביא נאכט איז ער צוא הויזע; ביז יעצט פלעגט זיין אנדערש ביא טאג פלעגט ער זיין דאס רוב צוא הויזע אונ אם מעהרסטין ביא נאכט ניט, פינקעלשטיין געהט ארויס פון הויז אונ געהט דורך דיא שטראססע, ער באגעגענט איין מענשען אן געטאהן זעהר פראסט אונ שלעפט איין שווערין זאק אויף דיא פלייצעס, איהם ווייזט אויס דאס געזיכט זיינע זעהר בעקאנט; ער האט זיך איין געקוקט גוט אין געזיכט אונ שרייט אויס דיזע ווערטער: דיעבמאן! וואס איז דאס מיט דיר? זעהר פיין האסט דוא זיך פאר קליידעט! דוא האסט אלע מאהל אויס געוויזען אזוי פיין, רייך, פירשטליך, אונ יעצט א, גאטט! אזוי שמוציג, ארעם, צוא מיינע אויגען זעהן דאס? אונ וואס פאר אזאק שלעפסט דוא דאס?

—בעסער ארום צוא געהן אזוי אונ זיין ערענטליך וויא אן געטאהן פיין אונ זיין איין דיעב, איין מאשעניק! מיר האט דערעסין צוא מאהן מאשענסטווא אומגליקליך מאכען אומשילדיגע מענשען וואס האבען מיר גאר ניט געטאהן: יעצט האב איך זיך אויס געקליבען א ארבייט ניט א רייכע, אבער א ערדענטליכע; איך קלייב טראפקעס אונ קלייב אן אטאג אט אזא זאק וויא איהר זעהט מיך יעצט טראגענדיג, איך נעם פאר איהם פונפציג קאפייקען, איז דאס מיר גענוג אויף דער הוצאה.

—א טהייערער געשעפט, ניט דא וואס צוא ריידען.

—בעסער וויא מיין פאריגער געשעפט, דאס גליק וואס איך האב פון איהם אן געלעבט אויף מיינע שונאים געזאגט געווארען.

—אונ איך זאג אז דוא טהוסט א גרויסע נארעשקייט וואס דוא האסט זיך פערנומען מיט אזא שמוציגער ארבייט, אט ווען דוא וואלסט קאנען נאך מאכען א פרעמדע האנדשריפט וואלסט דוא יעצט פערדינען אפיינע מטבע.

—איך קאן, אונ איך וויל ניט פארדינען יעצט געלד פון אזעלכע געשעפטען.

—איך וועל דיר ניט זאלעווען, פיר, פינף הונדערט רובעל, אונ מאך מיר נאך א בריעף, דוא וועסט קאנען נאכדעם ווערין איין ארענטליכער מאן.

—ניין, פאר צעהען טויזענד רובעל אויך ניט — ער דענקטע געווים איז דאס עפעס ווייטער אנייער אומגליק אויף מאנעסואהנען, אך וויא איך בין צוא געבונדען געווארען צוא דיזען מענשען, וויא איך האב איהם ליעב באקומען. וואלט איך וואלט קאנען דיין מאכען איהם ווייטער ביא יהודיתן אין דיא אויגען וואלט איך געווים געטאהן דיזעס, נאר איך זאל דאס טאהן דארף איך זיך אומגליקליך מאכען, ניעמאנד וועט גלויבען דאס אייגער זאל זיך קאנען שטעלען אזוי גוט פאר א אנדערין דאס מען זאל ניט ערקאנען, אונ ווען איך זאל זאגען דאס איך האב זיך זעלבסט פערשטעלט וויל איך בין זעהר שטארק ערהנליך צוא איהם, דאן מאך איך זיך אומגליקליך.

פינקעלשטיין האט איהם זעהר שטארק אן געפאנגען צוא בעטען, ער האט איהם אן געבאטען גאלדערנע בערג, ער האט איהם אויך איינגערעדט דאס קיין גראפע ביזעס וועט דאפאן ניט ארויס קומען, עס האט אבער גאר נישט געהאלפען, דען דיעבמאן האט זיך ניט סאגלאסעט. אבער דיא זאך וואס מען האט געפינט מען, פינקעלשטיין האט געפונען אהן דיעבמאנען אויך ווער עס זאל איהם נאך מאכען מאנעסואהנס האנדשריפט, ער האט אן געשריבען איין בריעף אין מאנעסואהנס נאמען, האט איהם אריין געלייגט אין זיין קאנווערט אונ האט איהם אוועק געשיקט צוא יהודיתן.

20

דאס פאלש נעמט דיא אבערהאנד.

יהודית איז געזעסען פארטראכט אין געדאנקען וועגען מאנעסואהנען, דיא

ליבע איהרע צוא איהם האט זיך שטארק ערוועקט אין דיזער צייט, זיא האט זיך שטארק בערייעט וואס זיא האט זיך מיט איהם אזוי שלעכט בעגאנגען, זיא איז אויף זיך זעלבסט געוועזן צארענדיג וויא האט זיא דאס געטאהן אזא דומהייט, ארויס געשיקט איהר גליק פון הויז, דען זייט ער האט אוועק געלאזען זייער הויז איז איהר געווארען פינסטער אין יעדער ווינקעל, זיא האט געשפיהרט וויא אן מאנעסזאהן קאן זיא ניט לעבען. א! זיא וואלט איהם בעטען אום פערצייהונג אויף איהר בעגעהן זיך מיט איהם שלעכט, וואלט איהם אויס דריקען איהרע איננערליכע געפיהלען דאס ער איז ביי איהר יעצט אויך געשעצט וויא איין ענגעל אונ ווען זיא וואלט זאגאר זעהן פון איהם מיט איהרע אויגען זעלבסט דיא גרעסטע מיסטהאטען וועט זיא ניכט גלויבען אונ וועט קלעהרען דאס פארבלענדעט מען איהר דיא אויגען דען ער איז ניכט פעהיג צוא טאהן אונרעכט! זיא האט זיך שוין געוואלט זעצען ביים שרייב טיש-און שרייבען איהם איין בריעף אונ בעטען איהם ווידער צוא ריק אריין טרעטען צוא זייא אין הויז. אין דעם האט מען איהר געבראכט אגאראדסקאיע בריעף, זיא גיט אקוק אויפען אדרעס: א! מאנעסזאהנס האנד-שריפט, זיא איז געווארען העכסט פריילוך געוויס בעט ער מיך אום פערצייהונג, געוויס שרייבט ער מיר אויס וויא שלעכט איהם איז זייט ער האט זיך פון מיר געשיידעט, ער פיהלט אוודאי אויך דאס זעלבע וואס איך פיהל! וויא אומגליקליך מיר זיינען דאס איין בייזער צופאל האט אונז געשיידעט.

אבער וויא פינסטער איז איהר געווארען אין דיא אויגען אז זיא האט אויף גיעפענט דעם בריעף אונ האט געלעזען אין איהם פאלגענדעס:

גינעדיגע פריילען יהודית!

איך זעה דאס איהר זינד צארענדיג אויף מיר האב איך געוואלט וויסען דיא אורזאכע דאפאן; איהר מיינט איך פרעג זיך נאך ווילע מיך פערדריסט זעהר וואס אייער ליבע איז אפגעוויכען פון מיר, דאס איהר ווילט זאגאר ניכט איך זאל זיין ביי אייך אין שטוב, ניין, דאס גאר ניכט, מיר זעלבסט איז געווארען איבער דריסיג צוא זיין ביי אייך אין הויז, לעבען ניט פרעהליכער וויא איך האב געלעבט אויף מיין איינזאמען קוואטיר, נאר אליין האב איך זיך ניט געוואלט ענטזאגען; יעצט ווען עס האט זיך געמאכט אזא צופאל בין איך זעהר קאנטעט; נאר אייער צארין געגען מיר ווייזט אז איהר האט אין מיר געפונען א גראססען פערברעכען בין איך גערנע צוא וויסען איהם דייטליך, טוהט מיר דיזעם מאהל מיין פערלאנג אונ אנטווארטעט מיר אויף דיזען בריעף; וויטער וועל איך אייך ניט בעאונרוהיגען זאגט דעם פאטער ער זאל מיר אפ שיקען פאר דעם מאנאט וואס מיר קומט.

פון מיר אייער געוועזענער פריינד מאנעסזאהן.

זיא האט דורך געלעזען דעם בריעף אונ איז געווארען אין דעם גרעסטע

וואטה״ א! פאדלער, אומזאנסט האב איך דיך פארטהיידיגט, אומזאנסט האב איך אפ געקלערט דאס דוא קאנסט ניט טאהן קיין אומרעכט, דוא ליעבסט מיך געווים! ערשט א, אזא איללויזיא! דיזער בריעף בעווייזט וויא פאלש דוא ביזט געוועזן געגען מיר אז אין דער צייט וואס דוא פלעגסט מיר אוים דריקקען דיינע ליעבע געפיהלען דאס דוא רעכינגסט זיך העכסט גליקליך ווען דוא ביסט מיט מיר צוא זאמען דאס אונזער הויז איז בייא דיר פאראדיז — איז דיר גאר נאך געוועזן לעסטיג צוא אונטערהאלטען זיך מיט מיר, אונ אונזער הויז האט דיר אוים געוויזען וויא איין געפענגניס! אבער ווער האט דיך געצוואונגען צוא פאר שטעלען זיך זא? שוין זע מעהר נישט וויא דיא הונדערט רובעל א מאנאט וואס דוא האבסט גענומען? א, עס קאן זיין אז מעהר ניט וויא דאס! דען אין דעם בריעף פערגעסט ער אויך ניט צוא דער מאנען וועגען געלד, אבוואהל עס קומט איהם גאר נישט. אוי, פראטיוונא! געלד שפילט בייא דיר דיא גאנצע ראללע, נא, באדיר געלד! זיא האט גערופען דעם לאקיי, האט איהם אוועק געגעבען הונדערט רובעל אונ האט איהם געזאגט דאס ער זאל זייא אוועק טראגען צוא מאנעסזאהנען אויף דיזען אדרעס, מיט דיזע ווערטער האט זיא צוא ריסען דעם בריעף אויף קליינע שטיקלעך.

21

האפענונגסלאז.

וויא יהודית האט מאנעסזאהנען פעריאגט, אונ ער איז נעבאך גענייט געוועזן אוועק צוא לאססען דאס הויז וואו זיין גאנצעס גליק איז, שטארבט זיין הארץ אין איהם. ער איז אוועק געגאנגען גלייך אויף זיין אלטען קוואטיר, ער וואר ניכט פערנומען אונ דער ווירטהע איז גאנץ געוועזן גערען דאס זיין אלטער שכן קעהרט זיך אום ווידער צוא איהם, ער האט בייא איהם זאגאר געפרעגט דיא אורזאכע דאפאן וואס ער לאזט אוועק גאלדענבלומס הויז אונ קערט זיך אום אויף זיין אלטע קוואטיר? נאר ער האט איהם גאר נישט געאנטווארטעט דארויף ער האט זיך אוועק געזעצט אויף א שטול אונ האט ארום געקוקט דאס צימער, ער האט איהם יעצט אוים געוויזען זעהר קליין אונ ארעם; ווען אמענש געוואהנט זיך צוא צוגוטעס פיהלט ער מעהר דאס שלעכטעס, מאנעסזאהן האט זיך שוין צו געוואהנט צוא גרויסע רייכע פערפוצטע צימערן האט איהם אויסגעוויזען יעצט זיין צימער — וואס אמאהל האט ער איהם גערעכינט פאר

א שיינעם וואהנונג – וויא איין פינסטערע העלע; דאצוא וואר איהם יעצט זעהר ענג, פאר דריקט דאס הארץ, פינסטער אין דיא אויגען, אונ ווען איינעם איז ניכט גוט דאכט זיך איהם אז עס איז פינסטער אויף דער גאנצער וועלט, א! זאגט ער, וויא גליקליך בין איך געוועזן אמאהל אין דיזעם צימער! וויא רוהיג איך האב דא געלעבט! איך האב געוואוסט דאס איך דארף געהן ביי טאג אין איניווערזיטעט אונ אויף מיינע אוראקעס, אונ ביי נאכט זיצען דא אונ שרייבען אדער לעזען, וויא פיעל גייסטליכע פערגעניגען האבען מיר פערשאפט דיא ביכער וואס איך פלעג לעזען, איך פלעג געפינען א נייע אידעע פלעגט זיא מיר אריין גיסען בוימעל אין אלע מיינע גלידער; וויא פיעל נחת איך פלעג האבען אז איך פלעג עטוואס אן שרייבען אונ פלעג איבער לעזען אונ געפינען דארטען עטוואס גוטעס, עטוואס וויכטיגעס, אונ יעצט א! איך בין פערקראכען אין דער גרויסער וועלט, איך האב זיך גיך אויף געהויבען, איך האב עררייכט אין מאנאטען וואס איין אנדערער וואלט דאס ניט עררייכען אין יאהרען; איין אנדערער וואלט רעכנען פאר א זכיה אז פריילין גאלדענבלום וואלט איהם זאגען א גוטען ווארט אונ מיך האט זיא אזוי געליעבט, דורך איהר בין איך געווארען בעקאנט אין דיא גרעסטע הייזער ווען זיא פלעגט קומען מיט מיר אירגענד וואו מיט אוויזיט פלעג איך האבען דיא גרעסטע עהרע אונ דיא רייכסטע ציוויליזירטע מענער אונ פרויען האבען מיט מיר זיך אונטער האלטען אזוי פריינדליך וויא מיט זייער גלייכען, אבער, א! דיא וועלט איז איין העללע אונ דיא מענשען זיינען מלאכי־חבלה, דיא גרויסע ספערע איז איין וויסטעניס אונ דיא מענשען זיינען טיגערען. עס האבען זיך שוין געפונען שלעכטע אויגען וואס האבען ניט געקאנט זעהן וויא אייגער איז גליקליך, האבען זייא געזוכט מיטלען אראפ ווארפען מיך פון מיין האבען גליק אונ זייא האט געלונגען. א! איך קאן ניט פערשטיין וואס פאר א אינטריגע מיא האט דא געמאכט צווישען אונז, צוא וואס האט מען מיך גערארפט פאר שפארען אונ נאכהער ארויס לאזען? וואס האבען זייא געקאנט אפ טאהן אין מיינעם נאמען אונ צייגען דאס פאר יהודית'ן אונ זיא זאל ווערין זא צארענדיג אויף מיר? א, איך צווייפעל ניט אין איר ליעבע צוא מיר ביז יעצט! דאס איז נישט געוועזן קיין אנשטעל, דאס איז געוועזן אריינע ענגלישע פייערדיגע ליעבע, נאר דיא פארליימדונג מוז זיין זא שטארק דאס אזא ברענענדיגע ליעבע זאל מען פערוואנדלען אין האסס! א, אומגליקליכער! אומגליקליכער!.. א! מערדער! מערדער! וואס האט איהר צוא מיר געהאט, וואס איהר רויבט ביי מיר אוועק מיין גליק, מיין לעבען! איך קאן ניט לעבען ווען איך זאל זיין פארליימדעט ביי יהודיתן אין דיא אויגען, א, איך וואלט בעסער געשטארבען דארטען אין מיין שרעקליכע פארשפארונג איידער לעבען אזא לעבען! אך, ווארום האט מען מיך ארויס געלאזען פון דארט? עס איז דאך ניט ווייט געוועזן מיר צוא שטארבען, נאך איין ביסכען אונ מיין זעעלע וואלט אום שוועבען יעצט אין איין אנדערע וועלט פאר דער, אין א וועלט

וואו עס איז ניט דא קיין פערליימדער קיין טיראן . א, איך וואלט חאטושע
וויסען וואס מיא האט פיר איהר אן גערעדט אויף מיר, פיללייכט וואלט איך
קאנען צייגען דאס איך בין ריין דאפאן ... איך וועל איהר אן שרייבען איין
בריעף בעטין זיא חאטושע דיא געפעליגקייט טאהן מיר אונ לאזען מיך
ערפאהרען דיא אורזאכע וואס האט איהר צארין אויף געבראכט געגען מיר זיא
וועט זיך ניט ענטזאגען דיזען איין וואונש מיינעם צוא ערפיהלען ... קאן דאס
זיין דאס ביא איהר האט זיך שוין פארלאשען דער לעצטער פונק פון איהר
ליעבע צוא מיר ?

ער האט זיך געזעצט ביים טיש אונ האט געבעטען מען זאל איהם געבען
טינט אונ פעדער אונ פאפיר , ער האט אן געשריבען דעם בריעף , וואס מיר
וויסען שוין פון איהם דעם אינהאלט , האט אויף איהם ארויף געקלעפט
אגאראדסקיע מארקע אונ האט איהם אריין געווארפען אין בריעף קאסטען וואס
וואר ניט וויט פון זיין קוואטיר , האט איהר געשריבען זיא זאל איהם
אנטווארטען אויף דיזען אדרעס , ער איז אויף זיין אלטען קוואטיר . אונגעדולט איז ער
אום געגאנגען דיא צייט זייט ער האט אוועק געשיקט דעם בריעף צוא יהודיתן ,
ער האט געציילט יעדער סעקונדע , ער האט געקלערט ניט אנדערש צוא האבען
איין אנטווארט פון איהר , עס איז אריבער אטאג אונ נאך איהם דער אנדערער
אין דיזען טאג האט ער געקלערט געוויס צוא ערהאלטען איין אנטווארט , ער
האט גערעכענט אז זיא וועט איהם אויך אנטווארטען דורך א גאראדסקאיע בריעף
האט ער ניט געווארט ביז דער פאטשטעליאן וועט צוא איהם קאמען א היים ער
איז געגאנגען אליין אויפין פאסט ; וויא ערשטוינט איז ער געווארען אז ער האט
באקומען איין אנטווארט דאס צוא איהם איז קיינע בריעף דא , ער איז געווארען
צארענדיג אויף זיך זעלבסט , אויף דער גאנצער וועלט , אבער מעהר וויא אויף
אלעמען אויף יהודיתן , ער געהט א היים מיט א צובראכענע הארץ , ער
קומט צוא צו זיין קוואטיר ער זעהט דאס גאלדענבלומס סטאראזש געהט
ארויס פון דעם הויז . עס האט איהם א קלאפ געמאהן אין הארצען , נאר
בעפאר ער האט געוואלט פרעגען איהם וועמען ער האט דא געדארפט , האט
ער איהם געזאגט דאס ער האט דא געבראכט איין בריעף צוא איהם , נאר
ער האט ניט געוווסט צוא זאל ער איהם לאזען צוא ניט ; ער האט איהם אפ
געגעבען דעם בריעף אונ איז פארט געגאנגען . מיט ציטטערנדע הענד האט
ער צוא גענומען דעם בריעף , אונ איז ראאש אריין אין זיין צימער עפענען
איהם , דאס הארץ האט איהם אן געהויבען צוא קלאפען זעהר שטארק , דער
קאפף האט איהם גערוישט , נאר וויא פער בליפט איז ער געווארען , אללעס
ער עפענט אויף דעם בריעף אונ געפינט אין איהם מעהר גאר נישט וויא
הונדערט רובל , ער איז געווארען פאר ברענט פון צארין , א, איך קאן ניט
אריבער טראגען דיא אוניזשעניע ! זאגט ער , ווייניג נאך וואס זיא האט מיר
גאר נישט געאנטווארטעט אויף מיין בריעף אוניזשייעט זיא מיך נאך אונ שיקט

מיר געלד ! גלייך וויא א הונד פאר ווארפט מען דיא אויגען מיט א ביין ׳ נאר ניט ביליג . ווער האט מיט איהר גערעדט וועגען געלד ? ווער דארף איהרע געלד נאך דעם אז זיא באגעהט זיך מיט מיר זא טיראניש ? ווען איך וואלט זאגאר געשטארבען פון הונגער , וואלט איך געהן צוא אנדערין בעטין א שטיקעל ברויט , נאר ביי איהר וואלט איך גאר נישט גענומען , דעמאלט איך שטארב נאך ניט פון הונגער , ער האט גענומען דיא הונדערט רובעל אונד האט א ווארף געטאהן אן דער ערד , האט זיך אן געלעגט אויף זיין בעטיל אונד האט זיך פערטראכט אין זעהר ניט פריילירע געדאנקען .

22

א פריינד פאר וועמען דאס הארץ אוים דערצייילען .

מאנעסזאהן זיצט אזוי פאר טראכטעטהייט אונ איהם ווא זעהר אומעדיג אויפין הארצען ; ער הייבט אויף דיא אויגען ער זעהט יעליזאבעטקע , יהודית׳ס שוועסטער געהט צוא איהם , פון דער צייט אן וואס מאנעסזאהן איז אריין צוא גאלדענבלומען אין הויז איז זיא צוא איהם זעהר שטארק צוא געבונדען געווארען , זיא האט איהם געליבט וויא א ברודער — וואס ליידער האט זיא ניט געהאט — אז איינער וואלט איהר זאגען זיא זאל זיך אפפערין פון מאנעסזאהנגען וועגען איהם זאל דער פון א טובה ארוים קומען , וואלט זיא עס געוויס מאהן . זיא האט געהאט גרוים הארץ־ווייטאג וואס יהודית האט זיך מיט איהם אזוי שלעכט בעגאנגען אונ האט איהם פערזאגט פון זייער הויז , זיא האט פארשטאנען אז דא מוז עפעס זיין א אינטריגע . וואס אונ ווען ? האט זיא ניט געוואוסט , זיא האט זיך איין מאהל פארנאנדער גערעדט מיט יהודיתן אונ איז מיט איהר אריין אין א געשפרעך , ביז זיא האט איהר אוים דערצייילט איהר גאנצעס הארץ . א ! וויא שלעכט מיט מאנעסזאהנגען איז ! — דענקט יעליזאבעטקע — ווען מען וואלט עפעס אן רייידען אויף איהם , וואלט זיא זאגען אז דאס איז נאר א בלבול , אבער יעצט אז יהודית זאגט דאס זיא זעלבסט האט אלעס געזעהן מיט איהרע אויגען , געהערט פון זיין מונד מיט איהרע אהרען , אונ נאך א פריבאווקע זיין בריעף וואס זיא האט פון איהם ערהאלטען ! וואס זאל זיא איהר זאגען ? דאס איהר האט זיך אוים געדוכט , דאס מיא האט זיא פארבלענדעט , אונ דער בריעף איז נאך געמאכט ? איין זאך האט זיא מעהר ניט געזאגט יהודיתן : איך קאן ניט אפ קלערין וואס

דא טוהט זיך, אבער דאס קאן איך לייגען מיין קאפף אז מאנעסזאהן איז ריין, אומשולדיג, אונ דיא צייט וועט אללעס ערוויייזען.

יעליזאבעטקע האט אפ געקלערט אריבער געהן צוא מאנעסזאהנען פיללייכט וועט זיא עטוואס ערפאהרען פון איהם פון וואס עס זאל זיך ארויס וויזען זיין אומשולדיגקייט.

זיא געהט אריין צוא איהם אין צימער. זיא זעהט דאס ער זיצט אן געלעהענטערהייט, דאס געזיכט זעהר בלאס, דיא אויגען שטארע, בייא איהר האט זיך צוא איהם גרויס מיטלייד ערוועקט.

—האטושע איינע האט זיך דער מאנט אן מיר, זאגט מאנעסזאהן וויא ער האט זיא דער זעהן, איך האב געמיינט אז דיא גאנצע וועלט זינד מיר פיינדע, קיינער וויל זיך גאר אן מיר ערהאנערען גלייך וויא איך וואלט וועמען בעזעס טאהן, איך האב זיך אויף דיר לאנג געריכט, האטושע פון דיר עטוואס ערפאהרען מיין אומגליק וואס האט מיך אזוי פאר האסט ביי יהודיתן דאס זיא וויל מיר זאגאר ניט אנטווארטען אויף מיין בריעף וואס איך האב איהר געשיקט.

—אונ ווען איהר וועט וויסען אין וואס יהודית בעשולדיגט אייך וועט איך בעסער זיין?

—מיר וועט אוודאי גרינגער ווערען אויפען הארצען, דען יעדער פערברעכער וויל וויסען זיין פערברעכען פאר וואס מען באשטראפט איהם, אונ ווידער קאן פיללייכט זיין אז איך וועל קאנען מיט עטוואס ערוויייזען אז דאס איז גאר א פערלייהונג.

—נוא קאן איך אייך זאגען אין וואס יהודית באשולדיגט אייך. זיא האט איהם איבער דער צייהלט אללעס וויא יהודית האט איהר דער צייהלט.

— א גאט! שיק אויף מיר דייגע פלאגען אונ פערניכטע מיך, א, אין זאלכע פאדלאסטען בעשולדיגט מען מיך! איך וועל דאס ניט אויס האלטען!...

אבער וואו האט זיא מיך געזעהען זעלבסט, אז איך בין גאר געוועזן דיא גאנצע פיר טעג פאר שפארט אין איין פירכטזאמען איין שפארונג? א, דאס איז גאר א צוא בונד, זיא האט געוואלט איין עגדע מאכען פון מיינע אויפטראגען מיט איהר האט זיא אויס געטראכט אויף מיר זאלכע נידערטרעכטיגקייטען, אזוי האב איך געקלערט אז יעמאנד האט איהר עטוואס אן גערעדט אויף מיר, אבער וואס זאל איך יעצט קלערין אז זיא אויטווערזשרייעט דאס זיא האט אליין פון מיר אללעס געזעהן? קאן איך איר זאגען ניין, דוא האסט ניט געזעהען עס האט זיך דיר אויס געדוכט? א, אומגליקליכער! אומגליקליכער!

—דאס קאן איך אייך זאגען אז אויס טראכטען אויף אייך בלבולים וועט זיא אוודאי ניט, אז איהר וואלט הערען מיט וואס פאר א הארץ זיא האט מיר עס דערצייהלט, וויא עס האבען זיך ביי איהר געגאסען טרערין פון דיא אויגען וואלט איהר אליין זאגען אז זיא איז געוויס ניט געוויין דאפון. איהר

וואלט אין זאך פיללייכט פערגעניגען האבען, זעהען אז איהר הארץ איז נאך ליעבע פאל צוא אייך .

—אַ , דיא רייד אייערע מרייכטען מיך זעהר , זיי היילען מיר א ביסעל מיינע וואונדען ; אבער וואס איז דיא פעולה אז איך בין ביי איהר אין אזא גראבטען פארדאכט , מיט וואס קאן איך זיך ריין מאכען פון אזא חשד ?

—פיללייכט קאנט איהר ערווייזען צייגנים אז איהר זייט געוועזען גאר פארשפארט דיא גאנצע צייט ?

—וויא קאן איך אזא זאך ערווייזען ? דיא וואס האבען מיך איין געשפארט האבען געוויס ניעמאנדען ענטדעקט דיזעס , אונ דאס וואר אפ געטאהן אין געהיימנים .

—איהר ווייסט מיין עצה וואס איך וואלט אייך געבען איהר זאלט איהר שרייבען א הייסען פארטהיידיגונגס בריעף ! אונ אויס גיבען אין איהם אייער גאנצע ביטערע הארץ ; איך קאן אייך זאגען געוויס אז זיא וועט צוא אייך ווערען וויא געוועזען אונ וועט אייך אויך אויף אללעס פערצייהען .

—אויף דיזעס בין איך אליין געפאלען . אבער ליידער האט זיא מיר זאגאר ניט געאנטווארטעט אויף מיין בריעה ; זיא האט מיר געשיקט הונדערט רובעל גלייך וויא זיא וואלט מיר דיא אויגען פארווארפען , אונ דאס האט מיך נאך מעהר באליידיגט , וויא וואס זיא האט מיר גאר נישט געאנטווארטעט .

—יענעם בריף אייערען האט איהר געשריבען פון הייץ , דען ער וואר זעהר טרוקען געשריבען . דער צוא נאך א ביסעל שטעכענדיג וואס זאל קאנען פאר שטארקען איהר פארדאכט אויף אייך דאס איהר ליעבט זיא ניט אונ איהר האט זיא ניעמאלס געליעבט , אונ דיא הונדערט רובעל האט איהר דאך אליין געבעטען , איהר האט געשריבען דאס אייך קומט פאר א מאנאט .

—וואס רעדסט דוא ! יענעם בריעף האב איך געשריבען צוא טרוקען ? מיר דאכט אז זיא וואלט געוועזען א שטיין וואלט זיא אויך דארפען צוא געהן פון מיין בריעף , ווער רעדט וועגען געלד האב איך גאר ניט אן געהויבען צוא דער מאנען , מיר קומט גאר ניט קיין געלד , אונ בעטען לייהען אדער שענקען וואלט איך בעסער ביי א אנדערן וויא ביי איהר .

—פערצייהט מיר מאנעסזאהן אז איך וועל אייך זאגען דאס איהר זייט דאן אזוי געוועזען אין הייץ אז איהר געדיינקט גאר ניט יעצט וואס איהר האט געשריבען , איך האב אליין געזעהן דעם בריעף קאן איך אייך זאגען אז עס איז גאנץ גענוג פון איהר אז ביי איהר זאל נאך זיין א פונק פון ליעבע צוא אייך נאך אזא בריעף , וועגען דיא הונדערט רובעל האב איך אויך אליין געלעזען , גאר וועגען דעם איז קיין רייד .

—דא הויבט זיך אן ווייטער וויא מיט יהודיתן , זיא זאגט דאס זיא האט מיך אליין געזעהן ביי מאטוויעוון אין גאסט-הויז וועהרענד איך בין גאר געוועזען פאר שפארט אנדערש וואו , אונ דוא זאגסט אז דוא האסט אליין

געלעזען מיין בריעף ווען איך האב גאר אזא בריעף ניט געשריבען אונ וועגען געלד א וודאי ניט דער מאנט ; אז דוא ווילסט קאן איך דיר וויזען דיא צשארנע פון מיין בריעף וואס איך האב איהר געשיקט ?

—מאנעסזאהן האט ארויס גענומען דיא צשארנאוואע פון דעם בריעף אונ האט איהר געצייגט יעליזאבעטען .

—אך , זאגט יעליזאבעטע איבער לעזענדיג דעם בריעף , אז יהודית וואלט דורך געלעזען דעם בריעף וואלט זיא געווים מיט אייך ווערען וויא געוועזען ; אונ ווען זיא וואלט זאגאר זעהן אייך אין דעם גרעסטען פערברעכען וואלט זיא אייך פערציהען . שאדע אבער דאס דער בריעף וואס יהודית האט ערהאלטען אונ וואס איך האב איהם אויך געלעזען איז גאר אנדערש , אויב איהר ווילט קאן איך אייך זאגען ווארט אין ווארט וואס אין איהם איז געשריבען .

זיא האט איהם איבער געזאגט וואס אין יענעם בריעף איז געשטאנען .

—אָ , אויב אזא בריעף איז אן געקומען צוא יהודיתן פון מיין נאמען וועגען איז קיין וואונדער וואס זיא וואר אויף מיר העכסט צארינדיג . אבער דוא זאגסט אז דיא האנד־שריפט וואר גלייך וויא מיינע ?

—אלעס איינס גלייך , איך זאג אייך גאר אין גאנצען אייער האנד . מער ניט ווייל איך גלויב אייך וואס איהר זאגט אז איהר האט אזוי איין בריעף ניעמאלס געשריבען צוא יהודיתן , אזוי וואלט איך נאך יעצט זאגען אז דאס איז אייער האנד ?

—אזוי ריכטיג נאך צוא מאכען מיין האנדשריפט ?

—יא זעהר ריכטיג ; נאר איהר ווייסט וואס מיר איז ארויף יעצט אויפין זינען ? ווען עס קאן זיין אז דער בריעף וואס איך האב געמיינט אז ער איז אייערער איז א נאך געמאכטער קאן אויך זיין אז דער מענש וואס יהודית האט געמיינט אויף איהם געווים אז דאס זייט איהר — איז א פאר־שטעלטער א פארמאסקירטער .

—יא , אזוי מוז עס זיין ; איינער האט זיך פאר מאסקירט אין אזא מאסקע וואס זאל האבען מיין אן בליק , אדער יענער וואס האט געוואלט פערהאסען מיך ביי יהודיתן אין דיא אויגען האט געפונען אזא מענשען וואס איז אהנליך צוא מיר , איך אליין האב באמערקט דא היא אזא מענשען וואס איז שטארק פאהאזשע אויף מיר , דער מענש זעלבסט וואס איז געקומען בעפרייען מיך פון מיין איינשפארונג האט גאר מיין אנבליק .

—ווען איהר זאגט אז דער מענש וואס האט אייך בעפרייט איז גאר פאהאזשע אויף אייך , איז קיין צווייפעל ניט דאס ער זעלבסט האט זיך פערשטעלט פאר אייך אבער וואס קלעהרט איהר יעצט צוא טאהן ?

—איך ווייס אליין ניט וואס צוא טאהן .

—איך וואלט אייך געבען איין עצה איהר זאלט איהר אן שרייבען איין

גוטען בריעף , אונ איהר זאלט אויס שרייבען איר אללעס וואס איהר קלערט וועגען דער אינטריגע אונ איהר זאלט איר שיקען דורך מיר ; מיר דאכט אז איהר וואלט מיט דעם אויס פיהרען אייער ווונש .

—מיא דארף זיך פרובירען , אנווערין וועל איך דאך גאר נישט . ער האט זיך אוועק געזעצט האט אן געשריבען איין בריעף אונ האט אוועק געגעבען יעליזאבעטקען .

—גיב גאט ווידער זעהען זיך ביי אונז ! זאגט יעליזאבעטקע, אונ האט גענומען אפשייד אונ איז פארט געגאנגען .

23

אללעם ווייניג .

עס וואר אויף מארגען נאך דעם אז יהודית האט דורך געלעזען מאנעסזאהנס בריעף , וועלכען יעליזאבעטקע האט איהר אפ געגעבען — דער בריעף האט געמאכט איין איינדרוק אויף יהודיתן אונ ביי איהר איז רעכט געווארען דאס עס קאן זיין אז א אנדערער האט זיך פארשטעלט פאר מאנעסזאהנען , אונ דער בריעף וואס זיא האט ערהאלטען דורך ראסט איז א נאך געמאכטער , איהר איז ארויף אויפין זינען , פיללייכט טהוט דאס אללעס פינקעלשטיין , אום צוא פערהאססען מאנעסזאהנס נאמען ביי איהר אין דיא אויגען , אין דיזע געדאנקען איז אריין געקומען פינקעלשטיין מיט א וויזיט צוא גאלדענבלומען . זיא האט מיט איהם גאר ניט גערעדט . דיא גאנצע פאמיליע זיינד געזעססען הערום טיש אונ האבען געגעסען מיטאג . צום אנפאנג האט אן געהויבען פינקעלשטיין געוועהנליך נאך פרעגען יהודיתן וואס זיא מאכט , וואס זיא איז נאך אללעס אונמוטהיג . האט זיא איהם געאנטווארט וויא מיט גיפט : איך בין אונמוטהיג אז איך קוק אויף דער וועלט וויא זיא איז וויא א וויסטעניש אונ דיא מענשען וויא טהיערע אז ווער עס איז שטארקער פאר דעם אנדערן פערצעהרט ער איהם , אדער וויא פישע אין מעער אז דאס גראססערע שלינגט איין דאס קלענערע .

—דיזער אנטווארט האט איהם ניט גאר גוט געשמעקט . ער האט א קוק געטאהן אויף איהרע אויגען אונ האט באמערקט דאס זיי קוקען אויף איהם מיט האסס . האט ער זיך ניט ענטוואגט צוא רייזען מיט איהר ווייטער .

—יהודית איז אוועק אין איהר צימער , פינקעלשטיין איז געזעסען

א שטונדע צייט האט פארבראכט מיט גאלדענבלומען אין פאר שיעדענע געשפרעכע, וועגען נייאיגקייט איבעראלל אונ וועגען געשעפט איבער הויפט, אונ איז פארט געגאנגען.

— אז ער איז ארויס פון הויז קלערט ער: עפעס יהודית איז מיר געוועזן צוא פיעל אין בעם היינט, וואס קאן דאס באדייטען? דער אנטווארט איהרער געפעלט מיר גאר ניט. קאן דאס זיין, אז זיא האט עטוואס דער גאנגען וואס איך האב פאר פיהרט מיט מאנעסזאהנען? ... ניין, דאס איז וויט צוא קלערען, דען פון וואנען זאל זיא עס דערגעהן? אבער דאס הארץ זאגט מיר אז זיא איז איצטער בעסער צוא מאנעסזאהנען וויא געוועזן, דען ווען זיא איז אויף איהם בייז. איז זיא צוא מיר פריינדליכער, אונ אזוי צארענדיג וויא זיא האט היינט אויף מיר געקוקט האב איך זיא נאך ניעמאלס באמערקט. נאר וואס עס וועט זיין דאס זאל שוין זיין, אונ פון יהודיתס ליעבע צוא מאנעסזאהנען וועט גאר ניעשט ווערען, סיידען אז איך וועל ניט לעבען אויף דער וועלט. דיזעס מאהל וועל איך זיך פרובירען נאך א מאהל צוא פאר האססען איהם ביי איהר אין דיא אויגען, אויך ביי גאלדענבלומען אליין, ער זאל אויך וויכען פון דיזעס אין וואס איך וועל איהם באשולדיגען; דאס וועט זיין א דריטער מיטעל. אונ ווען דיזעס וועט ניט העלפען, אונ זיא וועט איהם נאך אללעס ליעבען, דאן וועל איך אן הייבען צוא זוכען אנדערע מיטלען שטרענגערע וויא יענע, דאס ווען זיא זאל איהם זאגאר וועלען ליעבען וועט זיא ניט האבען וועמען... מארגען פריה גיה איך אריבער צוא פאלשמאנען וואס האט מיר נאך געמאכט מאנעסזאהנס בריעף, ער איז א מענש וואס מען קאן מיט איהם פיהרען א אינטערעס, ניט אזוי וויא דיעבמאן וואס איז געווארען מיט א מאהל א בעל־תשובה, איך וועל איהם בעטען ער זאל אוועק פאהרען אדער ער זאל אוועק שיקען וועמען פון זיינע לייט אין גראדמטייוועל וואו מאנעסזאהנס פאטער וואהנט, אונ זאל פון דארטען שרייבען א בריעף אויף גאלדענבלומס נאמען, גאלדענבלום וועט איהם עפענען, אונ וועט געפינען א בריעף צוא מאנעסזאהנען, וויא איינע א פארפיהרטע מעדכען פאדערט ביי איהם א אנטווארט ווארום איז ער געווארען צוא איהר זא קאלט אין דער לעצטער צייט, וויא שטארק אונ וויא ברענענדיג זיין ליעבע איז געוועזן א מאהל צוא איהר, ער פלעגט איהר שיקען אפטע געלד אונ האט איהר פארשפראכען א גליקליכע צוקונפט. אונ יעצט ערהאלט זיא ניט זאגאר קיין בריעף פון איהם. אויסער וואס ער האט איהר אויף געהערט צוא שיקען געלד אין אנא צייט...

אויך זאל פאלשמאן אן שרייבען פיעל בריעף וויא זיא האט איהם געשיקט אונטער דער צייט וואס ער איז אוועק געפאהרען פון גראדמטייוועל, אונ זאל נאך מאכען צשערנאוועס אונ קאפיעס פון בריעף וויא ער פלעגט איהר אנטווארטען. מאכען דאס צוא זאמען אין באנד אונ אריין לייגען אין א פאפיר טאש וואס מיט גאלדענע בוכשטאבען זאל זיין אן געשריבען אויף

איהם מאנעסזאהנס נאמען, און איך וועל דאס אוועק געבען גאלדענבלומס הויזמאד זיא זאל זאגען אז דאס האט זיא געפונען אין מאנעסזאהנס צימער. וויא עס ווייסט דער שכל איז דאס גאנץ גענוג צוא דיא צוויי פאריגע פערדאכטען. (וואס קיין רעכטע צייגניס וואס זאלען וויזען דאס מאנעסזאהן האט געוויס קיין חטא, האט זיא דאך ניט) צוא פערשטארקען איהם ביי גאלדענבלומען און יהודיתן אין דיא אויגען, און ווען דיזעס וועט אויך ניט העלפען, זא וועל איך מוזען נעמען שטארקערע מיטלען וואס זאלען פארגאנגער רייסען דיא צוויא פערליעבטע, ווען זייא וועלען זיין זאגאר צונויף געבונדען מיט אייזערנע קייטען...

24

ווייטער שלעכט.

דריי טאג פאר איהר געבורטסטאג איז יהודית געוועזן זייער פרייהליך, זיא האט אפ געקלערט ניט אנדערש איין לאדען מאנעסזאהנען אויף איהרע אימענינעס זיא האט געהאט דעם גרעסטען פערגעניגען פארשטעלען זיך אז אין א גיכער צייט הערום וועט זיא ווייטער זעהען זיך מיט מאנעסזאהנען. וואס זיא האט איהם שוין לאנג געזעהן. מיט א מאהל קומט אריין איהר פאטער צוא איהר אין צימער און צייגט איהר א בריעף וואס ער האט נאר וואס ערהאלטען. אין דיזען בריעף איז געשטאנען פאלגענדעס:

ליעבער טהייערער מאנעסזאהן!

דוא ווייסט, דאכט זיך, אז איך ליעב דיך זעהר שטארק. דוא ביזט מיין זעעלע, מיין נשמה, אן דיר קאן איך ניט לעבען! דוא זעלבסט האסט מיך איבער צייגט אז דוא ליעבסט מיך אויך, בעת דוא ביזט געוועזן ביי דיינע עלטערין, און פון דאן אן מיט דיינע טהייערע בריעף, א, דיינע בריעף זיינען מיר געוועזן גלייך וויא איך וואלט מיט דיר רעדען פערזאנליך, זייא האבען מיך געמרייסט אויף דעם צער וואס איך קאן זיך מיט דיר ניט זעהן.

מיט זיבען מאנאטען צוריק אז איך בין געוועזן אין יעקעוו. איך בין געוועזן מעהר ניט וויא צוא ליעב דיר, איך האב זיך געוואלט זעהער שטארק מיט דיר זעהן). האב איך ערפאהרען אז דיין ליעבע צוא מיר האט זיך נאך ניט פערלאשען, דוא האסט מיר פערשפראכען אז נאך דיין שטודיום וועלען מיר הייראטען! איך בין אוועק געפאהרען העכסט צוא פריעדען זעהענדיג דאס

מיין גליק פארשטארקט זיך אללעס מעהר , איך וואר צוא געבונדען צוא דיר מיט מיינע גאנצע געפיהלען , איך פלעג אוים קוסען יעדעס ווארט פון דיינע בריעף וואס איך פלעג ערהאלטען פון דיר , מיין גליק איז געווארען נאך גרעסער , אז איך האב אן געהויבען צוא שפיהרען אז אונזער ליעבע וועט זיך אין גיכע צייטען פאר שטארקען נאך מעהר . . . איך וועל דיך צוא בינדען צוא זיך מיט איין פעסטען בונד . . . וואס איהם איז שווער צוא פארנאנדער רייסען , איך האב זיך אן געהויבען זעהער שטארק צוא פרייען אז איך וועל האבען א גוטע ליעבעס ערדעקונג ביז איך וועל זיך קאנען שטענדיג זעהן מיט דיר . . .

מיט פריידען האב איך גענומען דיא פעדער אין האנד בענאכריכטען דיר פון דיזע נייעס אויף וואס איך האב געקלערט איין הייסען בריעף פיר אנטווארט צוא באקומען . נאר א , וואס פאר א איללוזיא ! איך האב פון דיר דיזעס מאהל קיין אנטווארט ערהאלטען , עס האט מיר זעהר באנג געטאהן דיין שווייגען . יעצט איז שוין פאריבער צוויי מאנאטהען זייט איך שיק דיר אפט בריעף אונ דוא אנטווארטעסט מיר גאר נישט ; דיא צייט פערפליסט גיך אונ ווייטער וויטער ווער איך נעהענטער צוא דעם מאמענט וואס איך האב זיך פאר געשטעלט דאן זאל ווערען מיין גאנצעס גליק פאר פול . . . א , מיין פריינד ווערט פארוואנדעלט אין גראססע קומער אז איך באקלער זיך דיא אורזאכע פון דיין שווייגען , גראדע פון דער צייט אן זייט איך האב דיך געלאזען ערפאהרען מיין פארגעשטעלטען גליק , גלייך וויא דיא נאכריכט האט אפ געקיהלט דיין ליעבע צוא מיר , א , מאנעסזאהן ! באקלעהר זיך אין וואס פאר א פאלאזשעניע איך האלט איצט ווען פון דיין ליעבע צוא מיר זאל זיך גאר נישט אויסלאזען . איך גלויב ניט דוא זאלסט זיך באגעהן מיט מיר , וויא פיעל פון איצטיגע יונגע מענשען וואס פאר פיהרען אומשולדיגע אונ מאכען זיי אומגליקליך . . . א , מאנעסזאהן ! באגעה זיך וויא א מענש מיט א האראקטער דארף זיך באגעהן אונ לאז מיך ניט אין גרעסטען אומגליק . . . איך פערהאף צוא באקומען איין אנטווארט פון דיר אויף דיזען בריעף .

פון מיר דיין עוויג ליבענדע דיך זעלדע קרופעניין

נוא , וואס זאגסט דוא אויף דיזען בריעף ? זאגט איזידאר צוא יהודיתן .

—וואס זאל איך זאגען ? אנטווארטעטע יהודית אין דיא גרעסטע הערצענסליידען — איך וויים אליין ניט וואס צוא זאגען ; צוא איך בין דיא גרעסטע אונגליקליכסטע אין דער וועלט , אדער איינער פראדאלזשאעט נאך , דיין פינסטערע קאמעדיע מיט מיר ?

—וויא הייסט קאמעדיע ?

—איך גלויב דאס עס קאן זיין אז דאס איז עפעס נאך א בלבול אויף מאנעסזאהנען אונ ער איז דאפון אויך ריין .

—וואס באדייטען דיא ווערטער נאך א בלבול , דוא האסט זיך דען איבער צייגט אז דאס וואס דוא האסט מיר דער צײלט פון איהם ביז יעצט איז אלעס

ליגען. וויא אזוי האסט דוא דאס דער גאנגען?

—פון מאנעסזאהנס בריעף וואס איך האב ערהאלטען, הערסט דוא פאפא, אז דוא וואלסט לעזען דעם בריעף. וואלסט דוא אויך געשטעהן אז ער ליידעט אומזינסט.

—איך אטריציע ניט דאס עס קען זיין אז ער איז אין אלעם אומשולדיג, אבער מיין קינד, עס איז שווער צוא פארלאזען זיך אויף אזא זאך וואס אן איהם איז אפהענגיג דיינע גאנצע צוקונפט, אויף וואס מען קלערט „פיללייכט", „טאמער", „אפשר", ווערהרענד קיין פאקטען וואס זאלען ציגען זיינע אומשולדיגקייט איז איינער ניט דא.

וויא זיי ריידען אזוי, געהט אריין די הויז־מאד און זאגט: פערצייהעט מיר דאס פיללייכט שטער איך אייך אייער געשפרעך. איך האב געפונען אין מאנעזאהנס ציממער דיזען פאקעט ארוים פאלענדיג פון זיין שרייב־טיש, וויל איך איהם אייך אפ געבען, פיללייכט איז דאס זעהער א נעטהיגע זאך.

—גאלדענבלום האט צוא גענומען דעם פאקעט און פרעגט יהודיתן, צוא עפענען איהם און איבער לעזען די פאפירען וועלכע זינד דא?

—אזוי וואלט איך דאס ניט געטאהן לעזען דעם צווייטענס פאפירען, נאר יעצט וויל דא געהט פאר ביי אונז גאנצע אינטריגעס וואס מאכען אונז אונזעהענדיג, מיר זאלען אליין ניט וויסען וואו מיר האלטען אין דער וועלט, דארף מען איבער זעהן די פאפירען, פיללייכט וועלען מיר אין זיי עטוואס געפינען, צוא גוטעס צוא שלעכטעס, וואס זאל אונז ארוים פיהרען פון אונזער צווייפעל.

זיי האבען אויף געעפענט דעם פאפיר טאש, האבען ארויס גענומען אללע פאפירען פון איהם און האבען זיי גענומען לעזען. א שטארקער פיבער איז יהודיתן איבער געגאנגען דורך אללע ביינער, דאס ווארען אללע בריעף וואס מאנעסזאהנס א פערליעבטע פון גראדסטיוועל האט צוא איהם געשריבען, אונטער דעססען אויך קאפיעס וואס מאנעסזאהן זעלבסט פלעגט איהר אנטווארטען, א, האט זיא אויס געשריהען: פערשווונדען מיינע זיסע טרוימען צערשמעטערט מיינע האפנונגען, יעצט צווייפעל איך שוין ניט דאס איך בין אומגליקליך!

—דוא ביסט גאר ניט אומגליקליך. זאגט איזידאר, זאנדערן דוא ביסט גאנץ גליקליך וואס דער צופאל האט אונז אונזער אירטהום באוויזען. גאט וויים וואס פיר איין ענדע עס וואלט ארויס קומען פון דער קאמעדיע אז מיר וואלטען זיך ניט צוא עפעס געחאפט, די קאמעדיע וואלט זיך פיללייכט פארוואנדלען גאר אין א טראגעדיע.

זיי האבען דורך געלעזען אללע בריעף פון אנפאנג ביז לעצט און זייערע שלעכטע מיינונגען וועגען מאנעסזאהנען זינד געווארען שטארקער, זיי האבען שוין יעצט גאר ניט געצווייפעלט אין זיין פאלשקייט.

יהודיתן איז געווארען זעהר ניט גוט, זיא איז געפאלען אין אונמאכט,

גאלדענבלום האט זיא קוים ערמינטערט אונ האט זיא אפ געפירט אין איהר ציממער אונ א שטארקער זיפץ איז ארויס פון זיינעם הארצען . א , גאטט ! וואס האסט דוא צוא אונז , וואס דוא פלאנסט אונז אהנע ערבארמונג . א , ארמעס קינד ! דוא ליידעסט זעהר פיעל , אבער איך קאן דיר גאר ניט העלפען !

25

א פארפינסטערטע שמחה .

וויא מיר האבען געזעהען האט פינקעלשטיינס פלאן דער לעצטער געווירקט. ביי גאלדענבלומען מיט יהודיתן איז קיין צווייפעל געוועזן דאס מאנעסזאהן איז א פאלשער מענש אונ האט מיט זיי געשפיעלט א פאלשע ראליע. איזודאר זעלבסט איז געוועזן קאנטעט וואס זיי האבען זיך פריה געכאפט אונ האבען געעפענט דיא אויגען זעהן וויא איינער שפאט פון זיי , אונ האט זיי פארבלענדעט מיט זיינע פאלשע רייד , ער האט מעהר ניט געהאט גרויס הארצווייטאג וואס זיא איז זעהר ראסטראעט , זיא ליידעט אונ איהר גייט קיין זאך ניט איין ; עס העלפט גאר ניכט זיא צוא ערמונטערן . זיא האט געוואלט ניט פייערן דיזעס מאהל איהר געבורטסטאג , נאר ער האט איהר קוים איינגערעדט דאס זיא זאל עס ניט טאהן , וועהרענד ביי איהם איז דיזער פייערטאג איהרער זעהר טהייער אונ ער פייערט איהם אללע יאהר מיט גרויס פראכט אונ צערעמאניע .

זיא האט איין געוויליגט אויף דיזעס , מעהר ניט צוא ליעב דעם פאטער וואס זיא האט איהם ניט געוואלט ליידען פערשאפען , איהר זעלבסט איז גאר אין קאפף ניט געלעגען פייערטאגען , דען ביי איהר וואר גראססע וואונדען אויפין הארצען . אונ וואס דער פאטער האט ניט איין געווענדעט אללע זיינע קרעפטען טרייסטען זיא , האט גאר נישט געהאלפען ; אויף זיינע טרייסט רייד וואס ער פלעגט מיט איהר ריידען האט זיא איהם גאר נישט געאנטווארטעט .

דער פייערן איהרעס געבורטסטאגס איז געגאנגען מיט דער זעלביגער צערעמאניע וויא אללע יאהר מיט איין פערענדערונג מעהר ניט , דאס אללע מאהל וואר יהודית פריילעך , אונ יעצט וואר זיא זעהר אונמוטהיג , קוקענדיג אויף יהודיתן האבען אללע יונגע מענשען אן געווארען זייער לוסטיגקייט , נאר איין מענש וואר פריילעך , דיזער וואר פינקעלשטיין , אין געגענטהייל יהודית'ס אונמוטהיגקייט האט איהם איינע נייע זעעלע אריין געזעצט , ער האט פארשטאנען

פון דעם דאס זיין לעצטעס קול האט געטראפען אין ציעל...

יעליזאבעטקען איז געוועזען וואונדערבאר וואס יהודית האט ניט איין געלאדען מאנעטזאהנען אויף איהרע אימעניגעס, וויא זיא האט איהר געזאגט פריהער. אויף מארגען אז זיא האט גערעדט מיט יהודיתן וועגען דעם. האט זיא איהר ווייטער אוים דערצייהלט איהר ביטערס הארץ, וויא ניט לאנג געוועריג איז געוועזען איהרע פריידען, זיא האט איהר אויך געוויזען דעם בריעף וואס איז אן געקומען אויף מאנעטזאהנס נאמען, אויך אללע בריעף וואס דיא הויז-מאד האט געפונען אין מאנעטזאהנס צימער, יעצט זאגט זיא, איז שוין ביי מיר קיין ספק אז מאנעטזאהן איז פאלשער מענש.

—יא, זאגט יעליזאבעטקע, איך האב שוין אויך אן געווארען מיין אמונה אין איהם, איך פירכטע שוין אז פיללייכט איז ער פון דיא מענשען וואס קאנען פארבלענדען דיא אויגען אונ גוט פארמאסקירען זיך. אין דיא רייד זייערע איז אריין דער פאטער מיט א בריעף אין האנד, איהם הארץ קוקענדיג אויף יהודית'ס געזיכט, וויא זיא זעהט [illegible] זיא איז. וויא דיא אויגען האבען אן געווארען זייער פייער, [illegible] איז פארשוואונדען געווארען. ניט דא קיין זאנפטער שמייכעל וואס פלעגט ניעמאהלס אראפ פון איהרע ליפען. גאטט וויים וואס דאס [illegible] פאר א בריעף, דענקטע ער; צוא אין איהם איז גיפט צוא [illegible]ווינפטען איהר נאך מעהר דאס לעבען אדער פיללייכט א גוטער מעדי[illegible] [illegible]לען איהרע פלאגען, אבער א, מיר גלויבט זיך שוין גאר ניכט עס זאל קאנען זיין [illegible] דער וועלט א זעלבע מיטלען וואס זאלען קאנען אריין זעמצען א נייע זעעלע אין מיין טאכטער?! ער האט איהר אפ געגעבען דעם בריעף אונ זאגט: איך האב נאר וואס ערהאלטען אויף דיין נאמען א בריעף פון [illegible].

—פון הלאטע מיר א בריעף? זיא האט איהם אויך געזיגעלט אין האט אן געפאנגען צוא לעזען:

גנעדיגע האכגעשעצטע פריילין!

ערשטען בעט איך אייך גנעדיגע פריילין, דאס איר זאלט זיך ניט ענטזאגען צוא לעזען דיזען בריעף מיינעם דען איהר וועט [illegible]ן איהם געפינען עטוואס וויכטיגעס פאר אייך, צווייטענס זאלט איהר מיר פערצייהען וואס איך ענטוואג זיך קומען צוא אייך מיט אזא לאנגען בריעף, אונ איך בין ניט ווערט זאגאר צוא ריידען מיט אייך צוויי ווערטער; איך בין א געוועזענער דיעב, א זשוליק! נאר איין זאך מאכט מיך שטאלץ דאס יעצט בין איך א ערליכער מאן, אונ דיזעס גיט מיר דרייסט צוא ריידען מיט אייך. אויך האף איך איהר וועט מיר פערצייהען, ווען איהר וועט זאגאר ערפאהרען פון מיין בריעף דיזען, דאס איך האב אייך פיעל שמערצען פעראורזאכט. ווען איהר וועט זיך איבער צייגען דאס ווען ניט איך וואלט דאס איין אנדערער אייך געטאהן! אונ דאן גאט וויים צוא איהר וואלט ווען בעפרייט ווערען פון

אייער צער. איהר האָט געוויס פֿיעל אַנגסט וואָס איהר האָט געזעהן נידער-טרעכטיגקייט פֿון איין מענשען וועלכען איהר האָט פֿילייכט געשעצט ווי איין ענגעל, זאָלט איהר וויסען אַז דער מענש וואָס איהר האָט איהם געזעהן ביי מאַטוויעוון אין גאַסט-הויז וואַר ניט מאַנעסזאָהן ווי איהר האָט געמיינט, זאָנדערן דאָס בין איך געוועזן. איך בין זעהר אָהנליך אויף איהם און ווען איך האָב זיך פֿאַרקליידעט דאַן בין איך געוועזן גאָר גלייך ווי ער. איהר ווערט געוויס פֿרעגען: וואָס האָב איך געהאַט צו דעם אומגליקליכען מענשען פֿאַרפֿינסטערין איהם אומזאָנסט זיין לעבין? און וואָס האָב איך געהאַט צו אייך וואָס דורך מיר האָט איהר זאָ פֿיעל שמערצען געהאַט? און ווערט אַוודאַי אין צאָרין זיין אויף מיר. אָבער איך בין אויף זיך מעהר צאָרענדיג געוועזן. נאָך מעהר אויף מיין שלעכטען שיקזאַל וואָס האָט מיר געבראַכט, דאָס מענשען וואָס האָבען מיר קיין בייזעס געטהאָן זאָלין פֿון מיר דיא גרעסטע אַנגסט פֿאַרטראָגען, אָ! מיין שרעקליכער שיקזאַל, ער האָט מיך צו אַללעס געצווינגען איך האָב פֿון קינדהייט אָן אָפּ געלעבט מיינע יאָהרען אין צרות, אין פּיין און אָרמוט, איך האָב זיך אַזוי פֿיעל געמוטשעט אַז איך האָב שוין פֿיעל מאָהל געוואָלט זיך זעלבסט ערמאָרדען. נאָר איך האָב עפּעס פֿורכט געהאַט פֿאַרין טויט, אַבוואָהל וואָס האָט אַן צו ווערען אַזאַ מענש ווי איך אויף דער וועלט? דורך אַ צו פֿאַל בין איך אַריין געפֿאַלען צו אַ חברה זשוליקעס. אויף דער וועלט בין איך געוואָרען אין כעס, דען דער מענש וואָס געפֿינט ניט קיין פֿאַרגעניגען פֿון דער וועלט ווערט צאָרענדיג אויף איהר, און קיין אַנדער ברירה האָב איך ניט געהאַט, בין איך געוואָרען אַ קעשעניק, איין זאַך האָב איך אָפּ געקלערט: אַז איך זאָל זעהן צו גנבענען ביי אַ זעלכען וואָס זאָל ניט אַזוי שטאַרק בעטרעפֿען דער היזיק, אַבוואָהל דאָס איז געוועזן זעהר שווער אויס צו פֿיהרען, איך האָב געהאַט צו זיך אַ חבר איין קאָנטראַסט פֿון מיר, נאָר איך פֿלעג איהם אין פֿיעל זאַכען אָפּ האַלטען, ער זאָל ניט טאָהן זאָ פֿיעל בייזעס ווי זיין האַרץ גלוסט איין מאָהל קומט צו אונז אַ מענש, ווער ער איז קאָן איך אייך ניט שרייבען, דען איך האָב איהם געשוואָרען אַז ווען מען ווערט מיך זאָגאַר אויפֿין גאַלגען היינגען זאָל איך אויך ניט ענדעקען זיין נאָמען, און ליינט אונז פֿאַר מיר זאָלען ביי איהם האָבען אַ פֿיינע מטבע און מיר זאָלען זיינעם אַ געגנער אָפּראַמען ער זאָל איהם ניט שטעהן אויפֿין וועג, ביי מיין קאַמעראַד איז שוין רעכט געוואָרען מאַכען מיט איהם איין ענדע אויף זיינע גאַנגען... נאָר איך האָב עס ניט דערלאָזען; איך האָב ערפֿאָהרען אַז דאָס וואַר נור אַ ליעבע אינטריגע. האָב איך איהם געגעבען אַ עצה, דאָס גלייכער ווי אומבריינגען אַ מענשען, וואָס צו איהם זעלבסט האָט ער גאָר נישט, ער וויל מעהר ניט ער זאָל איהם אין זיין ליעבע ניט שטעהרין, איז גלייכער מען זאָל מאַכען ער זאָל ווערען פֿאַר האַסט ביי דער פּערזאָן וועלכע ער ליעבט. איך האָב איהם ערקלערט ווי איך בין זעהר

אהנליך אויף איהם, ווען איך וועל זיך נאך א ביסעל אונטער פארבען אונ פאר קליידען זיך דאן ווער איך גאר גלייך וויא ער. איך וועל געהן צוא מטוויעוועץ איך וועל דארטען עטליכע טעג גולייען, איהם זאל מען דער ווייל פארשפארען אירגענד וואו, אונ מען זאל איין רעדען זיין פערליעבטע זיא זאל געהן זעהן וואס טוהט זיך מיט דעם מענשען אין וועלכען זיא האט זיך זא שטארק איין געגלויבט. איך האב פארשטאנען גאנץ גוט אז איך וועל פארשאפען פיל ליידען איהם אונ אייך, אבער ווען איך וואלט עס ניט טאהן וואלט ער געפינען א אנדער מיטעל א ערגערין מיט וואס אומגליקליך מאכען איהם, מיר איז גיך געוואָרען מיאוס מיין ביטערעס געשעפט אן טאהן ליידען אזעלכע מענשען וואס האבען מיר קיין בייזעס געטאהן, אין איך האב דעם געשעפט געווארפען, ביי מיר איז בעסער רעכט געווארען קלייבען טיבער וויל איך האב קיין אנדער געשעפט געהאט, אז איך בין שוין געווארען א טיבער קלייבער האב איך זיך אן געטראפען ווידער מיט מאנעסזאהנס געגנער, ער האט מיך געבעטען איך זאל איהם נאך מאכען א בריעף מיט מאנעסזאהנס האנדשריפט אונ אוועק שיקען צוא אייך, איך האב זיך ענטזאגט פון דיזער ארבייט, אבוואהל ער האט מיר געוואלט געבען פיעל געלד דאפיר, געוויס האט ער געקראגען א אנדערן זאל איהם עס נאך מאכען. יעצט אוי, איך האב געטאהן פיעל אומרעכט זייט איך בין פאר נויט אוועק אין א שלעכטען וועג אונ איך בערייע זיך אויף אלעס נאר מעהר פארדריסט מיך וואס איך האב אומזאנסט ליידען פארשאפט מאנעסזאהנען איך האב איהם ליעב באקומען וויא א ברודער אונ זיין ניט־גוט פערשאפט מיר שמערצען, איך האב אפ געקלערט צוא פאר ריכטען עס אונ אויך אוועק לאזען דיא שטאדט וואו איך האב זעלבסט פיעל געליטען אונ מענשען האבען פון מיר געליטען. איך האב זא געטאהן, איך בין אוועק געפארען אין בלאטע, אונ האב דארטען גראדע א שטעלע געקראגען! יעדע זאך געפינט מען ווען מען זוכט ניט, ווען איך האב אויס געזוכט גאנץ יעקעוו קריגען וואס עס איז פאר א ארבייט האב איך ניט געקראגען, אונ יעצט אז איך בין געפאהרען מער ניט צוא ליעב דעם ציעל איך זאל ניט זיין אין דער שטאדט וואו איך האב פיעל בייזעס געטאהן האבע איך גראדע געקראגען א שטעללע אונ ניט גאר קיין שלעכטע. יעצט גנעדיגע פריילין נאך דעם אז איך האב אלעס ענדעקט אייך אונ אויס דער צויילט מיין פערברעכען, בעט איך אייך ערבארמען זיך אויף איין מענשען, וואס זיין שלעכטער שיקזאל האט איהם אין דער העללע געפיהרט אונ פערצייהען איהם זיין פערברעכען געגען אייך, א, איך וועל זיין רוהיגער אז איך וועל וויסען תאטזשע איינע וועמען איך האב שלעכטס געטאהן פער־צייהעט מיר! אויך ביטען אום פערצייהונג מאנעסזאהנען פון מיינעטוועגען. איך וואלט איהם אליין געשריבען אונ איבער בעטען איהם, נאר איך וויים ניט זיין אדרעס.

ווען איהר וועט ערהאלטען שלעכטע בריעף פון מאנעסזאהנס וועגען

זאלט איהר וויסען אז זיא זינד נאך געמאכט. איהר זאלט זיין פארזיכטיג און זאגען אויך מאנעסזאהנען ער זאל זיך היטען, דען איין בייזער פיינד זוכט אייך שאהן שלעכטס.

פון מיר אייער קנעכט וואס איז ניט ווערט מיט אייך צוא ריידען...

יהודית מיט איהר פאטער האבען דורך געלעזען דעם בריעף און האבען זיך איינינע מינוטען אן געקוקט איינע דיא אנדערע ניט ריידענדיג א ווארט. נאך דעם רופט זיך אפ גאלדענבלום: פארט איז מאנעסזאהן דער גערעכטער, ער וואר ארדענטליך וויא מיר האבען איהם אללע מאהל גערעכינט מעהר נישט איין בייזער פיינד וויל פארשמוצען זיין נאמען און ארויף ווארפען אויף איהם שולדען וואס ער האט ניעמאלס געטאהן.

יהודית איז ארויף געפאלען דעם פאטער אויפין האלדז און איהרע אינגערליכע געפיהלען וואס האבען זיך ביי איהר ערוועקט הערענדיג דעם פאטערס ווערטער האט זיא אויס געדריקט אין א הייסען קוס.

א, זאגט זיא, ווען דער אמת פאנגט זיך אן ארויס צוא ווייזען זא האף איך אז עס וועט זיך שוין אלעס דער געהן. זיא איז געווארען פיעל פריילליכער און מינטערער, זיא פרעגט דעם פאטער:

—אבער ווער קלערסט דוא פאפא קאן זיין דער געגנער זיינער וואס זוכט אויף איהם בלבולים צוא מאכען?

—ווער האט דיר געזאגט דאן דאס מאנעסזאהן איז ביי מאטוויעוון?

—פינקעלשטיין.

—נוא, איז דאס געוויס ער, אהנע צווייפעל, אויף איהם קאן מען גלויבען.

26

פינקעלשטיינס ביאגראפיע.

בערנהארד פינקעלשטיין, אונזער געראי׳ס פאטער, איז פון דיא גרעסטע רייכסטע מענשען אין יעקעוו, פיהרט דיא גרעסטע פאדראדען און געשעפטען. ער האט א נאמען פאר זעהר א ארדענטליכען מאן. דאצוא נאך מיט זעהר א גוטען כאראקטער. וואס טוהט פיעל טובות לייטען און האט ליעב צוא העלפען דעם צווייטען ווען ער אין נאטה געפינט זיך; אין אללע וואלטהעטיגע אבשטעלטען איז ער א מיטגליד און אויסצייכנעט זיך מיט זיינע נדבות מעהר פון אלעמען, ער האט זאגאר א פיינעם נאמען ביי דיא פאנאטישע

לייט, אָבוואָהל ער פֿיהרט אַ פֿרייען לעבען אין זיין הויז, רעכענט זיך פֿון דיא הויפּט אַריסטאָקראַטישע הייזער. נאָר וויל ער קאָן אָפט מאָהל שיינקען אַ פֿיינע מתּנה אַ גוטען אידען, און מיט דער מיט קויפט ער אָפּ דיא חסידים דען זיי זאָגען דאָס ער פֿיהרט זיך פֿרייא וויל ער האָט אויפגעטראָגען מיט קריסטען. אָבער דאָס האַרץ איז בּיי איהם אַ אידעשע. בּיי קריסטען האָט ער אויך אַ גוטען נאָמען, זייא האַלטען איהם פֿאַר אַ מענשען בּיי וועמען עס שפּילט ניט קיין ראָליע דער גלויבּען און בּיי איהם איז גלייך אַ איד וויא אַ קריסט; מיט איינינע קריסטען האָט ער געטאָהן טובות און זיי דיענען איהם מיט לייב און לעבען, אין קריסטליכע וואָהלטהעטיגע געזעלשאַפטען שענקט ער אָפט אַ גאַנץ פֿיינע נדבה. ווער רעדט מיט צשינאָווניקעס מיט פּאָליציי איז ער גאָר אַ ברודער און זיין וואָרט איז בּיי זיי קודש קדשים. פֿון וואַנען ער וואַקסט און דער סדר היחוס זיינעם ווייס קיינער ניט, מען ווייס מעהר ניט אַז ער איז אָן געקומען אין יעקעוו מיט פֿיעל געלד אונטער דעם נאָמען פֿון אַ פּאָדראַדצשיק. מיר וועלען בּאַקאַנט מאַכען דיא לעזער פֿון וואַנען ער קומט אַרויס און וואָס ער איז פֿאַר אַ מענש אַקוראַט.

זיין פֿאָטער וואַר גאָר פֿראַסט איין פֿוהרמאַן אין דער אידעשער שטאָדט בּילהאָם. איין פֿוהרמאַן איז אַפּילו גאָר ניט קיין שאַנדע, דען ער פֿאַרדינט אויך כּשר זיין ברויט ווען ער איז נאָר אַ ערליכער מאַנן, ער וואַר אָבער דאַצוּא אַ גנב און אַ גוטער גנב אַללע חברה לייט האָבען זיך בּיי איהם געלערנט און עצות געהאַלטען און האָבען איהם גערופֿען רבּי, בּיי איהם פֿלעגען זיי זיך מאַכען סאָבּראַניעס און ער פֿלעגט יעדערין לעהרנען וויא ער זאָל זיך בּאַגייהן אין זיין אַרבּייט, אויך פֿלעגען זיי בּיי איהם בּעהאַלטען זייערע גנבות און ער האָט געהאַט איין זיכערין אָרט פֿאַר זיי! ער האָט געוואָהנט הינטערין שטאָדט אין אַ קליינעם הויז און אונטערין הויז וואַר אַ גרויסער קעלער וואָס דעם אַריין גאַנג אין איהם האָט קיינער ניט געקאָנט בּאַמערקין, דער גאַנצער אויסבּריינגער פֿון דיא גנבות איז אויך געוועזן יעקעל צילקעס דער פֿוהרמאַן (אַזוי האָט געהייסען בּערנהאַרד פּינקעלשטיינס פֿאָטער) ער פֿלעגט דאָס אַוועק פֿיהרען אין אַ פֿרעמדער שטאָדט, און פֿלעגט קריגען גאַנץ גוטע בּעלנים אויף דעם, אויך אויף פֿאַר שידענע ירידים פֿלעגט ער געפֿינען קויפֿלייטע וואָס פֿלעגען בּיי איהם קויפֿען גאַנץ גיך זיין סחורה וויל ער פֿלעגט אַוועק געבּען זעהר בּיליג, דען איהם האָט געלוינט אָפט מאָהל פֿלעגט ער געפֿינען סוחרים אין בּילהאָם זעלבּסט, אַזוי האָט ער זיך געלעבּט פֿיעל יאָהרען און האָט אָן געקליבּען אַ סך געלד פֿון זיין טהייערען געשעפֿט, און ניעמאַנד האָט געוואוסט אַקוראַט וואָס ער איז פֿאַר אַ מענש; מען האָט איהם געהאַלטען פֿאַר אַ פּראָסטען יודען, אַ פֿוהרמאַן, אָבער פֿאַר אַ פֿרומען יודען; ער פֿלעגט קומען גאַנץ פֿריה אין שול און פֿלעגט דאַווענען ויתיקין. און אָפט מאָהל פֿלעגט ער זיך נאָך אויס זיינען אין דאַווענען אויך; נאָכין דאַווענען פֿלעגט ער אָפּ זאָגען אַ יום תהלים

אויפן קול הויך , דאס אללע זאלען הערען , פיעל פלעגען איהם אפ געבען כבוד אין שוהל , ווייל זיי האבען איהם גערעכענט פאר א ערליכען יודען װעלכער האט ליעב צוא געבען א קאפיקע אין א שוהל אויף א דבר מצוה , ער האט אויך געגעבען א פיינע כפר תורה . אבעוויז אז מען האט איהם גאר היפש געשעצט איז דאס , מען האט איהם געגעבען א עליה אויפען בימה וואס קיין פוהרמאן האט דאס קיין זכיה געהאט , מער ניט דיא וואס פלעגען ביי איהם קויפען סחורה האבען געוואוסט אז ער פלעגט האבען צוא טאהן מיט גנבים , אויך האבען זיי איהם ניט חושד געווען אז ער גנבעט אליין , נאר דיא גנבים גיבען איהם איבער ער זאל זיי אוים ברייננען , נוא איז ער דאך ניט ערגער פאר זיי , אז זיי ווייסען אז עס איז געגנבעטע סחורה אונ קויפען ? מעג ער אויך פאר קויפען . איין חסרון מעהר ניט האט ער אין זיך געהאט וואס אללע האבען פון איהם געוואוסט , דאס ער האט האלד געהאט צוא נעמען א איבריגע קאפעצקע , דאס מען פלעגט איהם געפינען גאנץ אפט וואלגערינדיג זיך אין דיא גאססען וויא א גוטער פיאניצע . אבער אזא פעהלער פארצייהעט מען א פראסטען מענשען , ווען ער געהט אללע טאג אין שוהל דאווענען , זאגט תהילים אונ קומט נאך א אנדערס מאהל פאר נאכט אין מנין הערין עין יעקב , אדער שבת א מגיד , צוא ער האט פארשטאנען צוא ניט דאס מאכט דאך ניט אוים , אבי אז דער מגיד פלעגט אן הייבען צוא זאגען מיט א וויינענדיגער שטיממע פלעגט ער געבען א שטארקען זיפציץ , אונ אויך אן הייבען ווישען דיא אויגען . דאס שפריך ווארט אבער זאגט „סוף גנב לתליה“ , אונ דאס וואר זעהר ריכטיג , דאס רוב א גנב מעג זיך טאהן אלעם אין געהיימנים אבער סוף כל סוף האפט ער זיך אריין . אזוי איז געוועזן מיט אונזער יענקעל צאלקאם .

אין בילהאם האט געוואהנט א גרויסער עושר הונטער דעם נאמען משה גאלדענבלום ; (ער וואר אונזער איזידאר גאלדענבלומס א פאטער) ער איז געוועזן דער רייכסטער אין גאנץ בילהאם , ער האט געהאט פערמעגען אייניגע הונדערט טויזינד רובל , זיין געשעפט איז באשטאנען אין א גרויסען מאגאזין פון שניט סחורה , ער וואר א פיינער מענש פון א שיינע פאמיליע : ער האט געקאנט פיעל לעהרנען אונ וואר דער צוא זעהר א ערליכער מאן דיא גאנצע שטאדט האט איהם ליעב געהאט , דען ער האט געהאט מיט א אמת זעהר א גוטען כאראקטער ; ארימע אונ אומגליקליכע האבען אין איהם געהאט א שיצער , וויזע—איין פאטער , אונ פיעלע אומגליקליכע ווישוועז איין העלפער . איין מאהל אין דיא גרויסע ווינטער נעכט זינד אן געפאלען דיעבע אויף גאלדענבלומס הויז אונ האבען ארוים געגנבעט כזומענע געלד א ערך פון צוויי מאהל הונדערט טויזינד רובל וואס ער האט זיך צוא געקליבען פאהרין אין מאסקווע נאך סחורה אונ דיא איבעריגע אוועק לייגען אין באנק , אויך פון קראם האבען זיי צו נוטען דיא גאנצע סחורה אונ האבען ניט געלאזען וואס אפעניג איז ווערטה . צוא דער געהן ווער זיינען געוועזן דיא גנבים איז געוועזן זעהר שווער . מעהר ניט

אַ שטיק שליטען אַ אָפּ געבראָכענעם האָט מען געפונען נעבען קראָם ! מיט דיזע שטיק שליטען איז פּאָליציי אַרום געגאַנגען צו אַללע פוהרמאַנעם און מען האָט געזעהן צו איז ניט דאָ ביי זיי קיין צו בראָכענע שליטענס, צו וועלכען זאָל צו קומען דיא אָפּ געבראָכענע שטיק , אָבער ביי קיינעם איז עס ניט צו געקומען ביז זיי זיינען געקומען צו יענקעלע צאלקעס ! זיי האָבען אַ קוק געטאָהן אויפין הויף שטעהט אַ שליטען אַ ביסעל צו בראָכען זיי האָבען גלייך צו געשטעלט דיא אָפּ געבראָכענע שטיק און עס איז צו געקומען גלייך וואָס מען דאַרף בעסער ניט. זיי האָבען גענומען זוכען גוט אין שטוב און אויפין הויף פיללייכט וועלין זיי עטוואָס געפינען פון גאלדענבלומס סחורה אָבער צום אומגליק האָבען זיי גאָר נישט געפונען , עס וואר אַללעס בעהאַלטען ביי איהם אין קעלער און ניעמאַנדען איז אַרויף אויפין זינען דאָס עס איז דאָ איין קעלער ביי איהם אין הויז , אַם ענדע אַז זיי האָבען אויף געהערט צו זוכען האָבען זיי צו גערופען יענקעלען און האָבען ביי איהם געפרעגט וויא אַזוי עס קומט צו דיא אָפּ געבראָכענע שטיק צו זיין שליטען און צו ער איז געוועזן ביי נאַכט ביי גאלדענבלומען , איהם איז געוואָרען הייס אין געזיכט און ער האָט ניט געהאַט וואָס צו אַנטוואָרטען , נאָר נאָך דעם האָט ער געפּאַסט מוטה און האָט געזאָגט דאָס ער האָט געבראַכט סחורה ביי טאָג צו גאלדענבלומען האָט זיך ביי איהם אָפּ געבראָכען דאָרט אַ שטיקעל פון זיין שליטען . פּאָליציי האָט איהם געאַנטוואָרטעט דאָס דער תירוץ איז אַפילו אַ גאַנץ גוטער און עס קאָן זיין דאָס ער איז אין גאָר נישט שולדיג, נאָר דער ווילע מוז מען איהם אַריין זעצען . מען האָט געמאַכט שלעדסטוועס האָט זיך ערשטענס אַרויס געוויזען אַז ער האָט גאָר יענעם טאָג ניט געפיהרט גאלדענבלומען קיין סחורה . צווייטענס האָט איינער אַ קריסטליכער קרעמער וואָס וואָהנט וויט פון גאלדענבלומען אוטוועריזשדאַייעט דאָס ער האָט גאָר יענעם טאָג געפיהרט איהם סחורה . ער האָט נעבאָך געמוסט זאָגען אַנדערע תירוצים , דאָס ער מוז געשטעהן אַז ער איז געפאָהרען צוזאַממען מיט דיא גנבים וואָס האָבען בעגנבעט גאלדענבלומען , אָבער ניט מיט גוטען ווילען ! צום אָנפאַנג זיינען געקומען מענשען צו איהם און האָבען איהם געזאָגט דאָס זיי מוזען האָבען אַ פוהרמאַן און זיי וועלען איהם ערליך בעצאָהלען , וואָס זאָל ער וויסען מאַלאָ וואָס איינער דאַרף האָבען אַ פוהר ? נאָר אַז ער איז מיט זיי געפאָהרען און זיי האָבען איהם צו געפיהרט צו גאלדענבלומס קראַר (צו איהם וואָרין נאָך פוהרען) און האָבען גענומען טראָגען סחורה פון דאָרט . האָט ער זיך געוואָלט אומקערין מיט דעם אויס רייד דאָס ער איז ניט מאַנגלאָסנע פיהרען גנבות . האָבען זיי איהם געזאָגט דאָס ווען ער רעדט אויס איין וואָרט זאָ האָט ער גלייך דאָ דעם טאָרט , וואָס האָט ער געוואָלט טאָהן ? ער האָט נעבאָך געמוזט שווייגען .

דיא תירוצים ביידע דער ערשטער מיט דעם אַנדערין האָבען באַוויזען אַז ער זוכט מעהר ניט זיך צו פערטהיידיגען . און וויא באַלד עס האָט זיך דער

גאנגען אז דער ערשטער תירוץ וואס איז אבעסערער פאר דעם אנדערין איז א ליגען, קאן זיין אז דער אנדערער איז אויך א ליגען. מען האט איהם געהאלטען נאהענט א יאהר אונ מיא האט איהם געפארשט פילייכט וועט מען דער געהן פון איהם וועה זיינען געוועזן דיא איבעריגע גנבים אבער מען האט פון איהם גאר נישט דער גאנגען, דען ער האט געזאגט אז זיי ווארען איהם אללע אומ־בעקאנטע מענשען. אם ענדע האט מען איהם אוועק געשיקט אויף צוועלף יאהר ארעסטאנטסקע ראטע.

חברה האט זיך איין געקערט אונ מיא האט דער ווייל ארויס געפיהרט דיא סחורה גאלדענבלוטס וואס וואר בעהאלטען ביי יענקלען אין קעלער! מען האט עס אוועק געפיהרט אין א ווייטער שטאדט אונ מען האט אפ גענומען דיא גע געלד, חברה האט זיך אפילו געסטארעט פאר יענקלען גאנץ שטארק צוא פרייען איהם, אבער עס האט זיי ניט געלונגען, פיעל מאהל ווען עס פלעגט זיך מאכען עפעס א בלבול אויף איינעם פון זייער חברה פלעגען זיי איהם ריין מאכען, אבער דאס מאהל מעשה שטן איז עפעס געווארען נייע נאצשאלסטווא אין בילהם אונ מען האט איהם שטרענג בעהאנדעלט.

דיא גאנצע מזומענע געלד איז געבליבען ביי יענקעלס איינציגען זאהן בערקע. ער האט זיך באקלערט אז עס פאסט ניט צוא זיין אין בילהאם ווען זיין פאטער איז אין אזא חשד. ווען מען האט געפונען דיא אפ געבראכענע שלימען ביי זיי איז ער דאן אין דער היים ניט געוועזן, נאר חברה האט איהם אן געזאגט אז זיין פאטער האט זיך אריין געהאפט אונ פאר איהם איז קיין פלאן צוא זיין אין בילהאם, ער האט געהאט א סך געלד דעם פאטערס, וואס ער האט אן געקליבען ביז יעצט אונ דיא געלד וואס ער האט יעצט ארויס גענומען ביי גאלדענבלומען, האט ער אלעס מיט גענומען אונ איז ארויס געפאהרען אין דער גראססע רוססישע שטאדט יעקעוו. ער וואר דאן ערשט א יונגער מאנן נאך דער חתונה. ער האט זיך אן געגעבען פאר א רייכען פאדראדציק. האט געדונגען זעהר א פיינע קוואטיר אונ האט אן געהויבען צוא פיהרען אגרויס ארטיגעס אריסטאקראטישעס לעבען.

אין דער טהאט האט ער אן גענומען איינינע פאדראדען אונ האט צוא יעדען מאהל פארדיענט, ער האט אן געהויבען צוא געהן אויף אללע טארגעס. אונ ווען ער פלעגט זאגאר ניט נעמען דעם פאדראד האט ער אויך פאצאפעט א פיינע קאפיקע אפטרעט געלד, נאר אויסער פאדראדען פלעגט איהם ניט אארען האבען שטיללערהייט אויף טראגען מיט גנבים אויך, אפ קויפען ביי זיי זייערע גנבות; אבוואהל אליין גנבען פלעגט ער שוין ניט, אבער שטילערהייט פלעגט ער זיי געבען עצות ביי וועמען אונ וואו צוא גנבענען, דען ער וואר אין פיעל רייכע הייזער באקאנט אונ האט געוווסט ביי וועמען עס זיז לייכט צוא גנבענען אונ ווען עס געפינט זיך געלד, אונ דאפיר פלעגט ער האבען ביי זיי א חלק אויך. אז עס האט זיך געמאכט וואו צוא קויפען פאלשע

בילעטין פלעגט ער אויך ניט בראקירען , ער האט געהאט פיעל ערטער וואו אוים צוא ברייגגען זיי . וויא פיעל מאהל האט ער אויך געפרובירט נאך מאכען פאלשע וועקסלען (ניט ער אליין מיט זיינער האנד , דען ער האט גאר אליין ניט געקאנט שרייבען , נאר ער האט געהאט גוטע ארבייטער) אונ איהם האט אם מייסטען געלונגען אויף מאכען געלד מיט זיי . אין איינער א רייכער מאן אדער אפאמיעשציק איז געשטארבען אונ האבען געלאזען א גראססע נאכליעדסטווא אין באאר געלד אדער אין גיטער אונ הייזער , איז פון דיא ערשטע בעלי־חובות געוועזן פינקעלשטיין , אבוואהל ער האט זיי גאר נישט געקאנט לעבעדיגערהייט אונ האט זיי צייט זיין לעבען גאר אין געזיכט ניט געזעהן , אזוי האט ער זיך באשעפטיגט מיט פארשידענע געשעפטען וואס טראגען אריין א היפשע קאפיקע אונ איהם פלעגט אין אלעס גליקען דאס מען האט איהם ניעמאלס אין וואס באשולדיגט , אין א קלייגע צייט , האט ער זיך זא אויף געהויבען דאס מען האט איהם שוין אן געהויבען צוא שאצען אין מיליאנעס , גאר גרויס איז ער געווארען אין סעוואסטאפאלער קריעג ; ער האט זיך אן גענומען צוא פריכטאווען פראוויאנט דער רוססישער ארמיי , ער איז געווארען זעהר באקאנט מיט דעם אבער קאמאנדיר וואיסק אונ ער פלעגט אויף איהם גאר ניט לייגען קיין התחיבות ווען ער פלעגט זאגאר געבען מעהל שווארץ וויא אש אדער געמישט מיט גראבוועגעם אונ היי צוא פוילטע האלב מיט מיסט , דיזעס האט איהם פיעל גליק פערשאפט , דען געלד האט ער אפ גענומען גוטע אונ סחורה האט ער געגעבען שלעכטע איז אין דעם באשטאנען פיעל ברכה , ער איז געוועזן אזוי גייציג אויף געלד , דאס ביי איהם איז געוועזן רעכט אין דער צייט וואס קיינעם איז גאר נישט געלעגען אין קאפף וויל דער טאדט איז געשטאנען יעדערין פאר דיא אויגען , אונ ניעמאנד איז געוועזן זיכער מיטען לעבען , געהן איבערין שלאכטפעלד ארום זוכען רוססישע אדער אנדערע אפיצירען אונ צו נעמען ביי זיי וואס ער האט געפונען , ביי דיא געלד , ביי אנדערע שאצבארע דינגע , גאלדענע רינגען מיט בריליאנטען , אוהרען מיט גאלדענע קעטטען .

פון דער צייט אן איז ער געווארען גרויס וויא גאר דיא וועלט , עס איז זאגאר געוועזן ביי יעמאנדען א זכיה אז ער האט מיט איהם א ווארט גערעדט אונ בפרט אז ער האט אין זיין הויז פארקעהרט .

אבוואהל ער וואר אונגעבילדעט אונ האט זאגאר ניט געקאנט דיא לאנד שפראכע פון דעסטוועגען פלעגען צוא איהם אין הויז פארקעהרען דיא גרעסטע ניימאדישע מענער , אונטער זיי אין דער טהאט פיעל געבילדעטע אונ רייכע לייט . אין יענער צייט וואר ביי אידען וועניג מענשען וואס זאלין זיך פיהרען פריי אונ מען וואר זעהר זשעדנע אין זיי איז וויא באלד עס האט זיך געמאכט איינער וואס איז צוא געשטאנען צוא חברה , אונ דער צוא נאך א רייכער מאן , האט מען איהם צוא גענומען מיט כל הכבוד , אונ ווען יענער האט געמאכט א אבענד , א באל , איז מען צוא איהם געגאנגען מיט דעם גרעסטען

פאר גענוגען , ניט קוקענד צוא יענער איז געבילדעט צוא ניט , אבי ער האט זיך פארקליידעט אראפייאיש און האט געלעבט פריי , ווער און וואס ער איז געוועזן האבען זיי ניט געוואוסט מעהר ניט דאס האבען זיי געזעהן אז ער איז רייך , פיהרט זיך אריסטאקראטיש און האלט פון געבילדעטע , אונטערשטיצט ארעמע געלעהרטע מענער , גיבט א שיינע נדבה אין בלאגאטוואריטעלנע אבשטשעסטוועס וואס זייער ציעל איז צו פארברייטען בילדונג אונטער די יודען אין רוסלאנד — מיר זעהן אפט דאס נאבאזשנע גלויבען זיך איין אין א רייכען מאן אבוואהל ער איז ניט פרום און קאן ניט לערנען , מעהר ניט וואס ער פיהרט זיך נאבאזשנע . געהט אין א לאנגער קאפאטע מיט א גארטעל מיט פאיתין , בייגט דעם רוקען ווי א ווערבליוד און פאר גלאצט די אויגען בעת ער דאווענט , בענטשט אמתע פרומע לייט און רעדט כל רע אויף געלעהרטע ! — דאס זעלבע ווי ער האט גאר אנגעהויבען צו געהן אריסטאקראטיש און די מאדע איז ווי גאר איינער האט זיך פארקליידעט אראפייאיש , האט זיך געפיהרט פריי און נאך אויס געלאכט פון דעם אידעשען גלויבען , און ווער רעדט אז ער וואר נאך דאצוא רייך , איז ער געוועזן שטארק אן גענומען ביי אריסטאקראטיע און געבילדעטע , ער פלעגט זיין זעהר פיין אויף גענומען אין זייערע געזעלשאפטען און דאס זעלבע ווען ער זאל זיי איין לאדען צוא זיך וועלען זיי עס אן גענומען מיט דעם גרעסטען פערגעניגען .

די פרויא פינקעלשטיינס וואר זעהר א פראסטע און פון ניט א שיינער פאמיליע , נאר זיא וואר אבער דער פאר א זעלטענע שיינהייט און א קלוגע , און דאס גיבט צוא עפעקט אין א אריסטאקראטישער הויז . דאס זאגאר די גרעסטע נאמענהאפטע מענשען זאלען פאר קעהרין אין איהם .

27

גוטע נייעס .

צוא א רייכען קריסט אין א מאגאזין איז געקומען א איד קויפען סחורה . ער האט אן געקויפט פאר שידענע וואארען , האט ארויס גענומען פון טאש א הונדערטער און האט געבעטען אויסגאב ; דער קריסט האט א קוק געטאהן אויף דאס בילעט און האט דער קאנט אז עס איז א פאלשעס , עס איז וואהר דאס דער בילעט איז געוועזן זעהר ריכטיג נאך געמאכט און עס איז געוועזן שווער צוא דער קאנען אז עס איז ניט קיין אכטער נאר דער קרעמער איז

געוועזן זעהר געניט אין דיא סחורות , א מאהל פלעגט ער זיי אויף קויפען אויך אונ האט שוין אויף זיך אויף געבראכט דעם פארדאכט פון פאליציי , ער האט אזוי אויך זעהר פיינד געהאט א אידען , וויא אללע רוססישע קויפלייטע וואס זעהן אין דעם אידען זייער קאנקורענט , איז ער געוועזן זעהר גערנע אויף דעם צופאלל געפינען אויף א אידען עטוואס א חטא , נאר מעהר האט ער געוואלט אויף ווייזען זיין ערדענטליכקייט דאס ער גיבט ארויס אזעלכע מענשען וואס האבען ביי זיך פאלשע בילעטען , אונ דאס וואס מען האט איהם א מאהל פערדאכט איז געוועזן נור אומזאנסט ; גראדע אין דער צייט זינד געוועזן פיעל מענשען אין קראם האט ער געהייסען זיינע פריקאשציקעס מען זאל דעם אידען צוא האלטען אונ ער אליין איז געגאנגען רופען פאליציי , פאליציי איז געקומען אונ האט ארום געקוקט דאס בילעט אונ האט דער קאנט — אבוואהל גאנץ שווער — אז דאס איז א פאלשעס , זיי האבען גענומען פרעגען ביי איהם וואו ער האט עס גענומען האט ער געאנטווארטעט דאס ער געדענקט אליין ניט , דען ער ליעגט שוין ביי איהם א לאנגע צייט , פאליציי האט איהם ארום געזוכט אונ האט ביי איהם געפונען פיעל פאלשע בילעטען אויך פארשידענע פאפירען , בריעף אונ וועקסלען ; אונטער דיא בריעף וואר אויך מאנעסזאהנס בריעף וואס ער האט געשיקט צוא יהודית'ן נאך דעם אז זיא האט איהם ארויס געטריבען .

דער פאליצייבעאמטער וואס האט דיזעס געפונען וואר מאנעסזאהנס א בעקאנטער אונ וואר אויך געטראגען מיט גאלדענבלומס הויז ; אונ אבוואהל ער האט ניט געוואוסט וואס ביי זיי איז פערגאנגען מיט מאנעסזאהנען , נאר דאס האט ער געוואוסט אז ער איז געוועזן זעהר טהייער ביי גאלדענבלומען אין הויז אונ יהודית האט איהם געליעבט אונ יעצט וואר ער פעריאגט פון זיי , ער האט דורך געלעזען דעם בריעף , ער האט איהם זעהר שטארק דורך גענומען , ער האט א קלעהר געטאהן וויא קומט דער בריעף צוא איהם ? איז איהם גלייך ארויף אויפן זינען , אז דער זעלביגער מענש וואס האט פארליימדעט מאנעסזאהנען ביי יהודית'ן , וואס איבער דעם האט מען איהם ארויס געיאגט , האט געמוזט איבער נעהמען דעם בריעף אונ האט איהם געגעבען דיזען מענשען (דאס וואר פאלשמאן) נאך מאכען א אנדער בריעף מיט דער זעלביגער האנדשריפט , אונ האט איהם אוועק געשיקט יהודית'ן אנשטאט מאנעסזאהנס בריעף , א , וויא פיעל שמערצען האט דיזער בריעף פארשאפט אומשולדיגע זעעלען ! דיינקט ער וויא פיעל גיפט האט ער אריין געלאזען אין רוהיגע הערצער ! ... א ביסעל ווייס איך דעם טעם פון א זעלכע איינטריגעס ... א , עס ליעגט נאך מיר אויפן צינג ביז יעצט דער גוטער געשמאק פון אזא סארט בריעף פון דאן אן ... אבער מיט דעם צופאל וועל איך קאנען ערפרייען אונכוטהיגע הערצער ... איך מוסס אליין אוועק טראגען דעם בריעף יהודית'ן , זיא וועט מיר ניט וויססען וויא צוא דאנקען , א , איך

געדאנק װאס פאר א װאונדערבארע געפיהלען עס האבען זיך בײ מיר ערװעקט נאך דעם אז איך האב ערפאהרען אז מײן געטרײע מאריע איז אומשולדיג געװעזן געגען מיר . . .

ער האט גענומען איבער קוקען די איבעריגע בריעף . האט ער געפונען אונטער זײ נאך א בריעף װאס װעט זײן אינטערעסאנט פאר אונזערע לעזער , דאס װאר א בריעף פון גראסטייוועל צוא פאלשמאנען זעלבסט , פאלגענדעס אינהאלט

טהײערער פרײנד פאלשמאן !

דײן בריעף , װאס דוא האסט מיך געבעטען איך זאל שיקען אויף מאנעסזאהנס נאמען צוא גאלדענבלומען אין הויז א בריעף , װיא מאנעסזאהנס א פארליעבטע װאס װאר פון איהם פאר פיהרט אונ האלט יעצט אין א שלעכטער לאגע . . . גיסט אויס איהר גאנצעס הארץ אין איהר בריעף , װאס צװײ מאנאטען זײט זיא האט איהם געלאזען ערפאהרען — פון דער װיכטיגער נײעס . . . װאס זיא האט געמײנט אז דאס װעט פארשטארקען זײן ליעבע צוא איהר , האט זיא ניט ערהאלטען פון איהם קײנע בריעף . דיזען בריעף דײנעס האב איך ערהאלטען , איך האב גלײך ערפיהלט דײן װונש . איך האב אן געשריבען א בריעף װאס אז דוא װאלסט איהם לעזען װאלסט דוא אויך מײנען אז א אומגליקליכעס פארפיהרטעס מעדכען שרײבט דיזעס צוא איהר פערליבטען װאס װיא עס װײזט אויס פון זײן ניט אנטװארטען איהר אויף אללע איהרע בריעף אין דער לעצטער צײט האט ער זיא אװעק געװארפען , איך צװײפעל ניכט דאס אויב א בריעף האט נאר א זנאצשעניע װעט דיזער בריעף געװיס װירקען .

אבער הערסט דוא פאלשמאן װאס איך װאלט דיר זאגען : אמת דײן עצה איז א גאנץ גוטע , אונ עס קאן זײן אז זיא װעט טרעפען אין ציעל אונ װעסט גרינג מאכען מאנעסזאהנען בײ איזידארען אונ זײן טאכטער אין די אויגען , אבער פיללײכט װעלען זײ קלערען אפשר איז דאס א אונטער געשיקטער בריעף , פיללײכט טהוט דאס א שונא מאנעסזאהנס װאס װיל איהם פארשמוצען , איך װעל דיר געבען אמיטעל װאס זאל אזוי שטארק מאכען דעם פערדאכט אויף מאנעסזאהן דאס ניעמאנד זאל גאר צװײפלען דארין : אין די טעג האט זיך ענטבינדעט מײנע א שװעסטערס קינד א פריילין , זיא װאר אין דער טהאט פאר פיהרט פון אײנעם װאס האט זיא געליעבט אונ אװעק געװארפען אונ יעצט װײס מען זאגאר ניט װאו ער איז . דאס פריילין װאר אײנע זעלטענע שענהײט אונ איהר לאגע איז יעצט זעהר בעדויערנס װערטה ; איהר פערליעבטער װעט איהר געװיס גאר ניט אויס צאהלען , אבער מען האט געקאנט דאס זיא זאל פון אײן אנדערן װאס עס איז אויס רײכען ; איצטיגע יאהרען קאן מען גאנץ גיך גלויבען דאס יעמאנד זאל פארפיהרען א אומשולדיגע . . . װען דײן קליענט װאלט דער פריילין געגעבען אויף הוצאות אונ עטװאס אײן

געשענק, וואלט זיא פאהרען אין יעקעוו אונ וואלט זיך צוא צשעפען צוא מאנעסזאהנען אז ער האט זיא אומגליקליך געמאכט, דיזעס וואלטען פיעל גלויבען! ערשטענס וויל דאס מעדכען וואר זעהר א שיינע אונ מען קאן זיך לייכט אין איהר פערליעבען, צווייטענס איז דאס געזיכט איהרע זעהר א ארדענטליכעס דאס ניעמאנד וועט קלעהרען אז זיא איז פעהיג צוא בינדען זיך צוא א צודערן אונ זאגען אז ער איז שולדיג אין איהר אומגליק; אונ ווען זיא וואלט שוין וועלען ארויף ווארפען אויף וועמען עס איז איהר שולד איז וואס וואלט זיא דארפען פאהרען אין יעקעוו צוא מאנעסזאהנען, זיא וואלט געפינען אויך פיעל מענשען אין גראדסטייוועל זעלבסט אונ זאגאר רייכערע וואס וואלטען איהר געבען געלד, נאר זיא זאל שווייגען, אויך וועט מען גלויבען אז מאנעסזאהן איז שולדיג פון איהר פעפיהרונג ווייל ער פלעגט אריין געהן אפט צוא איהר פאטער אין הויז, ער וואר איין איבינדער אונ מאנעסזאהן פלעגט איהם געבען אפט מלאכה! אין דער אמת פלעגט ער מיט איהר אפט מאהל רעדען, וועהרענד ער פלעגט קומען צוא איהר פאטער געבען עטוואס מלאכה, דען אויסער איהר שיינהייט וואר זיא זעהר א קלוגע אונ זאגאר איין געבילדעטער קאן אויך געפינען ראזוועלעצשעניע אין איהר געזעלשאפט. דיזעס איז מיין עצה אונ מיר דאכט אז קיין בעסערע קאן ניט זיין. איך בעט דיך רייד איבער מיט דיין קליענט וואס דוא מהוסט אלעס פון זיינעטוועגען! וויא דוא שרייבסט איז ער א רייכער מאן, איך גלויב אז ער וועט ניט שטעהן אין ווייניג געלד אונ וועט איהר שיקען אויף הוצאות, ער וועט געפינען דעם פלאן פאר זעהר א גוטען.

קיין נייעס זיבט מעהר ניט, פון מיר דיין פריינד חאציע חוטראווסקי

דער פאליציי בעאמטער האט דורך געלעזען דעם בריעף אונ האט ביי זיך געקלערט, א, איך פארשטיי גאנץ גוט אז דיזער מענש צוא זאמען מיט דעם פון וועמען ער האט ערהאלטען דיזען בריעף זיינען א ארודיע ביי איינעם אין דיא הענד אומגליקליך מאכען מאנעסזאהנען, א, איך האב מיטלייד מיט דעם מענשען! וויא ער האט מיר ערצעהלט איין מאהל זיין ביאגראפיע איז ער נעבאך א ארימער טרוזשעניק, אונ איינער עפעס א שווערמער א פערשווענדער וויל אויף איהם ארויף ווארפען בלבולים, איך וויל אליין געהן צוא גאלדענבלומען אונ לאזען זיי ערפאהרען פון אללע דיזע בעגעבענהייטען.

פאלשמאנען האט מען אוועק געפיהרט אין פאליציי אונ אין צוויי טעג הערום, דאס וואר דעם זעלבען טאג וואס יהודית האט ערהאלטען דעם בריעף פון הלאטע איז דער פאליציי בעאמטער געגאנגען אליין צוא גאלדענבלומען.

28

מאנעסזאהן דער גערעכטער ׃

אבוואהל פעטער איוואנאוויטש—דער פאליצײ בעאמטער—פלעגט קומען פיעל מאהל מיט וויזיטען צוא גאלדענבלומען, איצטער וואר זיי וואונדערבאר זיין ערשיינונג, דען ער איז געוועזן מיט איניגע טאגע צוריק ביי זיי, ער האט זיך געגריסט זעהר פריינדליך מיט אלעמען און מיט אדורך דרינגענדען בליק האט ער זיך איין געקוקט אין יהודית׳ס געזיכט.

עס פרייעט אונז זעהר—זאגט גאלדענבלום און נאך איהם יהודית—זעהן אייך אפט ביי אונז אין הויז.

—און מיך פרייעט זעהן, אייך יעצט פרייליכער וויא איך האב אייך געזעהן דאס פאריגע מאהל, און דעם אכת זאגענדיג איז מיר געוועזן זעהר וואונדערליך וואס איך האב אייך געפונען דאן זא באשטירצט. (זיי האבען נאך דאמאלס ניט ערהאלטען דיעבמאנס בריעף) יעדעס פאמיליע מוז א פנים האבען איהרע געיעפריאטנאסטען, און דאס גליק אין גאנצען לאזט זיך אללע מאהל צוא פיעל בעטען, זאגענדיג דיזע ווערטער האט ער א ווארף געטאהן זיין בליק אויף יהודית׳ן.

—יא, דאס איז שוין בעשטימט אין דער וועלט אז עס איז ניט דא קיין גוטעס אהנע שלעכטעס, ניט דא קיין גליק אהנע אונגליק.

—איך מוז זיי ביטען אום פערצייהונג אויף מיין פראגע וואס איך וויל זיי פרעגען: וואס איז די אורזאכע וואס איהר האט אפ געזאגט מענסזאהנען?

—צוא וואס דארפען זיי דאס וויסען אזוי נייטהיג די פריצשינע פון דעם?

—זיי וויסען דאך אז פריער איידער מאנעסזאהן איז געוועזן ביי אייך האט ער געלערענט מיין גרישען, איך בין פון איהם זעהר צוא פרידען געוועזן. אין דער טהאט האב איך נאך ניעמאלס געזעהן אזא גוטען רעפעטיטאר וויא ער, ערשטען קאן ער זעהר גוט און צווייטענס האט ער געלעהרינט זעהר ערינסט; אין דער צייט וואס ער איז געוועזן ביי אייך אין הויז האב איך גאר קיין רעפעטיטאר געהאלטען דען איך האב געוואלט פרופען לאזען מיין גרישען אליין לערנען א ביסעל, זעהן וויא וועט דאס געהן, נאר יעצט אז ער איז פון אייך אפ געטראטען וויל איך איהם ווייטער נעמען, מעהר נישט מיר איז ניט געפעלען דאס וואס איהר האט איהם אפ געזאגט, וויא איך וויים איז ער דאך געוועזן ביי אייך וויא א אייגען קינד היינט וואס איז דאס מיט א מאהל געווארען? איך האב גורכט פיללייכט האט איהר אין איהם געפונען א גרויסען חטא וואס איבער דעם פאס מיר אויך ניט האלטען איהם

בײ זיך אין הויז.

איוודאר האט איהם געאנטװאָרטעט װיא דער אמת איז, אז קײן פערברעכען װאס זאל געהערען צוא אנדערע האט ער אין איהם ניט געפונען, דאס װאר בײ זײ גאר אײן כעמיינער אינטערעס װאס צוא דעם אנדערען געהערט דאס גאר ניט אן.

—אונ װען איך װעל אײך בעטען איהר זאלט מיר זאגען דעם סעמיינעם אינטערעס װאס האט זא אויף געבראכט אײער צארין אויף איהם װעט איהר זיך ניט באלײדיגען?

—באלײדיגען װעל איך זיך ניט, נאר איך װעל אײך בעטען איהר זאלט זיך אויך ניט באלײדיגען װען איך װעל אײך זאגען דאס איך קאן ניט ענדעקען דיזעס.

—נוא הײסט דאס זאגט איהר מיר ניט. אבער דאס װעט איהר מיר געװיס אנטװארטען װיא װעט זײן אז עס װעט זיך דער געהן אז ער װאר אונשולדיג אין אללעס דאן װעט איהר איהם נעמען צוא זיך אויף זײן פאהריגער שטעללע?

—יא!

—אבער דער װײלע װעל איך איהם נעמען פאר עפעטיטאר פאר מײנע קינדער.

—זאל זיך װענדען אן דעם... רופט זיך אפ יהודית – בײ אונז שפילט קײן ראליע...

—אײ יהודית! איהר פאנגט אן צוא רײדען האלבע װערטער דאס פאסט ניט פאר אײך. האט איהר אן געפאנגען צוא רײדען טא רעדט װײטער.

יהודית האט זיך א ביסעל פערשעמט.

—נוא װען איהר האט זיך שוין אביסעל אויס גערעדט װעל איך זיך אויך אביסעל אויס רײדען; איך פאר שטעה גאנץ גוט אז בײ אײך שפילט קײן ראליע דיא שטעללע, בײ אײך שפילט א ראליע א גרעססערע זאך, איהר מײנט איך האב גאר נישט פארשטאנען פריהער װעהרענד מאנעסזאהן איז נאך געװעזן בײ אײך צוא הויזע. א, איך בין ניט קײן קלײנער אינגעל איך פארשטײה גאנץ גוט א אינטערעס.

—נוא, איז װאס קאן איך העלפען אז איהר פארשטײהט? זאגט יהודית –

—אבער איך בעט אײך איהר זאלט מיר זאגען װאס האט איהר געפונען אין איהם פאר א פארברעכען װאס איהר האט זיך מיט איהם זא שטרענג באנאנגען?

—איזװיניטע, פעטער איװאנאװיטש – זאגט גאלדענבלום – מיר קומט פאר רעטזאל אײער באגײהן זיך זא יעצט מיט אונז: עס איז װאר איך רעכען אײך פאר דעם בעסטען פרײנד, אונ געװיס קאנט איהר אונז אויך רעכנען פאר אײערע בעסטע פרײנד אבער זאגט אלײן. װיא אזוי איהר פארשטײהט שוין

וואס דא איז פארגעגאנגען קאן מען אויס דערציילען א זעלכע אבסטעאטעלסטוועס פאר דעם אנדערן ?

—איך וועל אייך זאגען, איך האב נאך געוואלט דאס פאריגען מאהל, ווען איך האב באמערקט אז יהודית איז זעהר באשטירצט און אונרוהיג פרעגען דיא אורזאכע דאפאן וואס איהר האט אפ געשאפט מאנעסזאהנען, איך האב פערשטאנען אז געהערט איינם צוא דאס אנדערע; נאר איך האב געקלערט וויא איהר זאגט: אז א זעלכע זאכען דער ציילט מען ניט פאר דעם אנדערן. נאר געמטערן האט זיך מיר געמאכט א צופאל זעהן מאנעסזאהנען; וואס זאל איך אייך זאגען, מיר האט פאר קוועטשט דאס הארץ אויף איהם קוקענדיג, א שווארצער וואלקען האט זיך פארשפרייט ביי איהם אויפען געזיכט. ער זעהט אויס וויא א מענש וואס איהם האט דאס לעבען דער עסען און ער וואר איהם לעמטיג; איך האב איהם געפרעגט דיא אורזאכע וואס ער האט זיך זא אומגעביטען, וואס ער זעהט אויס גאר וויא א לייכע; האב איך פון איהם אלעס אנטוואורט באקומען נאר דיזע ווערטער: „עס איז ניט כדאי צוא לעבען אויף אזא וועלט וואס פאלשקייט רעגירט און שטייגט הערויף אויף דער לעצטער שטופע, און אמת פאלט צוא דער ערד". (יהודית האט א שטארקען זיפץ געטאהן הערענדיג דיא ווערטער) איך האב פארשטאנען אז ער מוז ליידען זעהר שטארק און האב אויך פארשטאנען א ביסעל אין וואס באשטייהט זיינע ליידען; איך האב איהם געבעטען ער זאל מיר ערציילען אלעס וואס מיט איהם טוהט זיך פילייכט וועל איך איהם קאנען בעהילפיג זיין אין עטוואס. האט ער מיך געבעטען מיט ביטערע טרערין איך זאל איהם רוהען לאססען און זאל פון איהם ניט פאדערין דיזעס, דען איהם איז פיעל לייכטער אז ער רעדט ניט. איך האב מיט איהם אויף געהערט צוא ריידען, און האב געקלערט איך וועל בעסער צוא אייך אריבער געהן, פון אייך וועל איך גיכער עטוואס דער גייהן, און מיר דאכט אז איך וואלט זיין אין שטאנד צוא העלפען דארין ווען מען וואלט מיר טרויען און דערציילען אללעס וואס דא איז פארגעגאנגען.

—אויב אזוי, קאן איך אייך ווייזען א בריעף וואס איך האב ערהאלטען פון בלאטע; פון דיזען בריעף קאנט איהר זיך פארשטעלען וואס ביי אונז איז דא פארגעגאנגען מיט מאנעסזאהנען; זיא האט איהם געגעבען דעם בריעף.

פעטער איוואנאוויטש האט איהם דורך געלעזען און זאגט:

—זייט איהר קאנטענט פון דעם בריעף ?

—אוודאי — זאגט יהודית

—טא זייט אזוי גוט און לעזט איבער דיא בריעף. ער האט איהר געגעבען דיא בריעף וואס מען האט געפונען ביי פאלשמאנען.

יהודית האט זיי גענומען לעזען מיט א הויכע שטיממע אום דער פאטער זאל אויך הערען, אז זיא האט זיי דורך געלעזען זינד פיעל הייסע טרערין פון איהרע הימעל בלויע אויגען געפלאססען וויא פעריל אויף איהרע ראזע וואנגען.

א, גנעדיגער גאט! — זאגט זיא — דוא שטראפסט אונז זינדיגע מענשען, געווים זיינען מיר ווערטה, אבער דיין שטראף וואר ניט זא אונערבארמליך, דיין טראסט איז זעהר שאצבאר, דאס מיר געפינען ניט זא פיעל ווערטער דיר צוא דאנקען.

—איך האב אייך געזאגט איהר זאלט מיר ערציילען אלעס וואס ביי אייך איז פארגעגאנגען.

—א, ווען איך וואלט וויססען אז איהר האט אזעלכע בריעף געפונען וואלט איך זיך שוין ניט לאזען בעטען אנטווארטען אייך אויף אייערע פראגען וואס צום אנפאנג זינד זיא מיר אויס געקומען ניט גאר סקראמנע.

29

ניט קריכט וואו עס איז איינג:

פעטער איוואנאוויטש האט שוין געקלערט אוועק געהן פון גאלדענבלומען, עפענט זיך דיא טהיר און עס גייהט אריין א פיינע פריילען און מיט א ווייגענדיגער שטימע האט זיא געפרעגט אויב מאנעסזאהן איז צוא הויזע.

—מאנעסזאהן איז גאר יעצט ניכט ביי אונז אנטווארטעטע יהודית,

—היינט ווארום האט ער געשריבען אין זיין לעצטען בריעף דאס ער איז ביי אייך קוואטיר?

—ווען האט ער אייך געשיקט דעם לעצטען בריעף?

—מיט אייניגע מאנאטען צוריק.

—און פון דאן אן האט ער אייך קיינע בריעף געשריבען?

—ניין!

—פון וואנען זייט איהר אליין?

—פון גראדסטייוועל.

—זייט איהר ניט אפשר זיינע א שוועסטער?

—ניין, ניט א שוועסטער

—וואס דען זייט איהר איהם וואס איהר פרעגט זיך נאך איהם אזוי שטארק?

—יעצט זעה איך שוין אז איך בין איהם גאר נישט. נאר געמיינט האב איך אז איך וועל איהם זיין נאך נאהנטער וויא א שוועסטער.

פעטער איוואנאוויטש האט א קוק געטאהן אויף יהודיתן און זיא איז

איהם, זיי האבען זיך ביידע איינע די אנדערע פארשטאנען, ער האט צוא איהר געזאגט אויף פראנצעזיש: א רחמנות, צוא שפעט געקומען.

—וויא איך זעה — זאגט יהודית צוא דער פריילין — זייט איהר געוועזען זיינע א פארליעבטע, דען וואס קאן זיין נאהנטער וויא א שוועסטער, אז ניט א פערליעבטע?

—יא! זאגט די פריילין מיט א פערצווייפעלטער שטימע, א פערליעבטע, אבער צוא מיין אומגליק, אזוי וואהל וואלט מיר געוועזן אז איך וואלט איהם בעסער ניט געקאנט דעם נידערטרעכטיגען מענשען, וואלט איך ניט געקומען צוא אזא פאלאזשעניע א, אומגליקליכע! אומגליקליכע! איך האב זיך איין געגלויבט אין איהם און האב געמיינט דעם ער איז א ענגעל וועהרענד ער איז א טייפעל אין א מענשענס געזיכט; ווער וואלט דאס גלויבען אז אזא געבילדעטער מענש, אזא מענשען פריינד, אזא גוט הערציגער מיט אזא גאלדענעם כאראקטער וויא ער האט מיר אוים געוויזען, זאל זיך אזוי פאדלע באגייהן מיט מיר? צום אנפאנג האט ער מיר איין גערעדט דאס ער ליעבט מיך וויא זיין לעבען, אין זיינע בריעף האט ער מיר געשריבען דאס וועהרענד ער איז וויים פון מיר דענקט ער אויך שטענדיג וועגען מיר, ער האפט דאס עס וועט ניט פיעל געווערען ביז ער וועט ענדיגען אוניווערזיטעט, דאן ווערדען וויר צוא זאמען געבונדען ווערען מיט איין עוויגען בונד; אך, וויא גליקליך איך האב זיך דאן געשעצט און יעצט א, מיינע אומגליקען! ווען איך האלט אין אזא פאלאזשעניע האט ער מיך אוועק געווארפען... וואס זאל איך טאהן מיינע גרויסע צרות, יעצט אז איך האב שוין פון אי... הם... א...

ביי די ווערטער האט זיא זיך זעהר שטארק פארנאנדער געוויינט, דאס זאגאר יהודית, מיט איהר פאטער און פעטער איוואנאוויטש האבען געהאט מיטלייד מיט איהר, אבוואהל זיי ווייסען דאס מאנעסזאהן איז גאר ניט שולדיג אין איהר אומגליק, נאר דאס ווייסען זיי דאך אז זיא איז דאך א אומגליקליכע פארפיהרטע, זיא רעדט געוויס מיט דעם גאנצען הארץ און איהר קומט ניט אן שווער צוא מאכען זיך וויינען.

—וויא אזוי האסט דוא זיך פערליעבט אין איהם? פרעגט פעטער איוואנאוויטש די פריילען.

מיין פאטער איז איין איינבינדער פלעגט ער קומען צוא אונז ביכער איינבינדען, צום אנפאנג פלעגט ער ווייניג ריידען מיט מיר, אם ענדע האט ער אן געפאנגען אפט פאר ברייננגען מיט מיר, ביז ער האט מיר געמאכט איין ליבעס ערקלערונג, וועלכעס מעדכען פון אזא קלאססע וויא איך, וואלט זיך ניט געשעצט גליקליך הערענדיג אזעלכע ווערטער פון אזא מאנספערזאן וויא מאנעסזאהן?

—יא, זאגט פעטער איוואנאוויטש, מען קאן ניט רעכנען פאר א דומהייט ווען א פראסטע מעדכען זאל אנטווארטען אויף א ליבע ערקלערונג פון אזא

מענשען אבער ניט אויף אזא אויפען ווי איהר ... איך קלער זיא אקארסט אריין זעצען אויף א ווילע. זאגט פעטער איוואנאוויטש אויף פראנצויזיש.

—א, איך האב מיטלייד מיט איהר. לאזט זיא אזוי אוועק אונ געבען איהר מעהר ניט אן צוא הערען אז מען ווייס אז דאס איז נאר א אן געשטעלטע זאך אונ זיא זאל זיך בעסער מיט גוטען אפ צשעפען פון מאנעסזאהן, אונ ווען ניט וועט זיא ערגער מאכען.

—יעצט אז איהר ווייסט שוין אז דאס איז נאר א צוא בונד האט איהר מיטלייד מיט איהר. אבער וויפיעל ליידען וואלט איהר דאפאן האבען, אונ וויפיעל בזיונות אונ הארץ ווייטאג וואלט מאנעסזאהן האבען ווען ניט דער צופאל וואס מען האט געפונען דעם בריעף ביי פאלשמאנען, דען אללע וואלטען געוויס גלויבען איהר, אונ ניט איהם ... ניין! איהר קומט א שטראף, ווען זיא האט זיך געלאזען איין מאהל פארפיהרען דארף זיא זיך ניט לאזען איין ריידען פאר שווארצען דיא אויגען א אומשולדיגען מענשען.

—ווארט א ווילע, זאגט פעטער איוואנאוויטש דער פריילין, אייער אומגליק האט מיך דער נומען, איך וועל שיקען א הער גלייך נאך מאנעסזאהנען אונ ווען עס וועט זיך ערווייזען אז עס איז ריכטיג וויא איהר זאגט, וועל איך זעהען ער זאל אייך בארוהיגען.

איך דאנקע אייך זעהר, גנעדיגער הערר, וואס איהר נעמט זיך אן פאר א אומגליקליכע מעדכען, וויא איך.

דער פאליציי בעאמטע האט גערופען גאלדענבלומס לאקיי, האט איהם געגעבען א צעטעלע ניט צוא מאנעסזאהנען, זאנדערן צום צשאמנע פריסטאוו ער זאל שיקען א קווארטאלני מיט א דעסיאטניק אהער. אין א האלבע שטונדע הערום איז געקומען א קווארטאלני מיט א דעסיאטניק. דאס פריילין האט א קוק געטאהן אז עפעס ניט וויא זיא האט געמיינט, אנשטאט מאנעסזאהן איז גאר געקומען א קווארטאלני, אונ מען וויל זיא אריין זעצען, זיא האט זיך אפילו געשטעלט אנטקעגען אונ האט געפרעגט מיט שטאלץ: פאר וואס קומט דאס מיר? האט איהר געאנטווארט פעטער איוואנאוויטש אז מען וועט איהר זאגען א תירוץ אין פאליציי, מען האט אוועק געפיהרט דאס פריילין ניט וועלענדיגערהייט געבאך אין פאליציי; זיא האט זיך ניט ווענינ ערשראקען, דען איהר איז ארויף אויפען זינען פילייכט וויים מען דעם קונץ וואס זיא האט געוואלט מאכען.

אין א פירטעל שטונדע הערום נאך דעם אז פעטער איוואנאוויטש איז פארט געגאנגען איז געקומען יעליזאבעטקע פון גימנאזיום! מען האט איהר דערציילט אלעס וואס דא איז פארגעגאנגען אונ זיא איז געוועזן העכסט צוא פרידען וואס עס האט זיך ארויס געוויזען דייטליך וויא מאנעסזאהן איז ריין פון אללע פערדאכטונגען וואס מען האט איהם חושד געוועזן.

—אהא! איך האב זיך גאר פארגעסין, זאגט יעליזאבעטקע, איך האב עפעס א בריעף געפונען, געוויס האט דאס איינער פארלארען וועהרענד ער

דאס געוואלט אריין ווארפען אין בריעף־קאסטען, איך האב איהם אויך געוואלט אריין ווארפען אין יאשציק האב איך פארגעסען, מסתמא דארף אזוי זיין, ווען מיט אונז פאסירט זיך אלעס אונגעוואהנליכעס קאן זיין דאס נאר א קליינינקייט וואס וואר געשאהן אומגעריין זאל זיין ניט אומזאנסט; מען דארף א קוק טאהן וואס איז דאס פאר א בריעף, איך האב אפילו ניט געזעהן צוא וועמען ער איז אדרעססירט, זיא נעמט ארויס דעם בריעף אונ גיט א קוק, דער אדרעס איז ניט צוא א באקאנטען מענשען: „העררן שנארייסקי פיר"... אבער דיא האנדשריפט איז איהר אוים געקומען זעהר באקאנט.

—איך וואלט זיך וועלען דער מאנען, זאגט זיא, ביי וועמען האב איך געזעהן אקוראט אזא האנדשריפט. זעה יהודית, דיר איז ניט באקאנט דיא האנדשריפט?

—אה, זעהר באקאנט, ווארט... אהא איך וויים וועמעס דאס איז, דאס איז אונזער הויז מאדם האנדשריפט.

—איך בין א בעלן צוא עפנען דעם בריעף, דען יעצט בלייבט מעהר ניט איין פראגע וויא קומען דיא בריעף וואס דיא מאד האט דיר אפ געגעבען, אין מאנעסזאהנס צימער.

—ווען דוא ווילסט קאנסט דוא איהם עפנען.

יעליזאבעטקע האט געעפענט דעם בריעף אונ האט א קוק געטאהן דיא ערשטע זאך צוא וועמען ער איז אדרעסירט אונ ווער עס שרייבט זיך אונטער דער טיטעל וואר מעהר ניט, „האכגעשעצטער הערר", אונ דער אונטערשריפט וואר „בונציע" — אהא, זאגט זיא צוא יהודיתן, דוא ביסט גערעכט דאס איז טאקע אונזער בונציעס א בריעף.

זיי האבען גענומען לעזען פאלגענדעס:

האכגעשעצטער הערר!

וואס איהר האט מיך געבעטען אוועק לעגען דעם פעקעל בריעף אין מאנעסזאהנס צימער אונ זאגען אז איך האב עס געפונען ארויס פאלענדיג פון שרייב טיש האב איך איספאלנעט, איך קאן אייך זאגען נאך א מאהל וואס איך האב אייך דאן געשריבען אז עס האט געמאכט א גרויסען איין דרוק אויף יהודיתן זא גלייך אויפען פאטער, דען זיי האבען ביידע דורך געלעזען דיא בריעף. יעצט אבער מוז איך אייך בענאכריכטען ניט גאר גוטע נייעס. איך האב אייך צוא געזאגט מליעדעווען וואס דא וועט זיך טאהן אונ אייך בענאכריכטען בין איך מקיים מיין פערשפרעכען: היינט איז דא עפעס געוועזן א פאליציי בעאמטער אונ האט געבראכט בריעף וועלכע מיא האט געפונען ביי איינעם א פאלשמאן וואס פון זיי ווייסט זיך ארויס מאנעסזאהנס אונשולדיגקייט אין אללעס, נאך דעם איז געקומען עפעס א פריילען אונ האט געפרעגט אויף מאנעסזאהנען; אונ האט דערצייהלט אז זיא וואר פערפיהרט פון דיזען נידער־טרעכטיגען מענשען, דער פאליציי בעאמטער האט אוים געהערט איהרע רייד

האט געשיקט גלייך נאך א קווארטאלנעם אונ מען האט זיא אריין געזעצט. דיזעס אלעס בענאכריכטע איך אייך אויף שנאראווסקעס נאמען. וויא איהר האט מיך געבעטען, דאס אין דיא בריעף זאל ניט זיין דער מאנט אייער נאמען, זאנאר אויפען קאנווערט האב איך אויך געשריבען מער ניט „הערן שנאראווסקי דליא...“ וויא איהר האט געזאגט, אז עס וועט שטיין דריי פיר פונקטען וועט שוין שנאראווסקי וויסען וועמען אפ צוא געבען. בונציע

זיי האבען דורך געלעזען דעם בריעף אונ זענען געווארען זעהר פאר־וואונדערט; זיי האבען זיך ניט גערעכט פון זייער מאר וואס איז שוין ביי זיי אזא לאנגע צייט אין שטוב זאל זיך באגעהן זא פאלש.

—טוה א מענשען גוטעס, זאגט יהודית, אזוי פריינדליך וויא איך בין מיט איהר געוועזען, איך האב זיך מיט איהר באגאנגען ניט וויא מיט א הויז מאד זאנדערין וויא מיט א פריינדין, יעצט פאר קויפט זיא מיך פאר א קאפיקע, אך וואס פאר א פאלשע וועלט דאס איז איך האב ביז איצטער גאר ניט געוואוסט אזוי פיעל, אבער וואס זאגט מען אויף דעם, פון אללע בריעף האט זיך נאך אללעס ניט דער גאנגען ווער דער רעדעל פיהרער פון דער גאנצער אינטריגע איז, איך פאר שטעה אפילו פון וועמען עס וואקסט אבער פאקטיש האט זיך נאך פון איין זאך ניט באוויזען, א וואונדערבארע זאך!

יהודית האט צוא גערופען צוא זיך דיא הויז מאד, האט איהר געוויזען דעם בריעף אונ האט ביי איהר געפרעגט צוא וועמען האט זיא איהם געשריבען, האט זיא געאנטווארטעט דאס ניט זיא האט איהם גאר געשריבען.

—דאס איז דאך דיין האנדשריפט?

—פאטאזשע איז עס אויף מיינעם, אבער עס איז ניט מיינער.

—איז ווער דען האט דאס געשריבען?

—פון וואנען זאל איך וויסען?

—ווער וואלט וויסען וואס דא האט זיך געטאהן אפ דערציילען יעמאנדען אין א בריעף?

—וואס זאל איך וויסען וואס ביי אייך געהט דא פאר פאר א אינטריגעס אט קומט אייך אן בריעף, אונ נאך דעם דערגעהט זיך אז עס איז גאר נאך געמאכטע, יעצט אויך קאן זיין אז גאר א אנדערער האט געשריבען אונטער מיין נאמען דעם בריעף, ווער אונ צוא וואס פאר א ציעל ווייס איך ניט!

—מעהר ניט וויל איך האב מיט דיר מיטלייד, געקאנט האב איך דיר אוועק שיקען צוא דער פריילין פון גראדסטייוועל, איך וויל מעהר ניט האבען מיט דיר צוא טאהן, גאר פון יעצט אן זאל דיין פוס ביי אונז אין שטוב ניט זיין! עס טויג פאר מיר ניט אזא מענש וואס זאל מיך פאר קויפען פאר א קאפיקע.

30

אין גאנצען באנראבען:

וועהרענד מען האט געפונען ביי פאלשמאנען די בריעף וואס געהערען צוא די העלדען פון אונזער געשיכטע אונ מען האט איהם ארײן געזעצט האט ער זיך איין געקעהרט שרייבען פינקעלשטיינען א צעטעלע, פאלגענדעס אינהאלט:

„איהר זאלט וויססען אז מיט מיר האלט זעהר שלעכט, מיר האט געטראפען אן אומגליק דאס מען האט ביי מיר געפונען פאלשע בילעטען מיט די בריעף וואס פון זיי קאן זיך הערויס ווייזען די גאנצע אינטריגע וואס מיר פיהרען געגען מאנעסזאהנען, נור פון וועמען עס שטאמט אונ ווער איז דער באטראישציק פון דעם, קאן מען פון די בריעף ניט וויססען! ווען איהר זאלט וועלען קאנט איהר מיר העלפען אין עטוואס, אונ ווען ניט זאלט איהר וויססען אז איך וועל אייך אויך ארויס געבען. איך בעט אייך ניט פאר געסט אן מיר פון אייער טובה וועגען . . פאלשמאנען"

איין אנטווארט האט ער געקראגען אויף דעם בריעף א גאנץ גוטען. דאס מען האט איהם געפונען א דערמארדעטען אין אסטראג; ווער עס האט איהם דערמארדעט האט קיינער ניט געוואוסט.

פינקעלשטיין האט שוין גענומען זוכען אנדערע מיטלען אפראמען מאנעסזאהנען ער זאל איהם ניט שטיין אויפן וועג — גענוג שוין מיר — זאגט ער — נוצען א זעלבע מיטלען וואס זאלען נור פארשמוצען זיין נאמען, וויא עס ווייזט אויס האב איך קיין גליק אין דעם; וואס מען טוהט ניט אונ עס לאזט זיך פון אלעם גאר נישט אויס, וואס געפינט מען אבער פאר א בלבול ער זאל פארפאלען ווערען אויף עוויג אין פינסטערען געפענגניס, אדער מען זאל איהם אומברינגען, היינגען שיססען?... יא, פראגען א מיטעל אונ א גוטער, קיין בעסערין דארף מען ניט, מיא דארף איהם אונטער ווארפען ביכער, צייטונג אונ בריעף, וואס זאל אויס ווייזען פון זיי אז ער האט צוא טאהן מיט די פאליטישע פערברעכער, די רעוואלוציאנערין וואס זייער גאנצער ציעל איז נור איבער קעהרען די וועלט זאל זיך פיהרען אויף זייער סטראי, דאס וועט זיך איין געבען זעהר לייכט, דער בעל הבית וואו ער שטעהט איין איז זעהר א פראסטער אונ א ארימער, ווען מען וועט איהם ארײן שפארען עטליכע הונדערט רובל וועט ער לאזען ארײן געהן צוא מאנעסזאהנען אין צימער אונ אוועק לייגען דארטען וואס מען וויל, אונ גלייבען אויף מאנעסזאהנען אז ער האט א יד מיט די פארברעכער איז אויך ניט שווער! ערשטענס איז ער דאך א סטודענט, צווייטענס וויל ער זאנימאיעט זיך מיט ליטעראטור, יא דאס

איז א גוטער פלאן , געקלערט און געטאהן . ער האט איבער גערעדט מיט מאנעסזאהנסווירטה וואו ער שטעהט איין און ער האט זיך סאנגלאסעט אריין לאזען איהם אין מאנעסזאהנס צימער און איהם האט גאר נישט געארט וואס ער וועט דארטען טאהן , ער האט גענומען פיעל פאפירען , בריעף צייטונגען און ביכער און האט דאס אללעס פאר שטעקט ביי מאנעסזאהנען אין צימער וועהרענד ער איז געוועזן אין אוניווערזיטעט . אז ער האט דיזעס אללעס געענדיגט האט ער אן געשריבען א אנאנימען בריעף צום יעקעווער גענעראל גובערנאטאר , נעמליך :

„איינער א רוססישער פאטריאט האט דיא געלעגענהייט באקאנט מאכען זייער עקסעלענץ פון איינעם א פאליטישען פערברעכער וואס נעמט אגרויסען טהייל אין דער רעוואלוציאנערע פארטהיי , וואס צום גרויסען פארדרוס האבען זיי זיך פאר מעהרט אין אונזער פאטערלאנד .

„מיר האט זיך געמאכט א צופאל צוא רייען מיט א אידעשען סטודענט פון יורדיצשעסקען פאקולטעט , אונטער דעם נאמען מאנעסזאהן , האב איך באמערקט אין איהם פערדארבענע געדאנקען ! איך האב זיך געמאכט אז איך האלט מיט איהם מיט , אום צוא ערפאהרען ריכטיג וואס מיט איהם טוהט זיך . איך בין מיט איהם אזוי וויט פעקראכען אין ראזגאווער ביז איך האב דערגאנגען אז ער איז איין וואהרער רעוואליוציאנער . ער האט מיך אויך אן גענומען פאר זיינעם א מיט־ברודער אין געדאנקען , האט ער מיך געבעטען איך זאל אויך מיט ארבייטען מיט זייער חברה צוא זאמען ! איך האב איהם פערשפראכען קומען מארגען צוא איהם וועט ער מיר געבען צייטונג און ביכער איך זאל זיי פערברייטען אונטערין פעבל ! איך האב איהם אויף אללעס איינגעשטימט און האב זיך מיט איהם העכסט פריינדליך פארנאנדער געשיידעט" .

„ווייל איך בין איין אמת'ער פריינד מיין פאטערלאנד , האב איך גענומען גלייך וויא איך בין געקומען צוא הויז און האב אלעס דיזעס באקאנט געמאכט דורך דיזען בריעף מיינעם אייער עקסעלענץ . ווען איהר וועט הייסען מאכען א אביסק ביי איהם אין קוואטיר מארגען דריי , פיער וועט איהר זיך איבער צייגען אז איך שרייב קיין ליגען אין מיין בריעף . זיין קוואטיר איז אין ... שטראססע . הויז ... נומער ... איין רוססישער פאטריאט" .

דער זעלבער פאליצי בעאמטער וואס האט געקלערט אז מיט זיינער הילפע וועט זיך ערפרייען מאנעסזאהנען פון דער גוטער נאכריכט דאס יהודית ליעבט איהם וויא געוועזן און בעט איהם ווייטער צוא גאלדענבלומען אין הויז , דער זעלבער האט געמוזט געהן צוא זאמען מיט געהיים פאליציי אין מאנעסזאהנס קוואטיר מאכען א אביסק און געפינען פערעסטופענע ביכער און פאפירען . ער האט פארשטאנען גאנץ גוט אז דאס וואר נור א בלבול אויף איהם און אומזאנסט געבאך וועט ער יעצט אומגליקליך ווערען ; זיינע פיינדע האבען פאר איהם אויס געגראבען א גרוב א גאנץ טיפע וואס איהם וועט זיין

שווער ארויס פון איר , איהם איז אפילו ארויף אויפין זינען ער זאל זעהן וויא עס איז פאר היטען איהם , אבער ליידער האט ער ניט געקאנט געפינען .קיין מיטעל .

קיין פולע האט מען ניט באדארפט זוכען דען זיי האבען געפונען אלעס גלייך וויא עס איז געשטאנען אין דעם דאנאס צום גובערנאטאר ; איין גליק איז געוועזען דאס מאנעסזאהן וואר דאן ניכט צוא הויזע , גראדע דיזען טאג איז ער געגאנגען צוא זיינעם א קאמעראד אונ איז ביי איהם געזעסין ביז עטליכע שטונדען אין דער נאכט .

דיא פאפירען , דיא צייטונג אונ דיא ביכער וואס מען האט ביי איהם געפונען האט מען אלעס צוא גענומען אונ מען האט פארנאנדער געשיקט סישצשיקעס · איבער גאנץ יעקעוו זוכען איהם . אויך געטעלעגראפירט אין אללע וואקזאלען : ווען מען וועט געפינען אזא אונ אזא מענשען זאל מען איהם ארעסטירען .

דער טאג איז אוועק געגאנגען אונ עס איז אן געקומען דיא נאכט זעהר א פינסטערע דאס פינסטערער קאן שוין ניט זיין , עס וואר אין אנפאנג דעם מאנאט ! דער מאנד איז נאך ניט געבארען געווארען אונ דיא שטערען האבען זיך פאר פולט ארויס צוא געהן אויפין הימעל , מאנעסזאהן געהט זעהר פארטראכטעטהייט פון זיין טאווארישץ , איהם וואר זעהר שלעכט אויפין הארצען . אך , דענקט ער , ווארום איז מיר זא אונמוטהיג ? געסטערן וואר איך זא פרייהליך , דאס הארץ האט מיר געזאגט אז היינט וועל איך עפעס האבען גוטע נייעס , היינט וויא איך בין נאר אויף געשטאנען האט מיר מיין ברוסט געדריקט זעהר , מיר האט זיך עפעס דיא צייט דורך געצויגען , איך וואלט שוין וועלען עס זאל אוועק געהן דער טאג איך זאל וויסען וואס פאר א נייעס האט ער מיר געבראכט , אונ יעצט א ! מיר איז עפעס אזוי שווער אויפין הארצען אז איך האב גאר קיין מאהל ניט געשפיהרט , עס זאל מיר ליגען אזא שווערע לאסט אויף מיין ברוסט !

וויא ער געהט אזוי פארטראכט האט איהם באגעגענט זיינער א פריינד וואס האט שוין געוואוסט פון אלעס וואס ביי איהם האט זיך געטאהן אויפין קוואטיר , ער האט זיך זעהר געוואונדערט אויף מאנעסזאהנען וויא ער גייהט אזוי המיאלע אין גאסס , ער האט אפילו א קלעהר געטאהן פיללייכט אירדט ער זיך . אפשר איז דאס ניט מאנעסזאהן האט ער זיך איין געקוקט גוט ער זעהט עס איז פארט מאנעסזאהן , ער האט זיך ארום געקוקט אין אללע זייטען אויב עס איז ניט דא ווער אין גאסס , דען ער האט פורכט געהאט מיט איהם אנפאנגען צוא רעדען מען זאל זיי דא ביידען ניט אויף חאפען אונ גלייך ארעסטירען , אז ער האט געזעהן דאס קיינער איז ניט דא איז ער צוא איהם צוא געגאנגען אונ האט איהם געפרעגט :

—„וואס טהוט זיך מיט אייך מאנעסזאהן ?

—וואס זאל זיך טאהן ? אנטווארטעטע ער איהם – גלייך וויא אלע מאהל

—וואס הייסט גלייך ? מען האט שוין אייך בעפרייהט , וואס איהר גערט אזוי רוהיג ?

—וואס בעפרייהט ? פון וואס ?

-איהר ווייסט גאר ניט וואס מיט אייך האט זיך געטאהן ?

—איך ווייס ניט .

—ריכטיג איהר ווייסט ניט ?

—וואס וואלט איך אייך נארען ?

ער האט איהם ערציילט אז מען האט ביי איהם געפונען זאפרעשטשאנניא ביכער און פאפירען .

—מאנעסזאהן האט דאס ערהערט און איז געווארען זעהר בעשטירצט , א פראסט איז איהם אריבער איבער אללע ביינער , א גאטט ! וואס האסט דוא צוא מיר וואס דוא שטראפסט מיך אזוי אונערבארעמליך ? פאר וואס קומט דאס מיר אזוי ? וויניג וואס איך האב פון קינדהייט אן געלעבט זא איין שלעכטען איינזאמען לעבען , ניט געהאט פון קיין זאך פערגעניגען , געאפפערט זיך פאר מיינע עלטערין , ליטעראטור און קענטניס , ווען מיר האט געקענט זיין גוט איז דאס געוועזן ניט לאנג געוועריג עס איז אוועק געפלויגען מיין גליק וויא א פייל פון בויגען , מיר איז מיין לעבען ניט איין געגאנגען וואס איך וואר פארטריבען פון מיין גן־עדן , נוא פילייכט איז נאך דיזעס אללעס וויניג , נא דיר נאך , שטארב וויא א הונד וויא א מערדער אויפין גאלגאן ! א , אז איך דער מאן זיך אויף אזא ענדע . . . דאס איז מיר ניעמאלס אויפין זינען ארויף ! אנשטאט דעם וואס איך האב געוואלט מיט מיין לעבען וואס עס איז פאר א נוצען ברייענגען מיין פאלק , יעצט וועט ער נאך דורך מיר פיעל ליידען . דיא יודענפיינדע און דיא יודעפאבישע גאזעטען וועלען דאס ארויס געבען א ביסעל פיינע ארטיקלען ! וויא יודען זיינען אללע נור פערדארבענע , רעוואלוציאנערין , וויא דער סדר איז אז מיא חאפט א אידען ביי איין פערברעכען ווארפט מען ארויף זיין שולד אויף אללע יודען ! א , גאטט ! דיינע פלאגען אויף מיר זינד גאר אן א מאס !

—אבער וואס קלערט איהר צוא טאהן יעצט ? רופט זיך אפ זיין טאוואַרישץ , נאך דעם אז ער האט געזעהן דאס ער האט זיך זעהר שטארק פארטראכט , מיין עצה וואלט געווען איהר זאלט זעהן וויא עס איז אריבער חאפען זיך זאגראניצע , דען זא שטייהט אייער לעבען אין גראס געפאהר .

—א אזוי גרינג רעדט זיך , אריבער חאפען זיך , מען האט שוין א ווראי ניט פארנאנדער געשיקט אום אונד אום זוכען מיך , מען האט א ווראי ניט געשיקט אויף אללע וואקזאלען אז מיא וועט געפינען אזא און אזא מענשען זאל מען איהם אויף חאפען און מען זאל איהם גלייך ברייענגען אין פאליצייא ?

—איז וואס דען קלערט איהר צוא טאהן ?

—וָואס זָאל אִיךְ קְלֶערֶען? עֶס אִיז זֶעהְר שְׁלֶעכְט אִיךְ דַארְף עֶנְדִיגֶען מַיין לֶעבֶּען וִויא אַ פֶערְבְּרֶעכֶער, קֵיין אַנְדֶער מִיטֶעל הָאבּ אִיךְ נִיט. אוּנ פַאר זִיךְ קְלֶערְט עֶר, אַיין מִיטֶעל הָאבּ אִיךְ מִיט וָואס צוּא בֶּעפְרַייעֶן זִיךְ פוּן מַיין בִּיטֶערֶער לַאגֶע, זֶעלְבְּסְט עֶרְמָארְדֶען זִיךְ. בֶּעסֶער אֵיידֶער מֶען זָאל מִיךְ הֶיינְגֶען פוּבְּלִיצְנֶע גְלֵייךְ וִויא אַלֶע פְּרֶעסְטוּפְּנִיקֶעס.

דֶער טָאוַוארִישְׁץ זַיינֶער הָאט גֶעזֶעהְן דָאס עֶר אִיז זֶעהְר צוּא טְרָאגֶען הָאט עֶר אִיהְם אַוֶועק גֶעלָאזֶען אוּנ אִיז פָארְט אִין זַיין וֶועג גֶעגַאנְגֶען.

—יָא, זָאגְט מאנעסזאהן נָאךְ דֶעם אַז עֶר הָאט פִיעל גֶעדֶענְקְט, אִיךְ מוּז יֶעצְט פַאסְטֶען מוּטְה, אוּנ מוּז אוֹים פִיהְרֶען מַיין פְּלַאן וָואס אִיךְ הָאבּ אָפּ גֶעקְלֶערְט; מֶען זָאל מִיךְ פֶערְאוּרְטְהַיילֶען צוּם הֶיינְגֶען גֶעפֶעלְט מִיר נִיט, קֵיין רֶעוָואלְוֶוער הָאבּ אִיךְ נִיט, גֵייהְן קוֹיפֶען אִיז צוּא שְׁפֶּעט, אוֹיסֶער וָואס אִיךְ הָאבּ נִיט פַאר וָואס, דִיא בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז אִיךְ זָאל גֶעהְן יֶעצְט גְלֵייךְ אוּנ לֵייגֶען זִיךְ אוֹיף דִיא רֶעלְסֶען פוּן אַייזֶענְבַּאהְן דֶער פַּאיַאזְד וֶועט אָן קוּמֶען בַּאלְד וֶועט עֶר מִיךְ אִיבֶּער פָאהְרֶען אוּנ אִיךְ וֶועל גְלֵייךְ שְׁטַארְבֶּען.

עֶר אִיז אַוֶועק צוּם בַּאהְן, דִיא בְּלוּטֶען הָאבֶּען אִין אִיהְם גֶעקָאכְט, דִיא גֶעדַאנְקֶען זַיינֶע וַוארֶען צֶערְשְׁטְרֵייט אוּנ דֶער קָאפְּף וַואר אִיהְם דוּל. עֶר וֶוערְט אַלֶעס וַוייטֶער גֶעהֶענְטֶער צוּא זַיין צִיעל אָבֶּער זַיין זִינֶען וֶוערְט אַלֶעס שְׁוַואכֶער! עֶר הָאט נִיט גֶעוָואלְט שְׁטַארְבֶּען, אִיהְם הָאט זִיךְ נִיט גֶעוָואלְט שֵׁיידֶען פוּן דֶער וֶועלְט וואו עֶס לֶעבְּט זָא אַיין לִיעבֶּעס פֶּערְזָאן וִויא יהודית, וָואס עֶר הָאט נָאךְ אַלֶעס גֶעהָאפְט אַז זִיא וֶועט אִיהְם וֶוען לִיעבֶּען, אִיהְם הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט לֶעבֶּען צוּא לִיעבּ זַיינֶע עֶלְטֶערְן, אִיהְם הָאט זִיךְ נִיט גֶעוָואלְט שֵׁיידֶען פוּן זַיין לִיטֶערַאטוּרֶע וָואס עֶר וַואר צוּא אִיהְר צוּגֶעבּוּנְדֶען מִיט לֵייבּ אוּנ לֶעבֶּען אוּנ זַיין הָאפְנוּנְג וַואר נָאךְ שְׁטַארְק אַז עֶר וֶועלְט מִיט זַיין טְרוּד זִיךְ, אוּנ דֶער וֶועלְט נוּצֶען בְּרֵיינְגֶען: אָבֶּער וָואס זָאל עֶר טְהוּאן? אַז עֶר הָאט קֵיין אַנְדֶער וֶועג נִיט, עֶר מוּז שְׁטַארְבֶּען אוּנ אַלֵיין זִיךְ טֵייטֶען!

עֶר אִיז גֶעקוּמֶען נָאהֶנְט צוּם בַּאנְהָאף, עֶר הָאט אַ קוּק גֶעטָאהְן עֶס גֶעהֶען אוּם מֶענְשֶׁען הִין אוּנ צוּרִיק! „דָא אִיז נִיט קֵיין אָרְט, קְלֶערְט עֶר, עֶס קָאן נָאךְ וֶוער בַּאמֶערְקֶען אַבְּוָואהְל עֶס אִיז זֶעהְר פִינְסְטֶער, עֶס אִיז נָאךְ אַ הִיפְּשֶׁע בִּיסֶעל צַייט בִּיז דֶער פַּאיַאזְד דַארְף אָנְקוּמֶען" דַארוּם אִיז עֶר אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען וַוייטֶער אוּנְטֶערְן שְׁטָאדְט. עֶר הָאט אַ וָוארְף גֶעטָאהְן זַיין בְּלִיק הֶערוּם, עֶר זֶעהְט נִיעמַאנְד אִיז דָא, אִיבֶּעראַלל הֶערְשְׁט אַ טָאדְטֶע שְׁטִילְקֵייט אַ שְׁוַוארְצֶע פִינְסְטֶערְנִיס בַּאדֶעקְט דִיא גַאנְצֶע אַקְרֶעסְטְנָאכְט. דֶער הִימֶעל אִיז עֶכְט דוּנְקֶעל, מֶעהְר זֶעט מֶען אוֹיף אִיהְם נִיט וִויא אַיין שְׁטֶערְן, דָאס וֶוערְט עֶר הֶעלְל אוּנ זַיינֶע שְׁטְרַאלֶען וַוארֶען וִויא פַייעֶרִיגֶע הֶערְנֶער, דָאס וֶוערְט עֶר דוּנְקֶעל בִּיז כִּמְעַט מֶען זֶעהְט אִיהְם נִיט! אַנְטְגֶעגֶען אִיהְם שְׁטֶעלְט זִיךְ פַאר אַ גֶעדִיכְטֶער וַואלְד מִיט הוֹיכֶע גְרוֹיסֶע בּוֹימֶען וָואס גְרֵייכֶען בִּיז אָן דִיא וָואלְקֶען, אוּנ גִיבֶּען נָאךְ צוּא צוּדֶער פִינְסְטֶערְנִיס מֶעהְר אֵימָה

פון ווייטען האט זיך געלאזט הערן איין גערויש אונ א קלאפעריי פון די רעדער פון דעם פאיאזד , אונ באלד האט ער דערזעהן פון ווייטען צוויי גרויסע פייערינע אויגען פון דער ווילדער מהיר וואס ער וויל איהר אוועק געבען זיין לעבען , ער האט איין לעצטען מאהל א ווארף געטאהן זיין בליק אויף די וועלט וואס ער האט פון איהר וויניג פארגעניגען געהאט , אונ וואס ער האט פון דעסטוועגען ניט געוואלט שיידען זיך פון איהר ווייל ער האט געהאפט אז איהם זאל זיין ווען גוט . האט זיך אין געדאנקען געזעגנעט מיט אללעמען אונ גענומען אפשייד פון דער גאנצער וועלט :

1

אדיע יהודית מיין ליעבע מיין געטרייע ,
אדיע עלטערין ביי וואס זייט איהר געבליבען ?
אדיע דיא וועלט דיא שיינע דיא פרייע ,
אדיע אללע וועמען איך פלעג ליעבען .
אדיע מיין פאלק דיא היילינע נאציאן ,
איך שייד זיך פון אייך , געזונד זייט ;
אדיע אמונה וואס וואר פערפאלגט פון לאנג אן ,
איך געה אוועק פון אייך אללעמען גאנץ ווייט !

2

א! גאטט ! זאל ביי דיר זיין רעכט ,
נעם מיך אן פאר דיין פאלק א קרבן ;
א , וויא מיר איז יעצט שלעכט
מיט וואס פאר א טויט איך דארף שטארבען ,
איך בין זיך מקריב אויפען מזבח ,
זאל זיין גערעכענט וויא איך וואר אויפען אלטאר פערברענט ;
איך פערצייהע מיין מערדער מיין רוצח ,
עס איז געווים זא באשערט פון דיינע הענד !

אויף מארגען האט מען געפונען אויף דעם פלאץ פון אייזען באהן א מענשען מיט א צערמאלמענעם קאפף , נאך דיא קליידער אונ נאך דיא דאקומענטען האט מען ערקענט אז דאס איז מאנעסזאהן

ענדע דעם צווייטען טהייל

דיא שווערע צייט

אָהֳלִי שֻׁדָּד וְכָל מֵיתָרַי נִתָּקוּ
בָּנַי יְצָאֻנִי וְאֵינָם, (ירמיה י׳ כ׳)

אין ראמאן אין פיער טהיילען פון דער לעטצטער צייט אונטער דיא
יודען אין רוססלאנד.

פערפאסט

פאן

בער איסר בן גרשון זאביעזענסקי אויס וויטעבסק

דריטע טהייל

הזכות נמכר לצמיתות לר׳ יעקב סאפירשטיין

נאכדרוק שטרענג פערבאטען

ווארשא

שנת תרמ״ד לפ״ק

ДИ ШВЕРЕ ЦЕЙТЪ

т. е. тяжелое время

Романъ въ четырехъ частяхъ

Б. Г. Забѣженскаго

варшава 1884

Дозволено Цензурою.
Кіевъ, 14 Марта 1884 г.

Въ Типографіи Н. Шрифтгиссеръ Малевки № 13

גרו סע צרות

ליעבע לעזער, איך זאל אייך נעמען פארשטעלען דיא אנגסטען און ליידען וואס יהודית האט געהאט וועהן זיא האט זיך ערוואוסט דאס מאנעסזאהן האט זיך זעלבסט ערמארדעט, איז מיין פעדער צו שוואך, און אויך וויל איך אייך אזוי פיעל שמערצען ניט פערשאפען, איהר געדיינקט נאך גאנץ גוט, וויא זיא האט געליידעט וועהרענד זיא האט געמיינט דאס מאנעסזאהן איז אינטריי געגען איהר, נאכהער אז דער צופאל האט איהר איבער צייגט דאס נאר בעזע מענשען האבען איהם אין אללעס פערליימדעט, און זיא האט שוין גערעכענט אז זיא וועט זיין ווידער גליקליך, מיט אמאהל דארף זיך איהם טרעפען אזא אומגליק. וויא דונערין און בליצען האט דאס איהר צערשמעטערט, און זיא האט געמיינט דאס זיא וועט קיינע קרעפטען האבען אריבער צו טראגען עס, א! א פיעל גרעסערע טרויריגע לאגע וועלין מיר זעהן ביי מאנעסזאהנס עלטערין אין הויז.

זייט מאנעסזאהן איז אפ געטראטען פון גאלדענבלומען האט זיך איהם וויינינג אוראקן געמאכט, און ער האט ניט געקאנט שיקען זיינע עלטערין אפילו איין גראשען, עס איז אריבער א מאנאט צוויי, דריי און זיי האבען ניט געהאט פון וואס צו ערנעהרען זיך, איין האפנונג האטטען זייא דאס מאנעסזאהן וועט זייא ניט פערלאזען, נאר זיי האבען שוין אן געהויבען צו קלערען, גאט ווייס וואס מיט איהם טוהט זיך, פיללייכט האט זיך איהם איין אומגליק געטראפען, דען עס קאן ניט זיין דאס אזא לאנגע צייט זאל ער אן זיי פערגעסען. דער מאגען אבער פאדערט דער ווילע זיינס, האבען זייא פאר זעצט אין משכון אללעס וואס אין שטוב איז געוועזן, אם ענדע האבען זיי זאגאר דאס בעטגעוואנד אויך פאר משכנת, עס איז געקומען א צייט אז זיי האבען שוין ניט געהאט וואס צו לייגען אין משכון, עס איז מעהר ניט געבליבען אין שטוב וויא אפאר שטולען מיט א טישעל און א בעטל.

—וואס זאגסט דוא, אברהם, וואס קאן דאס זיין וואס מיר האבען ניט קיין שום ידיעה פון משה'ן? — זאגט חנה, מאנעסזאהנס מוטער צו איהר מאן —

—וואס זאל איך זאגען? עס איז ניט גלאט עס מוז זיין עטוואס דארין.

—דוא האסט געשיקט א בריעף צו זיין ווירטה ער זאל דיר שרייבען

וואס טוהט זיך מיט איהם ?

—איך האב געשיקט שוין לאנג , אבער מען האט מיר געאנטווארטעט דאס ער איזט שוין מעהר ניט ביי איהם .

—א , יעצט צווייפעל איך ניט דאס איהם דאט געוויס איין אומגליק געטראפען , געדיינקסטו אברהם וואס ער האט אונז א מאהל געשריבען ? דאס ער האט אונז צוא שרייבען נייעס , נאר ער לייגט דאס אפ אויף א אנדער מאהל , דיזע נייעס וואַרען וויכטיגע , אדער זיי קאנען איהם גליקליך מאכען וויא גאר דיא וועלט , אדער ער קאן ווערען העכסט אומגליקליך .

—יא , איך געדענק גאנץ גוט , פאר וואס זאל איך ניט געדענקען , נאר גאטט ווייס וואס דארטען קאן זיין , איך וואלט איהם פון אנפאנג מוחל זיין דאס גראססע גליק מיט דעם אונגליק וואס הענגט דער ביי , דען יעדעס גליק האט זיין אומגליק , איך האב מורא צוא האט ער זיך ניט פערליבט אין גאלדענבלומס טאכטער אן דיא עלטערינס וויסען אונ אז זיי האבען עס זיך דער ווסט האבען זיי איהם פעריאגט פון זייער הויז .

—אונ ווען אפילו אזוי , וואלט ער אללעם דאך שיקען אונז א בריעף .

—דוא ווייסט דאך זיין נאטור אז שיקען פוסטע בריעף וועהרענד ער ווייס אז מיר זיינען נייטיג אין געלד האט ער פיינד , אונ קיין געלד האט ער געוויס ניט , פון דיא אלטע אורזאכען האט ער זיך אפ געזאגט אונ קיין נייע מאכט זיך אפשר איצטער נישט .

—אבער וואס טוהט מען יעצט ? קיין ברויט איז ניטא אונ עסין ווילט זיך !

—עס איז גאנץ שלעכט , מיר געהט אוים דאס הארץ וואס איך האב פון געבעטען אן ניט גיגעסען .

—זעהסט דוא מיין מאן דוא פלעגסט אויף מיר אין כעס זיין אז איך פלעג דיר זאגען , מיר זאלען זיך פיהרען פראסטער , מיר האבען געדארפט וויססען אז מיר זיינען אבהאנגיג פון אונזערין א קינד האבען מיר בעדארפט זעהן צוא פיהרען זיך וויא מען קאן אונ באהאלטען א קאפיקע אויף א שלעכטען טאג !!

—מיר האבען זיך געפיהרט עפעס צוא פיעל ראסקאשנע ? איצטער אז מיר האבען ניט אפילו א שטיקעל ברויט מיט וואס צוא איינשטילען אונזער הונגער דאכט זיך דיר אז מיר האבען זיך געפיהרט דאמאלט וויא דיא גראפין .

—איך ווייס אז מיר האבען זיך ניט געפיהרט איבעריג גרויס ! וועו וואלט דאס אבער זיין , ווען דוא וואלסט אליין פארדינט אבער אז דוא האסט אויף געהערט צוא פארדינען אונ מיר האבען געדארפט אן קומען ביז אונזער משה'נקע וועט אונז שיקען , האבען מיר געדארפט האבען דעם רעכנונג : וואס וואלט זיין אז ער וואלט אונז גאר ניט שיקען ? וואס וואלטען מיר טאהן אז מיר וואלטען האבען אזא קינד וויא לייטעשע וואס ווילען זיך

אפילו ניט דער מאנען אן זייער פאטער אונ מוטער.

—וואס קומט ארויס פון דעם וואס מיר וועלין ריידען וועגען עבר. דיא פארגאנגענע צייט וועלין מיר דאך ניט אומקערין, אבער וואס טוהט מען איצטער?

—הער וואס איך וועל דיר זאגען! טאמער וואלכט דוא אריבער געהען צוא איינעם פון אמאהליגע דיינע תלמידים וואס זיינען אללע יעצט דיא גרעסטע גבירים פון שטאדט, פארט א פארצייטיגער רבי, א מאהליגער לעהרער, ווען דוא וואלסט זיי דער ציילען דיין פאלאזשעניע יעצט, וואלטען זיי זיך ניט ענטזאגען דיר בעהילפיג צוא זיין.

אוי! מיין פרויא, וואס זאל איך דיר זאגען? איך קאן דיר אזוי פיעל ניט אויס דריקקען וויא מיר איז שווער דיזעס צוא טאהן, איך וואלט זיך בעסער געהן טרינקען איידער געהן בעטין ביי וועמען עטוואס! דוא געדענקסט פאר א יאהרען פסח איז מיר ניט דער גאנגען עטליכע רובל, בין איך געגאנגען צוא דעם גביר טריבעננוועריג, ער איז געוועזען א סך יאהרען מיינער א תלמיד, ער האט זיך ביי מיר געלערענט ביז דער חתונה, אונ איז אויך דיינער א נאהנטער קרוב, קיין קינדער האט ער ניט אונ גאטט האט איהם געגעבען אנשטאדט קינדער עטליכע הונדערט טויזענד קערבליך איך האב ביי איהם געבעטען אנטליען עטליכע רובעל, דעם ערשטען טאג חוה"מ איז דאך מיר טאקע אן געקומען געלד וואלט איך דאך איהם אוועק געבין; האט ער מיר געענטפערט: פאר שטייהט איהר מיך, עס איז פראגען א סך וועמען איך אנטליי גמילות חסדים אונ מען קאן נאך דעם ניט געדענקען, וואלט זיין דיא בעסטע זאך אז איהר וואלט ברייגגען עפעס א סימן; איך וואר דאן גאנץ שטאלץ ביי זיך, בין איך באליידיגט געווארען פון דיזע ווערטער אונ בין פארט א היים.

ווייסט דוא וואס איך וואלט דיר זאגען מען זאל בעסער פאר קויפען מיין מאנטעל; מען קאן פאר איהם נעמען פונפצעהן רובל, וועט אונז זיין גענוג אויף צעהן וואכען, בעסער אויס קומען מיט טראקענעם ברויט איידער אן קומען צוא לייטען.

—ניין, דער פלאן געפעלט מיר ניט, דוא וועסט נאך דעם ניט האבען אין וואס אפילו אין גאס ארויס צוא געהן.

—וועל איך ניט געהן, וואו הין דארף איך געהן? אין שול וועל איך קאנען געהן אן א מאנטעל אויך, דען דיא שול איז נאהענט נעבען אונז.

—אונ וואס וועט זיין נאך דעם?

—נאך דעם וועלין מיר ווייטער זארגען, עס איז דא א גאטט קאן ער אונז ביז דאן עפעס צוא שיקען, אדער אפשר וועלען מיר האבען עפעס א נאכריכט פון משה'ן.

—אונ וואס וועט זיין מיט מענדלען, דער רבי וויל דאך איהם ארויס

שיקען פון חדר ?

—זאל ער ארוים שיקען, אויך מיר מיין באבעס דאגות, דיא גרויסע פעולה וואס ער האט ביי איהם געהאט ? אי, איך ווע שוין אויך ניט אן קיין גרויסען תכלית פון דיא חדרים, איך וועל איהם בעסער אוועק געבען אין גימנאזיום. משה האט געשריבען אז ער וועט איהם נעמען צוא זיך, יעצט האבען מיר צוא געזאגט א פאר גימנאזיסטען אז זיי וועלען איהם לעהרנען אומזאנסט אונ פארבערייטען איהם צום גימנאזיע. זעהסט דוא מיין פרויא דיא רייכע גבירשע קינדער וואס קענען גוט לעהרנען וואלטען ניט וועלען מיט ארימע קינדער לעהרנען אומזאנסט, אונ רייכע גימנאזיסטען, לעהרנען ארימע קינדער אן געלד אונ גיבען זיי נאך אויף ביכער אונ אלעס וואס זייא האבען נייטהיג.

—אבער אין גימנאזיום דארף מען דאך צאהלען פארין לעהרנען ?

—עס איז פראנען ביי דיא גימנאזיסטען א_קאססע וואס געהט פאר ארימע שילער, האבען זיי מיר צוא געזאגט אז זיי וועלין פאר איהם צאהלען.

—פאר וואס איז ניטא ביי גימנאזיסטקעס אזא קאססע ? דוא ווייסט אז מען האט שוין אן געזאגט אז מען וועט העגען ארויס שיקען פון גימנאזיע ווען מען וועט ניט אפ צאהלען וואס פאר איהר קומט. איך האב דאס דיר ביז יעצט ניט געוואלט זאגען, ווייל איך האב דיר דאס הארץ ניט געוואלט אפ עסען, יעצט ב״ה האבען מיר זיך גאנץ גוט אויס געערדט אונזערע ביטערע הארצער, דערצייל איך דיר דאס אויך, זאל זיין אלעס מיט אמאהל.

—ווען דוא האסט מיר ניט דערציילט האב איך אוודאי ניט פארשטאנען אז עס וועט זיין אזוי ? נאר איך האב געקלערט: וואס וועל איך העלפען אז איך וועל זארגען ? וואס גאטט וועט געבען דאס וועט זיין זאל ער טאהן וואס ער וויל! אונ ווידער וועל איך דיר זאגען אז פאר הענעלען ארט מיך גאר ניט אזוי שטארק זיא איז אזוי אויך גאנץ גענוג געבילדעט, זיא האלט אין דיא לעצטע קלאססען, אונ דער הויפט לעהרינט זיא פאר זיך פיעל; ווייטער נאך גימנאזיע וועט זיא נירגענד פאהרען שטודירען, אונ קיין דאקטער וועט זיא זא וויא זא ניט נעמען וואס זיא זאל דארפען האבען א דיפלאם פון גימנאזיע, א ווייועסקע אז זיא איז א געבילדעטע; וועט מען זיא האלטען אין גימנאזיע אן געלד איז גוט אונ ווען ניט וויא זיי ווילען זיך.

נוא! וואס מאכט דאס אויס, וואס האט געזאלט זיין זאל שוין זיין, עס ווילט זיך שטארק עסען, הענעלע וועט קומען פון גימנאזיע אונ מענדעלע פון חדר זיי זיינען אוועק ניט געגעסענע, אונ וועלען ניט האבען וואס צוא עסין, נעם שוין דעם מאנטעל גיה פאר קויף איהם אונ ברייננ ברויט.

זיא האט געבאך גענוכען דעם מאנטעל ניט ווילענדיגערהייט אונ איז ארויס פון שטוב מיט פאר ווייטע אויגען.

אברהם איז געבליבען איינער אליין אין שטוב אונ איהם איז געווארען

זעהר ביטער אויפען הארצען, איהם האט דער נומען זעהר דער ווייבס מרערין אויסער וואס אליין האט ער אויך פארשטאנען גאנץ גוט זיין לאגע.

ער האט גענומען זוכען עפעס וואס צו לעזען אום צערשטרייען זיינע געדאנקען; אבער ליידער האט ער ניט געפונען וואס, דיא ספרים אונ ביכער זיינע האט ער פאר זעצט אין משכון, אויף צייטונג האט ער זיך אללע מאהל אבאנירט, נור יעטצט איז שוין מעהר וויא א מאנאט אז מען האט אויף געהערט צו שיקען איבער א איינפאכע פריצינע... ער האט גענומען איבער קוקען דיא אלטע גאזעטען ביז ער איז געקומען צו דיא לעטצטע נומערין, אהא, זאגט ער, מיר דאכט אז איך האב איינע פאר דער לעטצטער בלאט ניט געלעזען, דאן איז אן געקומען צוויי בלעטער מיט אמאהל, האב איך געלעזען דיא צווייטע אונ דיא ערשטע אזוי אוועק געלייגט.

ער האט גענומען דיא בלאט האט זיך אוועק געלייגט אויף זיין בעטיל אויף וועלכער עס וואר קיין בעטגעוואנד ניט, אונ האט אן געפאנגען לעזען, מיט אמאהל האבען זיינע אויגען דערזעהן דאס ווארט „מאנעסזאהן", עס האט איהם א שטאך געטאהן אין הארצען אבוואהל ער האט ניט געוואוסט וואס, ער האט אן געהויבען לעזען אויף דיזען ארט פאלגענדעס:

„צווייא אונ צוואנציגסטען יאנואר דריי אוהר ביי טאג האט פאליציי געמאכט א אביסק ביי א אידישען סטודענט אונטער דעם נאמען מאנעסזאהן, אונ מען האט ביי איהם פיעל פארבאטענע ביכער, צייטונג אונ פאפירען געפונען, מאנעסזאהן זעלבסט וואר דאן ניכט צו הויזע, מען האט געשיקט אום אונד אום זוכען איהם אונ מען האט איהם ניט געפונען אונ נימאנד ווייסט וואו ער האט געקאנט א היין קומען היינטע האט מען געפונען א מענשען מיט א צערמאלמענעם קאפף אויף דיא שינעס פון באהן, נאך דיא קליידער אונ דעקומענטען האט מען דער קענט אז דאס וואר מאנעסזאהן. ער האט זיך בעסער אליין ערמארדעט איידער ארייין פאלען אין דיא הענד דער געריכט".

אברהם'ן וואר אזוי אויך זעהר גוט אויפין הארצען, נור אז ער האט דורך געלעזען דיזען ארטיקעל האט ער זיך גאר מחיה געוועזען. אוי! האט ער ארויס געלאזען א יאמער פון טיפען הארצען, פיללייכט איז אונז ווייניג צרות, נא דיר נאך! אונזער גאנצע טרייסטונג אונזער פאדפארע צו דיא עלטערע יאהרען איז פארשווונדען געווארען, אי, מיין טהייערער זאהן! איך גלייב ניט דוא זאלסט טאהן אזא דומהייט, אפפערין זיך אונ דיינע עלטערין אויף אזא נארישער אידעע, דען אין אנדערע לענדער וואס דער בויער האלט אין איין האנד דיא סאכע אונ אין דער אנדערער א צייטונג, א זעקעל־טרעגער שטעלט זיך אפרוהען אונ נעמט ארויס א גאזעטע אונ לעזט; פיהרען זיי גאר נישט אוים, וועלין זיי ביא אונז אין לאנד אוודאי גאר נישט אוים פיהרען, איך וויים געווים אז דוא ביסט אין דעם אין גאנצען אונשולדיג א בייזער פיינד האט דאס דיר אפ געטאהן אום דיך אומגליקליך צו מאכען! אבער

ווא דיזם איז, צוא אזוי צוא אזוי, דער ווילדע איז שלעכט, א, ארימעס עלענדעס קינד! אומגליקליך ביזט דוא געבארען געווארען אוף דער וועלט!!!

ער האט זיך אום געקעהרט מיט דעם געזיכט צום וואנד אונ האט שטארק געוויינט, ער איז געלעגען אזוי מיט א פערוויינט הארץ א פירטעל שטונדע אונ איז אנשלאפען געווארען, אונ דיא צייטונג האט ער געלאזען אויפין בעט, הענעלע איז געקומען צוא גיין פון גימנאזיע איהר וואר אויך זעהר ביטער אויפין הארצען; זיא איז אוועק ניט א געגעסענע, אין קלאסס האט מען איהר געזאגט דאס ווען זיא וועט ניט ברייגגען קיין פלאטא אוצשעניע זאל זיא ניט קומען לערהנען, אוף דער שטראסע וואר נאס, דיא שוהע איהרע ווארין צוריסען אונ זיא איז קוים דערלאפען א היים; זיא האט גענומען זוכען פיללייכט איז דא עטוואס וואס צוא נעמען אין מויל, אבער זיא האט גאר נישט געפונען דען עס איז ניט געוועזן וואס צוא געפינען, זיא איז צוא געגאנגען צום פאטערס בעטיל, זיא זעהט ער ליגט אונ נעבען איהם א בלאט צייטונג, זיא האט גענומען דיא בלאט אין האנד אונ איהר האט זיך אויך אן געטראפען דער געשמאקער ארטיקעל מיט מאנעסזאהנען; זיא האט איהם דורך געלעזען, האט ניט געמאכט קיין פיעל שהיות אונ איז גלייך געפאלען אין אונמאכט.

מענדעלע לויפט א היים אונ וויינט, ער האט געגעסען אן בייסען דאס זעלבע זאך וואס הענעלע! אין חדר געהאט דעם זעלבען כבוד וואס זיא אין גימנאזיע, דער רבי האט איהם ארויס געטריבען ווייל ער ברייגגט קיין געלד, דער צוא נאך געגעבען א פאר קלעפ מיט א פאר קניפלעך וואס ער רופט דאס מאנפאסע — ווייל אז ער גיט א קניפ ווערט אויף יענעם ארט רויט אונ בלאה, ער לויפט א היים גלייך וויא אין דער היים וואלט זיין אנגעגרייט וואס צוא עסין.

ער איז אריין געלאפען אין שטוב אונ האט געוואלט אויס דער ציילען זיין גאנצע הארץ פאר דיא עלטערן. ער גיט א קוק אז דיא מוטער איז ניטא אין דער היים, דער פאטער שלאפט, הענעלע ליגט אוף דער ערד (ער האט ניט באמערקט אז זיא האט געחלשת, ער האט געמיינט זיא האט זיך בעסער געלייגט אוף דעם בריק איידער אוף א בעט אן בעטגעוואנד) נעבען איהר א גאזעטע, ער האט גענומען א קוק טאהן דיא בלאטט, דען ער קאן שוין אביסעל לייענען, אונ האט אויך געפונען דיא מחיהדיגע נייעס מיט מאנעסזאהנען, ער האט דאס דורך געלעזען אונ האט גלייך געמאכט דעם זעלביגען קונץ וואס הענעלע.

חנה, דיא מוטער פון דיא קינדער, איז ניט געגאנגען פאר קויפין אברהמס מאנטעל ערגעץ וואו נאהענט, דען זיא האט זיך געשעמט פאר באקאנטע, זאנדערן זיא איז אוועק אין דעם אנדערן עק שטאדט וואו מען קאן זיא ניט! זיא האט זיך נאך געפרעגט וואו וואהנט א טענדלער, אונ איז

אוועק געגאנגען צוא איהם. דער טענדלער האט געוואהנט אין שכנות ביי א בעה״ב; בעת זיא האט געוויזען דעם מאנטעל פארן טענדלער איז געזעסען אויך דער ווירטה פון הויז, ער פרעגט גלייך חנה׳ן: „זאגט מיר ליעבע אידענע וואו האט איהר גענומען דעם מאנטעל, זיא אנטווארטעט איהם דאס איז מיין מאנס מאנטעל —

—און וואו האט איהם גענומען אייער מאן?

—וואו זאל ער איהם נעמען? געקויפט אין קראם סחורה און אויף גענייט.

—וויא לאנג איז אז איהר האט איהם אויף גענייט?

—מיט א פינף מאנאטען צוריק אז אונזער זאהן האט אונז געשיקט געלד.

—ווען איהר האט איהם ערשט פאר פינף מאנאטען צוריק גענייט ווארום ווילט איהר איהם יעצט פאר קויפען?

—מסתמא ניט פאר ווילטאג,

—הערט ליבע אידענע וואס מאכט דאס אוים דיא פיעל רייד, איהר זאלט וויסען אז דער בגד איז מיינער. איך האב איהם זיך גענייט מיט איניגע מאנאטען צוריק און אין א וואך הערום האט מען איהם ביי מיר געגנבעט.

—שטייץ געגנבעט! ווען איך וואלט איהם גנבענען וואלט איך קומען צוא אייך אין שטוב פארקויפען איהם?

—איך וויים ניט צוא איהר אליין צוא א אנדערער האט איהם געגנבעט און האט אייך געבראכט פערקויפען, און ניט וויססענדיג וועמעס ער איז זענט איהר גראד געקומען א הער פארקויפען איהם.

—א, מיינע גרויסע צרות, וואס איך האב קיין מאהל ניט געהערט דארף איך יעצט הערין! א גרויסער דונער האט מיך איין געשלאגען; איך געה אליין מיט מיין מאן און קויף סחורה און גיב אוועק איין שניידער אויף נייען, מיט א מאהל בינט מען זיך צוא, אז דאס איז גאר אגעגנבעטער, ווייסט איהר וואס? איך וועל אייך ברייגגען דעם שניידער וואס האט מיר איהם גענייט.

—און איך וועל אייך ווייזען דעם שניידער וואס האט מיר איהם גענייט, איך קאן אייך נאך ווייזען א שטיקעל צייג וואס ביי מיר איז געבליבען פון איהם. ער געהט אוועק צוא זיך אין צימער און ברייגגט א שטיקעל דראפ און זאגט: זעהט איהר וויא דאס איז פון דיא זעלבע סחורה!

—יא, דיא סחורה איז כמעט וויא איינע, נאר עס קאן זיין אז מיר האבען געקויפט פון איין שטיק, צוא אוף מיין מאנטעל אליין דאט דיא פאבריק געמאכט דיא צייג.

—ווייסט איהר וואס איך וועל אייך זאגען: מיר וועלען דעם מאנטעל אוועק טראגען אין פאליציייסקע צשאסט, איך האב דער לאנגט א אביאזיעניע אויף בשעת מען האט ביי מיר געגנבעט מיין מאנטעל, און פאליציי וועט

באזעריען צוא װעמען געהערט דער בגד.

—זיא האט אפילו ניט געװאלט געהן אין צאסט, נאר ער האט איהר געזאגט אז ניט, װעט ער שיקען נאך פאליציע אונ מען װעט זיא אװעק פיהרען, האט זיא ניט װעלענדיגערהייט געמוזט געהן מיט איהם.

אין פאליציע האט מען ביי זיי צוא גענומען דעם בגד, אונ אויס געהערט ביידענס טענות, אם ענדע האבען זיי געפרעגט ביי דער פרויא װער זיא איז האט זיא געזאגט דאס זיא איז אברהם מאנעסזאהנס פרויא.

אברהם מאנעסזאהנס פרויא? זאגט דער איד, יא, איך קען אייער מאן גאנץ גוט, אזוי װאלט איך אייך חושד זיין אז איהר האט אליין געגנבעט, יעצט גלייב איך אז איהר האט איהם געקויפט ניט װיסענדיג אז ער איז א געגנבעטער;

דער צשאסני פריסטאװ האט געזאגט: װיא באלד איך קאן אייך ביידען, אונ פאר א גנבטע זענט איהר זיא אויך ניט חושד, זא קאנט איהר זיך געהן א היים, דער בגד זאל בלייבען דא, אונ דיא דיעלא װעט איבער געהן אין מיראװאי סוד, אונ ער װעט באזבירייען צוא װעמען ער געהערט.

חנה איז געבאך אװעק פון פאליציע ניט גאר צוא פרידען, פריהער איז איהר געװעזן דאס הארץ גאנץ גענוג פאר װייטאגט אז אין שטוב איז ניט דא א פיצעל ברויט אונ זיא מוז געהן פאר קויפען דעם מאנס בגד אונ ער װעט ניט האבען אין װאס אין גאס ארויס צוא געהן אונ איצט אי דעם בגד האט זיא ניט אי מיט ליידיגע הענד גייהט זיא א היים. א! רבינו של עולם, פאר װאס שטראפסט דוא אונז אזוי שטארק?!

זיא גייהט א היים אונ קלעהרט: װיא װעט זיא קאנען דער ציילען דיא טרויעריגע געשיכטע װאס איהר האט געטראפען פארין מאן? װיא װעט זיא קאנען ביי שטייהן אז דיא קינדער װעלין בעטין עסין אונ זיא װעט ניט האבען װאס צוא געבען? זיא גייהט אריין אין שטוב א, גרויסע צרות! דיא קינדער ליגען אויף דער ערד געחלשת אונ געבען זיי א בלאטט ציימונג, זיא האט פארשטאנען אז זיי האבען געמוזט ערפאהרען פון דער בלאטט עטװאס שלעכטס פון משה'ן; זיא נעמט זיי מינטערין אונ קאן ניט אויף מינטערין, זיא האט אויס געבראכען א גרויסען יאמער אונ קלאג דאס אברהם האט זיך אויף געחאפט! ער האט אויף געעפינט דיא אויגען ניט טויט ניט לעבענדיג, ער זעהט חנה ליעגט אויף דער ערד אונ באקלאגט איהרע קינדער.

—װאס איז דא געװעזן? פרעגט ער דיא פרויא.

—א, גאטט, נעם אונז צוא פון דער װעלט, װאס מוטשעסט דוא אונז אזוי פיעל? שטעה אויף גיכער העלף מיר אויף מינטערין דיא קינדער!

—א, האט א קלער געטאהן אברהם, דיא פארפלוכטע גאזעטע האט דאס אן געמאכט דיא גאנצע צרה, װיא טוה איך דאס אזא נארעשקייט אונ צוא ריים זיא ניט?!

—זאג מיר אברהם וואס איז דא געוועזן וואס זיי האבען געהלשת ? זיי האבען געמוזט לעזען שלעכטע נייעס וועגען משה'ן אין דיזער צייטונג .

—ניין , איך האב דאך דורך געלעזען דיא בלאטט אין איהר שטייט גאר נישט .

מיט גרויס מיה האבען זיי אויף געמינטערט דיא קינדער , אבער צום גרויסען אומגליק האבען זיי ניט געהאט מיט וואס צוא ערקוויקען זיי .

חנה האט פארשטאנען אז ניט גאר פריילעכע נייעס האבען זיי געלעזען אין דער בלאטט , אויסער דעם האט זיא באמערקט אז אברהם זעלבסט איז שרעקליך פערצווייפעלט נאר אז מענדעלע האט זיך א ביסעל פארנאנדער געצשוהעט האט ער איהר געעפינט דיא אויגען „משה משה" האט ער געבאך געשריגען מיט א ביטערין קול „דוא ביסט שוין ניט דא ליעבער ברודער אונזער טהייערער ברודער איז געשטארבען איהם האט דער באהן איבער געפארין , מיר וועלין שוין יעצט פאן הונגער שטארבען . אין חדר וועל איך שוין ניט קאנען גייהן"—ער האט זיך פארנאנדער געוויינט מיט א יאמערליכע שטיממע ; הענעלע אוף איהם קוקענדיג האט זיך אויך זייער שטארק פארנאנדער געוויינט , דיא מוטער איז געלעגין אויף דער ערד אונ האט זיך געריסען דיא האאר פון קאפ אונ אברהם וואס האט זיך ביז יעצט איין געהאלטען פון וויינען אום דיא פרויא זאל גאר נישט ערפאהרען האט זיך אויך גענומען גיסען מיט טרערין , אונ האקין מיטין קאפ אן וואנד עס האט זיך אויף געהויבען איין הערץ רייסענדער קלאג איבער דעם גאנצען הויז .

33

אמאהל שכנים אונ איטצטער שטיף־קינדער

1

אך וויא ניט גוט עס איז צוא זיין א שכן
וואלגערין זיך שטענדיג אין דער פרעמד .
וואס עס ווערט נאר עפעס צואבראכען .
איזט גלייך שולדיג דעם שכנ'ס הענד :
דער בעה"ב אליין טהוט וואס ער וויל .

עס איז אלעס גוט ערשטעו-קארט
ער צו פוילט דיא ווענד , פארשמוצט דעם דיל ,
און קיינער זאגט איהם ניט א קרום ווארט ;
אבער דער שכן , גיט זיך נאר אריהר ,
ווערט שוין א גרויסער געשריי א ליארעם ,
ער האט שוין צרות אן א שיעור ,
עס ווערט איהם קאלט און ווארעם .

2

ווער רעדט אז צום אומגליק , מעשה שטן ,
האט דער שכן אשלעכטען נאמען געקריגען ;
ער האט אפילו קיינם זיין כבוד ניט אן געטראטען .
נאר אזוי האבען אלע אן געהויבען צוא זאגען :
ער איז א גאר-נישט אניעגאדיאיי ,
ער פערשמוצט און פערדערבט דיא וואהנונג ,
ער הויזט ניט מיט דיא שכנים וואס וואהנען דערביי ;
אזוי איז אויף איהם יעדערינס מיינונג .
אויף אזא שכן איז א גרויסער רחמנות ,
קיינער וויל איהם ניט פערדינגען א שטוב ,
מען לאזט איהם ערגעץ ניט אריין (סכנות) ,
עס איז איהם זיין לעבען ניט ליעב .

3

עס איז געוועזן א צייט מיר זיינען געוועזן בעלי בתים אליין ,
מיר האבען געהאט א וואהנונג , א פיינע מדינה ,
מיר האבען געוואהנט גאנץ פיין גאנץ שיין
אין אונזער אייגען לאנד פאלעסטינע .
איז פון גאטט באשערט געוועזן
אן שיקען אויף אונז בייזע שונאים ,
זיי האבען חרוב געמאכט אונזער וואהנונג, אונז גענומען אין פלען
מיר זיינען געווארען אין דער פרעמד שכנים .
מיר האבען פון דאן אן פיעל צרות געהאט ,
מען האט אונז געמוטשעט וויא פיעל יעדער האט געוואלט ,
מיר זיינען געווארען מיט יסורים זאט ,
עס איז אונז פינצטער געווארען דיא וועלט ;

4

מיר האָבען זיך אַן געהויבען וואַלגערן אין פרעמדע לענדער,
פון איינער אַרויס אין דער אַנדערער אַריין,
אַ סך האָבען אונז געלאָזען אין איינע העמדער,
אין די הערצער פול פיין.
אין בבל אין רום, אין איטאַליע אין פראַנציע,
האָבען מיר זיך אַ סך געמוטשעט;
אין איספאַניע, גערמאַניע, אַנגליע, שוועציע,
האָט מען אונז אויף שטיקער צוא טאַטשעט.
מיר האָבען שוין געקראָגען פאַר אַ שלעכטען שכן אַ נאָמען
קיינער האָט אונז ניט געוואָלט אַרויף לאָזען אויפען שוועל.
ביז די פוילן האָבען פאַר אַ מצוה גענומען,
און האָבען אונז געגעבען אַ שטיקעלע שטעל

5

אין די לעצטע צייטען אין ראַססיי,
האָט מען אונז פאַר שכנים רעכנען אויף געהערט.
מיר האָבען אויף געהערט צו הערן אַבידע און געשריי
מען האָט אונז אַן געפאַנגען שעצען וויא מיר זיינען ווערטה.
פאַר דעם לעבען פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטען,
דעם פערשטאָרבענעם קיסר, דעם גוטען דעם פרומען
הט פראַוויטעלסטוואָ אַנגעהויבן רעכנען אונז גלייך מיט אַלע לייטען
אוים שכנים פאַר קינדער צוא גענומען.
אָבער אַ סך פון פאָלק ווילען אונז ניט אַן נעמען
פאַר איינענע לייבליכע ברידער,
זיי גיבען אונז „שטיף ברידער" נעמען,
און וואַרפען אונז אַראָפּ אין דער נידער.

6

אַ אייגען קינד איז אַ שכל וואָס ער טהוט,
קען קלייבען פון איהם נחת מען קוועלט,
צוא ער טהוט שלעכט צוא גוט
איז אַ אַנטיק וואָהל אין דער וועלט.
אַז ער האָפּט אַ אינטערעס וואָס איבער זיין גאָט.

זאגט מען : ער פוילט זיך ניט ארבייטען אפילע .
ער וויל ניט אן נעמען וואס העכער וויא זיין מוח
ווען ער טהוט א קליינינקייט , זאגען אללע .
אבער א שטיף־קינד , וואס ער טהוט איז א נארישקייט .
אויב א קליינינקייט , ווערט מען פון איהם לאכען ;
אונ אויב א גרויסע זאך אונ פערקריכט וויט ,
זעהט מען איהם אראפ ווארפען אונ קליין מאכען .

7

אז מיר האבען נישט געקענט , נישט פאר שטאנען .
מיר זיינען געוועזן פאנאטיש אונגעבילדעט ,
האט מען געשריגען : גוואלד ביז וואנען
ווערט איר זיין אללע פערווילדעט !
מען האט פון אונז געלאכט געשפאט ,
ווער עס האט געוואלט פון גרויס ביז קליין ,
מען האט חוזק געמאכט פון יעדער טראט
עס איז געוועזן מיט אונז זעהר ניט שיין ;
מיר האבען אן געהויבען צוא פערשטייהן זעהר פיעל .
מיר זיינען געווארען געבילדעטע געלערנטע לייט ,
איז געווארען פון אללע זייטען א רעש א געביל :
גוואלד ! מיר שטעכען זיי אלעמען אין זייט .

ביי אונז אין דיא לעצטע צייטען וואר דעם עולם ניט גוט אויפען הארצען ; עס איז געוועזן יקרות יאהרען , אונ פאר פיעלע הונגער יאהרען , דער נאראד וואר זעהר געדריקט אין לעבענס מיטלען , דיא בויערין ווארין זעהר ארעם , דיא ארבייטער האבען געהאט ווענינ ארבייט , אין דעם זעהט מען איינינע אידען שיטען זיך מיט געלד אויף אללע שדים ווייסען וואס , מיינט מען אז דאס גאנצע געלד בלייבט ביי דעם אידען , אונ דאס ווייסען זיי ניט אז א סך מעהר איז פראנען וואס שטארבען פון הונגער איידער רייכע ; מען זעהט דער אידעשער קרעמער לייזט א פולע געלד , דער שענקער שארט געלד מיט לאפעטעס אין א זאנטאג , צוא איז דא פרנסה , ווייסען זיי ניט ; אויסער דעם וואר דער עולם ביטער אויפין הארצען איבער דיא פיעלע מארדטהאטען וואס ווערען אין דער לעצטער צייט אין אונזער לאנד , פיעל גראססע פיינע מענשען וואס האבען געטאהן פיעל פאר זייער פאטער־לאנד זינד אום געבראכט געווארען פון נידער טרעכטיגע מענשען , אזא טהייערער , גנעדיגער בארעמהערציגער קייזער , וואס האט געטאהן אזוי פיעל גוטס אין זיין לעבען

פאר זיין לאנד ; ער האט בעפרייהט צוואנציג מיליאן בויערן וואס זיינען געוועזן געדריקט ערגער וויא בהמות ביי דיא פאנעס , ער האט געמאכט אלגעמיינע וואינסקע פאווינאסט , אונ נאך פיעל גוטע רעפארמען , איז אין מיטען טאג , אין מיטען דער שטראסע אומגעבראכט געווארען מיט א שרעקליכען שווידער האפטען טאדט פון פאדלע מערדער ; אונ דיא יודענפיינד האבען דא געפונען א ארט האפען פיש אין מוטנע וואסער אונ ארוים ברייננען א קול אז אידען זיינען אין אלעס שולדיג ,

---

34

יעליסאוועטגראדער פאגראם .

דער ערשטער פאגראם וואר אין יעליסאוועטגראד , פונפצעהנטען אפריל פיער אוהר נאך האלבען טאג . עס האט זיך אנגעהויבען פון א שיינקער „שלום גרעצעוועסקי" , וואס האט זיך גענומען קריגען מיט א קריסט וועלכער האט ביי איהם צוא ברעכען א בראנפען־גלעזעל , אויפען גאסס איז געוועזן א טאלפא מענשען , וואס זיינען געשטאנען ארום דעם אונ אנדערע שענקען , אונ האבען אן געפאנגען צוא שרייען „נאשיך ביוט" ! זיי האבען זיך געלאזען אין אללע גאססען אונ האבען אן געפאנגען צוא ברעכען דיא שילדען , דיא הייזער אונ דיא קראמען . איינציגע יודען האבען אוים געשאסען פון רעוואלווערין . האבען זיי נאך מעהר אויף געבראכט דעם צארין פון דיא סאבראוועס , צום אנפאנג האבען דיא רויבער זיך גאר ניכט גענומען , זאגאר בילעטין , געלד וואס זיי פלעגין געפינען האבען זיי צוריסען אויף שטיקלעך , מעהר האבען זיי זיך ניט געפאלזעוועט אז מיט בראנפען , וועלכע זיי האבען געטרונקען וויא פיעל זיי האבען געוואלט , גאר אם ענדע האבען זיי גערויבעוועט אונ גענומען זיך אויך .

מעהר וויא פינף הונדערט הייזער אונ זעקס הונדערט מאגאזינען ווארען ראזגראבעוועט , ביז צוויי הונדערט מענשען ווארען פערוואונדעט אונ איינער ערמארדעט . נאהענט פון פינף טויזענד מענשען זינד געבליבען נאקעטע הולע אהנע צוא האבען זאגאר א שטיקעל ברויט .

זיבעצעהנטען איז אן געקומען דריי עסקאדראן אולאנען אונ איין באטאליאן פיעהאטע זאמצאוסקע פאלק אונ האבען איין געשטילט דעם

דאגראם. דיא בויערין וואס מען האט פארטריבען פון שטאדט האבען אן געפאלען אויף דיא קרעצשמעס ביי זיי אין דיא דערפער.

35

אגוט הערציגער פערלאנגען

אייניגע מאנאטען זינד פערפלאסען זינד יהודית האט ערפאהרען פון מאנעסזאהנס אומגליק און זיא וואר אלעס זעהר באשטירצט, טאג צוא טאג איז זיא אלעס געווארען שוואכער אין געזונד און שלעכטער אויפין געזיכט; עס איז פאר שוואנדען געווארען דיא ראזע פון איהרע וואנגען, ניט דא מעהר קיין ראטקייט אויף איהרע ליפען, עס איז פערלאשען געווארען דער עלעקטרישער פייער פון איהרע אויגען. דעם פאטער האט דאס פערשאפט דיא גרעסטע קריינקונגען, זיא וואר ביי איהם טהייערער אלעס דער שווארצאפעל פון זיינע אויגען, און אז ער פלעגט זעהן דאס זיא ביינגט זעהר שטארק און ווערט אלעס שוואכער אין געזונד, איז ער אויס געגאנגען פון זיינע כוחות.

איין מאהל איז איזידאר אריין צוא איהר אין צימער האט ער זיא אן געטראפען מיט פאר וויינטע אויגען; זיא האט זיך אפילו געשטארקט מאכען דאס דער פאטער זאל ניט באמערקען אז זיא האט נאר וואס געוויינט, נאר זיא האט ניט געקאנט, דען טרערין וויא באב זינד גערונגען פון איהרע אויגען און אז זיא פלעגט אפ ווישען איינע פלעגען העראוס פאלען אנדערע אויף איהר ארט.

—א, מיין טאכטער אז דוא וואלסט וויסען וויא דוא קריינקסט מיך מיט דיין צוא פיעל טרויערין נאך מאנעסזאהנען! אז איך זעה, וויא טאג צוא טאג גייהסט דוא אויס, און הערסט ניט אויף צוא וויינען און קלאגען, גייהט מיר קיין זאך ניט איין. טוה א קיק וואס מיט דיר טוהט זיך, עס איז דאך א מורא אויף דיר א קוק צוא טאהן! וואס וועט זיין אז דוא וועסט גאר איבער פיהרען דיין געזונד? דוא וועסט דען עפעס העלפען מיט דעם? א, טהייערע יהודיתיל האב רחמנות איבער זיך, איבער מיר און איבער דיין מוטער און ווארף אוועק דיין יאמער, פערגעס אן מאנעסזאהנען און ווער מונטערער, דוא וועסט זיך א טובה טאהן און וועסט דיינע עלטערין ניט צערניכטען.

—א, טהייערער פאטער! — האט זיא געאנטווארטעט מיט א וויינענדיגער

שטיממע ארויף פאלענדיג איהם אויפען האלדז, וויא קאן איך איהם פארגעסין, וויא קאן איך איהם ארויס לאזען פון זינען; דוא ווייסט דאך וויא ער וואר ביי מיר טהייער פון אנפאנג אן, וויא גראכס איז געוועזן מיינע ליידען ווען איך האב געמיינט אז איך האב זיך געאיררט אין זיין ערדענטליכקייט איבעראלל, אונ זיין טרייהייט צוא מיר איבערהויפט, דאס איך וואר קראנק איינינע וואכען, אונ יעצט אז איך האב זיך איבער צייגט אז נאר בייזע פיינדע האבען אריין געלאזען זייער גיפט אין מיין הארץ אום צוא פערניכטען מיין גליק, אונ מאנעסואהן וואר ריין וויא א ענגעל דארף זיך איהם זא איין אונגליק טרעפען! א! ווען איך וואלט חאטשע קאנען איהם פערצייהונג בעטען אויף וואס איך האב איהם קרענקונג פערשאפט, ווען איך וואלט פון איהם הערין דאס איינציגע ווארט „איך פערצייהע דיר"! וואלט מיר פיעל לייכטער געוועזן, אונ יעצט ניט צוא הערין פון איהם דיזע ווארטער אונ איך וועל שוין איהם מעהר ניט זעהן! א, גרויסע אונגליקען! ווען ער וואלט חאטשע געשטארבען מיט איין געוועהנליכען טאדט וואלט איך זיך פיללייכט קאנען טרייסטען; ער וואלט שטארבען מיט א שיינעם נאמען, טויזענדער מענשען וואס האבען איהם געקאנט וואלטען איהם בעדויערין, אבער יעטצט וואס פאר א ענדע! ער וואר פאר רעכענט ביי אלעמען פאר איין פערברעכער, פיעל וועלען מיט האסס ערמאנערין זיין נאמען, יודען פיינדע ווערדען זיין פערמיינטע זינד ארויף ווארפען אויף אללע יודען, א, ארעמער מאנעסואהן! געלעבט האסט דוא אין דחקות אונ אין אנגסט! געאפפערט זיך פאר דיינע עלטערין, פיר לערנען אונ וויססענשאפט, פיר דיין נאציאן וואס דוא האסט געמיינט אז דוא וועסט איהם נוצען ברייננען מיט דיין שרייבען; אונ געשטארבען א! מיט וואס פיר איין טאדט, אויף אללע מיינע ביללער געזאגט געווארדען!...

א, גאט ווארום שטראפסט דוא אזוי ערדענטליכע געפיהל פאללע מענשען, וועהרענד נידערטרעכטיגע, כאראקטערלאזע מענשען זינד הערכסט גליקליך?

—אבער יהודית, דוא פערגיפטעסט מיר מיין לעבען מיט דיינע רייד, דוא ווארפסט מיך אריין אין טיפען העללע מיט דיין קלאגען; מאנעסואהן וואר ביי דיר טהייער וויל ער האט זיך געאפפערט פיר זיינע עלטערין, ווארום ווילסט דוא איהם ניט נאך טאהן אונ איין ביסכען אויף האלטען זיך צוא ליעב דיין פאטער אונ מוטער וואס וועלען אין דער ערד אריין זעהענדיג וויא טאג צוא טאג ווערט פון דיר א הויפען אש, א, ערבארעם זיך אונ ווארף אוועק אלעם פון דיינעם זינען!

—איך פאר שטעה ניט פאטער, איז דאס איין דינגע וואס אז איך וויל ווארף איך עס אוועק? וויא זאל איך איהם ארויס ווארפען פון זינען ווען איך קאן ניט! וויא פיעל מאהל וויל איך זיך אליין שטארקען אונ פאר געסען אן אללעם, אבער א! עס שטעלט זיך מיר פאר זיין געזיכט, עס קלינגט מיר

אין דיא אהערען זיינע רייד וואס ער פלעגט מיט מיר ריידען ! וויא פיעל מאהל שטעלט ער זיך מיר פאר אין טרוים אונ אויפען וואהר פאר פינסטערט אונ פאר קלאגט וואס ער וואר ערוויטערט פון מיר , אונ פיעל מאהל שרעקען מיך בייזע טרוימען אונ פירכטערליכע סצענעס וויא ער ליגט אויף דיא רעלסען אונ דער לאקאמאטיף מיט אללע וואגאנעס פאהרען איהם איבער אונ צערמאלמען איהם ; זיינע עלטערין ערפאהרען פון אללעס וואס מיט איהם האט זיך געטאהן אונ פאלען אין אונמאכט , מען ערמינטערט זיי , אונ זייא האבען ניט זאגאר וואס אין מויל צוא נעמען , צוא ערקוויקען זיך , א שרעקליך , שרעקליך ! זיא האט אנגעלעגט איהר קאפף אויף איהרע מארמאר ווייסע הענד , האט מיט א וויינענדיגער שטיממע אנגעפאנגען צו זינגען דיזע ליעד :

1

מיין גליק איז פארשוואונדען
וויא איין פייל פון בויגען ,
מיינע שמערצען אונ וואונדען
קאן איך ניעמאנדען צייגען .
פון מיינע אויגען דיא טרערען
גיססען זיך וויא פון א קוואל ,
זיי וועלען קיין מאהל אויפהערען
צו מיינע ליידען איז קיין צאהל .

2

מיין גליק האב איך געמיינט
וועט זיך ווידער צוא מיר אומקעהרען ,
מיין זאננע וואס האט העלל געשיינט
וועט ניעמאלס פינסטער ווערען .
יעצט אין מיטען טאג
איז זיא מיר פארשטעלט ,
אין יאמער אין קלאג
איז מיין פרייד פערוואנדעלט .

3

א , טהייערער מאנעסזאהן !
ניט באשערט דיר נחת געניססען ,
דוא ווערסט פון יעטצט אהן
אויף עוויג פון מיר אפ געריססען ,
אויף עוויג מהוען מיר זיך שיידען ,
איך וועל זיך מעהר מיט דיר ניט זעהן ,
נאר דיין בילד וועט ניט פאר מיידען
אימער געגען מיינע אויגען שטעהען .

—אוי , אום גליקליכער פאטער ! האט איזידאר אויס געשריגען פערצווייפעלט , ער איז געפאלען אויפען שטול אונ וואר פערזונקען אין אונמוטהיגע אנקען .

יסורית האט נאך אקליינע פאזע אקוק געטאהן אויפן פאטער דאס ער איז געווארען בלאס און זיינע געזיכטסציגע בעוויזען דאס ער איז שטארק ערעגט פון איהרע טרויעריגע רייד. — אך וואס טוה איך דאס? דאכטעטע זיא — איך פערפינסטער מיין פאטער'ס זיין לעבען און מאך איהם גרויסע וואונדען אין זיין הארץ מיט מיינע קלאגע רייד, ניין איך מוז זיך מאכען פרייהליך, וועהרענד אין הארצען זינד נאך דא מיינע וואונדען, אום מיין פאטער ניט צוא קריינקען.

—פאטער! זאגט זיא — איזידאר שווייגט, דען ער וואהר זעהר פארטראכט. פאטער! זאגט זיא נאך אמאהל — טהייערער פאטער!

—א, וואס מיין קינד! — רופט זיך אפ איזידאר ערוואכענד פון זיינע געדאנקען —

—איך פאלג דיך, איך פארגעס אן אלעס, איך וועל פון היינטע אן פרייהליך און מונטער זיין.

—א, טהייערעס גאלדענעס קינד, האט ער געזאגט מיט א ווייגענדיגער שטימע, איך וועל זיך שעצען גליקליך ווען איך וועל זעהן דאס דוא וועסט אביסעלע פרייליכער.

—אבער איינע זאכע וועל איך פון דיר פערלאנגען, טהייערער פאטער! און דוא זאלסט עס מיר ניט ענטזאגען.

—א, איך בין בערייט צוא טאהן אלעס וואס דוא וועסט בעטען, ווען איך נאר אין שטאנדע בין.

—דוא קאנסט עס געוויס טאהן, דען איינע זאכע וואס דוא וואלסט ניט קאנען וואלט איך דיך ניט געבעטען; דוא פארשטייהסט געוויס אין וואס פאר אלאגע מאנעסזאהנ'ס עלטערין געפינען זיך יעצט. אין ארוהיגער צייט וואלטען זייא פיללייכט דיא שטאדט ליט ניט פערלאזען, אבער יעצט אז אין גראדסטייוועל איז געוועזען אזא פאגראם איז געוויס פראגען גענוג וועמען צוא פערהעלפען אן זייא, אומער דעם איז איצטער זעהר ניט גוט צוא וואהנען אין גראדסטייוועל אז מען איז ניט זיכער מיטען לעבען, איך וואלט וועלען זייא זאלען קומען צוא אונז און מיר זאלען מיט זייא צוא זאמען וואהנען פון יעצט אן ווייא איין הויזגעזינד!

—איך פארשטייה ניט דיזען וואונש דיינעם, דוא האסט מיטלייד מיט מאנעסזאהנ'ס עלטערין קאנסט דוא זייא בעהילפיג זיין און אונטער שטיצען פון ווייטען אויך איך זאלזשע דיר ניט קיין געלד; נאר צוא וואס דארפסט דוא זייא נאך האבען אהער?

—איין זאך האב איך דאך דיר געזאגט אז יעצט איז זעהר ניט גוט צוא וואהנען אין גראדסטייוועל און ווידער ווייס איך עפעס אליין ניט, מיין [illegible] דיזעס, מיר דוכט זיך ווען איך וועל זיין מיט זייא צוא זאמען, איך וועל זייא פארטרעטען דיא שטעלע פון א קינד זא וועט מיר לייכטער ווערען.

—בייא מיר קומט דאס אוים פאר אגרויסע פאנטאזיע , נאר ווען דוא פארלאנגסט דיזעס , אונ פערשפרעכסט מיר פרייהליכער צוא ווערען בין איך אויף אלעס בעריית ; נעם שיק זייא אוועק געלד אויף הוצאות אונ אויף אוים קליידען זיך , אונ איך וועל זאגען דאס מיינער אגרודער אדער אזוי אנאהנטער קרוב איז געקומען , דען מיא דארף דאך יוצא זיין פאר דער וועלט אויך , עס פאסט דאך ניט פאר לייטען דאס מען זאל נעמען צוא זיך פרעמדע מענשען איבער דעם וואס מען האט געליעבט זייער פערשטארבענעם זאהן .

—א , איך דאנקע דיר זעהר , טהייערער פאטער דוא טוהסט מיר איינע גרויסע געפעליגקייט מיט דיין איינשטימען מיט מיין פערלאנגען .

גאלדענבלום האט באמערקט דאס יהודית איז פרייהליכער געווארען אונ ער האר העכסט צוא פרידען

36

פלוצלונגע הילפע .

אונזערע לעזער געדיינקען געוויס אין וואס פאר אטרויעריגע לאגע מיר האבען געלאזען מאנעסזאהנ׳ס עלטערין ; מיר זיינען אוועק פון זייא ווערענד זייא האבען גענומען וויינען אונ קלאגען אלעס זייא האבען זיך דערוואוסט אז מאנעסזאהן איז געשטארבען , וועגען דעם מאנטעל וואס מען האט זיך צוא געבונדען אז ער איז אגעגנבטער האט חנה נאך ניט דערציילט דען עס איז ניט געלעגען איהר יעצט אין קאפף ; נאר דער מענש האט דאך אבעל חוב זעהר געשטריינגען וואס פאדערט אימער זיין טהייל , ניט קוקענדיג אויף קיין זאך , איהם אארט ניט צוא עס איז גוט אויפען הארצען צוא ניט ; דיזער בעל חוב איז דער מאגען וואס פאר איהם איז קיין תירוץ דא . עס איז אריבער איינינע שטונדען אונ דער בעל חוב האט אברהמין זעהר שטארק אן געהויבען צוא דריקקען ; ער פרעגט דאס ווייב צוא זיא האט געבראכט עפעס וואס צוא עסין האט זיא איהם דערציילט וואס מיט איהר האט זיך געטאהן . ער האט אלעס אוים געהערט אונ האט מעהר ניט גאר אשאקעל געטאהן מיטען קאפף .

העניעלע אונ מענדעלע האבען גאר ניט געבעטען עסין וויל זייא זענען קראנק געווארען ; פריהער , וואס זייא האבען אטאג ניט געגעסען , נאכהער דעם הארץ וויטאג וואס דעם האט מען פון הדר ארוים געטריבען אונ איהר פון גימנאזיום , אם ענדע דיא גוטע ניעס וועגען מאנעסזאהנען האט אויף זייא

שטארק געווירקט דאס זיי זענען ניט געזונד געוואָרען.

דאס רוססישע שפּריך וואָרט זאָגט: „קליין קלינאם וויבּיוואָעט" די זעלבע מיט איין דאגה שלאָגט מען ארויס די אַנדערע דאגה, די זאָרג וואו נעמט מען געלד אויף רופען צו די קינדער אַדאָקטער און נעמען אַרעצעפּט האָט קלענער געמאַכט די זאָרג וואָס עס איז ניט דא וואס צו עסין. גאָר פאַר איינע הוצאות האָבען זיי גענומען וועגען ביידע זאָכען זעהר שטאַרק זאָרגען.

—הער אברהם, רופט זיך אָפּ חנה—טאָמער וואָלסט דו פאַרט אַריבּער געהן ערגעץ דערקאָזשען עפּעס געלד, וואָס זאָלען מיר זיך שטיקען? אַז עס געהט פאַרט די נשמה ארויס, מען קאָן אַזוי אויס געהן און די קינדער קאָנען שטאַרבען און קיינער וועט אַפילו ניט וויסען.

—אָ, שנייד מיר בּעסער מיין פלייש איידער איך זאָל געהן בּעטען אירגענד וואו אַ נדבה.

—ווער הייסט דיר בּעטען אַ נדבה בּעט לייהען און אַז גאָט וועט דיר העלפען וועסט דו אָוועק געבּען.

—פון בּעטען וואָלט קיין מניעה זיין, נאָר קיינער וועט ניט לייהען אַזוי אָן אַמשכּון, און קיין משכּנות האָבּען מיר דאָך ניט!

—אָבּער דערמאָן זיך אברהם אַז די קינדער זיינען שטאַרק ניט געזונד, מיר האָבען שוין בּרוך השם ניט וואָס אָן צו ווערען; אונזער משה'ן, אונזער קריין פון קאָפּף האָבען מיר אָן געוואָרען, די יאָהרען אונזערע וועלין מיר דאַרפען אָפּ לעבּען אין צער און אין דחקות, אָבּער אויף די קינדער איז אַ רחמנות, מיר וועלען דאָך זיין מתחייבים בּנפשם אַז מיר וועלען זיי אַזוי לאָזען! אָ, מיינע טהייערע קינדערלאך!

— דיזע ווערטער האָבען איהם דער נומען, דאס ער האָט אַזופּץ געטאָהן און זאָגט: נו רבּוש"ע! ווען דו בּריינגסט מיט, מוז מען מקבּל בּאהבה זיין, איך מוז שוין געהן קריגען עטוואס, ניט אַזוי ווי פאַר זיך ווי פאַר די קינדער, אָבּער אָ, וואו נעמט מען עפּעס אַשטיקעל בּגד אין וואס צו געהן?

זיי זענען געבּליבּען זיצען פערצווייפעלט און ווייסען ניט וואָס צו טאָהן, דערווייליע הערט זיך אַבּרעדירי פון מענדעלן ווי ער רעט פון היטץ! אָ, רעבּינקע, טהייערער, גוטינקער, ניט שלאָגט מיך... ניט פאַצשט מיך... ניט שמייסט מיך... אָ, ! אָ, ! אָ, ! איך וועל אייך מאָרגען בּריינגען געלד... איך וועל ניט געהן פון חדר, און גאָר, און גאָר, חאַטזשע הרגעט מיך... אָ, די מאַשינע פאָהרט... משה שטעה אויף, מען וועט דיך איבּער פאָהרען, אין מיטין האָט אָן געהויבּען צו פלודערין פון היטץ הענעלע, בּודטיע טאַק דאַבּרי ניע פּראָגאַנייעטיע מעניא, מאָזשעט בּיט צשרעז ניעדיעליו יאַ וואָס פּרינעסו דענגי... אָ, ניט דא וואָס צו עסין ניט דא קיין בּרויט, וואו האָט געקאָנט די מאַמאַ אַהין טאָהן דאס בּרויט... וואָס פאַר אַ בּלאַטט ציטונג... משה געשטאַרבּען... איבּער געפאָהרען איהם די מאַשינע...

אין דיזער שוידערהאפטע מינוטע, ווי די קינדער ווארען ווער קראנק, פאטער און מוטער זיצען און האבען זיי ניט פאר וואס צו נעמען ארעצעפט און דאצו זיינען זיי נאך ניט געגעסענע, האט זיך געלאזט הערען אויפין גאס אגעשרייא און אלארעם, אהוישצערייא און אפייפערייא. חנה גיה זעה וואס טוהט זיך דאס אויפען גאס, מיר איז זעהר ניט גוט, איך חלש, מיר ציטערין די הענד. איך ווייס ניט וואס דאס באטייט?

דער גערויש אויפען גאס איז געווארען שטארקער, עס האט זיך געלאזט הערין ווי מען ברעכט און מען קלאפט, מען יאמערט און קלאגט, גיה גיכער טוה אקוק וואס דאס קאן זיין! — זאגט אברהם נאך אמאהל —

זי איז ארויס אויפען גאס און האט דערזעהן אטאלפא גוים, שרייען און לארמען מיט ווטה, ביימיע זשידאוו! פיעליע האלטען לאמען אין די הענד, מען ברעכט די לאדען, די שויבען די פענסטער, מעןווארפט ארויס אלעס וואס אין שטוב, מען צוברעכט אויף שטיקלעך, מען צורייסט בעטגעוואנד און קליידער, זי איז אריין געלאפען אין שטוב ניט טויט ניט לעבעדיג, זי האט נאר גענומען אויס דערציילען וואס זי האט געזעהן אויפען גאס, מיט אמאהל טראראך טראראך מיא האט אנגעהויבען צוברעכען ביי זיי אויך די טיהר די פענסטער און עס זיינען אריין אין שטוב אגאנצע חברה פיאניצעס מיט מערדערישע געזיכטער און האבען גענומען קוקען אין שטוב עס איז עפעס גאר נישט דא, ניט קיין מעבעל, קליידער, ניט בעטגעוואנד, „מסתמא האבען זיי באהאלטען! רופען זיך אפ עטליכע, איי זשידי ווייזט אהער אייער מעבעל קליידער און בעטגעוואנד אז ניט וועלען מיר אייך זעלבסט צו קלאפען אויף שטיקלעך, זיי האבען געכאפט אברהם'ן מיט די פרויא, האבען זיי גענומען טרייבלען און דערלאנגט אפאר קלעפ אז זיי זענען שיר ניט געבליבען ביי זיי אונטער די הענד, „האט רחמנות“. האט אברהם אנגעהויבען צו בעטען זיך. מיר האבען גאר ניכט, מיר האבען נאך לאנג אלעס פארקויפט אויף ברויט, איצט האבען מיר אגאנצען טאג גאר ניכט געגעסען, די קינדער אונזערע זינד ניט געזונד מיר האבען זיי ניט מיט וואס צו קורירען, „איי זשידאווסקיא חיטראסט“, האבען זיי אויס געשריהען, האבען אלעס באהאלטען און זאגען אטירוץ אז פארקויפט! זוכט אויפען הויף, אין די קלייטען, אויפען בוידעם, זעהט אין די בעטלעך פיללייכט האבען זיי דארטען פארשטעקט קאסטב[?]רקייטן (זשידי באגאטי ניצשעוואוא) און האבען ארויף געלייגט אויף דעם די קינדער זאגען אטירוץ אז זיי זיינען ניט געזונד, זיי האבען אקוק געטאהן אויף הענעלען, זי האט געברענט ווי אפייער און איז געוועזן רויט אין געזיכט, אָ, זי איז געזונד, אשיינע מיידעל חלעבען, אָ, וסמאוואי! זי האט גענאך ניט געוואלט אויף שטעהן ווייל זי האט ניט געקאנט, האבען זיי איהר דערלאנגט אווארף אין זי געפלויגען אן דער ערד און איז געבליבען ליגען האלב טויט, דאס זעלבע האבען זיי געטאהן מיט מענדעלען! זיי האבען אין די בעטלעך

מעהר ניט געפונען וויא טראנסעם אנשטאט בעטגעוואנד. וויא האבען זייא אויך צוברָאכען וויא דער דין איז אונ האבען ארויס געווארפען דורך דעם פענסטער אונ מיט אנגעשרייא פון ווילדע טיהרע זענען זייא אוועק געגאנגען ווייטער.

עס איז אן געקומען דיא פינסטערע נאכט. אברהם האט זיך אביסעל אויס געצשוכעט פון שרעק אונ פון דיא קלעפ; נאר א, דיא קינדער זינד פערבייא, זייא ליגען אויף דער ערד. ווארפען זיך פון איינער זייטע אויף דער אנדערער, שרייען אונ קרעכצען, אונ ברעדזיען אן א אויפהער. ווען זאגאר אגרויסער מענש וואלט זיין ניט געזונד, אונ עס וואלטען אן פאלען רויבער איהם איבער שרעקען אונ וואלטען איהם ארויס ווארפען מיט האסט פון בעט. וואלט איהם אויך זיין שווער אריבער צוטראגען עס, באזאנדערליך קינדער, מיא האט געדארפט זיין שטארקער וויא אַאייזען שטעהן געבען זייא, זעהן וויא זייא קוועלען זיך אונ מאטערן זיך אונ צוהערען זייערע רייד; דער פאטער אונ דיא מוטער זינד אויך געלעגען נעבען זייא אויף דער ערד אן בעטגעוואנד, אין שטוב וואר פינסטער, דען זייא האבען קיין ליכט געהאט, דורך דיא צובראכענע פענסטער בלאזט אקאלטער ווינט אונ עס הערט זיך נאך יאמער אונ קלאג פון אַטע, יונגע אונ קליינע קינדער פון דיא ארומיגע שכנים וואס מיא האט זייא אויך אפ געשפיעלט אגוטע חתונה! זייא האבען דיא נאכט געווים ניט אן געהויבען צוא שלאפען, זייא זיינען געוועזן וואס זייא זיינען זיא איבער געקומען; אבער דער טאג האט זייא קיינע הילפע געבראכט, דיא קינדער ווערען אלץ ערגער, זייא מאטערן זיך אונ ראנגלען זיך מיט דעם טויט, אין גאס קאן מען ניט ארויס געהן, דער פאגראם האלט אין רעכטען היטץ, עס קערט זיך היממעל אונ ערד.

אויף מארגען האבען דיא פאגראמען אויף געהערט, אבער ביא אברהמן אין הויז וואר אגרויסער פאגראם! דען זיין טאכטער הענעלע איז געשטארבען, אונ מענדעלע וואר אויך נאך אלעס שטארק ניט געזונד. (נאר אהאפנונג אז ער וועט גאנץ בלייבען) מיין פעדער זאגט זיך אפ דא ארום צוא שרייבען דיא עלטערין'ס אנגסט אונ דעם גראם פון דעם אודאר. דאס קאן פארשטעהן יעדערער וויא גרויס איז עלטערינ'ס טרויער אז ביא זייא שטארבט אקינד אשענעס אקלוגעס! נאך מעהר אז אט מיט צווייא טעג צוריק האבען זייא נאר וואס זיך דערוואוסט אז דער זאהן זייערער איז געשטארבען, אונ אויפען הארצען וואר אויכער אלעס זעהר ביטער; איצט וואלט ער זיך שוין ניט געשעמט געהן בעטען עטוואס, דען גרעסערע פאר איהם וואס זיינען געוועזן רייך זענען געקומען בעטען אשטיקעל ברויט אונ מען איז געוועזן גערען אז מען האט איהם ארייִן געהאפט וויא אטהייערע מציאה; נאר וואו איז וועמען אין קאפף. געהן בעטין וואס צוא עסין אז אליעבעס טהייערעס קינד ליגט אויף דער ערד, מען מאג זיך זאגאר דרייא טעג ניכט עסין! ער איז גאר געגאנגען צוא חברה קדישא בעטען

מיא זאל צוא נעמען זיין קינד. מען האט מקבר געוועזן דאס קינד, אברהמן האט שטארק פערדראסען; וואס מען איז איהם בעסער ניט מקבר. ער איז געקומען פון דער לויה אהיים האט זיך אוועק געזעצט שבעה אויף דער ערד, ער האט שוין ניט געדארפט קיין שטולען וואס זיינען זא וויא זאניט געוועזן, אונ וואר זעהר טרויעריג. ער זיצט אזוי אונ נעבען איהם דיא פרוי; זייא האבען ניט געוויינט וויל זייא האבען קיין כח געהאט צוא וויינען. מיט אמאהל געהט אריין צוא זייא איין רייכער קויפמאן פון . . . אונ גיט זייא אפ א בריעף וואס ער האט ערהאלטען פון יעקעוו פון זייערט וועגען. דאצוא דרייא הונדערט רובעל וואס מיא האט איהם געשריבען פון דארטען אז ער זאל זייא געבען. אברהם האט אויף געעפינט דעם בריעף אונ לייענט אין איהם פאלגענדעס:

הערין א. מאנעסזאהן!

איך בעט אייך דאס באלד וויא איהר וועט ערהאלטען דיזען בריעף זאלט איהר קומען צוא פאהרען מיט דער פרויא מיט אייערע קינדער גלייך צוא אונז אין יעקעוו וועגען אוויכטיגער זאך, דער וואס גיט אייך אפ דעם בריעף וועט אייך געבען אויף אונזער רעכנונג דרייא הונדערט רובעל אויף הוצאות אונ אויף אויס קליידען זיך.

אייער פריינד איזידאר גאלדענבלום.

37

צגוטער גאסט.

וואס טוהט זיך דאס מיט אונז? זאגט אברהם צוא חנה'ן, וועהרענד זייא זיינען געזעסען אין וואגען אונ געפאהרען אין יעקעוו, האבען מיר זיך גערייכט וועהרענד אונז איז פארגעשטאנען איינס פון דיא ביידע! אדער שטארבען פון הונגער אדער נדבות קלייבען, דאס פלוצלונג וועלען מיר זא וונדערליך געהאלפען ווערען?, גאט לאזט ניט פאלען אמענשען גאר אין גאנצען! אבער א, ווען משה אונ העגעלע וואלטען ניט געשטארבען!

—אבער איך פארשטעה ניט, זאגט חנה, אויף וואס קאן אונז גאלדענבלום דארפען, דאס ער שיקט אונז געלד מיר זאלען זיך אויס קליידען אונ קומען גלייך צוא פאהרען? ווען משה וואלט געלעבט וואלט איך זיך זעהר ערפרייט פון אזא בריעף, איך וואלט קלערין צוא וויל ער מיט אונז ניט אמחותן ווערען; אבער יעצט קאן איך ניט אפ קלערין וואס דאס זאל באדייטען!

—איך זאל דיר זאגען, ווייס איך אויך ניט, מיר וועלען שוין זעהן דאס ווערטיגע! נאר איך האב איין זאך הנאה וואס איך פאהר אין דער שטאאט אין וועלכער אונזער משה האט פערבראכט זיינע לעצטע יאהרען, אין דאס הויז וואו ער וואר געווען בעקענט ווי א איין אייגען קינד!

דעם גאנצען וועג האבען זיא אלעס פערבראכט אין פערשידענע געשפרעכען וועגען מאנעסזאהנען און וועגען העבעראן. ביז זיא זיינען געקומען אין יעקעוו און זיינען גלייך פארפאהרען צוא גאלדענבלומען.

איזידאר מיט דער גאנצע פאמיליע האבען זיא צוא גענומען פאר טהייערע געסט. האבען זיך געפרייט גלייך וויא צוא זייא וואלטען קומען פערוואנדטע.

—דאס איזט זייער זאהן? — פרעגט יהודית, אקוק געבענדיג אויף מענדעלען, און זיא האט זיך דער מאנט אן מאנעסזאהנען, דען זייערע געזיכטער וואַרען זעהר אהנליך איינע צוא דיא אנדערע — א, איך האב דיא עהרע איהם פאר מיינעם ברודער צוא רעכנען.

אברהם מיט חנה'ן וואַרען ענטציקט פון אזא פריינדליכען אויף נעמען. זייא קלערין פאר וואס האבען זייא דאס זא פיעל התקרבות פון מענשען וועלכע זייא האבען גאר ניט געקאנט ביז יעצט?

—וואס האט ער געטאהן ביי אייך ביז יעצט? — פרעגט יהודית ווייטער אויף מענדעלען.

—לעת עתה איז ער געגאנגען אין חדר.

—מיר דאכט אז זייא האבען איינע טאכטער אויך געהאט?

—יא געהאט! אבער ניט אויף לאנגע יאהר. ער האט דערציילט וויא זיא איז געשטארבען בעת דעם פאגראם, אויך אין קורצען וואס מיט איהם האט זיך געטאהן דיא לעצטע צייט, וויא ער האט זיך פיעל געקוועלט און געמוטשעט ביז זיא איז ערשטאנען איינע פלוצלונגע הילפע פון זייא.

יהודית האט אזיפץ געטאהן.

נאכהער האבען זייא געפרעגט וואס דא האט זיך געטאהן מיט זייער זאהן כאימיוען, און אויף וואס האט מען זייא געפאדערט היער? האט זייא גאלדענבלום ערציילט אלע בעגעבענהייטען! וויא זייער זאהן וואר ביי זייא זעהר טהייער, וויא יהודית האט איהם שטארק געליעבט, און זיא וויל ניט געטרויסט ווערין וואו זיא זאל ניט גוטס טאהן מיט זיינע עלטערין און זיין מיט זייא צוזאמען ווערענד זיא וואר געשיידעט פון זייער זאהן.

אברהם'ן וואר וואונדערבאר דיזער הונגש פון אקינד! נאר יעדע זאך איז פון גאטט, זאגט ער, גאט שיקט זיינע מלאכים צוא העלפען דיא אומגליקליכע מענשען, אויף אללערלייא ארטען, אבער א, וואצוא זאלען וויר צולאכט זיין זאלכע גוטע מענשען? מיט וואס האבען מיר עס פארדינט צוא טאהן מיט אונז זא פיעל, וואס איין ברודער וואלט דאס ניט געטאהן?

װען דיזעס װאר דער װונש פון מיין טאכטער, איז ער בייא מיר טהייער דער גרעסטער פארגניגען, װען איך װעל זעהן דאס צוא מיינעם קינד װעט זיך אום קעהרען דאס פרעהליכקייט אונ דאס לוסטיגקייט װאס װארען פארשװונדען פון איהר. זייט אייער זאהן האט זיך געטראפען דיא קאטאסטראפע, װעלכע האט איהם מיט געבראכט ער זאל זיך דאס לעבען אװעק נעמען, אונ איך זעלבסט, איהר זאלט עס ניט רעכנען פאר אחרפה, בין אויך זעהר צוא פרידען פון דעם פראיעקט װאס מיין טאכטער האט מיר פארגעשלאגען װאס צום אנפאנג איז ער מיר אויך אוים געקומען גאר פרעמד מיט אייער ערשיינונג איז מיר געװארען פרייהליכער אויפען הארצען, אונ איך רעדען גלייך װיא אייער פון אונזער פאמיליע װאלט קומען צוא אונז, אונ אין דער טהאט איז מיר זעהר װונדערבאר דאס װען אייער זאהן װאר בייא אונז האב איך איהם גערעכענט אלעס מיינעם אקינד אונ האב געפיהלט צוא איהם פאטערליכע ליעבע, אונ אייך יעצט רעכען איך פאר איין ברודער. װען אייך װאלט זיין ניט צוא שװער װאלט איך אייך בעטען ערציילען מיר אייער ביאגראפיע; עס װאלט מיר זיין גאנץ אנגענעהם צוא הערין.

—אך, װען זייא פערלאנגען דיזעס בין איך בערייט צוא ערפיהלען זייער װונש מיט דעם גרעסטען פערגניגען.

38

אברהם מאנעסזאהן'ס ביאגראפיע.

—איך װאר אליין געבוירען אין בילהאם; מיין פאטער װאר דער רייכסטער מאן אין שטאט! ער פלעגט אימער דערציילען דאס ער שטאמט פון גרויסע מיוחסים, װער זייא זיינען געװעזן געדיינק איך ניט! ער װאר געאכטעט בייא אלע איינװאהנער פון שטאט, װייל ער האט געקאנט פיעל לערנען אונ װאר מיט זעהר אגוטען כאראקטער; זיין געשעפט איז בעשטאנען אין צװייא גרויסע בודען פון שניט סחורה, װעלכע װארען דיא גרעסטע אין גאנץ בילהאם, איך װאר זעהר טהייער בייא מיינע עלטערין דען קיין פולע קינדער האטטען זייא ניכט אויסער מיר אונ נאך צװייא קלענערע ברידער פון מיר, עס איז מיר ניכט פערגעסען קיין זאך! אבער מיין פאראדיז אין װעלכען איך האב זא גוט פערבראכט מיין קינדהייט האט ניט פיעל עקסעסטירט. איין מאהל, איך געדענק מיין פאטער האט זיך פארבערייטעט אפ רייזען נאך מאסקװע; ער האט אן געגרייט פיעל

געלד מיט צוא נעמען אות האט געקלערט אויף מארגען אוועק פאהרען. בייא נאכט, מיר האבען שוין אלע געשלאפען הערין מיר מען קלאפט ועהר שטארק, מיר האבען אפילו ניט געוואלט עפענען, נאר זייא האבען געזאגט אז זייא זינד געשיקט געווארען פון פאליצייא מאכען א אביסק בייא אונז, וויל מען האט דאנאסירט אז מיר האנדלען מיט קאנטרעבאנד אונ מיט פאלשע בילעטין; אונ ווען מיר וועלין ניט עפינען מיט גוטען וועלען זייא צוברעכען דיא טירען. עס זיינען אריין געגאנגען אכט מאן פערקליידעט אין פאליציישע קליידער; דער עלטערער פון זייא רופט זיך אפ צום פאטער: גיב דיא שליסעל דען מיר מוססען אום אונד אום זוכען, דער פאטער האט זיך אביסעל געלאזט בעטען, האבען זייא איהם געזאגט דאס ער וועט ערגער מאכען, וויר זינד ניט דיא אלטע פאליצייא וואס אידען האבען מיט זייא געמאכט וואס זייא האבען געוואלט; דער פאטער האט זייא געבאך ניט וועלענדיגערהייט אפ געגעבען דיא שליסלען, זייא האבען אלעס ארום געזוכט ביז זייא האבען געפונען דאס געלד צוויא מאהל הונדערט טויזינד רובעל אסיגנאציעס, זייא האבען עס צוא גענומען אונ האבען געזאגט; דאס זייא קאנען ניט ראזביראען אויב זיא זינד ריכטיגע אדער ניט, נאר ווען מיא וועט ערקאנען אז זיא זינד ניט פאלשע וועט מען זייא אפ געבען ביז אפפעניג. דעם פאטער האט אפילו געזאגט דאס הארץ אז דאס איז עפעס ניט גלאט; נאר וואס האט ער געקאנט העלפען? אכט מענשען געגען איינעם קאנען געוויס אויספיהרען, אונ ווידער האט ער געקלערט אז פילייכט זינד זייא אין דער טהאט פאליצייסקע אונ זייא זיינען איהם אומבעקאנטע וויל זייא זינד ניט לאנג אן געקומען אונ ער קאן זייא נאך ניט. נאר וויא גרויס וואר זיין פערצווייפלונג אלעס ער האט געדערפט אויף מארגען געהן אין קראם — דען פאהרען האט ער שוין ניט געקאנט וויל ער האט קיינע געלד געהאט — אונ האט זיך געחאפט אז דיא שליסלען זינד ניט דא; ער האט זיך פערדרייט דעם קאפף זוכענדיג אונ האט ניט געפונען; ער האט פאר זייא געהאט איין בעשטימטען ארט אין קאמאד, איהם איז שוין ארויף אויפען זינען פילייכט האבען זייא צוא גענומען געכמיגע פאליצייסקע; ער איז געלאפען מיט האכט צום קראם זעהן וואס טוהט זיך דארטען אונ וויא גרויס וואר זיין שרעק אלעס ער האט געפונען זיינע קראמען אפגעשלאסענע אונ אין זייא וואר מעהר ניט צוא זעהן וויא הוילע ווענד; ער איז געלאפען גלייך אין פאליציע אביאווען עס אונ האט געפרעגט וואס טהוט זיך מיט דיא בילעטין, האבען זייא איהם אן געקוקט מיט־ליידענד, אונ האבען איהם געגעבען צוא ערקלערען, וואס ער זעלבסט האט שוין פארשטאנען, אז דיא פאליצייסקע מיט דיא דיעבע פון קראם ווארען אלעס איין זאך. זייא האבען פריהער בייא איהם דאס געלד צוא גענומען מיט דיא שליסלען פון קראם וואס זינד געלעגען אין קאמאד אונ נאכהער האבען זייא דיא גאנצע קראם אויס געגנבעט, דער פאטער איז געפאלען אין אונמאכט אויסהערענדיג דיזעס אונ מיא האט איהם קוים אפ געמינטערט. אי! האט ער אוים געשריהען,

יעצט מוז איך געהן אין דיא היזער. ווען איך בין געבליבען אן סחורה אונ אן געלד. אונ אונטער דיא געלד וואר נאך אויך פרעמדע, וואס מען האט מיר געגעבען איך זאל פון זייערט וועגען קויפען סחורה אין מאסקווא.

פאליציא איז מיט איהם געגאנגען מאכען אביסקעס אבער מען האט בירגענד גאר ניכט געפונען. דיא לאגע פון מיינע עלטערין דאן וואר בעדויערניס ווערט. דען אויסער וואס זיא זיינען געבליבען אן עסק אונ אן געלד האבען זיא נאך געהאט פיעל צרות פון דיא וואס האבען זיא געגעבען געלד אויף קויפען סחורה! פיעלע האבען זיא חושד געווען אז דא שטעקט עפעס אקונץ; דאס זיא מאכען מוטהווילינג א אנזעטץ; דען זיא האט זיך ניט געגלויבט אז מען זאל איים גנבנען א קראם אונ דיא שלעסער זאלען גאנץ בלייבען, ארויס נעמען געלד פון שטיב אונ אלעסדינג, זילבער אונ קליידער ניט ריהרען, איינינע בעלי הובות וואס האבען געהאט אויף זיא וועקסלען האבען גלייך דערלאנגט אונ האבען אפ גענומען דיא היזער מיט דיא אימושצעסטווע פאר זייערע חובות, אונ דיא עלטערין מיינע זענען געבליבען אן אמיטעל צום לעבען. פריהער האט זיא קיינער ניט געגלויבט אז זיא זענען ארעם, אונ נאכדעם אז שכנים האבען שוין דערזעהן אז מיא זיצט אפ טעג ניט געגעסענע. אין שטוב פלעגט זיין קאלט וויא אויפען גאס אונ זיא האבען אן געהויבען אויס צוא זעהן וויא לייכע האט מען זיא אן געפאנגען פיעל ווייניג צוא פארהעלפען, נאר זיא האבען ניט געקאנט אריבער טראגען זייער פינסטערע ביטערע לאגע, אז פון אזא רייכטהום זייגען זיא הערבאפ געשטירצט געווארדען אין אזא גרויסען שווערען ארמוטה. אונ זיינען אין דעם זעלבען יאהר ביידע געשטארבען. איך בין געבליבען מיט נאך צוויא קלענערע ברידער, איך וואר דער עלטערער, מיר איז שוין געווארען צוועלף יאהר, דעם אנדערין איז געוועזן עלף יאהר, איך האב איהם געליעבט זעהר שטארק אונ איך בין צוא איהם זעהר שטארק צוא געבונדען געווארען (גאלדענבלום איז בלאס געווארען) דער דריטער וואר פינפטער יאהר אלט, דאס פערשטעהט זיך אז קיין ירושה האבען מיר ניט באקומען, ווער עס זאל אונז ערנעהרען האבען מיר ניט געהאט, איז מיט אונז געוועזן גאנץ שלעכט מיט אמאהל האט זיך מרחם געוועזן עפעס איינער אבעזדיעטניק אונ האט צוא גענומען זיך הארעוועץ דעם קלענסטען ברודער אונזערין אונ מיך מיט מיינעם עלף יאהריגען ברודער האט עפעס אונזערע אקרובה, איך געדענק ניט צוא א עלטער מומע צוא אגליד שוועסטערקינד, צוא גענומען אין שטוב! אט דא האבען מיר ערשט דיא וועלט דערזעהן, דיא ערשטע פאר וואכען איז געוועזן וויא עס איז, נאכדעם האט זיא זיך אן געהויבען באגעהן מיט אונז וויא דער גרעסטער טיראן, פלעגט מיט אונז שאפען כל עבודת פרך: האלץ ארויין טראגען, וואסער שעפען, דיא פאמניצעס אויס גיסען, דיא קינדער אין חדר פיהרען, אונ ברייגגען זיא ביא נאכט פון חדר, געהן אין דעם גרעסטען פראסט צעהן מאהל אטאג צוא צוויא דרייא ווערסט הין אונ צוריק נאך פארשידענע פאסילקעס, אונ אז מיר

פלעגען אמאהל עפעס אויס ריידען אווארט ניט אזוי וויא זיא מיינט פלעגט זיא אונז שלאגען מכות רצח: רייסען פאר דיא האר, שלאגען דיא קאפף אין וואנד, קנייפען אונ אויס רייסען שטיקער פלייש; עסין האט זיא אונז געגעבען אשטיקעל טרוקענעם ברויט מיט טויטע ביטערע קללות בעשאטען, „ווערים זאלען אייך עסין, מיט בלוט זאל אייך ארויס, דער בויך זאל זייא געשוואלען ווערין וויא פיעל ברויט זייא פרעסען אויף, צוא לאפעט זאלען זייא ווערען וויא זייא לאבען זיך אלע וויילע, דיא וועלט איז זייא ווייניג דיא דארמא יעדניקעס, מעהר וויא אלס האט אונז דער נומען אז זיא פלעגט שימפפען אונזערע פערשטארבענע עלטערין געמליך: זייא האבען זיך געדארפט אן פרעסען מיט פרעמדע געלד אונ איך דארף זייער פאראסיאטעס דיא עכברשעים קארמענען אויסזאנסט. אונ אז מיר האבען זיך איין מאהל געוואגט צוא אנטווארטען דאס מיר פארדינען אונזער שטיקעל טראקענעם ברויט, האט זיא אונז קוים לעבעדיגע געלאזען! „א, טיפה סרוחות! עסין אונ פרעסין וויא פיעל זייא ווילען, מהוען אפינגער אין אפינגער ניט אקלאפ, אונ זאגען נאך אז זייא פארדינען זעהר שטיקעל ברויט; וואסערע פייערדיגע בריות? פארדינער! חי! חי! חי!" מיר האבען זיך אמאהל בעשלאסען פרובירען זיך בעטען בייא אנדערע, טאמער וועט ווער אונז צוא נעמען צוא זיך, האט אונז קיינער ניט גענומען. וואס פעלט אייך בייא דער טומען, אנטווארטען זייא, איהר ווילט מסתמא שטיפען שפילען אונ זיא לאזט אייך ניט, דער פאר ווילט זיך אייך אנדערס וואס זיין; אין תלמוד תורה האט מען אונז אויך ניט צוא גענומען האמזשע מיר האבען זיך געבעטען מיט טרערין אונ מיר האבען געזאגט אז מיר וועלען קאנען לעהרנען ניט בלייבען בויערין.

—וואס איז, דיא מומע לאזט אייך ניט לערנען אונ גיט ניט עסין וואס אייך ווילט זיך אין תלמוד תורה? אז איהר וואלט וועלען לערנען קאנט איהר גאנץ גענוג אויס לערנען זיך פון דעם רבין וואס איהר לערינט מיט איהם?

—פון וואסער רבין? האבען מיר געפרעגט—קיינער לערינט מיט אונז גאר ניט!

—געהט, געהט, ליגנער! דיא מומע זאגט אז זיא האט אייך געדונגען ארבין, אהאלבען טאג זיצט איהר בייא איהר אין עסק, אין קראם אונ אין שענק, מעהר נישט איהר ווילט ניט לעהרנען, ניט ארבייטען, גאר נישט איהר ווילט גאר שטיפען! געהט צוא דער מומע, אין תלמוד תורה וועט אייך ניט בעטער זיין.

דיא מומינקע האט זיך דערוואוסט אז מיר זיינען זיך געגאנגען בעטען צוא אנדערע אונ אין תלמוד תורה האבען מיר געזאגט אז מיר לעהרנין אין ערגעץ ניט; איז זיא אויף אונז געווארען פלאם פייער, זיא האט צוא אונז אויסגעלאזען כל חמתה! האט זיך געווארפען געשלייערט אונ ניט געזאגט וואס, האט זיך צוא אונז געבונדען, געשלאגען אלע וויילע, געריסען דיא הויט פאר יעדער

קליינינקייט. ביז מיר האבען געזעהן אז מיר קאנען עס ניט אריבער טראגען האבען מיר זיך גענומען בעטען ביי איהר מיט ביטערע טרערין זיא זאל אונז ניט קוועלען, האט זיא אונז געאנטווארטעט: א, איהר וועט זיך געהן קלאגען אויף מיר דאס איך באגיי זיך מיט אייך שלעכט? צוויא טעג וועט איהר ביי מיר הונגערין, וועט איהר וויסען פאצשאם פונט ליכא! עס איז אוועק אטאג און זיא האט אונז גאר ניט געגעבען עסין. אונז איז אוים געגאנגען דיא הערצער און מיר האבען ניט געקראגען אביסען ברויט. איך בין געגאנגען פאר נאכט בריינגען דיא קינדער פון חדר, איך זעה ביי זייא איז אויסען געבליבען דער מיטאג. דיא קשיא וואס אלע פרעגען פון לאנג אן זייט דיא וועלט שטעהט און וואס איצטער האט זיא פערנומען אלעמען איבער הויפט: פאר וואס קומט איינעם גאר און דעם אנדערין גאר ניט? איז מיר ארויף דא אויפען זינען; פאר וואס זאל ביי דיא מומעס קינדער נאך בלייבען און מיר זאלען אגאנצען טאג נישט עסין. איך האב זיך ניט געקאנט איין האלטען. האב גענומען ביי זייא דעם מיטאג און האב אויף געגעסען, דיא מומעצע האט אבער זיך דערוואוסט פון דעם, זיא האט גענומען קלערין מיט וואס צוא בעשטראפען מיך פאר אזא חטא, שמייסען איז איהר אוים געקומען צוא קליין, זיא האט אפ געקלערט לאזען מיך נעכטיגען אויפען גאס ווערהענד דער וועטער וואר קאלט און נאס, און גלייך האט זיא מקיים געוועזען איהר פסק דין, מיך האט ניט אזוי דערנומען דיא קעלט וויא דיא טיראנכטווא פון א מענשען ארוים ווארפען א קינד ביי נאכט און לאזען איהם נעכטיגען אויפין גאס איבער וואס? ער האט אקוקען אויף געגעסען אן איהר וויסען. איך וויים וויא מיינע עלטערין פלעגען איבער מיר ציטערין איך זאל ניט ארוים געהן אין אשלעכטען וועטער, איך זאל זיך ניט פאר קיהלען, און יעצט וועל איך דארפען נעכטיגען אגאנצע נאכט אין אזא פאגאדא אויפען גאס, אויסער דעם וועט מיר זיין אומעדיג זעהר איינער אליין זיין אין דער פינסטער! נאר דיא זארג מיינע וואר אומזאנסט, דען באלד האט זיא מיר ארוים געשיקט דעם קלענערין ברודער מיינעם! ניט ווייל זיא האט אויף מיר רחמנות געהאט מיר זאל זיין פרייהליכער, נאר ווייל ער האט זיך געדארפט אוים ריידען: וויא לאזט מען אמענשען נעכטיגען אין אזא וועטער אויף דער שטראסע? האט זיא איהם גלייך געאנטווארטעט: „דיר געפעלט ניט! קאנסט אויך געהן צוא איהם אויב דוא האסט אויף איהם רחמנות, און האט איהם גלייך ארוים געשטופט פון שטוב און פאר שפארט דיא טיהר. אין דער אמת איז מיר טאקע פרעהליכער געווארען וויא איך האב דערזעהן דעם ברודער. איך וועל כאטש האבען מיט וועמען אווארט אוים צוא ריידען.

—הער איצשקע וואס איך וועל דיר זאגען — זאג איך צום ברודער — פאר אונז איז דא קיין לעבען ניט, איך וואלט זאגען אז מיר זאלען ערגעץ אנטלויפען דען גאט וויים וואס מיט אונז וועט זיין אז מיר וועלען דא פערבלייבען.

—וואו הין זאלען מיר אנטלויפען?

—וואו הין דיא אויגע וועלען טראגען, אבי ניט דא ביא דער טהייערער מוטען.

—אבער וויא לויפט מען אין אזא פינסטערע נאכט?

—בעסער איידער אף נעכטיגען אנאכט אויפען גאס; אז מיר וועלען לויפען וועט חאטשע אונז טרייסטען איין זאך אז מיר ווערין פטור פון דער טהייערער מוטען. אונ דער געדאנקען וועט אונז דרייסט געבען.

—גוא' אז ביא דיר איז רעכט איז ביא מיר אויך רעכט.

39

פארטזעצונג.

דיא נאכט איז געוועזן אפינסטערע; דער ווינט האט געבלאזען מיט גרויסע מאכט, ער האט געריסען וויא מיט אייזערנע צוואנגען דיא לאדען אונ פון דיא אלטע הייזער דיא דעכער; אשיטערער רעגען האט געשניטען דאס געזיכט וויא מיט מעסער, עס וואר דאצוא גליטשיק דאס מען האט קוים געקאנט געהן, יעדאך בין איך געלאפען שנעל וויא איין רעהע. איך האב געוואכט איין זאך, לויפען פארווערטס; איינינע מאהל האב איך אקוק געטאהן הינטער זיך זעהן צוא מיין ברודער קאן מיך נאך האלטען, איך האב געזעהן ער שטעהט ניט אפ פון מיר בין איך געוועזן זעהר קאנטעט. איך בין אפ געלאפען אזוי איינינע שטונדען איך האב זיך שטארק אפ געמאטערט; אונ האב זיך צוא געשטעלט אווילע. איך טוה אקוק אהינטער איך בין געווארען אויסער זיך פון שרעק אלס איך האב מיין ברודער ניט דערזעהן; איך האב איהם אן געהויבען צוא רופען מיט דעם נאמען אונ קיינער האט זיך ניט אפ גערופען. אשוידער איז מיר אריבער איבער מיינעם קערפער; איך האב זעהר פארכט געהאט אום צוא קעהרען זיך צוריק. דאך האב איך ניט געקוקט אויף דעם אונ גענומען געהן ריקווערטס אונ שרייען, „איצשקע" אבער לייידער האב איך קיין אנטווארט באקומען מיר איז געווארען זעהר ביטער אויפען הארצען; איך האב בארעכנט וויא עלענד איך בין, קיין פאטער אונ מוטער האב איך ניט, מאמער האב איך געהאט איין ברודער וואס איך האב איהם זא ליעב געהאט האב איך איהם אויך אן געווארען, אונ וואו, אין מיטען וועג, אין אזא שרעקליכער נאכט!

אז מען האט א היזק בייאכט מען זיך פארווירפע אונ מען ווערט מיט אמאהל

קלוג. צום אנפאנג איז מיר ניט ארויף אויפען זינען מיר זאלען זיך נעמען פאר
דיא הענד אונ לויפען גלייך, דען איך האב געזעהן אז ער קאן מיט האלטען
מיט מיר אונ דער וועג וואר אגלייכער, אם ענדע אז איך האב איהם אן
געווארען בין איך געווארען קליגער אונ האב געקלערט: וויא טוה איך דאס אזא
נאריישקייט אונ לאז לויפען אקינד איינער אליין אין דער פינסטער? (אקינד, גלייך
וויא איך וואלט שוין געוועזן אגרויסער דער ווינט איז געווארען אביסעל שטילער,
דער רעגען האט אויך געהערט צוא גיסען, נאר מיר איז געווארען זעהר קאלט,
איך האב דערזעהן פון וויטען עס שיינט עפעס אליכט בין איך נאך געגאנגען
נאך דער ליכט שיין ביז איך בין געקומען צוא אקרעטשמע, איך האב אן געקלאפט
אונ מען האט מיר באלד געעפינט, דען עס וואר שוין פינף דיא אוהר אונ זייא
ווארען אלע וואך, איך האב ניט געוואלט זאגען פון וואנען איך לויף, זאנדערין
איך האב אויס געטראכט אליגען דאס איך פאר אין ש... לערנען; איך בין
אזוי לנג אראפ פון וואגען, איך האב זיך פערטראכט אונ האב דערווייליע
פערבלאנדזשעט, אנשטאט געהן צום וועג בין איך אראפ פון וועג, איך בין
געגאנגען געגאנגען אונ ווייס ניט וואוהין איך געה, ביז איך האב דערזעהן
אליכט שיין בין איך איהם נאך געגאנגען ביז איך בין געקומען צוא אייך
אין שטוב.

דער קרעטשמער וואר זעהר אגוטער אונ האט מיט מיר מיטלייד געהאט!
ער האט געזעהן אז איך טרייסעל זיך פון קעלט, האט ער מיך ארויף געזעצט
אויפען אויווען אונ האט געהייסען דער ווייב זיא זאל אנשטעלען דעם סאמאוואר
איך האב זיך אן געטרונקען מיט טהייא אונ האב זיך אביסעל דערווארעמט,
אהאלבען טאג האט דער קרעטשמער געזאגט צוא מיר: פערבלייב ביא אונז
מארגען פאהר איך אין ש... וועל איך דיר אויך נעמען. אזוי איז געווען, איך
בין געקומען אין ש... בין גלייך פאר פאהרען אין א מנין אונ האב זיך נאך
געפרעגט וואו וואהנט דער משגיח פון ישיבה, איך בין געקומען צום משגיח
ער האט ביא מיר עטוואס געפרעגט אין גמרא (פון דעם וואס איך האב געלערנט
ווערענד איך בין אין חדר געגאנגען) אונ איך האב איהם גלייך געאנטווארטעט,
ער האט מיר אקניפ געטאהן אין באק אונ זאגט א שענער בחור'ל, דוא געפעלסט
מיר, זאלסט נאר זיין אמענש אונ וועלען לערנען. ער האט מיר געגעבען
אצעטיל צוא עטליכע נגידים אונ זייא האבען מיר געגעבען יעדערער אטאג,
איך האב זיך גענומען צום לערנען מיט גרויס חשק, איך בין געווארען געאכט
ביא דעם ראש ישיבה, אונ אלע בעלי בתים פון מנין אין וועלכען איך האב
געלערנט האבען מיך ליעב באקומען וויל זייא האבען געזעהן דאס איך געה
אמינוט ניט לעדיג, לערין וויא טאג אזוי נאכט, איך האב געלערנט אזוי ביז
פופצעהן יאהר, עס האט אן געהויבען צוא קלינגען מיט מיר אין שטעטיל אז איך
בין גאר אעילוי, מען האט מיר אן געפאנגען צוא ריידען שדוכים, איך האב
נאך אקוראט ניט געוואוסט וואס שידוך מיינט, איך האב מעהר ניט געהערט

דעם וואָרט שידוך איז וויא אַצוויבער פאַר יעדערין, יעדער ישיבה בחור פלעגט ניט אַרויס לאָזען דעם וואָרט שידוך פון מויל, אַסך פלעגען ריידען, אַז מען שמועסט אָפּ אַשידוך ווערט מען עפּעס אַביסעל רוהיגער, אַזוי דאַרף מען לערנען אַפילו מען זאָל זאָגען אַז מען איז אַמתמיד וועט מען מאַכען אַבעסערין שידוך, אַזוי דאַרף מען זיך אַרום שלעפּען אַטאָג ביי דעם אַטאָג ביי יענעם, און נאָכדעם עסט מען, קעסט מען אין איין אָרט, אַזוי דאַרף מען נעכטיגען אין מנין אויף אַמרוקענעם באַנק און מען קאָן קיין מאָהל קיין רוה האָבען, דאָס קומט מען דאַווענען ותיקין ווערט יעדער אַבעל הבית אויפּען קלויזניק, אַ! שרייט איינער אויף איהם, מעהר ניט גיב זייא עסין און לערנען ניט אַוואָרט, שלאָפען מעהר ניט וויא דיא גוים ביז גרויסען טאָג, און דאָס קלערט מען ניט פילייכט האָט זיך דער קלויזניק געלעגט שפּעט און אַאַנדערע גאָר אַנאַכט ניט געשלאָפען, דאַ קומט איינער אין מנין, אין האַנדפּאַס איז ניט דאַ קיין וואַסער לאָזט ער אויס דעם כעס צום ישיבה בחור. דער שמש קלייבט געלד אַלע מאָנטיג און דאָנערשטיג און ראש חודש, און אַז מען דאַרף איין הייצען אָדער אויסקעהרען הייסט ער דעם ישיבה בחור, און גלאַט אַזוי זיין אַבחור איז עפּעס ניט קיין פאַרגניגען; מען האַלט גאָר ניט פאַר קיין מענשען: קיין עליה גיט מען איהם ניט, מפטיר שבת שובה, פרשת זכור אָדער פרשת פרה איז פאַר איהם צוא פיעל כבוד, ביים עמוד טאָר ער ניט דאַווענען, קיין בעל תקיעה טאָר ער אויך ניט זיין. קורין דער פון אַבחור איז עפּעס אַהאַלבער מענש. מען ווערט איינגערמאַן מען טוהט אָן אַטלית קוקט מען שוין גאָר מיט אַנדערע אויגען, ווער רעדט פאַר אישיבה בחור איז דאָס גאָר אַגאַנצע שפּיקולאַציע; אַאַנדערער טוהט נאָך אַשידוך מיט אַקצב, ער קליידעט איהם אויס, גיט איהם אַמיידעל אַגראַבע, אַרויטע, אַפּגעקאַרמעטע, דערצוא נאָך פופציג רובל נדן מיט עטליכע יאָהר קעסט, אין וועלכע עס וואַר קיין מאַנגעל אין קישקעס, אין מאַגענס און אין אייטער.

איין מאָהל, איך זיץ אַזוי אין מנין און לערהן קומען צוא מיר אַפּאָר אידען, איינער אַלאַמער מיט אַקוליע אונטער דיא פּאַתוועס, מיט אַפאַרשלומפּערטען לאַטעטענעם קאַפּטין, מיט אַפאַרשמוצטער פאַרטשיילקע אין דער הינטערשטער קעשענע וואָס שטעקט אַרויס ביז דיא פּיאַטעס, מיט קאַלטענעוואַטע פּאות לאַנגע געפלאָכטענע וויא דיא הבדלות, מיט אַיאַרמולקע אַראָפּ גערוקט אויף היטען ביז זאַטילאַק, און אויבען אויפּען שפּיץ קאָפּ אַסאַמעטענע היטעל אַנגעלע אַפּגעקראַכענע, דיא נאָז גראָב וויא אַצוגעלעגענער אתרוג, דער שפּיץ אַביכעל פּיטעליך פאַרדרייט אַרויף, דאָס געזיכט אַגעשטופּעלטע, דיא שטימע אַבאַסאָווע. דאָס וואַר אַשדכן; דער צווייטער וואַר אַפייגער איד אַיאָהר פינף און פערציג מיט אַשוואַרצען רונדען באָרד, מיט ניט קיין מיאוסען געזיכט, מיט אַדעלע געזיכטעלע: דיא פאות׳ן פאַר גרייזעלט ביז דיא אָהערין, געקליידעט וויא אַלע פאַרצייטיגע יודען אָבער ריין. „אַט דאָס איז דער חתן״. זאָגט דער שדכן מיט

זיין באַסאָווער שטימע, ער לערנט וואוהל אין דער וועלט, איהר קאָנט מיט איהם פאַר ברייננגען אַוויילע אויב איהר ווילט, דער צווייטער וואס וואר דער מחותן האט מיט מיר גענומען פאַרברייננגען אונ לערנען אונ איך בין איהם זעהר געפעלין געוואָרען. ער האט מיך אָן געגוכען פאַרין באַק אונ האט מיר געפרעגט: דוא וועסט וועלין זיין מיין חתן? איך בין געוואָרען רויט אונ האב איהם גאר נישט געאַנטוואָרטעט, אויף מאָרגען איז געווען תנאים. קיין פאָטער האב איך ניט געהאט, קיין מוטער אויך ניט, זאָגאַר קיינע פריינדע, מיט אַמאָהל געפינען זיך מענשען וואס ווילען מיר פאַרטרעטען דיא שטעלע פון פאָטער אונ מוטער, האבען מיט מיר גערעדט זאָ פריינדליך, זאָ ליטבליך, זאָ צערטליך וויא ערבאַרמהערציגע עלטערין; זייא האבען מיך פּראַכט בעצווייערט. דאס מיידעל האב איך ניט געזעהן צוא זיא איז אַשיינע צוא ניט, איך האב מיט איהר אויך ניט גערעדט אונ האב ניט געוואוסט צוא זיא איז אַקלוגע; נאר נאַכהער האב איך ערפאַהרען אַז זיא וואר ניט קיין מיאוסע אונ אַגאַנץ קלוגע. אין אַיאָהר אַרום איז געווען דיא חתונה. וואס זאל איך אייך זאָגען מיר איז געווען גאַנץ גוט, מען האט מיר געגעבען קעסט מעדני מלכים! אויף איין זאַך מעהר ניט האב איך זיך געהאט וואס צוא קלאָגען, וואס בייא מיר האבען זיך קיינע קינדער געהאַלטען, אַכט קינדער האט מיר מיין פרויא געהאט אונ זייא זענען אַלע צוא שטאַרבען. לסוף איז דיא זאַנגע פון מיינעם גליק אין גאַנצען אונטער געגאַנגען, דען דיא פרויא מיינע איז געשטאָרבען, איך האב זיא געליעבט וויא מיין לעבען, אונ דאס וואר איין גרויסער קלאַפ אין מיינעם לעבענס גליק. איך האב גענומען קלעהרין וואס טהוט מען יעצט? זיין אויף קעסט ביים שווער, וועהרענד זיין טאָכטער — מיין פרויא — איז געשטאָרבען אונ קיין קינדער האט זיא ניט געלאָזען — איז אויך ניט גאר גוט, דען וואס פאַר אַמחותן בין איך מיט איהם יעצט, ווערען אַפּרוש אונ אַוועק פאַהרען לערנען איז אויך קיין פלאַן ניט, אונ מאַכען אַקנעלונג אונ זיין אַמלמד, וואס דאס וואלט מיר אָן קומען גאר לייכט, ווייל איך האב געהאט אַנאָמען פאַר אַגרויסען למדן האט זיך מיר ניט געוואָלט, ווייל דאס וואר זעהר אַשווערע אַרבייט אונ אַ אונדאַנקבאַרע. וועהרענד איך בין געווען אויף קעסט אונ האב קיין עסק געטאַהן האב איך ערוואָרבען איין היבשע ידיעה אין דער רוססישער אונ דייטשער שפּראַכע, עס וואר אַפילו דאַמאָלס אַגרויסער חטא צוא לערנען זיה, נאר קיינער האט געוואוסט דערפון אונ דאס איז מיר גראַדע צוא ניץ געקומען. אין דיזער צייט וואר העררויס געגעבען דער אוקאַז פון דעם פערשטאָרבענעם קייזער ניקאַלייא צוא גרינדען שולען צוא בילדען דיא יודישע קינדער! קיינע געשטודירטע וואר נאך ניט אונטער אידען, האט מען געזוכט אַזוי לעהרער, וואס זאָלען קאָנען העבּרעאיש, רוססיש, דייטש, ווען ניט גרינדליך איז אויך גוט; איך האב זיך אָן געגעבען אַז איך פיהל זיך אימשטאַנד צוא פערטרעטען דיא שטעלע פון לעהרער אין אַאידישער עלעמענטאַר שוהלע אונ האב געבעטען מען זאל מיך עקזאַמענירען,

מיין געקומען איז אראפ בלאגאפאלוצשענא און איך בין געווארען לעהרער , איך האב געהאט בעשטימטע געהאלט פון קאזנא און דערצו נאך געגעבען פריוואט איראקעס , און האב זיך פערלעבט גאנץ גוט , איך האב געטאהן אשידוך און האב גענומען אפרויא — דאס וואר דיא איצטיגע פרויא מיינע — זיא האט ניט געשטימט מיט איהר פאהריגען מאן ווייל ער וואר צו פיעל חסידעוואטע , ער פלעגט זיך אפ וואלגערין יאהרליך ביים רבין . האפען בייא איהם דיא שיריים . פלעגט קומען אהיים אמאהל אין יאהר און פלעגט זיך ניט ארטיג פיהרען , פלעגט זיא נאך אונטער קלאפען אביסעל , בייא איהם איז אויס געקומען אז זיא וואר צו פרייא ווייל איהר פלעגט ניט געפעלין וואס ער וואלגערט זיך אפ שטענדיג ביים רבין . ביי זייא איז געווען איכמער קריעג ביז זייא האבען זיך געגט ; בייא זייא וואר איין קינד אקנאבע איאהר זעקס האט איהם דער מאן גענומען זיך . . .

—און פון אייער עלף יאהריגען ברודער וואס וואר פון אייך פערשווונדען האט איהר גאר נישט געהערט צייט אייער לעבען ? האט איהם גאלדענבלום איבער געשלאגען זיינע רייד ווערענד ער האט געוואלט ריידען ווייטער .

—ניין !

—איך קאן אייך עטוואס פון איהם בענאכריכטען .

—איהר האט דען געהערט פון איהם עטוואס ؛

—יא !

—און ער לעבט ?!

—יא , אויב איהר ווילט קאן איך אייך ערציילען וואס מיט איהם האט זיך פאסירט זייט ער וואר פון אייך פערשוואונדען !

—א , איך דאנקע איהנען טויזענד מאהל ! איך פערגעס אן מיינע ליידען אז איך הער פון אייך דאס איהר קאנט מיר ערציילען פון מיין פערלארענעם ברודער וואס וואר בייא מיר זא טהייער !

40

צוויא ברידער .

וויא אייער ברודער איז נאך אייך נאך געלאפען , ווערענד איהר זענט אנטלאפען פון אייער מוטען , האט ער זיך אביסעל אפ געשטעלט דען ער וואר זעהר מיד , ער האט געשריגען צו אייך איהר זאלט ווארטען אויף איהם אווייל

נאר איהר האט ניט געהערט, דען דער חינא האט זעהר שטארק געראשט דאס מען האט איבער איהם נאר ניכט געקאנט הערען. איינע קליינע ווייל האט זיך אם געראוהט, נאר נאך דעם האט ער זיך בעקלערט: עס איז דאך ניט גוט פאר איהם ער זאל אויפען בלייבען אונ עס קאן זיין אז ער וועט נאכהער זיין ברודע נאר ניט געפינען האט ער זיך זעהר שטארק געלאזט לויפען; גליטשיק אונ פינסטער איז דאך געוועזן איז ער געפאלען אונ האט אויס געבראכען א פוס דער ווייטאג ווער זעהר שטארק. ער האט געשריגען אונ קיינער האט זיין געשריא געהערט, ער האט אפ געשריגען אפאר שטונדען ביז ער האט שוין קיין כח געהאט צוא שרייען. דיא פוס האט איהם וויא געטאהן שרעקליך, קאלט איז געוועזן, נאס אויך, ער האט געמיינט דאס ער וועט ניט קאנען אריבער טראגען עס אונ וועט געוויס שטארבען; ער האט געוואלט דאטוישע וויא עס איז איינשלאפען אביסעל אויפין וועג ליגענדיג פערגעסען אביסעל זיינע ליידען אונ ניט פיהלען אזוי דיא קעלט, אבער ער האט ניט געקאנט. איהם איז געווארען אזעם שלימער דאס ער האט געמיינט אט געהן שוין אויס איהם אלע כוחות, פלוצלונג דער הערט ער וויא יעמאנד פאהרט. ער האט אן געהויבען מיט זיינע לעצטע קרעפטען שרייען אום יענער זאל דער הערין אונ זאל אויף איהם ערבארמען זיך, דיא רייזענדער האבען דערהערט זיין געשריא, האבען זיך צוא געשטעלט אונ איינער פון זייא איז אראפ פון וואגען האט אן געצונדען אשוועבעלע אונ האט איהם דערזעהן, מען האט איהם גלייך אריין גענומען אין וואגען זיי האבען איהם גוט איין געדעקט אים צוא ערווארמען איהם אין אפאר שטונדע הערום איז איהם געווארען אביסעל לייכטער. דיא רייזענדער האבען איהם געפרעגט ער זאל זייא דערציילען ווער ער איז, האט ער זייא געזאגט דאס זיינע עלטערין זינד געשטארבען אונ ער איז געבליבען איתום האט איהם צוא גענומען זיינע אמומע צוא זיך, בייא דער מומען וואר איהם זעהר שלעכט דען זיא שלאגט איהם שטענדיג אונ גיט איהם ניט עסין, האט ער זיך בעשטימט אפ צוא ציהען פון איהר ער מאג זאגאר שטארבען פון הונגער, נאר בייא איהר ניט זיין.

—ווער איז דיין מומע? פרעגען זייא איהם?

—איך וועל ניט זאגען ווער זיא איז, דען איך פירכטע זיך איהר זאלט מיך ניט אפ פיהרען צוא איהר ווידער.

—הער חיים, רופט זיך אפ איין רייזענדער צוא דעם אנדערין, טאמער וואלסט דוא נעמען זיך דאס קינד, דוא ביסט דאך א גאנץ רייכער מאן, קיינע קינדער האסט דוא ניט?

—א נויט איז מיר צוא נעמען איהם, אנטווארטע איהם דער אנדערער, איך דארף ניטיג ער זאל מיר אויס שמאצקען דיא ביינער, איך בין קאנטעט וואס גאט האט מיך אויס געהיט פון קינדער, א קלייניגקייט קינדער! עסין דארף מען זייא געבען, קליידער דארף מען זייא מאכען, אין חדר דארפען זייא געהן, חתונה דארפען זייא האבען! אונ דאס טרעפט נאך א קינד ווערט ניט געזונד, הייבט

זיך אין דאקטורים רעצעפטען , וויא זויגען אויס דיא בלוט פון דיא פּאַטעס , איז דאַנקען גאָט וואס ער האט מיך ניט געשטראפט מיט קינדער , וועל איך נאך נעמען א פרעמדען קינד צוא זיך ?

—איך וועל איהם גאר נעמען צוא זיך , רופט זיך אפ א איד מיט א געלען באָרד מיט א רויטען געזיכט , מיט גרויסע געלע זומער שפּראָסען , מיט געלב רויטע האר מיט פייערדיגע אויגען .

אין א טאג הערום זיינען מיר געקומען אין ס... דער געלבער איד האט מיך געבראכט א היים האט מיך פאר געשטעלט זיין פרויא , אפיינע אידענע מיט צארטליכע געזיכטסציגע . זעהסט דוא , זאגט ער צוא איהר , וואס זאגסט דוא אויף דער סחורה וואס איך האב געהאנדעלט ? קיין געלד קאסט עס ניט , א דאגה לאז זיך האדעווען , וועט זיין ווען עס איז א חתן בתקען .

איהם איז דארט געוועזען גאנץ גוט , דיא פרויא האט איהם ליעב געהאט וויא א מוטער , דען זיא וואר איבער הויפט א גוטע פרויא , אונ דער מאן אבוואהל ער האט אויס געוויזען אויפען געזיכט זעהר אשלעכטער , נאר מיט דעם קינד האט ער זיך באגאנגען ניט שלעכט ; ער האט איהם אפ געגעבען אין חדר , ער האט געלערינט זעהר גוט , דער רבי האט פון איהם געהאט התפעלות . ער האט זיך ביי זיי געהאדעוועט ביז פופצעהן יאהר אונ האט געמאכט גרויסע פארשריטע אין לערנען איין מאהל הערט ער וויא דער בעל הבית זאגט צוא דער פרויא : הער , וויא תיעל יאהר איז שוין אז מיר קארמענען דיזען דארמאיעד וואס פאר אפּאַרזע וועט אונז דערפון ארוים קומען ? ווייסט דוא וואס איך קלער , אוועק שפּאָנען איהם פאר אונזער יענקלען .

—וואס רעדסט דוא ? דוא ביסט פון מוח אראפ , איך האב געקלערט ניט אנדערש , אונ דוא האסט דאכט זיך אויך אזוי געקלערט . ער זאל זיין א חתן פאר אונזער בתקען .

—וואס זאל מען מאהן מיט דיא גזירות אז אידען דארפען געבען יונגים זאלען אונזערע קינדער זיין סאלדאטען ?

—עס וועט גאנץ זיין , אונזערע קינדער וועלען ניט זיין קיין יונגים ,

—אונ איך זאג , וואס דארף מען זוכען אנדערע מיטלען , אז עס איז פראנען אזא גוטער מיטעל ; קיינע עלטערין האט ער ניט , קיין פאספארט אויך ניט , איז ער דאך א בראדיאגא , האב איך דאס רעכט איהם אפ צוא געבען , אונ פאר בתקען וועל איך קריגען א חתן .

—א , איך וועל ניט אויס האלטען ! איך האב געקלערט אז דאס וועט זיין ניט אנדערש וויא פאר בתקען א חתן , מיט אמאהל — א , פיינע אומגליקען — ווילסט דוא איהם גאר אפ געבען —.

—גאר קיין נאר בין איך אויך ניט , אויס זאגען דיר א סוד , ער וועט אונזער בתקען ניט נעמען . א הוקר , א הינקעדיגע , א קאסעוואטע אונ א יאדקאוואטע , צום אנפאנג האב איך טאקע געקלערט : בתקען וועט קיינער

ניט װעלען נעמען, לאָס איך איהם האָרעװען פאַר איהר, װעל איך האָבען אַרטן, אָבער איצטער זעה איך אַז ער װעט זיא אװדאי ניט נעמען, איז װאָס זאָל זיין מיין געלד װאָס איך האָב איהם ביז איצט געקאָרמעט אומזאָנסט?

—דוא װייסט דאָך אָבער ניט געװיס אַז ער װעט זיא ניט װעלען, אַ אָרימער איינגעל איז ער, קיין עלטערין האָט ער ניט, מיט װאָס װעט ער זיך איבער נעמען? אונ װידער זאָג איהם צוא אַז דוא װעסט איהם געבען פינף הונדערט רובל נדן אונ גיב איהם אָן צוהערענס אַז דאָס װאָס ער האָט אונז געקאָסט ביז יעצט װאַקסט אויך ניט אין אַ גאָרטען, אונ װייטער װעסט דוא איהם אויך האַלטען פינף יאָהר קעסט, ער װעט אװדאי װעלען.

—נוא, איך װעל דיך פאָלגען, איך װעל מיט איהם מאָרגען רײדען װעט ער װעלען איז גוט, אונ אויב ניט װעל איך איהם אװדאי אָפּ געבען!

איצשקע האָט דאָס אַלץ דערהערט אונ איהם איז עס אַריין אין נאָז! בתקעם חתן האָט ער ניט געװאָלט זיין דען זיא װאַר צוא געראָטען פאַר איהם אונ געהן דינגען פאַר מענדלען איז צוא פיעל עהרע פאַר איהם. אויף מאָרגען גאַנץ פריא איז ער אַװעק אין מנין, הט אָפּ געדאַװענט אונ איז זאַגאַר ניט געקומען אַהיים עסן; האָט גענומען דעם תפלין זעקעל מיט עטליכע רובל געלד װאָס ער האָט געהאַט ביי זיך אונ איז גלייך אַװעק אין א... װאָס דאָרטען װאַר צו ישיבה אַ בעריהמטע אין דער װעלט. דער ראש ישיבה האָט איהם צוא גענומען אין דער ישיבה מיט כבוד, אונ האָט איהם איין געטהיילט גוטע טעג ביא דיא גרעסטע גבירים פון שטאָדט.

ביא איין בעל הבית װאָס ער האָט געגעסען צװייא טעג פרייטאָג אונ שבת װאַר זעהר אַפיינע טאָכטער אַבת יהודה, מיא האָט זיא גערופען לאה. ער האָט זיך פערליעבט אין דעם בעל הבית'ס טאָכטער אונ זיא אין איהם; קורץ דערפון ביא זייא איז געװאָרען אַשידוך, קיין זין האָט דער מחותן געהאַט. האָט ער איהם צוא געשריבען צוא זיך אונ ער איז געװאָרען זיין איידים, ער איז געװעזען ביים שװער אַ כך יאָהרען קעסט, דען זייא האָבען זיך ניט געװאָלט שיידען מיט זייער טאָכטער, אונ מיט איהר מאַן, װייל קיין אַנדערע קינדער האָבען זייא ניט. איהם װאַר זעהר גוט, מער ניט איין דאגה האָט ער געהאַט װאָס ביא איהם װאַר קיינע קינדער, ער איז ביא זיך שטאַרק צראָס געפאַלען דערפון, פון דעסטװעגען צום רבין איז ער ניט געפאָהרען, מיט אַמאָהל האָט גאָט געמאַכט אַ נס אונ ביא איהם איז געבוירען געװאָרען אַ טאָכטער, זעהר אַ שעהנעס אונ אַ קלוגעס קינד, — יהודית האָט אַקוק געטאָהן מיט אַ ליבליכען בליק אויפען פאָטער — אין דרייא יאָהר הערום האָט ער נאָך איינע טאָכטער געהאַט...

—אָ; װייסען זייא ניט פיעלייכט װאו מיין ברודער װאָהנט יעצט — פרעגט אברהם ערשראָקען! דען ער װאַר זיכער פון געלדענבלומס ערצעהלונג.

—הערט ווייטער, איך וועל אייך דערציילען כסדר, אין א פאר יאהר הערום זינד געשטארבען זיין פרוים עלטערין, אונ האבען געלאזען א היפשען קאפיטאל וואס איז אין גאנצען געבליבען אייער ברודער; ער האט גענומען דאס געלד אונ איז ארוים געפארען מיט זיין פאמיליע אין יעקעוו אונ האט געמאכט א מאגאזין פון זילבער אונ גאלד וואארען אין... שטראסע. ער האט שוין געוואלט אנפאנגען צוא ערצעהלען וויא ער האט זיינע קינדער ערצויגען, וויא זיינע עלטערע טאכטער האט זיך פערליבט אין א ארעמען סטודענט, האט איהם אברהם איבער געשלאגען אונ האט אוים געשריהען ערשטוינט: א, גאטט! זינד זיא מיין ברודער? מיין געטרייער ברודער וואס מיר האבען זיך זא שטארק געליעבט אונ מיר וואארען פארנאנדער געשיידעט?

זייא האבען זיך ניט געקאנט איינהאלטען אונ זענען ארויף געפאלען זייענע דיא אנדערע אויפען האלדז אונ האבען שטארק געוויינט.

—א, וואס פאר א גאט מיר האבען, זאגט גאלדענבלום, ער מאכט אלע סבות. צום אנפאנג איז מיר אוים געקומען רעטזאהל וואס יהודית האט זיך געוואלט אראפ ברייננען מאנעסזאהנ'ס עלטערין א הער, יעצט זעה איך אז עס וואר אלעס פון גאט, דאס ער האט איהר געגעבען אזא דעה אום איך זאל מיין ברודער געפינען. עס קאן זיין אז מיט דער צייט וועלין מיר אונזער דריטען ברודער אויך געפינען, — א, אז אונזער משה וואלט יעצט געלעבט! וויא גליקליך וואלט ער זיין, אז ער וואלט ערפאהרען אז זיינע וואלטעהטער וואס האבען זיך מיט איהם בעגאנגען וויא עלטערין, איז זיין פאטערס ברודער.

—וויא אנגענעהם וואלט איהם זיין — זאגט יהודית — אז ער וואלט וויסען אז דיא פערזאן וואס האט איהם זא שטארק געליעבט וואר זיינע א קוזינע, אבער וויא אונגליקליך איך בין. אז דער מענש וועלכען איך האב זא געליעבט ניט ווייטענדיג פון וואס פאר איינע פאמיליע ער שטאמט, אונ יעצט אז איך האב ערפארען אז ער וואר מיין פאטערס ברודערס זאהן דארף ער זיין זא ווייט פון מיר אונ מיר וועלען זיך ניעמאלס זעהן! זיא האט אנגעהויבען שטארק צוא וויינען אונ אלע האבען מיט איהר מיט געהאלטען.

עס איז געוואורען אריד וועגען מאנעסזאהנען; זייא האבען אוים דערציילט פאר אברהמען אלעס וואס מיט איהם האט זיך אפ געטאהן ווייט זייא האבען איהם ערקאנט.

הייבט פאר שטעה איך, זאגט אברהם, וואס ער האט אונז געשריבען אין דעם ערשטען בריעף וויא ער איז גאר וואס אן געקומען צוא אייך. עס שטעהט מיר פאר א איבטערעס וואס אבער ער וועט מיך ארויף ברייננען אויף דער העכסטער שטופע פון גליק אדער אומגליק...

41

יעקעווער פאגראם.

די גראביטעליעס אין יעליסאוועטגראד האבען געמאכט אגוטען אנהויב, דאס וויא א אורגאן האבען זיך פאנאנדער געטראגען די פאגראמען אין גאנץ יוזשני קריי, מען זאל נעמען דייטליך בעשרייבען אלע פאגראמען קאן מען מאכען א גאנץ היפשעס בוך פון דעם אליין; מיר וועלען מעהר ניט דערצעהלען פון די וואס געהערען צוא אונזער ערצעהלונג.

צוואנציג דריטען אפריל פינף אוהר נאך האלבען טאג האט זיך אויף וולאדימערסקען בערג אין יעקעוו פערזאמעלט א מענגע מענשען זעהן וויא א קליינעס מעדכען וועט טאנצען אויף א שטריק. אונטער די צוא שווער ווארען פיעל אידען. עס האט זיך פארפיהרט, מיט אבזיכט, א דראקע פון קליינע קנאבען צוא וועלכע זינד צוא געשטאנען ערוואכסענע גרויסע מענער. אונ עס האט זיך אן געפאנגען א קאטאוואסיא מיט א געשריי, ביא זשידאווי׳ האט מען אן געפאנגען אראפ צוא שטויסען די אידען פון דעם הויכען בארג אויף אלעקסאנדרישען אבשטירץ, זייא האבען געשלאגען מיט די פויסטען, מיט פלעקער, מיט שטיינער. מיט וואס עס האט זיך אונטערן האנד געמאכט, עס האט זיך געהערט אגעשרייא, א יאמער אונ קלאג זיפצען אונ יוכצען אונטערין הימעל! ביז אויף מארגען אין דער פריה האבען זייא געשלאגען וועמען זייא האבען באגעגענט פון אידען אין גאס, זייא האבען פיעלע פאהרער אראפ געווארפען פון די דראשקעס.

מען האט פאר זאגט אין אלע שטעלין אין בתי מדרשים אז אידען זאלען זיך שבת אונ זונטאג ניט ווייזען אין די גאסען, דען מיא ווארט עפעס אויף ניט גוטעס. שבתדיגער טאג איז פאריבער פאסט גאר שטיל אויסער א קליינע העצע אויפין טאלקוטש אין אלעקסאנדראווסקען אבשטירץ, וואס דער פערפיהרער וואר מעהר ניט וויא איין בערוישטער ארבייטער.

די נאכט פון צוואנציג פינפטען אונ צוואנציג זעקסטען אפריל האט מען פערבראכט זעהר אונרוהיג, ניעמאנד האט אן געהויבען צוא שלאפען, עס איז געגאנגען א סלוך דאס מארגען וועט זיין א פאגראם אין וועלכען עס וועלען אן נעמען א טהייל א פארטהיי מאסקוויטער אויף וועלכע מען ווארט שטונדע אויף שטונדע זאלען קומען צוא פאהרען.

זונטאג צוואנציג זעקסטען אפריל עלף אוהר אין דער פרי אויפין טאלקוטש א גרויסע טאלפא וואס איז בעשטאנען פון אר
וועליקאראסען אונ היזיגע פראליעטאריע וואס ווארען בעוואוסט אונטער דעם נאמען באסי־קאמאנדי מיט ארום געריסענע בורשען אונ אוואנגארד — האבען

פאנאנדער געטראגען די אידישע הייזער און קראמען און האבען זיך פארשפרייט שייקעס ווייס איבער גאנץ פאדאל. האבען גענראבעוועט, געבראכען, געווארפען, צערשטערט און צוריסען אלעס וואס צו אידען געהערט, דאס ביז פינף אודר איז געווארען א תל פון גאנץ פאדאל.

אויף דעמיאנווקע האבען זיי זיך ניט בענוגענט נאר מיט אויסליידיגען די צימערן, נאנדערן זיי האבען געלאזען צו גרונדע געהן, די הייזער זעלבסט האבען זיי אונטער געצונדען און זיי זינד אפ געברענט דא מלא. מיט די גראביטעלעס האבען זיך פערראייניגט א סך מענשען וואס צום אנפאנג האבען זיי מער נישט געקוקט ווי די אנדערע ראבעווען, נאר דער נאך זיינען זיי אויך צו געשטאנען צו די רויבער.

ביז פיער טויזענד מאן זינד געבליבען אן עסין און טרינקען און אן קליידער, די גרויסע סינאגאגע האט מען צערניכטעט צום גרונדע. מיא האט צעריסען און צו טראמען מיט די פיס ספרי תורות וואס עס דארפען עהרען קריסטען זא גלייך ווי אידען, א. ש. ... האט מען אראפ געווארפען פון צווייטען עטאזש און זיא האט געקראגען ריסוק איברים. און נאך שווידערהאפטע טהאטען וואס מיא קאן דאס דיימליך ניט אויס שרייבען.....

צו פערדאנקען דעם וואהרען מענשען פריינד גענעראל קאלינקאוו און ביעליענקאוו האט מען געגעבען די אומגליקליכע, צו גראבעוועטע א ארט וואו אויף האלטען זיך, א געמויערטין סאריי הונטער לאווע. נאר אם ענדע האט זיך באוויזען דאס עס וואר זעהר ניט גוט פאמעשצשיען זא פיעל מענשען אין איין סאריי, האט מען בעסער געמאכט פאר זיי זיבען צעלטען געבען יונקערסקי אוצשילשצע אויף פעצערסקי. אונטער וועלכע עס וואהרען צוויא בעזאנדערע צעלטען פיר באלניצעס, איינע אין מענליכע און איינע פיר פרויען

ווייטער צרות.

ניט ווייניגער פאר אלע יעקעווער איינוואוינער [illegible]
אונזי[illegible]טער גאלדענבלום מיט זיין פאמילי[illegible]
[illegible]ער די גאנצע [illegible] פאר[illegible]
פלאשצשאד, די הויפט [illegible]
וועלכע זיי האבען זיך אומגעקערט

האט זיך געשפארט די אן געקומענע מאלפא, וואס וואר פאר שטארקט מיט
א גרויסער פארטייא פון בעסעראבער פלאשצשער אין נידעריגע באלשאי וואסילקאווסקי
גלייך צוא פינקעלשטיינס הויז. די מאהרען זינד געוועזן פערשפארט נאך אז
די מאלפא האט אפ געצויגען פון בעסעראבער פלאשצשאר צום טראיצקען
באזאר. מיט צוויא שטורם האבען זייא ארוים געזעצט די טיהר, זענען העריין
געדרונגען אונ געעפינט אונ האבען געפאדערט בראנפען. זייער געבעט וואר
שנעל ערפילט, מיא האט זייא געגעבען עטליכע צעהנדליג גרויסע פלאשען.
ארום יעדער פלאשע האט זיך ארום געקליבען א גרופע מענשען, אנדערע האבען
געטרונקען פון פלאש זעלבסט אונ אנדערע מיט גלעזער וועלכע דער ווירטה האט
זייא געגעבען. האבען אין איין מינוט אויס געליידיגט די פלאשען! עס וואר
עקעלהאפט צוא קוקען וויא קליינע ארום געריסענע קנאבען האבען ניט אפ
געטראשען פון גרויסע אונ האבען זייא נאך געטאהן דיזע קונסט ארבייט. די
גאנצע מאלפא וואר ארויין געטאהן מעהר ניט וויא אין די בראנפען, אונ האבען
אפילו מיט א פינגער ניט אן גערירט די אימושצעשעסטווא. פלוצלונג האט זיך
געלאזט הערין אין מאלפא אגעשרייא: „בראטציא נאשעווא וויאלי!" אונ האבען
זיך א לאז געטאהן אלע מיט א מאהל צום פלאשצשאד; דער פלאשצשאר וואר
פארנומען אין גאנצען מיט צו שווער. די גאסען ווארען פול מיט דראשקעס אונ
פאעטאנען וואס האבען זיך אפ געשטעלט פאהרענדיג אונ די פאסיזשירען
האבען זיך געשטעלט קוקען וואס עס טוהט זיך, אונ קליבען פערגניגען..
די מאלפא וואס האט זיך נעבאך אוכזאנכט וומטריוואזעט האט זיך
אוכגעקערט ווייטער צוא פינקעלשטיינען מאכען ברכה, אונ אין בראנפען איז
קיין מאנגעל געוועזן, אין א קורצע צייט האבען זייא אויס געזופט מעהר וויא
צוואנציג עמער אונ אין דער גאנצער מאלפא וואר מעהר ניט וויא הונדערט
מאנן, יעדער וואר גאנץ גענוג פארדרייט מיט דער משקה צוא מאהן די
גרעסטע רציחות, נאר ביי פינקעלשטיינען האבען זייא גאר נישט געטאהן זייא
האבען אפ געצויגען צוא הויז ל. זייא האבען שוין גענומען ווארפען שטיינער אונ
פאלקעס, די טיהר אונ פענסטער האבען זיך צובראכען אבער צוא גראבינעזש
איז ניט געקומען, זייא ווארען ערצייגט אז דא וואהנען ארעמע מאדיסטקעס. „צוא
גאלדענבלומען!" האט אויס געשריהען דער הויפט קאנאוואר אונ אלע האבען
זיך געלאזען וויא די היישעריקען אויף הויז ם. וואס אין איהם וואהנטע גאלדענבלום
... דארטען וואר אויך זיין מאגאזין פון זילבער אונ גאלד ווארען, די לאדען
... געריסען אונ צובראכען אויף ... די שטיינער וואס זייא האבען
... אין די פענסטער האבען געמאכט ... אין מאגאזין. די גאנצע
... הערין געדרונגען איינווענדיג, אלעס וואס איז געווען אונ אין די
... וואר צובראכען אונ ארויס געווארפען אויף דער שטראסע ... יאס
... מען בשעת מעשה צוא ... אונ דאס איבעריגע וועט ...ען
... פון ... ...בען געבאכט שמעלדיך, פון בעטגעוואנד

א שענע אין מיטען פריהלינג. קורץ דער פון עס איז גאר נישט געבליבען, נים אין מאגאזין נים אין שטוב, מעהר נים דיא קליידער וואס זינד געוועזן אויף זייא, מען קאן זיך פארשטעלען וויא גוט וואר גאלדענבלומען אויפען הארצען אז ער האט געדארפט צוא זעהן אז זיין גאנצער פארמעגען ווערט פערניכטעט דורך מערדערישע הענד, מען קאן לייכט פארשטעהן דיא פאר צווייפלונג פון דער גאנצער פאמיליע אז זייא האבען א קוק געטאהן אז אזא חברה פיאניצעס האט זייא ארום גערינגעלט פון אלע זייטען, וויא זייא האבען דערהערט אז דיא רויבער זינד אין מאגאזין האבען זייא געקלערט לאזען אלעס זאלען זייא טאהן וואס זייא ווילען, אונ אליין ארויס דורכען הינטער גאנג, אבער גלייך האט זיך דורך געבראכען דיא טיהר וואס פון מאגאזין אין וואהנונג אונ זייא האבען זיך געפונען א גאנז מיט א גאנז מיט דער חברה שכורים. וואס ווארען זיינען לאז פון דעם בראנפען אונ אויף געהעצט דא בעוואוסט, אז זייא האבען אקוק געטאהן אויף זייערע געזיכטער איז שוין זייא זייער פערטעגען גאר נים געלעגען אין קאפף, זייא האבען מעהר געזארגט פאר זייער לעבען, אונ נים וועניגער פאר אלעמען וואר פארציטערט יהודית אז איינינע פיאניצעס האבען זיך הערום איהר ארום געקליבען אונ האבען גענומען שפאסען מיט איהר. זיא האט פורכט געהאט פאר איהרע עהרע . . . מעהר וויא פארען טוידט, גאר גלייך האט דער גלאווגער א געשרייא געגעבען! „גיע טראגאם יעיא” אונ זייא זינד אפ געטראטען פון איהר. זייא האבען פון קיין זאך גאר נישט איבער געלאזען! אז זייא האבען צוברעכען דעם קאמאד האבען זייא געפונען א סך ביליעטין האבען איינינע געוואלט עס נעמען זיך, גאר דיא אנדערע האבען נים געלאזען, דען עס איז א גרויסער חטא הנאה צוא האבען פון אידעשע, האבען זייא געזאגט, אונ האבען צוריסען דיא ביליעטין אויף ברעקליך, אברהם מיט דיא פרויא זינד גאר שיר נים געשטארבען זעהענדיג דיא הצנע וואס זייא איז שוין גאנץ גענויא בעקאנט פון גראדסטיוועל. דאס פאר זייא איין פערבייסונג נאך דיא צרות וואס ער האט געהאט אין דיא לעצטע צייטען, וויא אונז איז באקאנט פון דיא פאריגע קאפיטלען! אברהם האט געמיינט אז ער וועט אפ רוהען אביסעל צוא דער עלטער בייא זיין ברודער וואס ער האט געפונען; אט איז איהם א אפרוה.

זייא האבען שוין געמיינט אז זייא זענען פטור געווארען פון דעם טויט שרעקענעס, ערשט איינינע קעהרין זיך אום צוריק אונ זאגען, מיא דארף זייא אלעמען ארום זוכען צוא האבען זייא נים באהאלטען מהדיערע שמוק, קאסטבארקייטען, דימאנטען אדער ברוליאנטען בייא זיך אין דיא טאשען, זייא האבען גענומען אויזדארען דעם ערשטען ארום זוכען ער האט אויף געהויבען דיא הענד אונ זאגט: נאט זוכט, דען ער האט געזעהן אז אלעס האבען זייא שוין איבער געפיהרט אונ בייא זיך האט ער גאר נישט; אבער איינעם א פיאניצע האט זיך געדוכט דאס ער וויל זיך שלאגען, אז ער געהט דאס נים צוא, אונ גיבט איהם א טראסק אין קאפף מיט איין צוא שפריך: „אך מי זשיר יעשצשא ביטשא ווזדיטאלי” יענער איז פערטוכעלט געווארען אונ איז געפאלען אן דער

ערד, זייא האבען איהם ארום געזוכט אונ האבען בייא איהם גאר נישט געפונען, אויסער פאפירען נאטהיגע וואס זייא האבען עס אויך צוריסען אויף פיצלעך, נאכדעם האבען זייא זיך גענומען צוא דעם אלטען אברהם'ן, ער איז זייא עפעס נים געפעלען געווארען ווייל דער צייכען איד ליעגט צוא פיעל אויף זיין געזיכט, זייא האבען איהם פון געשפאט, געלאכט. געריסען געצופט, ער איז קוים א לעבענדיגער ארויס פון זייערע הענד, איינער האט איהם דערלאנגט אפאר קלעפ אין דיא ציין דאס ער איז פערבלוטיגט געווארען אונ צווייא ציין זינד איהם ארויס געפאלען. אויף לאהן האט זיך זייא געדוכט אז זיא דאט ארום געפונדען קאסטבארקייטען ארום זיך האבען זייא זיא אויס געטאהן א היילע, אבער ליידער האבען זייא גאר נישט געפונען, זייא האבען געוואלט זיך נעמען צוא יהודית'ן ארום זוכען זיא אויך, האט ווייטער אויס געשריהען דער הויפטמאן: „וואס ראזסקאזאננא ניע טראגאט יעיא, פאידיאם דאלשע, היידא!, אורא!!!"

זייא וואר זעהר שווער אריבער צוא טראגען זייער שרעק. עס איז אן געקומען דיא נאכט אונ האט זייא נאך געגעבען פורכט. דען בייא נאכט איז יעדער זאך פערכטזאמער. זייא האבען נאכדעם גאר פורכט געהאט צוא וואויגען אין זעהר וואהנונג. אז זייא האבען דערהערט דאס מען האט אפ געגעבען דיא בערויבטע א גרויסען סאריי, וועלכען עס היט וואיסק, האבען זייא זיך אויך אריבער געקליבען א הין.

43

אין סאריי.

ווען דוא האסט נאך ניט ליבער לעזער געזעהן א טרויעריגע סצענע, ווערסט דוא א קוק טאהן דא אויף וואס אם־ניט־לאנג זינד זייא געוועזען גליקליך, אנדערע רייך, יעדערער אין זיין ארט, אונ מיט א מאהל זינד זייא געבליבען אן א מיטעל צום לעבען, אהנע צוא האבען וואו איבער נעכטיגען א נאכט. קום מיט מיר אריין אין סאריי וואו עס האבען זיך צוזאמען געקליבען אלע בעראבעטע: אלטע אונ יונגע, מענער אונ פרויען; נאר פריהער זאג איך דיר דוא זאלסט זיך מאכען שטארק דאס הארץ זאלסט קאנען באשטעהן בייא אזא טרויעריגע סצענע.

אין סאריי וואר פאסט פינסטער, א שלעכטער גערוך הערשט איבעראל,

דיא לופט איז געדריקט, דאס עס איז שווער צוא ציהען דעם אטהעם, דער דיל איז שמוציג אונ קייכהיג; דא ליעגט א מענש דאס געזיכט בלאס, דיא אויגען שטאר, רעדט מיט דעם צווייטען אונ גיסט אוים פאר איהם זיין ביטערעס הארץ: א, איך בין געוועזן א מענש מיט אזא געשעפט, איך האב זיך פארדינט כשר מיין געלד, מיט א מאהל א! וואו האלט איך יעצט אין דער וועלט?! ניט דא גאר גישט! קיין געלד, קיין סחורה, קיין מעבל, קיין וועשצעס! ניט דא מיט וואס א טאג איבער צוא לעבען!!! דארטען הערט מען דעם זעלביגען פזמון פון א שניידער, ער האט זיך אויך דורך געלעבט היפש פון זיין ארבייט, אונ יעצט אלעס צערניכטעט ער האט ניט מיט וואס צוא פיהרען ווייטער! דא ליעגען קראנקע, אלטע, צו קאליעצשעטע צוא ראניעטע, יוכצען אונ קרעכצען, דא געהט א פרויא צוא קינד אן א קושערין אן א אויבאם, אונ פאר אלעמען אין דיא אויגען ענטבינדעט זיא זיך אויפען הוילען קויטיגען בריק!!!

אונטער דיא אלע אומגליקליכע קאנען וויר געפינען אונזער בעקאנטע גאלדענבלומען מיט זיין פאמיליע מיט זיין ברודער אונ פרויא אונ זאהן ליעגען געבעך אויך צוא קאליעצשעטע צוא זאכען געדריקט איינע צוא דיא אנדערע, אנשטאט דיא פיינע צימערין אין וועלכע זייא האבען ניט לאנג געוואוינט, פון זייא הערט מען ניט קיין געשפרעך, מער ניט אויף זייערע געזיכטער איז צוא באמערקען וואס בייא זייא טהוט זיך אין הארצען.

עס איז אריין געגאנגען א מענש וואס האט געבראכט ברויט אונ האט אלעמען געטהיילט. איך וויים ניט צוא וועט חאפען אזוי א איד ערב יו"כ לעקאך: אין שוהל וויא זייא האבען זיך געחאפט יעצט צום ברויט. דער מענש וואר געשיקט פון קאמיטעט וואס האט זיך געגרינדעט צוא פערהעלפען דיא בעראבעוועטע אויף דער ערשטער ווילע חאטזשע פאר זארגען זייא מיט ברויט; אין דעם קאמיטעט וואר אויך א צשליען אונזער פינקעלשטיין, וואס צוא פערדאנקען דיא הילפע פון א בעקאנטען אפיציער מיט סאלדאטען, אויך וואס ער וואר בעקאנט מיט איינינע קאנאווארען פון דיא גראביטעליעס, איז זיין הויז גאר ניט געריהרט געווארען, דאס ווייסען מיר אז אין אלע וואלטהעטיגע געזעלשאפטען איז ער א מיטגליד. דען עס פאסט איהם אימער צוא זיין ראליע, אונ אבוואהל בייא איהם וואר א פערדארבענער כאראקטער פון דעסטוועגען איז איהם געוועזן ליעב אלע זאלען אויף איהם זאגען אז ער איז א וואהלטהעטיגער, גוטער מענש.

דער וואס האט געבראכט דאס ברויט איז צוא געגאנגען צוא גאלדענבלומען אונ זאגטע איהם, דאס פינקעלשטיין: האט איהם געבעטען ער זאל אריין געהן צוא איהם אבענד צייט. דען ער האט מיט איהם וואס וויכטיגעס צוא שפרעכען, גאלדענבלום וואר אפילו וואונדערבאר צוא וואס קאן איהם פינקעלשטיין דארפען. נאר יעדאך האט ער אפ געקלערט אריין געהן צוא איהם.

עס איז געווארען פאר נאכט. דיא זאנגע האט זיך אן געפאנגען צוא

יזקען אין וועסט־זייט. אין סאריי וואס וואר אזוי אויך פינסטער איז געוואָרען נאך פינסטערער. דער עולם האט זיך דערמאנט אז מיא דארף דאוונען מנחה. זייא האבען זיך אלע אוועק געשטעלט דאוונען מיט א צעבראכענעם הארץ; איך וויים ניט צוא האבען זייא ווען יום כפור געדאוונט אזוי. עס האט זיך גענאָסען פון יעדערין טרערין טייכען וויים. אנשטאט וואס אין מיטען יאהר טרעפט זיך אפילו א פרומער איד דאוונט אונ באקקעט זיך צוא ביסעל אונ דענקט גאר בשעת מעשה א אנדער זאך, האבען זייא יעצט אלע ווער עס האט נאר פארשטאנען — געקלערט דעם פירוש המלות: דער פרומער איד וואס זאגט אז פאר אונזערע זינד שטראפט אונז גאט אזוי, האט געזאגט מיט גרוים כונה „סלח לנו", אפילע האבען זיך פארדביקעט אויף „ראה נא בעניינו וריבה ריבינו", דיא געבאך וואס האבען געהאט גוטע וואונדען אונ ביילען פון דיא קאצאפסקי קלעפ האבען געבעטען מיט דעם גאנצען הארצען „רפאינו ה' ונרפא", אויף „תקע בשופר גדול לחירותנו," האבען פיעלע גאנץ גוט געדענקט: עס איז שוין צייט געוועזן אז משיח וואלט מאקע קאמען! אז מיר וואלטען אויס געלייזט ווערען אונ האבען עפעס א אייגענעם ווינקעלע! דיא וואס ווייסען פון וואגען דיא גאנצע צרות קומען אויף אונז, פון דיא יודאפאבישע צייטונגען אונ ביכער וואס האבען זיך אן גענומען א פאדראד זוכען אויף אידען חטאים אונ עונות, האבען אוודאי געזאגט מיט דעם גאנצען הארצען „ולמלשינים אל תהי תקוה וכל הזדים כרגע יאבדו".

גאלדענבלום האט אפ געדאוונט מנחה מיט ניט א בעסערען הארץ וויא אלע אונ איז אוועק צוא פינקעלשטיינען.

44

זאלין אויף דיא וואונדען.

וואס זאגט איהר, גאלדענבלום, אויף דער חתונה וואס מען האט אונזערע יודען אפ געשפילט אין דיא פאר טעג? — זאגט פינקעלשטיין — דער זאהן — צוא גאלדענבלומען, וועהרענד ער איז געקומען אויסהערען אויף וואס דארף מען איהם וואס מען האט איהם געשיקט רופען — האט איהר זיך דען געריכט אז אין דעם ניינצעהנטען יאהר־הונדערט, וואס מיר האבען געקלערט: אט געהט שוין אויס רעליגיאן האסס, אונ איין מענש פון איין רעליגיע וועט קוקען אויף דעם אנדערן פון דער אנדערער רעליגיע וויא אויף א ברודער — זאל אונז אזוי געשעהן?

אונ איך האב דאס קיין מאהל גאר ניט געמיינט – זאגט גאלדענבלום –
איך האב געזעהן גאנץ גוט אז דער יודענהאסס אין דער לעצטער צייט ווער נאך
גאנץ שטארק. אויף די נאבאזשנע פאנאטיקער איז קיין חדוש ניט אז זייא
האבען פיינט א אידען, דען דער פאנאטיזמוס ברייננט זייא מיט: בייא די
פאנאטיקער זינד דאך די אידען פערזיגט פון לאנג אן פאר מענשען-פרעסער,
אז זייא דארפען האבען צוא רעליגיעזע צילען קריסטליכע בלוט, אונ דאס אליין
איז גענוג אויף צוא ברייננען זייער כעס ביז דער העכסטער שטופע. זאנאר די
ליבעראלע פארטייעס האבען ניט ווענינער פיינד דעם אידען ווי די פאנאטישע
אונ זייער שנאה איז נאך פיעל ערגער. אויף פאנאטיזוום איז פראנען א האפנונג
אז סוף כל סוף וועט ער פעלען. די נאראדען ווערען ווייטער מעהר
געציוויליזירט אונ פאנאטיזים געהט אויס, אבער וואס קאן מען טאהן צוא דער
שנאה פון דער צווייטער קאטעגאריע? זייא שטעלען ארויס זייער שנאה גאר
עפענטליך! צום ביישפיעל זייא זאגען אויף אידען דאס זייא זענען עקספלאטאטערס
אונ דאס גלייכען, דאס איז אלעם איינס ווי איין קרעמער זאגט אויף דעם אנדערין
אז ער נארט אויס דעם סוחר, ער גיבט איהם צוא פוילטע סחורה אנשטאט
גוטע, אש אנשטאט מעהל. וואס יעדער פאר שטעהט די סברה דערפון אז אין
דערינען שטעקט קאנקורענציע! אונ דאס שפילט אויך די גאנצע ראליע
קאנקורענציע! זייא קאנען ניט זעהן ווי דער אידעשער קרעמער לייזט אונ
פערדינט, דער בעל מלאכה האט ארבייט, א איד נעמט א פאדראד אונ עס
טרעפט אפט מאהל אז ער ווערט גליקליך, אז ניט דער איד וואלט אן געקומען
דער לייזונג, די ארבייט אונ דער פאדראד דעם קריסטם דיינט וואס טהוט מען
דער צוא? דארף מען אן ריידען אויף איהם, אז ער איז א עקספלאטאטאר,
דאס הייסט ער נארט אפ דעם סוחר, ער מאכט פאלש די ארבייט, ער נארט
אויס אין דעם פאדראד וואס ער נעמט זיך אן. טא זאל מען בייא איהם ניט
קויפען ניט געבען קיין פאדראדען? אונ צוא קאנקורענציע איז שווער צוא געפינען
א מיטעל! וואס מיר וועלין זיך אלעם מער פיינען אין קונסט, ארבייט אונ בילדונג
אונ מדות טובות וועט מען אונז אלעם מער פיינד האבען! פון לאנג אן ליעגט אין
דעם אידענס גייסט צוא ערהויבען זיך, צוא ערדרייכען וויסענשאפט אונ נאך דעם
ארויס געבען עס פאר דעם אנדערין. זייט ער איז אויף דער וועלט איז געווען
זיין גאנצער סטרעמלעניא צוא פערשפרייטען זיינע אידעען איבער דער גאנצער
וועלט! זיינע רעליגיעזע, מאראלישע זיטען וואס וואָרען איהם געגעבען אין זיין
תורה, ווערענד אלע פעלקער זינד געווען ווילד, זינד יעצט אן געקומען אין
דער גאנצער וועלט! א איד וואס ער קאן אונ וואס ער ווייס וויל ער ארויס געבען
דעם אנדערין, וואו איז נאך פראנען אזא פאלק וואס האט אזוי פיעל אן געשריבען
ווי פיעל אידען? ווער רעדט א מאהל ווען אנדערע פעלקער זינד געשטאנען
נידריג אין בילדונג האט דער איד געשריבען הונדערט מאהל מעהר ווי

אנדערע, זאגאר יעצט אז אלע פעלקער זינד העכסט געציוויליזירט, שרייבען אויך אידען נאכין ערך נאך מעהר פאר אלעמען, אונ דער פאר האט מען איהם ניט וועניג פיינד, ווען וועט איהר מעהר פיינד האבען אייער דינער; צוא אז ער וועט זיין א איינפאכער פראסטער מענש, צוא אז איהר וועט זעהן אז ער קאן אלס אונ פארשטעהט זא פיעל וויא איהר? ווער רעדט אז איהר וועט זעהן דאס אזא קליינער מענש איז בייא זיך שטארק אין זיינע אידעען דאס ער וועט מיט אייך ספארען אונ איהר וועט איהם ניט קאנען איבער שפארען! אט דער פאר אויך האט מען ניט יאר האלד דעם אידען, אז ווען ער איז געפאלען. אונ איז ביי דעם אנדערין אין דיא הענד אונ יעגער קאן מיט איהם טאהן וואס ער וויל, וועט מען איהם אויך ניט אפ רעדען פון זיינע אידעען, עס איז געוועזן צייטען וואס מען האט איהם געברענט, געבראטען, געשניטען שטיקער ווייס, אן געטאהן אלע מיני יסורים וואס א אנדערער וואלט דאס ניט קאנען אריבער טראגען, אונ ער איז געבליבען אלעס ביי זייניגע, היינט וויא זאל מען קוקען אויף אזא מענשען וואס איז אזא קליינינקער אונ איז בייא זיך אזוי שטאלץ אונ הארטנאקיג געגען דיא גרעסטע? דאס אליין איז אויך גענוג צוא פערארזאכען מען זאל איהם פיינד האבען, אויסער זיין אבגעזאנדערקייט: ער עסט ניט צוא זאמען מיט א קריסט. ער טהוט ניט קיין שדוכים מיט א אנדער נאציאן, זאגאר אין דיא לענדער וואס ערלויבט אסכימילאציע טרעפט אויך זעלטען אז א איד זאל זיך כתתּנען זיין מיט א קריסט.

—אבער אלעס איז מיר א קשיא. אין ראססייא האט א איד קיין מאהל געהאט צרות, מען האט איהם זעלטען ווען געשלאגען, ווער רעדט דיא לעצטע יאהרען האט מען דאך איהם אן געהויבען מקרב צוא זיין גאר אן א שיעור, ניט וויא איהר זאגט אז מען קאן ניט זעהן אז דער איד איז געבילדעט, אדרבה מיא האט זיך געסטארעט וויא מיא האט געקאנט אויס בילדען איהם, וויא פיעל געלד האט פראוויטעלסטווא פערשוועדעט אויף בילדען אידען, וויא פיעל קריגען האבען אן געווענדעט זייערע אויפמערקזאמקייט, אהנע מאטעריאלישע ציעלען אויס ראמען פון אידען זייער פינסטערין פאנאטיזום אונ וואס איז מיט א מאהל געווארען וואס אלע האבען איהם אן געהויבען פיינד צוא האבען? עס מוז דאך זיין עטוואס דארין! נאר דאס מאהל וועל איך אליין זאגען א תירוץ: אז דער איד איז געוועזן פאנאטיש אונגעבילדעט האט איהם זיין פאנאטיזמוס מיט געבראכט פיינד האבען א קריסט! האט פראוויטעלסטווא געמיינט אז אין דעם איז אלעס דער פאנאטיזם וואס שטאמט פון דער נארישע רעליגיע שולדיג, מיא וועט זיך נעמען דעם אידען בילדען, מאכען זייא פאר מענשען, וועט צוא קומען דרייא מיליאן טיכטיגע גראזשדאניעם אין ראססיי, אויף וואס האט זיך אוים געלאזען אז מיא האט זיך גאר אונ גאר אין גאנצען גענארט; אנשטאט וואס פראוויטעלסטווא האט געדארפט קריגען א פריינד אין איהם האט זיא נאר געקראגען א אוספריינר, מען זעהט כמעט אלע אויס געצייכענטע געבילדעטע אידען זינד סאציאליסטען אונ זינד

שיינדע פראוויטעלסטווא דיינ"ש וויא זאל מען ליעבען א אידען ?

—א גאטט ! אז דיזעס קאן ריידען א איד , וואס זאל שוין ריידען א יודאפאב א קריסט ? שטייען , זאגען אזוי פאלש , דאס דיא פראסטע פאנאטישע אידען האבען פיינט א קריסט . אונ זייער רעליגיע ברייננט זייא מיט טאהן איהם שלעכטען אויף געהן געגען זאקאן , אונ אלע געבילדעטע זינד קאציאליסטען ! וויא פאלש דיא ערשטע בעשולדיגונגען זינד וואס שטאמען הערוים פון איזענמענגער פעפעפער־קארן ליוטאסטאנסקי אונ ד. ג. איז גאר ניט דא וואס צוא ריידען ; דער פאנאטישער איד מהום וויא אין רעליגיע קומט אוים אונ על פי דין איז זעהר שטארק פערבאטען געווארען שלעכטס טאהן א קריסט אונ געהן פראטיוו זאקאן . אין ספר שבט גו כסילים שטעהט : אז קריסטען נעננען זיך אונזערע ברידער , דער בעל ספר הברית (מאמר י"ג פ"ה ה"ב) שרייבט ואהבת לרעך כמוך מיינט מען דאס אלע אומות . אין פסוק געפינען מיר דאס זאגאר א געצען דינער נעננט זיך פריינד ! וויא עס שטעהט אין שמואל (ב. טז) , חושי הארכי רעה דוד , אין תורה שטעהט וישאלו איש מאת רעהו" וכו' (שמות י"א) אין תנא דבי אליהו (פרק ט"ו) שטעהט איינער האט פאר קויפט א געטצען דינער טייטלען אונ האט איהם גענארט האט איהם גאט געשטראפט אונ ביא איהם וואר צעבראכען דיא פאס׳ , דער גאון בעל שיבת יצחק שרייבט אז עס איז ניט דא קיין אונטער שייד אין גנבה אונ אין גזלה צווישען א אידען אונ ניט א אידען , דער בעל תשובה מאהבה שרייבט אז מען טאר ניט גנבנען א שוה פרוטה אפילו בייא א געטצען דינער , וויא עס שטעהט אין רמב"ם (פ"א מגנבה ה"א ופ"א מגזלה ה"ב), מן התורה טאר מען ניט פיינד האבען קיין מענשען פון קיין אומה אז דיא עגיפטער האבען געטאהן אידען שלעכטס שטעהט אויך לא תתעב מצרי כי גר היית בארצו , זאגט אויף דעם דיא גמרא (בבא קמא צב) בירא דשתית מיניה לא תשדי ביה קלא , אברהם האט איין בונד געמאכט מיט אבימלך וואס וואר איין געטצען דינער (בראשית כ"א) , אויך יצחק (שם כו) אונ יעקב מיט לבנ'ען (שם לא) שלמה מיט חירם (מלכים א׳ ה׳) זיהע תוספות אין יבמות (כ"ג ד"ה ההוא) אין חושן משפט איז א בפירושער דין אז אפילו א מציאה אז מען געפינט דארף מען אוועק געבען א גוי (רנ"ט ד) , אין חולין (צ"ד) שטעהט : אז מען טאר אפילו ניט גונב דעת זיין גלייך וויא א אידען וויא אפילו א געטצען דינער . אונ דאס זעלבע שרייבט אויך דער רמב"ם (הלכות דעות הלכה ו׳) . וועגען געהן פראטיוו זאקאן איז א בפירושער דין (נדרים כה) דינא דמלכותא דינא , אין פיעל ערטער איז געשריבען המלך פורץ גדר , כו' זאגט אויף דעם דער רמב"ם אז ער מאג אפ שניידען דיא ביימער פון דיא בע"ב , צוא ברעכען דיא הייזער אז ער דארף אויך זאגט דער רמב"ם (הלכות גזלה ואבדה פ"ה) אז מען טאר ניט מעביר על המכס זיין ד. ה. גנבנען אקציז אונ ד. ג. אונ ווען מיר געפינען איינע פאנאטישע אידען וואס האבען ניט ליעב א קריסט , איז ניט זיין פאניטיזם

און זיין רעליגיע ברייננט דאס מיט, נור די פערפאלגונגען וואס זיי האבען געהאט פון לאנג אן, די צרות און ענוים וואס זיי האבען זיך אן געליטען פון קריסטען צייט טויזנד יאהר, האט געמאכט דאס זיי זאלען האבען שנאה צו זיי; פערקעהרט ווען זיי זעהן עפעס א ביסעל התקרבות פון קריסטען זינד זיי די בעסטע פריינד, וועהר רעדט געבילדעטע, איז פון אנפאנג אן ווי בילדונג האט זיך גענומען ווייזען צווישען אידען, איז די ערשטע זאך האבען זיך גענומען די געבילדעטע אידען, מאכען דער פעבל זאלען שעטצען אלע נאראדען גלייך, ווען די ערשטע אידעשע געבילדעטע האבען גענומען די העברעאישע שפראכע פאר א מיטעל צו פאר שפרייטען בילדונג אונטער אידען איז פאסט אין אלע פערפאסונגען אין, צייטונגען האבען זיי אויפמערקזאם געמאכט דעם עולם זאלען שעטצען א קריסט גלייך ווי א איד. א איד עטוואס א געבילדעטער האט געזעהן מיט אלע זיינע מעגליכקייטען ערנעהנטערן זיך צום קריסט, און אז זיי וואלטען איהם ניט אפ שטופען פון זיך און עס וואלט ניט געווארען אזא נאפראוולעניע נעגען אידען אין דער לעצטער צייט וואלטען זיך סוף כל סוף כמעט אלע אידען פעראייניגען מיט קריסטען. וואס געהערט אן סאציאליסטען, קאן איך ניט אפ לייקענען דאס צום גרויסען פערדרוס געפינען זיי זיך אונטער אידען אויך. נאר ניט מעהר ווי צווישען רוססען, נאכען פראצענט! אויך ניט אידעשקייט ברייננט דאס מיט. אין אונזערע הייליגע ספרים איז שטרענג פערזאגט געווארען זיין א מורד במלכות, אין געגענטהייל מען דארף עהרען און פאלגען א קיסר גלייך ווי גאט. שלמה האט געזאגט: „גם במדעך מלך אל תקלל" (קהלת י כ) „ירא את ה' בני ומלך עם שונים אל תתערב" (משלי כ"ד כ"א) ישעיה נעננט כורש'ן, פערזישען קעניג משיח ה' (מ"ה א) דער רמב"ם אין יסודי הדת (חלק ב' פרק ג') שרייבט אז א מענש מוז ליעבען דעם קעניג, היטען שטרענג דעם לאנד־געזעצע און זיין טריי דעם פאטערלאנד. דער אמרי שפר (חלק שני כא כב) זאגט אז א מענש טאר ניט קלערין אויב עס איז גוט דאס געזעץ פון קרוין צו ניט, דען קלערען ברייננט צו צווייפעלן און צווייפעלן אין אזעלכע זאכען מאכט שוואך צו ערפיהלען די געזעצע. וואס דורך דעם ווערט צערשטערט די רעכטע ארדינונג, און אם ענדע וועט טאהן יעדערער וואס איהם וועט אויפען זינען ארויף געהן, אין מסכת ברכות געפינען מיר דאס מען דארף זאגאר איין ברכה מאכען ווען מען זעהט א קיזר. נעמליך: „שחלק מכבודו לבשר ודם" נור אין דעם איז שולדיג די צו פיעל סבליזשעניע מיט דעם קריסט ניט ווי אונזערע בלוטיגע שונאים זאגען אז אונזערע יונגע קינדער מאכען קאליע זייערע פערקעהרט, אן געפאנגען האט זיך דער פעסט אונטער רוססישע און די אידעשע ווארען פערפיהרט פון זיי. אויך ניט זייער אידעשער פאטריאטיזם האט זיי ערוועקט אריין קריכען אין זעלכע נארישקייט. אנדערין זייער רוססישער פאטריאטיזום. זיי זינד געווארען עכטע רוססען און

זייער נארישער שכל האט זיי איין גערעדט דאס זיי אפפערין זיך פאר זייער פאטערלאנד . און ווען עס געפינען זיך איינינע אידעשע פערברעכער זאל מען זאגען אז אלע געבילדעטע יודען זינד פאליטישע פערברעכער ? היינט וואס זאל מען פאראיבעל האבען אויף דיא יודאפאבען פון אנדערע נאציאנען וואס איבער אין אומערליכען אידען בעשולדיגען זיי אלעמען .

—איך זעה אז איך האב צו טאהן מיט א צווייטען מאנעסזאהן , איהר האט זעהר פיעל מאטעריאל צו פערטהיידיגען : איהר מאכט פון אידען א היינג־לייכטער וועהרענד זיי זיינען דיא פערדארבענסטע אין דער וועלט , זיי זינד דיא גרעסטע מאשעניקעס און אבמאנשציקעס , זאנימאיען זיך מיט שאהער מאהער האבען פיינט צו הארעווען , פאר זיי איז א עסק פאקטארסטווא , שיינקען האלטען , איבער שיכורען דעם גוי ארויס נעמען ביי איהם דיא עטליכע גראשען פון טאש מלאכה און ערד ארבייט האט ער פיינד , א איד זאגט אלעס אויף מלאכה דאס זיא איז ניט שיין און קיין עשירות קאן מען פון איהר ניט אן קלייבען . ער וואלט אלעס וועלען אזעלכע געשעפטען ווס זאלען זיך שיטען געלד נעמען א פאדראד און אהנע מיה פערדינען העלפט אויף העלפט , אויף־קויפען גנבות און פארדינען אחד באחד , און וועניג זשוליקעס איז פראנען ביי אידען , גנבים גזלנים און בייטעל שניידער , וואס אין קיין נאראד איז זא פיעל ניט דא ?

—איהר רעדט גאר וויא א קינד , און ניט פאקטיש ! זשוליקעס , גנבים גזלנים , קעשעניקעס , אבמאנשציקעס איז אין אללע נאראדען מעהר וויא ביי אידען , וואס געהערט אן אידעשע שענקער דאס זיי פיהרען איבער דעם נאראד איז דען וועניגער פיאנסטווא אין דיא שטעדט וואס זינד ניט דא קיין אידען ? פאקטארען אידען איז אין דיא שטעט וואס אידען זינד דארטען דער פרעאבלאדאיושצער עלעמענט , וואו בעלי מלאכות זינד אידעשע , קרעמער זינד כמעט אללע אידעשע , זינד אויך פאקטארען אידעשע מעהר וויא קריסטליכע. אין דיא שטעדט וואס אידען זינד וועניג איז קיין אידעשע פאקטארען אויך ניט דא ; אויסער דעם דארפען מיר ניט פארגעסין דיא פאלאזשעניע אין וועלכע אידען געפינען זיך , דיא זאקאנעס וואס טהיילען אפ דעם אנדערן פון אנדערע נאציאנען צווינגען איהם באשעפטיגען זיך מיט ניט גאר שענע פרנסות , אז מען וואלט אידען געבען אנדערע שענערע עסקים וואלטען זיי געוויס אוועק געווארפען זייערע מיאוסע פרנסות , און ווען מען וואלט זיי געבען בירגער רעכטע וואלטען זיי געוויס ניט זיין ערגער פאר דעם קריסט ! נאר זאגאר יעצט ווען זיא זינד בעשריינקט אין פראוועס , זיינען זיי אויך ניט ערגער וויא דער אנדערע וויא איך זעה מוזט איהר זיין פון דיא גלאוונע לעזער פונם קיעוולאנין , נאווע ווערעמיא און ד. ג. איך וואלט אייך ראטהען איהר זאלט לעזען דעם רוסקי יעווריי , דעם ראזסוועט דעם זשורנאל וואסכאד .

—וואס ? דעם רוסקי זשיד , דעם ראזסוועט , אויך מיר צייטונגען ? איך

וואלט זיי פאר מיינע זינד ניט נעמען אין האנד.

—צום ווענינסטען דעם נאווע ווערעמיא אונ קעווליאנק ניט לעזען, איהר קאנט געפינען גאנץ גוטע צייטונגען אן זיי אויך, וואס זינד ניט קיין יודאפאבישע; ווי דער גאלאס, זאריא, פאריאדאק, נאוואסטי, אז איך וואלט זיין מיט אייך א ביסעל צוא זאמען וואלט איך אייך איבער געשטעלט אין אייערע מיינונגען וועגען אידען, נאר יעצט קאן איך אייך זאגען איז מיר דאס הארץ וועהר פארוויטאגט, אונ איך האב נאך מעהר ליידען אז איך הער פון א אידען א זעלכע ווערטער וואס קיין יודאפאב וואלט עס ניט ריידען. יעצט לאז זיין גענוג צוא ריידען וועגען דעם מען וועט זיך אזוי אויך גאנץ גענוג אן ריידען וועגען אידען, דער אידעשער וואפראס וועט זיך נאך ניט אזוי גיך רעשען.

בערנהארד פינקעלשטיין – דער פאטער – איז צוא געגאנגען צוא גאלדענבלומען אונ האט איהם אריין גערופען אין א בעזאנדער צימער, גאלדענבלום איז געווען געוואורען וואס ער איז פטור געווארען פון דעם זאהנס בעסיעדע, אבער גאטט ווייס צוא ער וועט דארטען פון פאטער הערן עטוואס בעסערס.

45

אצרה נאך א צרה.

—איהר ווייסט אז איהר זייט נאך מיר א בעל חוב? זאגט פינקעלשטיין צוא גאלדענבלומען, וועהרענד ער איז מיט איהם אריין אין זיין קאבינעט. (ווייל זיי זינד געווען נאהענטע שכנים פלעגען זיי אפט איינע דיא אנדערע אנטלייען געלד).

—איך ווייס, אבער וואס געהערט דאס איצטער? איהר פערשטעהט דאך, איז יעצט א צייט ריידען פון חוב?

—וואס איז שייך צייט צוא ניט צייט, געלד איז אללע מאהל געלד! אז איהר האט געפיהרט אייער געשעפט זייט איהר בייא מיר געוועזן א בטוח, אבער יעצט ווייס איך דאך ניט וואס מיט אייך וועט זיך טאהן, ווייל איך איהר זאלט זיך מיט מיר פארנאנדער רעכנען, ער האט אריין געלעגט דיא האנד אין טאש אונ האט ארויס גענומען א סך פאפירען אונ ווייזט גאלדענבלומען.

—גאלדענבלום האט א קוק געטאהן אויף דיא פאפירען אונ איז פערדיטערט געווארען.

—וויא קומט צוא אייך וועקסלען פון מיינע קרעדיטארען? פרעגט ער פינקעלשטיינען.

—גאר איינפאך איך האב זיי אפ געקויפט ביי אייערע בעלי חובות.

—איך פארשטעהע ניט צוא וואס האט איהר זיי געדארפט אפ קויפען, ווענינ איז וואס איך בין אייך אזוי שולדיג?

—אונ וואס איז אייך ניט אלעס איינס? צוא א אנדערין צאהלען צוא מיר, איהר דארפט דאך אפ צאהלען.

—ערשטיגס איז ניט אלעס איינס, א אנדערער וואלט ביי מיר ניט מאהנען איצטער אין אזא צייט, אונ ווידער וואס טויגען יעצט מיינע וועקסלען אז איך האב ניט מיט וואס צוא צאהלען?

—איהר האט ניט, וואו איז א הין געקומען אייער געלד? מילא דיא סחורה האט מען צוא בראכען, אבער דאס געלד? נאר דער תירוץ איהר ווילט עס האלטען ביי זיך, יעצט איז א גוטע צייט צוא מאכען א אן זעטץ.

—וויא איז אבער אז דאס געלט האט מען צוא ריסען אויף ברעקלעך?

—עטא דודקי, געלד רייסט מען ניט.

גאלדענבלום איז געווארען העכסט צארענדיג פון דיא ווערטער אונ האט געאנטווארטעט מיט ווטה.

—א פנים אז איהר האט ניט געמוזט פארזוכען קיין פאגראם, אייך האט אפ געגאלטען איהר זייט גאנץ געבליבען, מען האט אייך אויך געדארפט א ביסעל צוא קלאפען צוא ברעכען דיא קאססע אונ ארויס נעמען דאס געלד אונ נאכדעם ארום זוכען אייך אונ זאגאר נאטהיגע פאפירען צוא רייסען, וואלט איהר וויססען צוא מאהנען ביי דעם אנדערן חוב אין אזא צייט וואס מען איז נאר וואס קוים לעבעדיגע ארויס פון דיא מערדערישע הענד, אונ נאך אפ קויפען ביי זיינע בעלי־חובות דיא וועקסלען וואס זיי האבען אויף איהם, נוא א וועלט, מענשען וואס האבען געפיהלען ערגער פון א טהיער ראבוזשדייען נאך אידען אונ זאגען אז זיי זיינען אללע עקספלאטאטארען מאשעניקעס!

—וואס מאכט דאס אוים דיא פאלעמיקע, צוא אידען זיינען יא עקספלאטאטארען צוא ניט, דאס איז א וואפראס פאר ליטעראטארען פאר צייטונג שרייבער, זיי זאלען דער ווייל האבען וואס צוא שרייבען אונ פאר וואס געלד צוא נעמען, אויך פאסט דאס פאר יונגע קינדער וואס קיין געשעפטען האבען זיי ניט אונ דארפען האבען עפעס פון וואס צוא ריידען, מאכען זיי זיך וואפראסען אונ לייגען זיך אוועק אויף דעם: פרעג ווער בעט זיי, ווענגען א אינטערעס אז מען רעדט ניט איז גלייכער, דען פון ריידען ווערט בעססער געוויס ניט, מיא וואזבוזשדייעט מער ניט. מיר איז א חידוש געוועז אויף אייך

וואס איהר האט זיך אוועק געלאזען אין אזא דיספוט מיט מיין זאהן אויף דריי שטינדען, ער האט געפרעגט און איהר האט איהם געענטפערט, עפעס וויא לומדים לערנען מהרש"א, און איהר מיינט אז מיין זאהן איז אזא יודאפאב וויא ער ווייסט איך אים, ניין, דאס געהט אזוי, אז צוויי ריידען, איינער רעדט אזוי, דארף דער אנדערער ריידען אנדערש, מיר מענשען דארפען נור ריידען וועגען אונזערע אינטערעסין. איהר אנטווארטעט מיר אויף מיין פראגע, איהר וועט בעצאהלען וואס פון אייך קומט, אדער ניט?

—אך גאטט, וויא קאן איך אייך יעצט צאהלען אז איך האב א פפעניג ניט, אויף אונז איז מעהר ניט געבליבען אז דיא קליידער אין וועלכע מיר זינד יעצט אן געטאהן,

—נוא, איך גלויב אייך דאס איהר האט ניט, דאס זעהט איהר אבער אז איהר זייט ביי מיר אין דיא הענד, איך קאן אייך ארעשטירען אויך, אז איך זאל וועלען, נאר איך האב פארט אויף אייך רחמנות, איך וועל אייך פארלעגען א אינטערעס וועט איהר מיר עס טאהן איז גוט, און אז ניט וועט איהר האבען פון מיר דיא גרעסטע צרות,

—אויב איך בין אין שטאנדע צוא טאהן אייך אייערע פערלאנגען איז אוודאי גוט, איך וועל זעהן מיט אללע מיינע מעגליכקייטען ערפיהלען אייער וואונש אויף דער העכסטער שטופפע! אבער ווען ניט איז קיין פעולה ווען איהר וועט מיר זאגאר דיא גרעסטע ליידען אין דער וועלט טאהן, בעטען, בעט איך אייך איהר זאלט אויף מיר רחמנות האבען, און האבען א ביסעל גאטט אין הארצען.

—איהר קאנט געוויס טאהן וואס איך וועל אייך בעטען איהר זאלט נאר ניט זיין קיין עקשן! דאס קאן אויך פאר אייך זיין דאס גרעסטע גליק ווען איהר זאלט איינוויליגען אויף מיין געבעט; קורץ דער פון, איך וויל מיט אייך א שידוך טאהן, אייער טאכטער יהודית איז זעהר געפעלען מיין זאהן, איהר קאנט פערשטעהן אז ווען מיין זאהן וואלט זיך ניט פערליעבט אין אייער טאכטער וואלט איך זיך גאר ניט ביי אייך געבעטען, דען מיין זאהן איז ניט קיין בראקאווע סחורה, א זעלטענער פארשוין, העכסט געבילדעט, רעדט פראנצעזיש מוטער שפראך, שפילט אויף עטליכע מוזיקאלישע אינסטרומענטען, און געלד האט ער אויך א ביסעל, דאס ווייסט איהר דאך אליין, ער איז דאך ביי מיר מעהר ניט וויא איינער! נאר וואס טוהט מען מיט איצטיגע יונגע קינדער אז זיי פערליעבען זיך גאר, עס איז גאר אין מאדע אריין! וויא איך מיין דארפט איהר דאס רעכנען פאר א גליק, אייער טאכטער וועט זיין ביי אונז גוט וואס קאן בעסער ניט זיין, אייערע אבסטעיאטעלסטוועס וועלען זיך אויך פאפראווען מיט מיינע הילפע, יעצט גיט מיר איין אנטווארט זייט איהר מסכים אין רעכט, אז ניט וועט איהר האבען פון מיר דיא גרעסטע

געפּריאַטנאַסטען, מיר דאַכט אַז איהר וועט נאָך דעם חרטה האָבען

—פון מיינעט וועגען וואָלט אַ וודאי זיין רעכט. נאָר טוהט דען איצטער אַ פאָטער אַ שידוך מיט אַ קינד אויף זיין דעה וואס איהם געפעלט! איהר זאָגט דאָך אַליין אַז איהר ווילט טאָהן מיט מיר אַ שידוך ניט ווייל אייך געפעלט זעהר, נור ווייל אייער זאָהן געפעלט, קאָן איך דאָך אויך ניט טאָהן וואו איך זאָל ניט וויסען אויב מיין טאָכטער וועט געפעלין.

—אַז איהר וועט אָפּ שילדערין דיא פּאָלאָזשעניע אייערע וואו איהר האַלט איצטער אין דער וועלט, וויא איהר זייט ביי מיר אין דיא הענד, אונ איהר וועט איהר געבען צו פערשטעהן וויא זיא וועט אייך רעטען מיט איהר איין ווילען, ווייס איך אַז אַפילו אַז זיא וועט ניט זעהר שטאַרק וועלען וועט זיא דאָס טאָהן פון אייערט וועגען; וויא איך ווייס ליעבט זיא אייך זעהר וועט זיא ניט וועלען לאָזען אייך אין אַ קריטישער לאַגע; אונ קיין קאַליקע איז דאָך מיין זאָהן אויך ניט דאָס זיא זאָל זיך דאַרפען אָפּפּערען אין גאַנצען צו ליעב אייך.

—איך וועל מיט איהר ריידען אונ אויב ביי איהר וועט זיין רעכט וועט פון מיינער זייטע קיין ריזיה זיין.

—איהר זאָלט איהר זאָגען וויא איך האָב אייך פאָרגעלייגט, דען וויא מיא שפּיעלט אַזוי טאַנצט מען, אַזוי איז וויא דיא פראַגע זאָ דער אַנטוואָרט, אונ איהר זאָלט מיר אין איינינע טאָגע הערום אַ קלאָרע ידיעה געבען.

—אין איינינע טאָגע הערום איז צו גיך, דען פּילייכט וועט זיא ניט וועלען דאַרף מען דאָך האָבען צייט איין ריידען זיא, אין אַ מאָנאַט אַרום וועל איך אַ געוויססען אַנטוואָרט געבען.

—עס איז אַפילו צו פיעל, נאָר זאָל שוין זיין וויא איהר זאָגט.

גאָלדענבלום איז אַוועק פון פינקעלשטיינען זעהר אונרוהיג, וועניג איז איהם דאָ צרות אַזוי, נאָ דיר נאָך אַ פאַרבייסונג, ער האָט זיך אָפּ געבעטען אויף אַ מאָנאַט, אָבער וואס וועט זיין נאָכדעם! דאָס ווייס ער געוויס אַז יהודית וועט ניט וועלען נעמען פינקעלשטיינען, אונ ווען זיא זאָל זאָגאַר וועלען אָפּפּערין זיך צו ליעב איהם וועט ער ניט וועלען. דאָס האָט ער געזאָגט פאַר פינקעלשטיינען אַז אָן איהם איז קיין מניעה אָבער ביי זיך האָט ער געוואוסט אַז אָן איהם איז אַזא גלייכע מניעה וויא אָן יהודיתן! ביי איהם וואָלט זיין רעכט בעסער אַוועק געבען זיא פאַר אַ ערליכען בעל מלאכה איידער פאַר פינקעלשטיינען וואס וואַר זאַ פערדאַרבען, אונ זאָגט נאָך אויף אַללע יודען דאָס זיא זינד פאַלשע מענשען; דאָס איז שוין בעוואוסט פון לאַנג אָן אַז דער מענטש וואָס איז אַליין זעהר פערדאַרבען מיינט ער אַז דיא גאַנצע וועלט איז אַזוי וויא ער. — אָבער וואָס שמועסט מען ווען ער וועט דער לאַנגען דיא וועקסלען אויף איהם?!

ער איז געקומען אין סאַריי ווידער אויף זיין אָרט אונ האָט זיך אַוועק

געזעגנט נעבען זיין פאמיליע, ער האט אקוק געטאהן מיט א צערטליכען בליק אויף יהודיתן ווי די שלאפט געשמאק, אויף די טהייערע בעט־געוואנד, ווייל זיא האט ניט געשלאפען די פאהריגע נאכט, די פרוי זיינע איז גראדע וואך געווען; אבער ער האט אפ געקלערט נאר נישט דער צילען פאר איהר זא גלייך ווי פאר יהודיתן, דען וואס וועט זיין די פעולה אז ער וועט זיי שיקען זאלין אויף די ווארדען, ער ווייס דאך אז איין ווילינגען וועלען זיי געוויס ניט אונ ער אויך ניט, דער ווילע איז איהם געוועזן גוט אויפען הארצען פון אללע זייטען.

ענדע דעם דריטען טהייל

דִיא שְׁוֶוערֶע צַייט

בַּיּוֹם הַהוּא נְאֻם יְיָ אֹסְפָה הַצֹּלֵעָה
וְהַנִּדָּחָה אֲקַבֵּצָה וַאֲשֶׁר הֲרֵעֹתִי (מיכה ד׳ ו׳

איין ראמאן אין פיער טהיילען פון דער לעטצטער צייט אונטער דיא
יודען אין רוססלאנד.

פערפאסט

פאן

בער איסר בן גרשון זאביעזענסקי אוים וויטעבסק

פיערטער טהייל

הוכות נמכר לצמיתות לר׳ יעקב סאפירשטיין
נאכדרוק שטרענג פערבאטען

ווארשא

שנת תרמ״ד לפ״ק

ДИ ШВЕРЕ ЦЕЙТЪ

т. е. тяжелое время

Романъ въ четырехъ частяхъ

Б. Г. Забѣженскаго

варшава 1884

Дозволено Цензурою
Кіевъ, 14 Марта 1884 г.

Въ Типографіи Н. Шрифтгиссеръ Малевки № 13

דיא עמיגראציע ׃

אז איינעם טרעפט דאס איהם ווערט ניט גוט מיט אמאהל, וועט ער זיך ניט היילען אזוי גיך אוועק לאזען דעם ארט וואו ער וואהנט אונ זוכען זיך א אנדערין ער וועט ווארטען אויף שפעטער, פילייכט וועט צריבער גייהן דיא שלעכטעס אונ אן שטאדט דער שלעכטער צייט וועט קומען א גוטע! אבער אז ער זעהט דאס עס איז שלעכט אן א אויף הער, דאס עס גייהט א צרה נאך א צרה אונ עס איז גאר ניט פטור צוא ווערען פון זיי, דאן זעהט ער שוין וויא עס איז אוועק שלעפין זיך אונ זוכען זיך עפעס א אנדער ארט וואס וועט בעסער זיין פון דעם וואו ער וואהנט.

אז עס איז געוועזן דער ערשטער פאגראם אין יעליסאוועטגראד איז נאך ניעמאנדין ארויף אויפין זינען אוועק לאזען אונזער פאטערלאנד, וואס מיר זיינען צוא איהר צוגעוואקסין פון פיעל הונדערטער יאהרען, וואס מיר האבען געהארעוועט גלייך מיט אללע איינוואהנער אוים בערייטען אונ ענטוויקלען זיא; געאפפערט זיך אין קריעגס צייט אונ פעט געמאכט מיט אונזער בלוט איהרע ערד, דען מיר האבען געקלערט: עס טרעפט א צרה, דארף מען איבער ווארטין א ביסעל אונ שפעטער וועט זיין בעסער; אבער אז מען האט א קוק געטאהן דאס עס גייהט א פאגראם נאך א פאגראם גאר אן א אויפהער, ווענען אללע ביי זיך זייער שטארק אראפ געפאלען, עס איז געבליבען ביי אלעמען בעשטימט, אז נאר איין הילף איז פאר אונז דא, דאס איז עמיגראציע ווער רעדט דיא וואס מען האט געשלאגען זיינען געלאפען וויא פון פייער; נאר אויך אין דיא שטעדט וואס מען האט ניט געשלאגען, האט מען אויך שטארק געקלערט וועגען עמיגראציע, דען זיי האבען געקלערט: וואס דארפען זיי לויפען אז מען וועט זיי שוין אויך שלאגען אונ בעראבעווען, אונ ניט האבען מיט וואס צוא פאהרען? גלייכער איצטער אז מען האט נאך א ביסעל גוט מיט וואס צוא פאהרען; עס האבען זיך געפונען זאגאר א זעלכע וואס אויסער וואס זיי האבען ערקלערט פאר זיך זעלבסט אז זיי מוססען עמיגרירען, זאנדערין זיי האבען פראפאגאנדירט דיא אידעע פאר אללעמען; וואו זיי זיינען געשטאנען אונ געגאנגען האבען זיי איין גערעדט דעם עולם מען זאל אוועק לאזען דאס לאנד וואס וויל אונז ניט ליידען, אונ זוכען זיך א בעסערע לאנד, אין אזא צייט וואס

יְעֶדֶערִין אִיז נִיט גוּט אוֹיפֶן הַארְצֶען אוּנ מֶען אִיז אִין שְׁרֶעק, מֶען אִיז נִיט
זִיכֶער מִיט דֶעם בִּיסֶעל פֶערְמֶעגֶען וָואס יֶעדֶערֶער הָאט, הָאבֶּען זִיךְ גֶעפוּנֶען פִיעל
צוּהֶערֶער צוּא זֵייעֶרֶע רֵייד אוּנ עֶס הָאבֶּען אִין אֶמֶת גֶענוּמֶען אַ סַךְ אַוֶועק לָאזֶען
זֵייעֶר פַאטֶערלַאנְד. דִיא אִידֶעשֶׁע פְּרֶעסֶּע הָאט גֶענוּמֶען שְׁטַארְק צוּא צוּרֵיידֶען
צוּא עֶמִיגְרַאצְיֶע. עֶס אִיז נִיט גֶעוֶועזֶען אֵיין צֵייטוּנְג אִין הֶעבְּרֶעאִישׁ, זַשַׁארְגָאן,
רוּסִּישׁ, דֵייטְשׁ אוּנ אַנְדֶערֶע שְׁפְּרַאכֶען וֶועלְכֶע הָאבֶּען נִיט גֶערֶעדְט וֶועגֶען
דֶעם! זֵיי הָאבֶּען עֶרְקְלֶערְט דָאס עֶס אִיז גָאר אַ גַאנְצֶער גְלִיק פַאר אוּנְז מִיר זָאלֶען
עֶמִיגְרִירֶען אוּנ פוּן דֶער רָעָה וָואס מֶען שְׁלָאגְט אוּנְז קָאן נָאךְ אַרוֹיס קוּמֶען אַ
טוֹבָה, דֶען זָא וִויא זָא אִיז אוּנְז גֶעוָוארֶען זֵייעֶר עֶנְג אוּנְזֶער וָואהְנוּנְג אִין דֶער
צְשֶׁערְטָא אָפֶּעדְלָאסְט, אָן עַיִן הָרָע אִידֶען זֶענֶען צוּא גֶעקוּמֶען אִין דֶער לֶעצְטֶער
צֵייט אוּנ דָאס אָרְט וואוּ מִיר מָאגֶען וָואהְנֶען אִיז נִיט גְרֶעסֶּער גֶעוָארֶען, אוּנ
וֵוייטֶער אִין רָאסִּיִי וֶועט מֶען אוּנְז יֶעצְט אַוַודַאי נִיט לָאזֶען וָואהְנֶען; קֵיין נֵייעֶ
פַּרְנָסוֹת גִיבְּט מֶען נִיט אוּנ דִיא אַלְטֶע זֶענֶען וֵוייניגֶער גֶעוָוארִין. עֶס אִיז אָבֶּער
גֶעוָוארֶען חִלּוּקֵי דֵעוֹת, וואוּ הִין זָאל מֶען עֶמִיגְרִירִין? דָאס הָאבֶּען אַלֶּע
עֶרְקְלֶערְט אַז מִיר זָאלֶען זִיךְ צוּשְׁפְּרֵייטֶען וֵוייטֶער אִין אַלֶּע פִיער עֶקִין וֶועלְט,
אֵיינֶער זָאל אַוֶועק פָאהְרִין אִין פְרַאנְקְרֵייךְ דֶער אַנְדֶערֶער אִין דֶער שְׁוֵוייץ, אֵיינֶער
אִין עֶסְטְרֵייךְ דֶער אַנְדֶערֶער אִין אִיטַאלְיֶען, דֵייטְשְׁלַאנְד, עֶנְגְלַאנְד, אַמֶערִיקָא
אוּנ נָאךְ אַנְדֶערֶע עֶרְטֶער — אִיז נִיט גְלֵייךְ, דֶען מִיר זֵיינֶען אַזוֹי אוֹיךְ צוּא זֵייט
אוּנ צוּא שְׁפְּרֵייט אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט. וָואס דֶען? מִיר זָאלֶען אַלֶּע
צוּזַאמֶען אָפּ קְלֵייבֶּען אֵיין אָרְט. אַנְדֶערֶע הָאבֶּען גֶעוָואלְט, אִיבֶּער־הוֹיפְּט דִיא
אִידֶעשֶׁע פַּאטְרִיָאטִין — מִיר זָאלִין זִיךְ אוּמְקֶעהְרִין גָאר אִין דֶער אַלְטֶער דִירָה,
דָאס הֵייסְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דָארְטֶען וֶועט אוּנְז קֵיינֶער נִיט קָאנֶען אוֹיף
וַוארְפֶען אַז מִיר זֵיינֶען פְרֶעמְדֶע, דֶען זֵיי וֵוייסֶען אַז דָאס אִיז אַ מָאהְל גֶעוֶועזִין
אוּנְזֶער לַאנְד. נָאךְ פוּן עֵבֶר בֶּן שֵׁם אָן (וִויא דֶער בֶּערִיהְמְטֶער חָכָם דר׳ ראבין
הָאט אוֹיף גֶעוִויזֶען אִין „הַמֵּלִיץ") אוּנ אַז מִיר זֵיינֶען זֵיינֶע סֶעמִיטִין זֵיינֶען דָאךְ
אַלֶּע מוֹדֶה; דִיא עֶרְד אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז זֵייעֶר גוּטֶע פְרוּכְטְבַּארֶע, וֶוען
מֶען זָאל זִיא בֶּעאַרְבֶּעטִין קָאן זִיא גוּטֶע פְרוּכְט אַרוֹיס גֶעבִּין; דִיא אֵיינְוואָהְנֶער
זֵיינֶען נִיט פֶעהִיג צוּם הַאנְדִיל, אוּנ וֶוען אִידֶען וֶועלִין אַהִין קוּמֶען, אִיז חוּץ
וָואס זֵיי וֶועט דָארְט זֵיין גוּט, נָאר זֵיי וֶועלִין נָאךְ טָאהְן אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה דֶער
לַאנְד מִיט זֵייעֶר אִיבֶּער נַאטִירְלִיכֶע פֶעהִיגְקֵייט; אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז אַ מִיטֶעל
פוּנְקְט צוּא וִוישֶׁען אֵייְרָאפָּא, אַזְיָא אוּנ אַפְרִיקָא, דְרֵייא טְהֵיילִין וֶועלְט, אוּנ
אַזֶעלְכֶע גוּטֶע הַאנְדֶעלְס לַייט וִויא אִידֶען וֶועלִין זִיךְ בַּאזֶעצִין אִין אַזַא מִיטֶעל
פוּנְקְט וֶועלִין זֵיי צוּ זַאמֶען בִּינְדֶען דִיא אַלֶּע דְרֵיי טְהֵיילֶען וֶועלְט אוּנ זֵייא
וֶועלִין טָאהְן דֶער מִיט אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה דֶער וֶועלְט אוּנ זֵיי וֶועט זֵיין זֵייעֶר גוּט;
אִיסֶער דֶעם שְׁטֶעקְט אִין דֶעם אַ גְרוֹיסֶע הָאפְנוּנְג פַאר אוּנְזֶער נַאצְיָאנַאלְנָאסְט,
דָאס לַאנְד קָאן שְׁפֵּייזֶען פוּנְפְצֶעהְן מִילְיָאן מֶענְשֶׁען, אִיז וֶוען זָאגַאר נָאר
הֶעלְפְט אִידֶען פוּן רוּסְלַאנְד דָאס הֵייסְט אַנְדֶערְהַאלְבֶּען מִילְיָאן זָאלִין זִיךְ דָארְט

באזעצען — ניט מיט א מאהל זאנדערין ביסלאכווייז — קאן זיין מיט דער צייט זאלען מיר ווערען עפעס שטיקלאך לייט.

אנדערע איז ניט געפעלין געווארען ארץ ישראל און האבען בעסער איין געזעהן פאהרען אין אמעריקא. אמעריקא איז אויך א לאנד וואס מען ווייס אונז ניט קאנען אויף ווארפען דאס מיר זיינען גרים, דען דארטען זיינען אללע גרים, ווייל דאס וואר איין לאנד וואס מען האט זיא ניט לאנג געפונען און עס האבען זיא באזעצט מענשען פון דער גאנצער וועלט; אמעריקא איז א לאנד וואס איז צוויי מאהל גרעסער וויא גאנץ איירא‌פע און מענשען איז דארט נאך וויניג, און ווער עס קומט אהין און וויל נאר הארעווען — ווער רעדט אז ער קאן א ארבעט — שטארבט ניט פון הונגער, דען אנשטאדט וואס ביי אונז איז אפטער צו זעהן פיעל מענשען וואס גייען ארום לידיג און זוכען ארבייט אדער געשעפט, איז דארטען דא פיעל געשעפטין און ארבייטען וואס זוכען „מענשען"! אמעריקא איז א לאנד וואס דארטען זענען אללע גלייך, דארטען קוקט מען ניט אויף א מענשען פון וואס פאר א גלויבען ער איז, איז ער נאר א ערליכער מאן איז ער מיט אלעמען גלייך, אויך אידען האבען דארט גלייכע פראוועס, זיי מאגען אום אונד אום וואהנען, אום אונד אום קויפען ערד, קאנען פערטרעטין דיא גרעסטע שטעללין אין שטאט, דער דינען זיך ביז דעם העכסטין צשין, און אויסער אלעס איז ווען עס זאלען זיך צונויף קלייבען זעכציג טויזענד מאן אין איין ארט האבען זיי דאס רעכט צו מאכען זיך א אייגענעם שטאט. אמת עס איז געוועזן אזעלכע וואס האבען גאר ניט געוואלט הערין פון עמיגראציע, זיי האבען געזאגט דאס דיא שלעכטע צייט וועט אריבער און אונז וועט זיין וויטער גוט, מיר דארפען זיך ניט ריהרען פון אונזער פאטער לאנד, און אם ענדע האט זיך אוים געלאזען אז זיי זענען טאקע גערעכט געוועזן אבער דאך האט מען אויף זיי געקוקט וויא אויף וואהנזיניגע, זיי האבען געהאט א פנים וויא מען וואלט איינעם טרייבען פון א פרעמדע שטוב און ער וואלט זיך איין שפארען: ניין, איך וועל ניט גייהן, מען שלאגט איהם מכות רצח און ער זאגט: איהר מעגט מיר הרגענען און איך טרעט ניט אפ. וויא אידעשע פאטריאטען ווייזט אוים, איז פון דיא דריי קאטיגאריעס דיא ערשטע גערעכט, דען אין דער טהאט האט זיך שוין אונז געדארפט וועלען צו דער עלטער האבען עפעס א שטיקעל היים! אונז האט שוין געדארפט מיאום ווערען צו זיין אלעס שכנים אין דער פרעמד! נאר פון דעסטוועגען איז געוועזן וויניג וואס זענען געפאהרען אין ארץ ישראל! אין „ריידען" האבען א סך מעהר געהאלטען פאר פאלעסטינא וויא פאר אמעריקא, נאר לבעשה זייער וויניג, ערשטין ווייל אויף צו פאהרען אין ארץ ישראל דארף מען האבען מעהר געלד: אויף קויפען ערד מיט אללעס וואס געהערט צו ערד־ארבייט, דארף מען האבען א ערך פון צוויי טויזענד רובל אויף יעדער פאמיליא (וויא הרב ר׳ יעקב בכרך שרייבט אין זיין הספר לארץ הקדושה).

צווייטינס איז געוועזן די גרויסע באק דאס הייסט אונזערע גבירים אויך די חברה „כל ישראל חברים” געגען פאלעסטינא ! אבער אמעריקא איז א לאנד א פארטיגע , וואו מען קאן קריגען ארבייט און געשעפט גרינגער ווי אין איירפא, אונ אויף הוצאות די וואס האבען ניט געהאט , האבען געגעבען די קאמיטעטען, אויך אין אמעריקא האבען זיך געפונען קאמיטעטען וואס האבען אונטער געשטיצט די עמיגראנטען , פאר זארגט זיי מיט שטעלען אונ מיט הוצאות ביז זיי וועלען קריגען שטעלען. דארום זענען אלע געפאהרען אין אמעריקא אונ ניט אין פאלעסטינא .

47

מען מוז פאהרען !

עס איז אריבער דריי וואכען זייט גאלדענבלום האט צו געזאגט פינקעלשטיינען א אנטוואורט געבען צו יהודית וועט הייראטהען זיין זאהן , ער האט אלעס ניט דער ציילט דער פרוי וועגען דעם , אבער אז ער האט געזעהן דאס דער כראק געהט אויס , האט ער זיך בעשלאססען אויס דער ציילען איהר פון אללעס אונ מישב זיין זיך וואס צו טאהן .

—נו וואס זאגסטו אויף דעם ? — זאגט ער צו איהר נאך דעם אז ער האט איהר דער ציילט ווארט אין ווארט וואס בערנהארד פינקעלשטיין האט מיט איהם גערעדט — ניט קיין שלעכטע פערבייסונג , א ?

—יא , אז עס הויבט אן צו גייהן איז מיט אלעכען — אנטווארטעטע זיא— דו האסט איהם אפ געלעגט איין אנטווארט אויף א מאנאט , וואס וועט זיין נאך דעם ? באלד געהט דאך אויס דער מאנאט !

—וועגען דעם , יהודית זאל נעמען פינקעלשטיינען איז ביי מיר קיין קלעהר ניט , ערשטינס וועט זיא ניט וועלען , אונ ווען זיא וואלט זאגאר וועלען אפפערין זיך פון מיינעטוועגען וואלט איך ניט וועלען .

—אבער וואס וועט מען טאהן אז ער וועט דער לאנגען די וועקסלען ? אונ חוץ דעם, דער טייפעל ווייס איהם וואס ער קאן אונז טאהן ? וואס אזעלכען קאן אויפען זינען ארויף ? ער קאן אונז אין גרעסטען אונגליק אריין ברייגען . וועניג האט דער זאהן מאנעסזאהנען צו טאהן , מען פערשטעהט ניט איצטער אז אלע אינטריגעס איז ער געוועזן פון זיי דער גאנצער מאכער ?

—איך ווייס גאר ניט וואס מען טהוט ! עס איז גאר ניט פריילאך , איך

האב מורא אז מען וועט דארפען ערגעץ ארויס פאהרען !

—דער עולם פאהרט אין אמעריקא , טאמער וואלטען מיר אויך פאהרען ?

—וואס וועלין מיר טאהן אין אמעריקא ?

—וואס וועלין אלע טאהן ?

—יונגע קאנען ארבייט געפינען , אויך וועט זיי זיין שווער צוא קאנקורירען מיט דיא אמעריקאנער וואס זינד אין שטאנד צוא ארבייטען מעהר וויא יעווראפייער , וויל זיי זיינען צוא געוואהנט געווארען צוא דעם אונ אלעס איז א געוואהנהייט , אבער מיר עלטערע מענשען וואס וועלען מיר דארטען טאהן ?

—דיא זעלבע זאך וואס אין איין אנדער לאנד , איין מעלה וועט זיין וואס מיר וועלען זיין ווייטער פון דעם ארט וואס מיר האבען אין איהם זא פיעל געליטען , נאך א מעלה וואס מען גיט אויף דער הוצאה דיא וואס פאהרען אין אמעריקא .

—א , מיר ווילט זיך זעהר אפילו גאר ניט פאהרען — זאגט איזידאר נאך דעם אז ער האט א ווייל געטראכט — מיר ווילט זיך ניט אוועק לאזען אונזער פאטערלאנד , חאטש מיר האבען געליטען דיא לעצטע צייט אין איהר , איך האב ליעב דאס לאנד וואס איך בין געבארען געווארען געהאדעוועט זיך אונ אויס געוואקסען , איך בין צוא איהר צוא געוואהנט געווארען וויא צוא א מוטער , דיא פאגראמען וועלען מיט דער צייט אויפהערען אונ אונז וועט זיין ווייטער גוט וויא געוועזן , נאר מען מוסס פאהרען , איבער פינקעלשטיינען , אונ אז שוין פאהרען, איז אין אמעריקא , וואו הין אלע פאהרען ; אידען זיינען אזוי צוא זייט אין צוא שפרייט אויף שבע ימים , אונ ווען איינער וועט נעמען פאהרען א הער דער אנדערער א הין , וועלען מיר גאר אונזערע ביינדלעך ניט קאנען צוא נויף קלייבען ! יא , מיר פאהרען ! ער האט אן געפאנגען צוא געהן איבערין צימער הין אונ צוריק אויף זיין געזיכט איז געוועזען צוא לעזען אשרעקליכען פערצווייפלונג .

48

דיא עמיגראנטען .

דער גאנצער מיטעל פונקט דורך וואנען דיא עמיגראנטען זענען געפאהרען אונ פלעגען זיך צוא נויף קלייבען מאכטען , איז געוועזן אין בראד . עס איז

געוועזן ציטען וואס זיי פלעגען זיך דארטען אן קלייבען ביז פינף טויזענד מאן, זייער פאלאזשעניע וואר דאן גרויזאם! אמת חברה „כל ישראל חברים" האט געטאהן פיל טובות מיט די אומגליקליכע אונ פארוואגעלטע! אבער קיין מלאכים זיינען זיי אויך ניט, אונ צופרידען שטעלען אזא מענגע מענשען איז זייער שווער. מיט אמאהל אוועק שיקען טויזענדער האט מען ניט געקאנט ווען עס וואלט זאגאר זיין מיטלען, אויסער וואס קיין געלד וויא מיטט האט חברה אויך ניט געהאט. זיי פלעגען אוועק שיקען ביסלאכווייס, אונ ווען עס האט אפ געגליקט פלעג ער זיך אריין האפען אין דעם ספיסאק פון די וואס מען אטפראוועט באלד, אבוואהל ער איז ניט לאנג אן געקומען, אונ אזעלכע וואס שלעפען זיך שוין געבאך ארום פון עטליכע מאנאטען פלעגען אויסען בלייבען.

אין סעפטעמבער 1881 איז געקומען צוא פאהרען אין בראד דער פרעדסעדאטעל פון אליאנס (חברה כל ישראל חברים) ה' שאפיר אונ נאכהער דער וויצע פרעזידענט ה' קארל נעטטער אונ האבען זיך גענומען אוועק שיקען די עמיגראנטען אין אמעריקא, זיי האבען אטפראוועט אלעמען מיט ווייבער אונ קינדער די וואס האבען זיך געקאנט דערשלאגען צו די פרעדסטאוויטעלעס פון אליאנס, וואס דאס וואר ניט גאר גרינג. ה' נעטטער האט אויס געקליבען פון די רוססישע יודען צוואנציג מענשען אונ האט זיי געגעבין דאס רעכט צו נעמען נאכען ארדענונג די פערעסליענצעס (אויס וואנדערער) וואס ווילען פאהרען נאך אמעריקא. די ראספאראדיטעלעס (ארדענונג מאכערס) האבען פערשטאנדען וויא צוא בענוצען זיך מיט זייער אמט אונ האבען געריסען די פעל פון ווע זיי האבען געקאנט פאר א גוט ווארט זאגען ביי נעטטערין. זיי האבען זיך ניט קאליע געמאכט די מאגענס, כמעט ניט ערגער וויא א גבאי ביי א גוטען אידען. געקראגען בילעטין האבין ניט די וואס זענען געוועזין מעהר נויט־בעדערפטיג, זאנדערין די וואס האבען געקאנט געבין א שיינע מטבע די ראספאראדיטעלעס, עס האט זיך ווידערהאלט די אלטע געשיכטע: אז די קאפיקע שפילט די גאנצע ראליע, וואס אידען אין רוססלאנד זינד צוא דעם געוואהנט געווארען... מען האט אטפראוועט זיבען פאיאזדען אונ אין יעדער פאיאזד איז געוועזין פון הונדערט פופציג ביז צוויי הונדערט עמיגראנטען; אויפען וועג האט מען זיי פערזארגט מיט אלע נייטיגע בעדערפנים, דורך וועלכע שטאדט זיי פלעגין דורך פאהרען איז מען זיי ארויס אנטקעגען אונ געבראכט עסין, טרינקען, קליידער, אויך פרוכט אונ נאשווארג פיר קינדער, אנשטענדיגע דאמען פלעגען ברייניגען ווייס־געוועטה אונ זאקען. אבער נאך דעם אלעמען איז געבליבען זייער פיעל אין בראד, זייער לאגע וואר שרעקליך! איינער פון ברעדער אידען ה' פרענקעל איז געפאהרען אין קיעוו, פיליכט וועט ער אויס הלאפאטשען חאטזשע א קליינע הילף פון קיעווער קאמיטעט פאר די אומגליקליכע וואס געפינען זיך אין בראד, נאר אידם האט עס ניט געלונגען, דען עס איז

געוואָרע נייע ווונדען וואָס מען האָט בעדאַרפֿט האָטושע וויא עס איז היילען . מען האָט אַ קוק געטאָהן אַז זייער פֿאלאָזשעניע איז זייער שלעכט , האָט דער פֿאַרשטעהער פֿון בראָדער שוהל זיי געגעבען צו אַכט גולדען (ערך 40 קאָפּ - 6 רובּל) אויף אַ מענשען , אָבער מיט דעם בעדינג זייא זאָלען באַלד פֿערלאַססען בראָד ; נאָר איז דאָס אַ הילף ?! פֿיעל וואָס האָבען ערהאַלטען דיא סומע אין באַאר געלד אונ האָבען אויך געגעבען אַ ביסעל אויף עסין איז זיי קוים געבליבען אויף צו דער פֿאָהרען ביז וואָקזאַל , אונ אַנדערע וואָס מען האָט זיי קיין מזומן ניט געגעבען זאָנדערן בילעטין , אָדער ביז וואָלאָצישק (דיא וואָס האָבען געוואָלט אום קעהרין זיך צוריק אין רוססלאַנד — וואָס אויף דעם האָבען זיך געפֿונען וועניג בעלנים—) אָדער ביז לעמבערג , ווען זיי ווילען פֿאָהרען ווייטער . דאָס הייסט נאָר וויא עס איז אַרויס שטופּען זיי פֿון בראָד . אונ גאָר שולדיג מאַכען קאָן מען זיי אויך ניט , דיא שטאָדט וואַר גראָדע אין דער צייט זעהער אין אַ קריטישע לאַגע , באַנקראָטסטווא האָט זיך דאָרט שטאַרק פֿערמעהרט אונ דורך דעם איז געוואָרען זייער גרויס דער צאָהל פֿון זייערע אייגענע אָרעמע לייט , אויסער דעם האָט מען שוין געחאַפּט איניגע פֿון דיא געסט גנבענען— פֿאַרשטעהט זיך אַז זייער שרעקליכע לאַגע האָט זיי דער צו געצוואונגען — אויך האָבען זיי אָן געטראָגען פֿערשיעדענע עפּידעמישע קראַנקייטען .

צוועלפֿטען יאַנוואַר 1882 זענען געקומען אין ברעסלוי הונדערט פֿינף אונ אַכציג עמיגראַנטען אונטער דעססען פֿונפֿציג קינדער . אין בראָד האָבען זיי געליטען שרעקליכע מאַנאַטען הונגער , אונ אַז ה' נעטטער איז אַוועק געפֿאָהרען אין פּאַריז האָט ער זיי צוא געזאָגט אַז ער וועט זיי פֿון דאָרטען העלפֿען , אָבער וויא עס ווייזט אויס האָט ער פֿערגעססען זיין פֿערשפּרעכען , ער איז דאָך ניט מעהר וויא אַ מענש ... אין בראָד האָבען זיי זיך אַרום געשלעפּט אין דיא גאַססען אונ האָבען פֿערקויפֿט זייערע קליידער אונ האָבען דאַפֿיר געקויפֿט ברויט , ביז פּאָליציי האָט אויף זיי גוזר געוועזין זיי זאָלען פֿערלאַססען דיא שטאָדט , האָבען דיא דאָרטיגע אידען זיי אַוועק געשיקט אין קראָקאָ , דאָרטען האָבען זיי אויך פֿיעל געליטען , אונ האָבען פֿערקויפֿט דיא לעצטע קליידער פֿון זיך אונ זענען אַוועק אין ברעסלוי ; אַזוי האָבען זיי זיך אַרום געוואַלגערט נע ונד , הונגעריג אונ נאַקעט פֿון איין שטאָדט אין דער אַנדערער ביז זיי זענען געקומען אין ברעסלוי צוא קיילט , צו ביילט פֿון אַרום ואַלגערין זיך וויא טאָג זאָ נאַכט אין דיא גרעססטע פֿרעסט אויף דיא גאַססען .

איינער אַ ברעסלויער איד געקליידעט אייראָפּעאיש האָט זיי געפֿיהרט אין דער אָרעמער קיך , ער איז געגאַנגען פֿריהער אונ נאָך איהם האָט זיך נאָך געשלעפּט אַ גאַנצע טאַלפּאַ איין געבויגענע , הויקערדיגע , אַרום געריסענע , פֿאַר פֿינסטערטע , אַלטע , יונגע , פֿרויען אונ זויגעדיגע קינדער אויף דיא הענד , קליינע פֿון דריי ביז צעהן יאָהריגע קינדער מיט פֿאַרפֿרוירענע הענדליך האָבען זיך אָן געהאַלטען אָן דיא מוטערס פֿאַרטיכער אונ דיא מוטערס זעלבּסט צוא

דארטע איין געבויגענע שלעפין קוים דיא פיס, זיי זענען אלע געגאנגען וויא שאטענס בעהאלטען דיא געזיכטער וויא זיי וואלטען ביי וועמען גע'גנב'עט! מעהר האט מען ניט געהערט וויא הוסטען פון דיא פערקיהלטע. מיין פעדער איז צו שוואך צו בעשרייבען אזא שרעקליכע סצענע וואס פון חורבן אן ביז דער צייט, האט נאך דיא וועלט אזא שרעקליכע סצענע ניט געזעהן.

אז מען האט זיי אריין געפיהרט אין קיך, האט מען פריער אריין געלאזען דיא פרויען מיט דיא קינדער, און דיא מאנסלייט זענען געבליבען ווארטען אויפען הויף דען דאס הויז האט ניט געקאנט אלעמען אויף א מאהל פערנעמען.

מען האט ביי איינינע פון זיי געפרעגט פון וועלכע שטאדט זיי זענען, האט איינער געענטווערט: ער איז פון יעקעוו, ער האט געהאט דארט איין גרויסען מאגאזין פון גאלד און זילבער ער וואר זייער רייך (דאס וואר אונזער בעקאנטער איזידאר גאלדענבלום) ביז עס זענען אן געפאלען אויף איהם דיא חברה קאצאפעס און האבען געמאכט א סך הכל פון אלעם, און ער איז געלאפען מיט זיין פאמיליע אין בראד, מיט דער האפענונג אז פון דארטען וועט מען זיי אוועק שיקען אין אמעריקא, ער האט זיך דארטען געוואלגערט פיעל מאנאטען ביז מען האט איהם אוועק געשיקט ווייטער, אין קראקע האט ער פארקויפט זיין אויבער־ציער און דיא הויזען דאס ער איז געבליבען וויא איהר זעהט איהם. ער האט פארנאנדער געשפרייט דיא פאלעס פון קאפטען און האט געוויזען זיינע הוילע קניא וואס נאר שטיקלאך פאסען זענען אראפ געהאנגען אן שטאט הויזען. דער נאך האט זיך נאך איינער א אלטער מאן פון א יאהר זעכציג — אברהם מאנעסזאהן — אויך דערציילט ווער ער איז: אז ער איז דא מיט זיין ווייב און איין קינד, און ביידע זענען שטארק קראנק, דאס קינד גאר געפעהרליך קראנק, זיי האבען זיך שטארק פערקיהלט. פארנאכט זענען געקומען גרויסע קויפלייט פון שטאדט און האבען געבראכט אלטע קליידער פאר מענער, פרויען און קינדער און זיי האבען דאס צו טהיילט צווישען דיא אומגליקליכע. נאך דער חלוקה איז געקומען א אלטער מאן ארום געריסען, פערפינסטערט, אויף זיין געזיכט איז בעצויגען וויא מיט א שווארצען וואלקען, דער געזיכט שטארק פערוויינט, און מיט א וויינענדיגע שטימע האט ער געבעטין מען זאל איהם געבען וואס אן צו טאהן.

—זעהט איך בין נאקעט וויא דיא מוטער האט מיר געהאט — האט ער געזאגט מיט א ציטערענדע שטימע און עס האט איהם געהאקט א צאן אן א צאן פון קעלט — ערבארעמט זיך אויף מיינע אלטע יאהרען און גיט מיר עטוואס אן צו טאהן.

—וואו ביזט דוא פריהער געוועזין — פרעגט איהם איינער —

—מיר האט דא געטראפען א שרעקליכער אומגליק האב איך ניט געקאנט קומען, בשעת איך בין דא פריהער געוועזין אין קיך איז ביי מיר מיין לעצטעס קינד, מיין איינציגער זאהן געשטארבען, א קינד פון צעהן יאהר: איך בין

געגאנגען צוא חברה זיי זאלין איהם מקבר זיין — ער האט זיך שטארק פארנאנדער געוויינט — אוי ! מיין ליעבער זאהן מיין טהייערער מענדעלע ! הלוואי וואלכטע מיר בעסער באגראבען ! ווארום דוא האסט נאך געקאנט אפשר עפעס גוטס אויך געניסען אויף דער וועלט, אבער וואס האב איך שוין צו האפען ! מיין ליעבער זאהן משהלע איז נעבאך געשטארבען דורך א שענדליכען טויט ! מיין ליעבעם קינד הענעלע האבען דיא מערדער נאך אין גראדסטייוועל געהרגעט ! אונ יעצט ביסט דוא מיין לעצטער שטיקיל טרייסט אויך געשטארבען ! א גאטט ! צוא וואס לאזט דוא מיך זיך נאך מאטערין נעם צו מיין נשמה אונ מאך איין עק מיט מיינע ליידען. — דיא לעזער וועלען געוויס זעלבסט פערשטעהען אז דאס איז געוועזין אונזער אומגליקליכער אברהם מאנעסזאהן.

49

באלטער ראזבאי.

אז עס האט זיך געענדיגט דאס יאהר 1881, האבען מיר שוין געהאפט אונ במעט געערעכינט אויף געוויס, אז מיט איהם וועט זיך אוים לאזען דיא פאגראמעם עס וועט קומען א נייער יאהר א בעסערער פאר דעם פאהריגען, מיר האבען זיך קוים ארום געקוקט אין דעם נייעם יאהר, אהא עס איז ווייטער צרות, דער יאהר האט אונז מכבד געוועזין מיט אזא מין פאגראם וואס דיא אללע פארגאנגענע פון פאהריגען יאהר זענען גאר נישט געגען איהם. ווען מיר זאלען ניט זעהן מיט אונזערע אויגען וואלטען מיר עס גאר ניט געגלויבט אז אין א רוהיגער צייט ווען עס איז קיין קריג אין לאנד זאל אזוינס געשעהן, ווען זאגאר א פיינד וואלט אן פאלען אויף א שטאדט וואלט ער אויך זא פיעל ניט צו טאהן וויא פיעל דיא חברה פיאניצעס האבען צוא טאהן אין באלטע אין דרייסיג שטונדען צייט.

אין אללע וואהנונגען איז ניט געבליבען אין גאנצען אפילו איין חפץ, אהן א גוזמא; מען האט צוא בראכען פראכטע ווייסע מעביל זא וויא טהייערע קלאווירען, מאהאניענע מעביל, אפילו אייזערנע זאכען האט מען מיט לאמען צו בראכען צוא בויגען, פון פאסודא (געשירר) איז גאר ניט דא וואס צוא ריידען; קליידער, וויים געריטה, קישענם, פערינעם, מאטראצען האט מען צו ריסען אויף ברעקלאך; פאטרעטין אויף דיא וועגד האט מען פערניכטעט, דורך געשלאגען מיט צשוועקעם, מיט פאלקעם ! פון אלע סחורות אין דיא

מאנאזינען אין דיא קראמען האט מען געמאכט טראפקעס (לומפען) אונ מיטט ; אויף באקאליי , צוקער האט מען אן געגאסען נפט ; זיי האבען געמאכט פון אלעס אש אז מען זאל צוא נויף קלייבען דיא הויפענס פון דיא צובראכענע , צוריסענע וואַרען וואלט מען ניט געפינען איין שטיקעל זאל האבען עפעס א ווערדע ; וואהל־צייג , טציץ אונ אנדערע מאנופאקטור־וואַרע וואַרען צוריסען אין דער לייונג פון אנהויב שטיק ביז ענדע אויף שמאלע פאסען ; פון גאלאנטעריי אונ אנדערע סחורות איז ניט געבליבען איין זאך א גאנצע ; לייכטער , סאמאוואַרען , שירעמס אונ יעדער קליינגקייט האבען זייא צובראכען אונ צוא בויגען ; אין אלע פאסוד קראמען איז ניט געבליבען אפילו איין גלאז אדער איין טעלער א גאנצער , אין איזען קראמען וואַרען אלע צשיגונעס אלע קעסלען צובראכען , דיא בעסטע סחורות , גוטע געוואנד , זייד , סאמעט , זיידענע טיכער , דיא טהייערסטע פוטערוואַרג , האט מען געמאכט אלטע צוריסענע טראנטעס , פון דיא הייזער וואַרען קאסטבארקייטען , גאלד , זילבער אונ טהייער צירונג צוא גנבעט , אין דיא פאדוואלען האט מען פון דיא פעסער בראנפען געמאכט א טייך אונ דיא באסע־קאמאנדע האבען זיך געבאדען אין דעם , אויך דיא פעסער האבען זייא צוא האקט אויף שטיקלאך אז עס ניט געבליבען אפילו א גאנצע קלעפקע . עס איז ניט געוועזין צוא קריגען אין שטאדט זאגאר א בוטעל וויין אדער בראנפען אויסער ביא איינינע קריסטען . אין טאבאק פאבריקען האט מען ביז א ברעקיל צערניכטעט אונ צוא שלעפט .

דיא פאריאדקעס האבען זיך אן געהויבען ניין אונ צוואנציגסטען מארט פינף א זייגער פאר נאכט . דער אנהייב איז זא געוועזין : אויף לעסנאי שטראסע נעבען סאבארנעם פלאשצאר האבען אן געהויבען קנאבען צוא ווארפען שטיינער אין דיא אידעשע הייזער , אידען האבען גענומען נאך לויפען נאך זיי , האבען דיא סאלדאטען פון פאזשארנע קאמאנדע וואס וואַר געגען מאבאר זיי בעהאלטען ביי זיך אין קאזארמע , עס האבען זיך אן געפאנגען צוא קלייבען אידען אונ קריסטען , וויא דער שטייגער איז ביי א אויף געלאף , אין דער צייט זענען הערוים קריסטען פון קירכע אונ זענען אויך צו געשטאנען צו דער טאלפא , נאר זא וויא אין שטאדט זענען דא אידען פינף מאהל זא פיעל וויא קריסטען איז דא אויך זא געוועזין . עס האט זיך אן געפאנגען א גרויסער געשלעג , זיי האבען זיך אן געפאנגען צו ווארפען איינע דיא אנדערע מיט שטיינער , עס איז געקומען דער „איספראווניק" דער „פאליציי־מייסטער" דער „וואינסקער נאצשאלניק" אונ דיא באסע קאמאנדע זענען אוועק איבערין שטאדט אונ האבען געבראכען געראבעוועט דיא אידעשע הייזער ביז איינס נאך א האלבע נאכט , אויף מארגען האבען זיי זייער נעכטיגע ארבייט ווידער אן געפאנגען צעהן א זייגער אין דער פריה אונ האבען געענדיגט ביי נאכט . אין וואס פאר א פאלאזשענע דיא שטאדט האט זיך געפונען אין דער צייט איז שווער צוא בעשרייבען , נאר ווער עס וויל א קליינעם בעגריף האבען פון דער פאלאזשענע , זאל ער נעמען לעזען דעם

„גאוואסטי" אונ דעם „וואסכאר" פון מאנאט אפריל 1882 וועט ער זעהן וואס פאר א חורבן דארט איז געוועזין. פון דיא צו בראכענע מעבעל, וועשצשעס האט מען ניט געקאנט ניט דורך געהן ניט דורך פאהרען. עס זענען געבליבען מעהר פון פופצעהן טויזענד מענשען אן ברויט, דיא גרעסטע טהייל האבען צוויי מעת לעת גאר אין מויל ניט געהאט ביז מען האט געשיקט פון אדעסס עטליכע פעסלאך מיט ברויט. אויף מארגען ד. ה. מיטוואך 31 טען מארט האט מען אן געפאנגען צוא באקען ברויט אין שטאדט, נאר מען האט ניט געקאנט אודראוולעיעטווארען (גענוג געבען) דיא פאדערונג פון אזא מענגע מענשען וואס ליידען הונגער אונ נאטה; עס איז געוועזין א צער צוא קוקען וויא הונדערט מענשען ציהען מיט אמאהל אויס צוויי הונדערט הענד בעטען א שטיקעל ברויט, אונ וועלכע מענשען? וואס מיט צוויי טעג פריהער האבען זיי געטיילט ברויט אונ געהאלפען אנדערע אונ אליין האט קיין פלייש אונ צעהנדליגע טויזענד רובל אויך ניט געפעהלט, אונ יעצט זענען זיי גליקליך אז זיי האט געלונגען ארויין כאפין א שטיקעל רויהע שווארצין ברויט.

אונטער דיא בעראבעוועטע ווארען ניין אונ צוואנציג שטארק פערוואונדעט, הונדערט צוויי אונ דרייסיג לייכט פערוואונדעט אונ צוויי צום טויט ערמארדעט.

א רייכער מאן ה' פאזאנסקי האט געבעטין מען זאל איהם געבען איניגע סאלדאטען זאלען איהם היטען; מען האט איהם געגעבען צוועלף סאלדאטען, זיי זענען געשטאנען נעבען טהאער, זענען געקומען א שייקע גראביטעלעס, אז זיי האבען דער זעהן אז נעבען טהאער שטעהן סאלדאטען, זיינען זיי אפ געגאנגען נאר צוויי קלאפטער ווייטער, אונ זיי האבען צוא בראכען דעם פלאנקען אונ זיינען ארויין אין הויז, דיא רויבער האבען זיך גענומען ברעכען אונ רייסען אללעס וואס אין שטוב, וויא דער כדר איז.

ביי דעם ה' פאזאנסקי וואר א טהייערער דינער וואס וואר ביי איהם אין געשעפט, ער וואר זייער א ארדענטליכער מאן אונ זעהר א שטארקער. ער האט ניט געקאנט זעהן וויא מען ראבעוועט זיין ווירטה, האט ער ארויס געלאזען עטליכע קלעפ דיא חברה לייט דאס איניגע זענען געפאלען צוא דער ערד אונ האבען זיך שוין געפיילט אויף שטעהן, דאמיט אבער האט ער אויף געבראכט דעם צארען פון דיא רויבער אויף זיך, אונ אללע האבען זיך גענומען צו איהם שלאגען איהם אז ער איז שיעור ניט געבליבען ביי זיי אונטער דיא הענד — דיזער העלד וואר אונזער בעקאנטער „דיעבמאן".

50

אידען בני רחמנים.

וואס אונזערע חכמים ז"ל האבען געזאגט „ישראל רחמנים בני רחמנים" איז זעהר ריכטיג. וואו איז נאך דא אזא נאציאן וואס זאל האבען מיטלייד מיט זיינע ברידער וויא א איד? וואו איז נאך דא אזא נארד וואס זאלין צוא טהיילען זא פיעל צדקה וויא אידען? זאגאר דער ארעמסטער איד וואס פערדינט קוים אויף ברויט איז אויך א גרויסער בעל צדקה — נאך זיין ערך נאך — ער זאגט זעלטען אפ ווער עס בעט נאר, גיבט וויפיעל ער קאן אין חברות אויף וואהלטהאטען: אין תלמוד תורה, לחם אביונים, ביקור חולים אונ ד. ג. אונזערע אויסלענדישע ברידער וואס זיי זענען שוואכע אידען, זיי זענען ניט מקיים אנדערע מצות, פיהרען זיך קריסטליך, זאגאר אין גאטעס הויז טוהען זיי אויך נאך קריסטען, דער רב אונ דער חזן גייהען געקליידעט וויא קריסטליכע פריסטער, א ארגעל שפיעלט (אויך אום שבת) וויא אין א קאטוילישע קירכע אבער אין דער מדה פון רחמנות זעהט מען אז זייא זיינען „אידען".

מיר האבען געלאזען אונזערע עמיגראנטען זעהער אין א שלעכטע לאגע, צוועלף הונדערט מענשען זענען געבליבען ווינטערין אין בראד, אונ וויא דער ווינטער איז אוועק — וואס אין איהם ווארען פיעל פאגראמען, אונ עס איז געווארען זאממער וואס ער האט זיך אויך אויס געצייכענט מיט „באלטער פאגראם" אויסער פיעל קליינע פאגראמען, האבען אן געהויבען צוא פאהרען עמיגראנטען מאסען ווייס, זיי פלעגין זיך אן קלייבען אין בראד ביז פונפצעהן טויזענד מאן אויף א מאהל. דאס פערשטעהט זיך אז אויס האלטען אזוי פיעל מענשען אונ אטפראווען זיי אין אמעריקא. פארזארגען זיי מיט שטעלען, פאר אנדערע קויפין ערד אונ דער צו אלע ווערק־צייג זיי זאלען זיך קאנען בעשעפטיגען מיט ערד־ארבייט, דארף מען האבען א היפשע קאפיקע. מען האט אן געפאנגען צוא קלייבען נדבות פאר דיא אומגליקליכע אין אללע מדינות, מען האט געמאכט מיטינגען (אסיפות) אין אללע אראפייעשע אונ אמעריקאנישע שטאדט איבערהויפט דער גרויסער מיטינג וואס וואר אין לאנדאן אין „מענשען־הויז" וואס דיא גרעסטע פרינצען אונ מיניסטארען האבען א אנטהייל אין איהם גענומען. מען האט זיך שטארק גענומען אונטער שטיצען דיא עמיגראנטען, עס איז געווארען קאמעטעטין: אין בראד, ברעסלוי, בערלין, האמבורג, לאנדאן אונ ניי־יארק. מען האט איבער געשיקט טויזענדער רוססישע אידען אין אמעריקא. אמת אז פיעל זיינען נאך געבליבען, מען האט זיך ארום געקוקט אז צוא דער זאך וועט גאר קיין ענדע נעמען, מען שיקט אוועק טויזענד אונ עס קומען פון רוססלאנד צוויי טויזענד, ניט נאר פון דיא שטאדט וואס מען צוא באבירט, נאר פון גאנץ

רוססלאנד, דען דיא פאגראמען האבען געמאכט א זאסטאי אין געשעפט, מען האט אויפגעהערט זיך צו מאערין, צוא בויען, מענשען זיינען כמעט געשטארבען פאר הונגער, אונ קיין האפענונג אויף בעסער האט מען ניט געזעהן נאר עס איז געווארען ערגער פון טאג צו טאג ביז היינטיגען טאג דארום זענען געלאפען אין בראד פון גאנץ רוססלאנד ווער עס האט נאר געהאט פיס איז געלאפען אין בראד, אונטער זיי ווארען אויך פיעל אלטע אונ שוואכע וואס זיינען ניט פייהיג צו ארבייטען אונ ווען מען וועט זיי שוין ברייגען אין אמעריקא וועלין זיי דארט שטארבען פון הונגער וואס דאס האבען זיי פאלגע פראווע אין רוססלאנד אויך, דיינט צוא וואס דארף מען נאך לייגען הוצאות אונ פיהרען זיי אזוי וייט? האבען דיא קאמיטעטין געמאכט, אז אויף פאהרען אין אמעריקא זאל מען נעמען נאר געזונטע מענשען וואס קאנען טאהן א ארבייט, ניט אלטע אונ קראנקע, אונ נאר פון דיא שטאדט וואס האבען געליטען פון דיא פאגראמעס, אונ דיא אללע וואס מען האט ניט געשיקט קיין אמעריקא, האט מען אפ געשיקט צוריק אין רוססלאנד, מען האט זיי געגעבין אויף הוצאות ביז וואלאצישיסק (א שטאדט ביים עסטרייכישען גרעניץ) פיעל זענען קראנק געווארען אונ מען האט זיי געמוזט לייגען אין שפיטאל. אבער וויל עס איז געוועזין מאנגעל אין געלד אויף אללע צוועק צו שיקען, האבען זיי זיך נעבאך ארום געשלעפט, געוואלגערט זיך אין דיא גאסען, גענעכטיגט אין שטאלען, אויפין פרייען פעלד אונטערין הוילען הימעל אין דיא גרעסטע קעלט אונ רעגינס.

אין ברעמלויער קאמיטעט וואו עס וואר פרעזידענט ד״ר ה... זענען געקומען צוויי אלטע לייט אונ האבען געבעטין מען זאל זיי אוועק שיקען אין אמעריקא.

—זאגט אליין — רופט זיך אפ ד״ר ה... — וואס וועט איהר טאהן אין אמעריקא? איהר זייט אלט אונ שוואך, וויא איך זעה אויף אייערע געזיכטער, אמעריקא איז א לאנד וואס גיט ברויט דעם וואס ארבעט, אבער ניט דיא וואס קאנען ניט הארעווען, בלייבער פאהרט צוריק אין אייער שטאדט וואס איהר זייט צוא איהר צוא געוואהנט וועט איהר זיך גיכער דורך לעבען וויא אין אמעריקא.

—ניין! רופט זיך אפ דער אלטערער — ווען מיר זאלען אפילו שטארבען פון הונגער וועלען מיר צוריק ניט פאהרען. אין צוויי שטאדט גראדסטיוועל אונ אין יעקוואו האב איך שוין געהאט פאגראמען אויף זיך, יעצט וועל איך זיך אומקערין פערזוכען א דריטען מאהל דעם גוטען מאכל?

—איך וועל אויך ניט פאהרען צוא ריק — זאגט דער אנדערער — אזוי פיעל זיך אן געמוטשעט, פאר א יאהרען זומער אין בראד, דעם ווינטער זיך ארום געוואלגערט אין פערשידענע שטאדט, יעצט וועל איך פאהרען א נאקעטער צוא ריק אין דער שטאדט וואס איך וואר א מאהל פון דיא רייכסטע אונ שענסטע מענשען אונ געלעבט וויא א פירשט, אונ יעצט געהן דארטען אין דיא הייזער?

און אין דיא הייזער וועט מען מיר דארטען אויך ניט לאזען גייהן, ווייל איך בין א איד וואס קאן ניט צאלען א ערשטע גילדע. ניין! מיר וועלין דאס ניט טאהן.

—אבער וואס וועט איהר טאהן אין אמעריקא?

—ליעבער הערר — רופט זיך אפ א יונגע מעדכען פון אומגעפער א יאהר ביינצעהן, וואס וואר דעם אלטענס טאכטער — וועהן זיי זאגען דאס מיין פאטער איז שוין אלט און וועט ניט קאנען זיך ערנעהרען אין אמעריקא, פערפליכטע איך זיך צוא ערנעהרען איהם, דען איך בין זיין טאכטער, איך בין יונג און שטארק, איך פיעל זיך גענוג קרעפטיג און פעהיג צוא ארבייטען, איך קאן גוט שניידעריי.

—ווען זא? — זאגט ד"ר ה... — גיב איך אייך בילעטין ביז אמעריקא. אבער וואס וועט זיין מיט אייך? זאגט ער צום אנדערין אלטען — איהר האט קינדער וואס זאלען זיך אונטער נעמען אייך אויס צו האלטען? איז גוט. און ווען ניט קאן איך אייך קיין שיפס־קארטע געבין.

דער אלטער איז געווארען בלאס, דיא אויגען זענען געווארען פול מיט טרעהרין. ווארום אויסער זיין יעצטיגע פערצווייפעלטע לאגע האט ער זיך נאך דער מאנט אן זיינע קינדער וואס זיי זענען אללע געשטארבען דורך שרעקליכע צופאלען. משה איז געשטארבען אונטער דיא רעדער פון לאקאמאטיף, הענעלע וואס זיא האט געקאנט גוט נייהען און וואלט קאנען פארדינען אין אמעריקא, איז געשטארבען פון דיא קאצאפסקע מערדערישע הענד. זיין לעצטער האפענונג זיין זאהן מענדעלע, איז געשטארבען פון הונגער און קעלט אין ברעסלוי. ער האט געטאהן א שרעקליכען זיפץ, וואס אזא זיפץ האט מען געהערט פון דיא וואס האבען זיך געמוטשעט ביי דער היילינגער אינקוויזיציאן וועהן זיי האבען מיט דעם זיפץ צו זאמען ארויס געלאזען דיא נשמה אונטער דיא הענד פון דיא היילינגע אינקוויזיטארען, אזעלכע זיפצען האט מען אויך געהערט פון דיא אידעשע פריוולינגס און פרויען בשעת דיא באסע־קאמאנדע האבען ביי זיי אויעק גערויבט זייער עהרע... אזא זיפץ האט ער יעצט ארויס געלאזען פון זיין קראנקע ברוסט, דאס ער האט דורך גענומען אללע שטעהנדע דערביי, און נאך מעהר, א יונגען מענשען וואס איז געשטאנען נאהענט נעבען איהם.

—זאגט אז איך בין אייערער א זאהן — זאגט דער יונגער מאן צו איהם שטילערהייט —.

—איך נעם זיך אן צו הארעווען אין א פאפיר פאבריק וואס איך וויים גוט דיא ארבייט און איך וועל ניט פערלאזען מיין פאטער אויף דער עלטער — זאגט ער הויך צוא הערר ה...

—נוא גיב איך אייך אויך א שיפס־קארטע אין אמעריקא און אויך א ביסיל געלד אויף הוצאות.

דיא צוויי אלטע, וויסען דיא לעזער געווים אז דאס וואר אברהם

זאנעטזאהן און איזידאר גאלדענבלום, נאר ווער דער יונגער מאן וואר וועל איך זאגען, דאס וואר דיעבמאן, וואס בשעת באלטער פאגראם האט מען איהם מכבד געוועזען מיט גוטע קלעפ און ער איז אפ געלעגין צוויי וואכען אין שפיטאל און אז ער איז געזונד געווארען איז ער אויך אוועק וואו אללע עמיגראנטען.

51

אויפען ים.

ווען איינער פערלאסט זיין לאנד, זיין שטאדט וואו ער האט געוואהנט פון קינדהייט אן, וואו ער האט פריינד און בעקאנטע וואס ער קאן זיך מיט זיי צוא נויף רעדין אין איין שפראך, און ער מוז אוועק פאהרען אין אזא לאנד וואס קיינער קאן איהם ניט, קיינער ווייס איהם ניט; ער האט דארטען ניט קיין קרובים, ער וועט פיעל צייט מוזען זיין וויא א שטוממער ביז ער וועט זיך אויס לערנען זייער שפראך — דוכט זיך אז ער דארף ניט פריילּיך זיין. א בעווייז אז עס איז ניט גאר גוט ארויס צו פאהרען פון דעם ארט וואס מען איז צוא איהם צוא געוואהנט און אן קומען אין א ווייטען ארט וואס קיינער קאן איהם דארטען ניט, האט איהר, וואס א פערברעכער שטראפט מען אין יעדער לאנד מיט דעם וואס מען פערטרייבט איהם ווייט פון זיין געבורטס שטאדט, וויא צום ביישפיעל ביי אונז פערשיקט מען אין סיביר. וויא אונמוטהיג איז דעם מענשען וואס אויף איהם איז ארויס א אורטהייל מען זאל איהם פערשיקין, אבוואהל עס איז ניט מעבר לים, עס איז ניט קיין פרעמדע לאנד, עס איז דארט דיא זעלבע שפראכע, ער וועט דארט געפינען מענשען וואס דורך דעם וואס ער קאן זייער שפראכע וועט ער זיך מיט זיי קאנען בעפריינדען, פון דעסטוועגען וואלט דער מענש אפ געגעבען זיין פערמעגען ביז זיין לעצטין עמד אבי מען זאל איהם לאזען אויף זיין ארט. אבער ווען איינעם האט מען אין זיין שטאדט באליידיגט באגזלט, באגנבעט און דערצוא האט ער נאך באקומען א שלעכטען נאמען: אז ער איז א בלוט־זויגער, א פערדארבענער מענש און מען איז נאך אויף איהם מצדיק הדין אז ער איז אללעס ווערטה וואס אויף איהם קומט. און אז ער פאהרט ארויס פון דער שטאדט, צוא פאהר[illegible] ערגעץ גאנץ ווייט, ער שטעלט זיך פאר אז קיינער וועט איהם דארטען [illegible] בייזעס טאהן קיינער וועט איהם ניט באליידיגען, מען וועט איהם רעכענען פאר א מענשען מיט אלעמען גלייך.

עס געהט אבער אוועק פיעל צייט ביז ער קאן דארט קומען, עס פעהלט איהם געלד אויף דער גרויסער הוצאה; ער פערלאסט זיין שטאדט און קומט אין מיטען וועג, ניט א הין ניט א הער, ער האט ניט פאר וואס צו קויפען עסין, ער וואלגערט זיך אין גאסס, ער האט ניט וואו איבער צו נעכטיגען א נאכט; מיט א מאהל מאכט זיך איהם א צופאלל איינער גיט איהם רייזע קאסטען און נאך א ביסיל געלד אויף קליינע הוצאות אז ער וועט קומען אויפען ארט. וויא גרוים איז דאן זיין פרייד! ער רעכענט גאר ניט איבער בשעת מעשה וואס דארטען וועט מיט איהם זיין, וואס ער וועט דארט ניט האבען קיין פריינד מיט וועמען עפעס צו פאר ברענגען, און פיליכט אויך קיין בעשעפטיגונג ער זאל פערדיענען זיין ברויט; נאר וואס ער ווערט נעהנטער צוא דער שטאדט וועלכע עס וואר זיין אידעאל, ווערט ער אלעס פרייליכער.
דאס זעלבע וואר אויך מיט אונזערע עמיגראנטין, ביי זיי וואר דער גאנצער ציעל אמעריקא, דארטען האבען זיי זיך פארגעשטעלט גאלדענע בערג, זיי איז גאר שווער געוועזין ביז וואנען זיא האבען באקומען מיט וואס צוא פאהרען; איז וויא זיי האבען זיך געזעצט אויפען שיף און האבען אפ גערייזט אויפען אנטלאנטישען מעער זיינען זיי געווארען אויסער זיך פאר פריידע און האבען גאר וועניג געזארגט פאר שפעטער!

עס וואר א שיינער העלער טאג, דיא זאננע האט זייער ליכטיג געשיינט אויפען לויטער העלען הימעל וואס וואר אונבעפלעקט, עס וואר ניט צו זעהן אויף איהם איין מינדסטען פלעק פון וואלקען, דיא נאטור וואר שטיל, זאנפט און לעבהאפט, דער מעער וואר זייער רוהיג, ריין און קלאהר, וויא א גלייך געשליפענער שפיגעל; דיא רייזענדע זיינען ארויף אויפען פארדעק זיי האבען געקוקט אין דעם ברייטען מעער וויא שיין ער ווייזט אוים, וויא פיין דער האריצאנט לאזט זיך אראפ געגען זייערע אויגען וויא א שיינע חופה פון שאפיר בלאע זייד מיט פורפער באפוצט דיא ברעגין; זיי האבען געקוקט אלעס אהינטער אויף דער וועג וואס זיי זיינען שוין אפ געפאהרען, דען קוקען פארווערטס האבען זיי קיין חשק געהאט... מיט א מאהל האט זיך ערוועקט א שרעקליכע אונרוהיגקייט צו ווישען דיא פאסאזשירען: א יונגע פרייליין פון א יאהר זיבעצעהן וואס איז געשטאנען פערטראכט נעבען ברעג שיף איז אריין געפאללען אין וואסער!...

צו ווישען דיא אללע צוא שויער האט זיך איינער ניט געפונען וואס זאל זיין אזא העלד איין שטעלען זיין לעבען און אריין שפרינגען אין דעם ברייטען מעער איר צו רעטטען... זיא האט זיך געראנגעלט מיט איהרע אללע קרעפטען, דא איז זיא אראפ אין וואסער דאס מען האט איהר שוין ניט ארוים געזעהן דא איז זיא אויף א סעקונדע ארויף פון אויבען און זיא האט זיך ווייטער אנגעפאנגען ארונטער צוא לאזען דאס מען האט נאר געזעהן א שטיקיל קלייד פון אויבען און נאך א ביסעל איז זיא שוין דער טרונקען פלוצלונג האט א יונגער מאן פון א יאהר אכט און צוואנציג א שפרונג געטאהן אין וואסער אויף דעם

ארט וואס מען האט געזעהן דעם שפיין קלייר פערשווונדען ווערען אונ אין איין סעקונדע האט מען זיי געזעהן שוויכען פון אויבען ער האט איהר געהאלטען אויף זיך אונ ער איז גיך צו געשווימען צום שיף אונ עס האט זיך אראפ געלאזען אויף א שטריק־לייטער א מאטעראז אונ האט זיי ביידע ארויף גענומען אויפען שיף. אללע האבען אויס געשריגען אין א פריידען געשריי!!

אז דאס פריילין האט געעפענט די אויגען אונ זיא האט געזעהן נעבען זיך שטעהן דעם יונגען מענשען נאס די קליידער אונ די האאר אונ זיא האט דער קענט אז ער איז איר רעטטער.

—א! זאגט מיר חאטשע אייער נאמען — האט איהם דאס פריילין געבעטין מיט א זאנפטע שטימע — איך זאל וויסען וועמען דאנקבאר זיין פאר מיין לעבען, איך וועל אימער גאטט בעטען פאר מיין רעטטער, פאר דעם איידעלען מענשען וואס ער האט זיין לעבען איין געשטעלט אום מיר צוא רעטטען, אויך מיין פאטער וועט זיי זייער דאנקבאר זיין, מיט געלד קאן ער אייך ניט בעלאהנען פיר אייער גרויסען העלדען אונ מענשען־מהאט, אבער אם וועניגסטען וואלט ער אייך אויס געדריקט זיין איננערליכען דאנק וואס איהר האט געראטעט זיין טאכטער, אונ גאטט וועט אייך באצאהלען מיט זיין פאללער האנד.

—מיין נאמען איז דיעבמאן — האט ער געענטווערט — וואס אנגעהערט אייער דאנק וואס איהר בעדויערט דאס איהר קאנט מיר ניט בעלאהנען פיר מיין מיה אונ אפפערן, קאן איך אייך זאגען אז ניט צו ליעב דעם לאהנונג האב איך דיזעס געטאהן, נור מיין שולד, מיינע מענשליכע געפיהלען האבען עס מיר געטריבען צו רעטטען א מענשען פון טוידט, יעצט איז ביי מיר דיא גרעסטע לאהנונג וואס מיר האט געלונגען מציל זיין אזא מענשען וויא איהר פון טוידט אונ א אנדערע בעלאהנונג וויל איך גאר ניט ווען איהר וואלט אפילו געבען.

—טוהען זיא מיר דאס געפעליגקייט, איהר איידעלער מענש, אונ קוממט מיט מיר צוא מיינע עלטערין, איך וועל זיי פארשטעלען דעם רעטטער פון זייער טאכטער.

—וויא רופט מען אייער פאטער?

—מיין פאטער רופט מען איזידאר גאלדענבלום.

—גאלדענבלום! האט ער אויס געשריגען ערשטוינט, זינדען זיא גאלדענבלומס טאכטער?

—יא איך בין זיין קלענסטע טאכטער

—אזוי וואלט איך ניט געגאנגען, דען איך וויל ניט דאס מען זאל מיר דאנקען פיר אזא זאך וואס יעדער מענש האט דאס שולד דיזעס צוא טאהן, גאר צו ה' גאלדענבלום וויל איך געהן.

—זיי זיינען אראפ אונטען אין קאיוטא אונ האבען געטראפען צוא זאמען גאלדענבלומען, זיין פרויא, יהודית אונ אברהם מיט זיין פרויא. זיי האבען

דערזעהן יעליזאבעטקען נאם דיא קליידער אויף איהר און דער געזיכט בלאס וויא דער קאלך און מיט איר דעם יונגען מאן אויך זייער נאס, האבען זיי זיך שטארק דער שראקען און זיי האבען מיט גענוג שרעק און פרייד אוים געהערט דען אנטווארט אויף זייערע פראגען, אז דעם יונגען מענשען האבען זיי צוא פערדאנקען זייער טאכטערם לעבען, זיא האט זיי גענוי דערציילט אלעס וואס איהר האט געטראפען.

—א! מיט וואס דאנקען מיר אייך פאר אייער וואלטהעטיגקייט! וואס איהר האט אייער לעבען איינגעשטעלט אין זא איין געפאר אום צוא רעטטען אונזער טאכטער! א, וויר בלייבען אימער אייך שולדיג פאר איר לעבען.

—מיר קומט קיין דאנק, מיר איז זעהער אנגעהנעם וואס מיר האט זיך געמאכט א צופאלל זיי צוא טאהן עטוואס גוטעס, פאר דאם שלעכטעס וואס איך האב אייך א מאהל פערארזאכט.

—זיי — האבען — אונז — שלעכטעס פעראורזאכט! ווען?

—יא! גאר ניט אייך זעלבסט, גאר אייער עלטערע טאכטער, און יעצט ווען איהר און אייער טאכטער וועט מיר פערצייהען דאס וואס איך האב געגען איהר געטאהן, בין איך העכסט בעלאהנט.

—מיר פערצייהען אייך אן אלעמען, מיר זיינען אבער זייער נייגעריג וואס פאר א שלעכטעס האט איהר פעראורזאכט אונזער יהודית?

—איהר האט א מאהל ערהאלטען א בריף פון בלאטע פון איינעם א דיעבמאן?

—יא, מיר האבען ערהאלטען אזא בריף.

—נוא בין איך דאס דער דיעבמאן וואס האט זיך פארשטעלט פאר מאנעסזאהנען ביי מאטוויעוון אין גאסט־הויז, איך וואר דאס דיא אורזאכע וואס מאנעסזאהן און אייער טאכטער האבען פיל געליטען איבער דעם. יעצט ביטע פערצייהען זיא מיר! איך בערייהע דאס!

—זינדען זיא ה' דיעבמאן? — רופט זיך אפ יהודית — איך האב זיי נאך דאן פערציהעט גלייך וויא איך האב זייער בריעף ערהאלטען, מיין פלוכט זאל גאר פאלען אויף דעם מענשין וואס האט זיי אן געערדט צו טאהן שלעכטס, און אז ער האט געזעהן אז דיעזעס אליין האט ניט געלונגען צוא פערהאסען מאנעסזאהנען אין מיינע אויגען, האט ער געפונען אנדערע מיטלען וואס האבען איהם גאר אום געבראכט פון דער וועלט!!

—אוי — גאטט! — האט אוים געשריגען דיעבמאן — מאנעסזאהן איז טויט?!

אך וואס פאר א סימפאטיע איך האב געקראגען צוא דעם מענשען וויא ליעב איך האב איהם געהאט פון דער צייט אן וואס איך האב מיט איהם דעם לעצטען מאל געערדט. זינד איך האב איהם שלעכטעס געטאהן האב איך ניט געקאנט רוהען, ביז איך האב געשריבען צוא אייך און איך האב געמאכט ערפאהרען פון אלעם — איך האב אייך געווארענט איהר זאלט ניט גלויבען וואס מען וועט

אויף איהם אן רעדין, איך האב געמיינט אז איהר זענט יעצט מיט מאנעסזאהנען גליקליך! דערציילט מיר וואס פאר א אומגליק איז דא געוועזין?!

יהודית האט איהם מיט טרערין דערציילט וואס מיט מאנעסזאהנען האט פאסירט, פון דעם ערשטען פערלוימדונג ביז זיין זעלבסט מארד. דיעבמאן האט זיך זייער פארנאנדער געוויינט, אונ מיט א הערץ רייסענדע שטיממע האט ער געשריגען: מאנעסזאהן פערצייהע מיר! יעצט אויף דער אמתער וועלט ווייסטע מיין לאגע אין וועלכער איך האב זיך דאן בעפונדען, וויא מיין ערציהונג איז געוועזין וואס דיזעס אללעס האט מיר געבראכט בעזעס טאהן לייטען, פערצייהע דוא הייליגער גייסט דעם אומגליקליכען!!

—איך בין זייער נייגעהריג צוא וויסען אייער לעבענס געשיכטע, וויא איך זעה זייט איהר זייער איין אָרדענטליכער מענש מיט א טייהערין כאראקטער, וויא זא האט אזא מענש וויא איהר געקאנט טאהן שלעכטעס? דערום בין איך נייגעהריג צוא וויסען דיא אבסטאטעלטוועס וואס האבען אייך דער צוא געבראכט.

—איך בין בערייט מיט דעם גרעסטען פארגעניגען צו ערפיהלען אייער וואנש, אבוואהל איך וועל ערוועקין דיא אלטע וואנדען אין מיינעם הארצען!

—אויב עס איז אייך אונאנגענעם צוא דערציילען אייער גאנצע ביאגראפיא — רופט זיך אפ דער אלטערער, אברהם מאנעסזאהן — טוהט מיר דיא געפעליגקייט אונ דערציילט אונז אומשטענדליך וואס איהר האט געהאט צוא טאהן מיט מיין זאהן!

—מאנעסזאהן! מאנעסזאהן איז אייער זאהן געוועזין?! געלויבט ביסט דוא גרויסער גאטט! וואס דוא האסט מיר געגעבין אין זינען גאר אונוויססען ווער דער מענש איז, צוא טאהן איהם א טובה: איך האלט מיין ווארט וואס איך האב דאמאלס געזאגט ביי דעם ברעסלויער ראבינער אונ איך בין פערפליכטעט אייך צו שפייזען מיט מיינע גאנצע קרעפטען. גאר פערצייהט מיר וואס איך וועל אן פאנגען מיין ביאגראפיא וויא דער וואנש פון פריילין גאלדענבלום אונ אין פערלויף פון מיין ערציילונג וועלין זיי הערין דאס וואס זיי פערלאנגען.

52

א אומגעריכטער זאהן.

—אז איך בין געוועזין א קינד — האט אנגעפאנגען דיעבמאן צו דערציילען

האב איך געהאט ניט קיין שלעכטע ערציאונג, מיין פאטער האב איך זעלטען געזעהן, דען ער וואר זעלטין צו הויז, אונ מיין מוטער האט זיך מיט מיר זייער צערטליך באנאנגען, אויך איך האב זיא זייער געליעבט; אבוואהל מיין מוטער וואר ניט רייך פון דעסטוועגען האט מיר גאר ניט געפעהלט. אבער ניט אויף לאנג איז געוועזין מיין גליק, מיין פרידהלינג איז זייער געשווינד פערשווונדען געווארען; מיינע עלטערין האבען זיך געשיידעט, ווייל זיי האבען ניט געקאנט שטימען איינער מיט דעם אנדערין: מיין פאטער וואר א היסער חסיד אונ ער פלעגט זיך וואלגערין אימער ביים רבין דערציילען גאנצע טעג מופתים פון דיא פערשטארבענע רביים אונ פון דעם לעבענדיגען רבי, אונ דער ווייל אריין חאפען דעם ביטערין טראפען, ניט חלילה ווייל ער האט ליעב געהאט בראנפען נאר כדי ניט זיין חלילה אין עצבות, וואס דאס האט דער רבי פארזאגט גאר חיות, אונ דאס האט מען געזעהן אז דער ביטערער טראפען האט פיעל געהאלפען געגען דיא עצבות, ער פלעגט טאקע אימער זיין פריילוך עס האט איהם אפילו ניט געהארט וואס אין שטוב פלעגט פיעל מאל קיין ברויט ניט זיין; נאר דיא מוטער מיינע איז אפילו געוועזין זייער איין ארענטליכע אידענע אונ אויך זייער א גוטע נאר זיא האט ניט געהאט קיין „אמונת חכמים" זיא האט ניט געגלויבט ניט אין רבין אונ ניט אין בראנפען, אז זיי ביידע זאלען טאקע געבען דיא גאנצע עולם הבא, דארום אז ער פלעגט א מאהל קומען א היים פלעגט זיא איהם אויס רעדין אונ א ביסיל יאדען אונ איהם דער מאנען אז אין שטוב איז נישטא קיין ברויט, זיא האט חלילה איהם געקאנט אריין ברייננגען אין עצבות, נאר ער וויא א אמתער חסיד האט ניט געלאזען צוא קומען צו זיך חלילה עפעס עצבות, ער פלעגט איהר באלד מקיים פסק זיין אונ איהר אונטער געקלאפט א ביסעל, ניט חלילה צו ליעב שנאה נאר נאר פשוט זיא זאל בעקומען איהר שטראף אויף דער וועלט וועט זיא שוין זיין ריין אויף יענער וועלט, אונ ווידער האט ער גערעכינט, א קשיא אויף א מעשה טאמער חלילה האט זיא אין זיך א קליפה, ווארום וויא קאן דאס א אידעשע טאכטער וועלין ברייננגען א מאן אין עצבות דארום איז נאך פאר איהר א גרויסע טובה דער שלאגען, דער ווייל וועט ער איהר ארויס שלאגען דיא קליפה רחמנא לצלן, נאר דיא קליפה האט זיך ביי איהר אזוי גובר געוועזין אז זיא האט דאס נאך ניט געוואלט, אונ האט ביי איהם גענומען „גט". נאר מיר האט מיין פאטער ניט געוואלט לאזען ביי מיין מוטער איך זאל חלילה ניט ווערען א מתנגד, האט ער מיר צו גענומען צו זיך.

תנה אברהם'ס פרוי האט געוואלט עפעס אנפאנגען צו רעדין, האט איהר אברהם געגעבין א ווינק זיא זאל שווייגען אונ שטילערהייט האט ער איהר געזאגט זיא זאל ווארטען ביז ער וועט ענדיגען זיין ערציילונג.

—איך בין אפילו ניט קאנטעט געוועזין וואס איך בין געבליבען ביים פאטער — האט ווייטער דיעסמאן דערציילט — איך וואלט בעסער וועלין זיין

א מתנגד אבי זיין בײַ דער מוטער, נאר זיי האבען בײַ מיר ניט געפרעגט קיין עצות. ווי איך פערשטײַה האלט מיר מיין מוטער געוויס גענומען צו זיך חאטושע געגען מיין פאטערס ווילען, ווארום זי האט מיר גאנץ ליעב געהאט, נאר געוויס האט איהר די אבסטאיאטעלסטווא ניט ערלויבט דערצו.

מיין פאטער איז זיך ווייטער אוועק געפאהרען צום רבין און מיר האט מען געלאזען בײַ א מלמד, וואס ער האט מיר אנגעדונגען מיט קעסט און לעהרנען בײַ איהם. דער מלמד וואר א קבצן איבער די אערין, און קינדער האט ער געהאט אן עין־הרע א גאנצען דוץ, ווי אללע קבצנים, די וואהנונג זיינע וואר מעהר ענהליך אויף א שטאל פיר ח... ווי אויף א וואהנונג פיר מענשען: קלײניקע פענסטערלאך האלב איין געזונקען אין דער ערד, א דאך פון ברעטער נאר דאך האט מען ניט געקאנט דער קאנען די ברעטער עס האט אויס געוויזען ווי א געמאערטער קבר בײַ וואקסען מיט גראז און ווי אויך ער איז געוועזען קאן מען דערפון פאר שטײַהן אז ציגען פלעגען עסען פון איהם די גראז שטייהענדיג אויף דער ערד, דער דיל האט דער רבי געזאגט אז עס וואר א מאהל אויס געשמירט מיט ליים, נאר יעצט איז שוין אפילו א זכר לסימן ניט געבליבען עס איז געוועזען אן געוואקסען בלאטע באלד ביז די פענסטער. אין דעם פאלאטץ וואס איז באשטאהען נאר פון איין ציממער, איז געוועזען די כטאלאוואע, די קוכניע, די כפאלניע א שטאל פאר דער ציג און א אוצשילעשצע (א חדר) פיר א האלבע שאק קינדער. איהר קאנט זיך פארשטעלען וואס פאר א לעבען און וואס פאר א ערציאונג איך האב דארט באקומען, פון דעסטוועגען איז נאך פון אנפאנג געוועזען ניט שלעכט די רעבעצין געליע פריידע אדער ווי דער רבי האט איר גערופען „ארורה" אבוואהל זי איז געוועזען א שלעכטע, זי פלעגט איהרע קינדער קנייפען, שלאגען און רייסען אברים ווייס, אבער מיט מיר איז זי זיך באגאנגען עפעס בעסער; עפעס פארט א גאסט, א נייער מענש, און ווידער האט זי געמיינט אז זי וועט פון מיין פאטער אפ לעקען א ביינדיל זי וועט פון מיר נתעשר ווערין. דער רבי ר' גרונם וואר א שווארצינקער אידעלע א יאהר פערציג נאר אויפען געזיכט האט ער אויס געוויזען ווי א בחורל פון א יאהר אכטצעהן; קיין בארד איז בײַ איהם גאר ניט געוועזען נאר עפעס עטליכע האאר האט בײַ איהם געוואקסען אויפען שפיץ מארדע. ער איז געראדע ניט געוועזען קיין שלעכטער פון נאטור, נאר די צרות וואס ער האט געהאט פון דער ווייב און זיין שלעכטע לאגע דורך זיין ביטערין קנעלונג וואס ניט איין מאהל איז מען געזעסין אין שטוב אן ברויט, האבען איהם אביסיל איבער געמאכט זיין כאראקטער און ער פלעגט אפט מאל ווערין שטארק אין כעס, און דעם כעס פלעגט ער אויס לאזען צו די קינדער, ער פלעגט לעהרנען מיט די קינדער מיטען גאנצען הארצען, און שרייען הויך נאר מיט א קול פון א נערה המאורסה, און מיר פלעגין נאך שרייען אז עס פלעגט זיין א ליארעם ווי אין א דול־הויז, און אין מיטען פלעגט זיך אריין חאפען די

ציג, פלעגט ווערין א פליערייא פון דיא עופות און דעם רעבינס קליינע קינדער פלעגין אנהויבין צוא וויינען, דיא רעביצען שעלטין און דער רבי מיט אונז אין איין קול געלערינט. איז געוועזין דיא אלע קולות צוא זאמען וויא אין א מענאזשעריע (זווערינעץ) און נאך דעם פלעגט זיך אנפאנגען א יום הדין, דער רבי פלעגט געבען פעטש מיט זיין דארער האנד אז פייער פלעגט זיך ווייזען און דאצוא מיט א קניפ פאר בייסען, און לסוף נאך בעראזאווע קאשע אנשטאט ציטעם. מיט מיר אבער האט ער זיך דעם ערשטען מאנאט בעגאנגען מיט חסד, וואס דאס איז געוועזן און פאר וואס? ווייס איך ניט, אבער ניט מעהר וויא דעם ערשטען מאנאט, אויף דעם אנדערין חודש האב איך שוין אן געפאנגען צוא פילען א טעם פון ראשית חכמת גיהינם, דיא רביצין האט שוין מיך אויף געהערט צוא חנפענען, זיא איז נאך אויף מיר געוועזן אין כעס ווייל דער פאטער האט קיין געלד געשיקט זיא האט מיך אן געפאנגען צוא שלאגען אויף יעדען טראט, פלעגט זיך בינגערען צוא מיר אומזאנסט און אומנישט: דאס בין איך ניט אזוי געגאנגען, ניט אזוי געשטאנען, ניט אזוי א ווארט אויס גערעדט, עסין פלעגט זיא מיר געבען א שטיקעל ברויט מיט נישט און פלעגט צוא יעדער מאהל וואס איך פלעג דארפען עסין פאר שילטען מיך מיט טויטע ביטערע קללות, דיא קינדער זייערע וואס זיינען פון אנפאנג געוועזן אויף מיר אין כעס, וואס זייא פלעגט זיך דוכטען אז איבער מיר קומט זייא אן א קלענערער חלק, און וואס מיר פלעגט מען געבען א בעסערין אנבייסען איידער זייא, אז זייא האבען דערזעהן אז דיא מוטער איז שוין ניט אזוי צוא מיר וויא געוועזן האבען זייא אנגעפאנגען אויס לאזען צוא מיר פריערדיגען כעס; פלעגען זיך מיט מיר צשעפען, שלאגען מיך, און פלעגען נאך אן מסרן פאר דער מוטער אז איך שלאג זייא, פלעגט זיא מיר צוא ברעכען מיינע ביינער, דען אבוואהל זיא אליין מאג שלאגען איהרע קינדער חאטשע צום טויט, פון דעסטוועגען אז א פרעמדער פלעגט זיך צוא זייא צורירען פלעגט זיא ווערען אש להבה. דער רבי האט זיך אויך אן געפאנגען צוא באגעהן מיט מיר שטרענג, דיא אורזאכע דאפאן מוז אויך זיין וואס דער פאטער האט קיין געלד ניט געשיקט, ער האט שוין מיך פיעלע מאהל מכבד געוועזן מיט פעטש, קלעפ, קולאקעס און שמיץ, וואס איהר ווילט אליין, און דיא חדר קינדער זינד אויך אויף מיר געוועזן אין כעס וואס דער רבי פלעגט זייא שלאגען און מיך ניט (צום אנפאנג) פלעגען זייא זיך מיט מיר אפ רעכנען פאר פריהער: פלעגען מיך שלאגען, אויס טראכטען אויף מיר בלבולים פאר דעם רבין, דער רביצין, און מיר איז געוועזן שלעכט וואס קאן ערגער ניט זיין, ווער רעדט אז עס פלעגט זיך טרעפען צייטען וואס דער פאטער פלעגט פאר מיר פינף חדשים ווייס ניט שיקען קיין געלד, און אין שטוב פלעגט ניט זיין וואס צוא עסין, דאן פלעגט זיך מיר גאר מיין לעבען עקלין, אלע פלעגען אויס לאזען צוא מיר דעם כעס, דער רבי דער ערשטער נאך איהם דיא רביצין, און אויף זייא קוקענדיג דיא קינדער זייערע מיט דיא תלמידים. אויף אזא אופן האב איך זיך אפ געמאטערט צוויא יאהר,

דער פאטער מיינער האט חתונה געהאט מיט איינע נאך זיין געשמאק גאך, האט ער מיך גענומען פון דעם רבין אונ האט מיך גענומען צוא זיך, איך בין געוועזן אויסער זיך פאר פריידע אז איך בין פטור געווארען פון אזא צרה. אבער דאס האב איך ניט געוואוסט אז איך פאל אריין אין א גרעסערער צרה. וויא דיא רביצין זא אויך דעם פאטערס נייע ווייב, מיין שטיף מוטער, האט זיך מיט מיר פון אנפאנג בעגאנגען אויך ניט גאר שלעכט, אבער דער פאר נאכדעם איז דיא רביצין געווארען א מלאך געגען איהר. דאס איז עפעס געוועזן א מין הולטייקע, א מין מרשעת וואס איז גאר שווער צוא געפינען א צווייטע צוא איר. דיא צרות אונ ליידען וואס איך האב פון איהר פערטראגען איז גאר א מענש ניט אין שטאנד אפ צוא שילדערען, נאך מער שלעכט האט זיא זיך מיט מיר אן געהויבען צוא באגעהן אז זיא האט שוין אויך געהאט קינדער, אונ איך בין איהר אוים געקומען גאר פאר איבעריג אין שטוב, זיא האט געוואלט איין זאך מער ניט, פטור ווערען פון מיר. וואס זיא פלעגט מיר קאנען אן טאהן פאר א צרות אונ יסורים פלעגט זיא טאהן, אויסער שלאגען אונ הרגענען אונ ארוים נעמען מיר דאס געזונד, ניט געבען מיר עסין, פלעגט זיא מיך באריידען וואו זיא פלעגט שטעהן אונ געהן, זיא האט מיר געבאכט א נאמען פאר א מיוחדע וואס. איך האב זיך אזוי אפ געמוטשעט זיבען יאהר ביז איך בין געווארען פונפצעהן יאהר. מיינע עלטערין האבען מיט מיר א שידוך געטאהן, וויא איך פארשטעה, ניט פון מיין טובה וועגען, נאר ווייל א איד מוז דאך טאהן מיט זיין קינד א שידוך, אז ניט איז אויף זייא דיא עבירה וואס ער וועט זיצען א אלטער בחור, אונ איבער הויפט האט עס צוא געריעדט דיא שטיף מוטער כדי פון מיר פטור צוא ווערען. זייא האבען ניט געקוקט אויף שיינהייט, ניט אויף יחוס אונ ניט אויף געלד. דען זייא האבען פאר מיר אליין מעהר ניט געבעטען וויא הונדערט רובעל, אונ אז דער מחותן האט זייא ניט געלעגט מזומנע האט זייא אויך ניט געארט. איין זאך האבען זייא געזעהן אז דער מחותן זאל מיך נעמען צוא זיך אויף קעסט.

53

פארמזעטצונג.

איך האב געהאט חתונה אויפען זעכצעהנטען יאהר, אונ קיין ארבייט, געשעפט אדער חכמה מיט וואס איך זאל קאנען פארדינען א שטיקעל ברויט, צוא ערנעהרען זיך, א פרויא אונ קינדער האב איך אויך ניט געקאנט, איך בין אן

געקומען צום שווער אונ שוויגער אויף קעסט, איך האב געקלערט אז איך וועל חאטשע דא אפ לעבען א ביסעל, דען א מענש לעבט אלעם מיט האפנונג, ביי א שווער זאל זיין גוט איז ניט זא וויט, דען געזעהן האב איך מענשען, אבוואהל ניט אפט, וואס ביי דיא עלטערין איז זייא געוועזן זעהר שלעכט, וויא זייא זענען אן געקומען צוא א שווער אונ שוויגער אויף קעסט האבען זייא אן געפאנגען צו לעבען וויא אדם אין גן־עדן, אפילו נאך דעם ווערט פערשווונדען דער גן־עדן דען עוויג האלט מען דאך ניט קיין קעסט, אבער ביז עם געהט אוים דיא צייט לעבען זיי גאנץ גוט, אבער מיין האפנונג וואר אויך וויא שוים אויפען וואסער, ביי שווער אונ שוויגער וואר מיר ניט בעסער וויא ביי דיא עלטערין. דיא פרויא מיינע וואר זעהר א העסליכע אונ דום וויא א שטעקען אונ זיא וואר ניט געליעבט פון איהרע עלטערין אונ ווען מען ליעבט ניט א קינד ליעבט מען ניט איהר מאן אויך, זיי האבען מיט איהר געטאהן א שידוך אויך מעהר ניט אוים ברייגגען וויא עס איז דיא גוטע סחורה, אונ האבען געפונען א בעלן אזא נארר וויא איך בין דאן געוועזן, דאצוא ווארען זיי נאך זעהר ארעם, אבער וויא ארעם, אז זיי האבען אליין ניט געהאט וואס צוא עסין, אי וואס האבען זיי נאך גענומען א פרעמד קינד צוא זיך דאס איז קיין קשיא ניט, ביי דיא פארצייטיגע אידען איז דאך איין געפיהרט געווארען, נעמען א איידעם אויף קעסט כח מען דאך אזוי טאהן, אונ זאגאר דער וואס געהט אום איבער דיא הייזער נעמט ער אויך צוא זיך א געזונטען יונגען מאן אונ אז ער בעט זיך איין אירגענד וואו אויף א ווארעמעס, שבת אדער יו"ט, ברייננט ער צו שלעפען דעם איידעם מיט זיך איך בין געוועזן אויף אזא אופן ביי שווער אונ שוויגער א יאהר, אם ענדע דאס יאהר האבען זיי מיר געזאגט דאס זיי קאנען מיך מעהר ניט האלטען אויף קעסט, — אבער וואס זאל איך טאהן? — האב איך זיי געפרעגט, מיט וואס זאל איך זיך ערנעהרען אז קיין געשעפט האב איך ניט, קיין מלאכה קאן איך ניט אונ קיין געלד מיט וואס צו פארפיהרען עפעס א עסק האב איך אויך ניט דיא הונדערט רובל נדן וואס איהר האט מיר צוא געזאגט האט איהר מיר ניט אפ געגעבען היינט פון וואס זאל איך לעבען ווען איך זאל זיך אפ טהיילען פון אייך?

—אבער וואס קאנען מיר דיר העלפען ווען מיר האבען אליין ניט, צוא ליעב דעם האבען מיר דען געגעבען אונזער טאכטער א מאן מיר זאלען זיא דארפען האלטען איביגע קעסט?

איך האב א קוק געטאהן אז מיט מיר האלט ניט פרייהליך, מיט געוואלד זיין ביים שווער אונ שוויגער קאן מען ניט, איך האב געוואלט טאהן וויא אלע אונזערע יונגע לייט טוהען, וועהרענד מען הערט זיי אויף צוא געבען עסין אונ קיין געלד צוא מאכען געשעפטען האבען זיי ניט אונ קיין מלאכה קאנען זיי ניט, ווערען זיי מלמדים. לעהרנען האב איך געקאנט א ביסעל, האב איך אויך געוואלט ווערען א מלמד, אבער צום אונגליק האט מיר קיינער ניט געוואלט

געבען א אינגעל לעהרנען ווייל ביי מיר האט מען געפונען א מאהל א אפיקורסעשען ביכעל האב איך געקראגען א נאמען פאר א אפיקורס, אונ עס קאן זיין אז זיי האבען דער הערט דעם גוטען נאמען וואס מיין שטיף מוטער האט מיר געמאכט אלעם קינד. איך זעה מיט מיר איז שלעכט, קיין סגעלונג גיבט מען מיר ניט עפעס א שטעל וואס איך האב שטארק געזוכט אדער זיין בייא וועמען אין אנגעשעפט א פריקאשציק, אדער א מענש אין א קראם מאכט זיך ניט, חאטש שטארב אין גאס, אונ דאצוא עסען ווילט זיך, אונ דער שוועהר גיט ניט, ניט קוקענדיג אויף דעם וואס ער האט צוא געזאגט דרייא יאהר קעסט. בין איך געווארען אין כעס אונ האב איהם געלאזען זיין טאכטער וואס איך האב זיא זא וויא זא ניט געליעבט. אונ בין אוועק געפאהרען צום פאטער. אמת דער פאטער איז געוועזן ניט צוא פרידען פון מיר אונ דיא שטיף מוטער אוודאי ניט, אבער א שטיקעל ברויט האבען זייא מיר געגעבען. עס איז מיר אבער מיאוס געווארען מיין לעבען ביים פאטער; מיר איז ניט איין געגאנגען יעדער ביסען, וועהרענד איך האב געזעהן אז מען פאר גינט מיר איהם ניט. וואס איך האב ניט געזוכט פאר א שטעל אין מיין פאטערס שטאדט, אבער צום אומגליק האט זיך גאר ניט געמאכט, איך וואלט גערן שטעלין זיך וואו דינגען פאר א רובעל א וואך אבער דאס האט זיך אויך ניט געטראפען. איך האב געהערט פון אייניגע מענשען דאס אין א גרויסער שטאדט איז גרינגער פאר א יונגען מענשען צוא קריגען עטוואס צוא טאהן, צוא אין א פאבריק צוא אין א זאוואד אדער אין א גרויסען מאגאזין. איך האב וויא עס איז געקראגען אויף באהן־געלד אונ בין אוועק געפאהרען אין יעקעוו. וואס איך האב זיך אן געליידעט אונ געמוטשעט אין יעקעוו איז זעהר אפילע צוא דער ציילען. קורץ, מיר איז געקומען זא שלעכט אז איך האב זיך געוואלט זעלבסט ערמארדען; נור איך האב עפעס זעהר פורכט געהאט פאר דעם טויט, אבוואהל וואס האט וואס אן צוא ווערען אזא מענש וויא איך, גאר מיר האט זיך ניט געוואלט שטארבען. דורך א צופאל בין איך אריין געפאלען צוא א חברה זשוליקעס; אויף דער וועלט בין איך געוועזן אין כעס, איז בייא מיר רעכט געווארען צוא ווערען א קעשענעק. ווען איין מענש קומט אן צוא עטוואס ווערט דאס בייא איהם רעכט, אונ געפינט זיך היתרים; איך האב זיך אויך געמאכט פארשידענע היתרים אויף מיין נייעם וועג וואס איך האב פאר זיך אויס געקליבען. א מענש איז געבארען געווארען צוא לעבען אויף דער וועלט, אונ ווען זיינע עלטערין האבען איהם גאר ניט געלערינט מיט וואס ער זאל זיך קאנען כשר פארדינען א שטיקעל ברויט אונ דיא גאנצע וועלט האט אויף איהם אויך ניט קיין רחמנות אונ קיינער גיט איהם ניט צו צוא האלטען, זיך דורך געהן דעם לעבענס וועג, מוז ער נעמען מיט געוואלד בייא זעלכע וואס האבען איבעריגע. אונ דיא גאנצע וועלט, ערווערבען דען אלעס וואס זייא האבען נור מיט ערדענטליכקייט? זעהר פיעל מענשען גנבענען אונ זיינען נאך דאצוא גאנץ שיינע מענשען; איינער מאכט א אנזעץ, עסט אויף פיעל פרעמדע געלד, אונטער דעסען ארעמע אונ

יתומישע, אונ איז פון דעסטוועגען א גאנץ שיינער מענש, איינער פאר סטראכירט זיינע הייזער אין צווייען ווי פיעל זיי זיינען ווערטה, צינדט זיי אונטער אונ איבער איהם ווערען אומגליקליך הונדערטער מענשען ארעמע לייט וואס געהן קוים לעבעדיג ארויס, אונ ער נעמט זיך אפ די סטראכאוועקע אונ בלייבט נאך דעם א גאנץ שיינער מענש, מויערט זיך אין דרייען א גרעסערען כויער ווי געוועזן אונ גאר ניששט. א בעל קארא'קע זויגט אויס דאס בלוט אונ דעם מארך פון די ביינער ביי די ארעמע לייט, אונ איז זיך א גאנץ פיינער איד. א פאדראצשיק מאכט פאלשקייט אין זיינע פאדראדען שטעלט צו פערפוילטע סחורה אנשטאט גוטע, אונ האט ניט קיין נאמען פאר א זשוליק! א קרעמער דער מעסט ניט דער וועגט ניט אונ איז פון דעסטוועגען גאנץ פיין אן גענומען, קורץ איך האב זיך געמאכט ארעכנונג אז די גאנצע וועלט גנבעט יעדער אין איין בעזאנדער אופן, היינט ווען איינעם איין אונגליקליכען מענשען גליקט ניט צו גנבענען „ווי אלע" אונ האבען נאך צו דעם א שיינעם נאמען מוז ער גנבענען פראסט. איין זאך האב איך אפ געקלערט אז איך זאל זעהן צו גנבענען ביי א זעלכע וואס זאל ניט אזוי שטארק בעטרעפען דער היזק, וואס זאלען ניט אזוי אומגליקליך ווערען דורך דעם וואס מען וועט ביי זיי עפעס ארויס גנבענען, איך האב געהאט צו זיך א טאוואארישטש א היפך פון זיך, איהם האט פאר יענעם גאר ניט געארט צו ער וועט ווערען אומגליקליך צו ניט, ער פלעגט פארגעניגען האבען טאהן דעם אנדערען בעזעס ווען אפילו זיך זאל דערפון גאר ניכט ארויס קומען קיין טובה; נאר איך פלעג איהם דאס רוב איבער שטעלען. איין מאהל איז צו אונז געקומען איין יונגער מענש אונ האט געבעטען מען זאל זיינעם א קאמעראד אפ שאפען פון וועג אונ מיר וועלען האבען דער פאר א פיינע קאפיקע... ער האט דער ציילט די גאנצע געשיכטע מיט מאנעסזאהנען ווי ער האט זיך פאר שטעלט פאר איהם, ווי ער האט נאך דעם שטארק חרטה געהאט וואס ער האט איהם פאר אורזאכט שלעכטס, ווי זיין סימפאטיע צו מאנעסזאהנען וואר זעהר גרויס גלייך ווי ער וואלט איהם זיין א ברודער. ווי ער איז אוועק געפאהרען אין בלאטע. ווי ער האט דארטען געקראגען א שטעל. ווי ער האט פון דארטען געשריבען א בריעף צו יהודיתן ריין מאכען מאנעסזאהנען פון דעם פערדאכט וואס זי האט אויף איהם. ווי ער וואר בערויגט אין בלאטע בעת דעם פאגראם ביז ער האט זיך בעשלאסען פאהרען אין אמעריקא.

אלע האבען אויס געהערט זיין לעבענס געשיכטע מיט גרויס אויפמערקזאמקייט, נאר מעהר ווי אלע האבען זיך איין געהערט אברהם מיט דער פרוי.

—זאגט מיר וואס איך וועל ביי אייך פרעגען, זאגט חנה צו דיעבמאנען ווארום האט איהר זיך ניט געווענדעט, אין דער צייט ווען אייך איז געוועזן זעהר

שלעכט, צוא אייער מוטער? דיא וואס דער פאטער האט געגט, פיללייכט וואלט זיא איך קאנען העלפען?

—ווייל איך האב ניט געוואוסט וואו זיא געפינט זיך, אונ איך גלויב אז זיא האט אויך ניט געוואוסט וואו איך האב זיך געפונען, אז ניט וואלט זיא זיך אוודאי נאך געפרעגט אויף מיר, ווייל זיא האט מיך ליעב געהאט.

—וויא רופט מען אייער פאטער? האב איך ביא אייך געוואלט פרעגען.

—מיין פאטער רופט מען חיים פייוויש.

—אונ דיא מוטער געדענקט איהר וויא מען האט זיא גערופען? — פרעגט זיא איהם ווייטער אונ אין איהר שטיממע הערט זיך דאס זיא וויל וויינען.

—איך געדענק, פאר וואס זאל איך ניט געדענקען, מען האט איהר גערופען חנה.

—דוא וואלסט וועלען זעהן יעצט דיין מוטער? !

—א, איך וואלט זעהר וועלען, וויא איך געדענק איז זיא געוועזן זעהר גוט צוא מיר, איך וואלט אוועק געבען העלפט פון מיין לעבען איך זאל זיין יעצט מיט מיין מוטער, איך וואלט זיא ליעבען אונ עהרען וויא זיך זעלבסט אונ וואלט טאהן פון איהרט וועגען וואס איך וואלט קאנען,

—איך בין דיין אומגליקליכע מוטטער וואס איז ניט באשערט צוא האבען נחת פון איהרע קינדער, גלייך דיא קינדער פון איהר — האט זיא אוים געריעדט מיט א פערדריקטער שטיממע בעגלייטעט מיט חליפען אונ זיפצען, אונ איז איהם ארויף געפאלען אויפען האלדז.

—א, מיין טהייערע מוטער, האט אוים געשריגען דיעבמאן ארויף פאלענדיג איהר אויפען האלדז, שטארק פארנאנדער וויינענדיג זיך, איך האב געמיינט אז איינער אליין וועל איך אפ לעבען מיינע יאהרען אין א פרעמדען לאנד, אונ מיר איז גאר ניט ארויף אויפען זינען איך זאל זיך זעהן וועו מיט מיין טהייערער מוטער. איך האב געזאגט אויף פרעמדע מענשען אז זייא זיינען מיינע עלטערין אויס וואלטהעטיגקייט! ערשט האט זיך אויס געלאזען אז זייא וואַרען אויף אמת מיינע עלטערין, א, וויא גרויס גאטטעס טהאטען זינד!

—אונ איך האב געמיינט, זאגט חנה, אז איך וועל שטארבען אזוי, ארהנע צוא זעהן חאטזשע איינעם פון מיינע קינדער! גאט האט מיר צוא געשיקט א געפונענעם זאהן אומגעריכטערהייט, אבער וויא גרויס איז מיין צער אז איך שטעל זיך פאר דיא צרות וואס דוא האסט אריבער געטראגען ביז דוא ביסט געווארען א שטיקעל מענש, א, פאר וואס קומט מיינע קינדער אזוי פיעל צרות?

— א, מיינע טהייערע מוטער! אויף אלע צרות פאר געס איך, צרות לייטערט אויס א מענשען, אבער אויף דער איין צרה קאן איך ניט פאר געסען; אז איך האב געמיינט אז מאגעסזאהן איז מיר א פרעמדער, האב איך איהם ליעב געהאט וויא א ברודער אונ האב זיך דעם לעבען גענומען דער מאגענדיג זיך אז אין זיין אומגליק בין איך געוועזן דער אנפאנגער, היינט וויא איז מיר

ארויסטער אז איך באקלעהר זיך אז ער איז געוועזן מיינער א ברודער ! אך, מיין הארץ האט מיר געזאגט אז ער איז מיר ניט קיין פרעמדער ! אבער ניט בעשערט דיר פערדארבענער מענש, צוא האבען אזא ברודער ! אך ! טהייערער ברודער ! זייא מיר מוחל וואס איך האב געזינדיגט געגען דיר, אומשולדיגער ווייזע ! מעהר ניט איין זאך טרייסט מיך וואס איך וועל קאנען גוטס טאהן זיינע עלטערין וואס זיינען אויך מיינע — וואס דאס וואר זיין גאנצער ציעל אם זיין לעבען ! ! !

54

אין אמעריקא.

אזוי איז ניט גאר גוט צוא זיין אין א פרעמדער שטאדט וואו מען האט ניט קיין פריינד אונ קיין באקאנטע, אבער אין איין פרט איז בעסער צוא זיין אין דער פרעמד וואו קיינער קאן ניט איידער אין דער אייגענער שטאדט. עס טרעפט מענשען וואס זינד איין געוואהנט געווארען אין זייער שטאדט צוא פיהרען א גרויס־ארטיגען לעבען. אונ נאך דעם דרעהט זיך איבער דיא רעדעל אונ עס טראגט ניט צוא פיהרען זיך אזוי. בייא זייא וואלט זיין גאנץ רעכט צוא פיהרען זיך פראסט, דען מען קאן לעבען פראסט רוהיג, אבער מען קאן ניט פאר לייטען ! עס ווילט זיך ניט אראפ פאלען פאר דעם אנדערין מעהר וויא פאר זיך זעלבסט עס טרעפט אויך דאס א רייכער מאן ווערט זעהר ארעם, ער וואלט זיך ניט שעמען צוא חאפען זיך פאר וואס עס איז א ארבייט אדער א ארעמעס געשעפט, וואלט ער פיללייכט געלעבט ניט ערגער וויא געוועזן, אבוואהל ארעם אונ פראסט, אבער ניט אין רייכקייט בעשטעהט דאס גליק, מען קאן לעבען ארעם, אונ גליקליכער וויא רייכערהייט. אבער זעלטען טרעפט דאס דער רייכער זאל דאס טאהן ווערענד ער פערלירט זיין רייכקייט ; ער וועט בעסער קנייפען דעם פנים אונ שטעלען דאס פארב, ער וועט בעסער לעבען אין דחקות, וועט עסען א מאהל אין טאג א שטיקעל ברויט אונ ניט חאפען זיך פאר א ארבייט וואס ניט נאך זיין כבוד נאך. דאגעגען אבער אין א אונבעקאנטער שטאדט ווען עס קומען צוא פאהרען מענשען וואס קיינער קאן זיי ניט, זייא האבען זיך געמענגט זיין אין זייער אייגענער שטאדט דיא גרעכטע מיליאנערען, ווען זייא זיך ניט שעמען צוא טאהן דיא גראבסטע אונ דיא מיאוסטע ארבייט, נור פערדינען א קאפיקע ; אונ אין דעם פאך האט אין זיך א מעלה א פרעמדע שטאדט.

דאס זעלבע זאך וואר מיט אונזערע אריטע עמיגראנטען וואס זינד געקומען

אין אמעריקא; עס וואַרען אַזעלכע וואס זיינען געוועזן אין דער היים דיא שענסטע עדעלסטע מענשען, גרויסע גבירים און מיוחסים, וואס אין דער היים וואלט זייא זיין זעהר שלעכט וועהרענד זייא האבען אנגעוואָרען זייער רייכטהום, א רעכטען עסק וואלטען זייא ניט קריגען און עפּעס פאר א מיאוסע מלאכה וואלטען זייא זיך ניט קאנען נעמען, אבער דא אין אמעריקא וואו קיינער קאן זייא ניט עס איז ניט אנגעשריבען אויפען שטערען צוא ער איז געוועזן אין דער היים א גביר צוא א מיוחס צוא ניט. איז פאר זייא אלע עסקים און אלע מלאכות גוט. פאדראַצשיקעס, קופּלייטע, געשטודירטע, באנקירערס זיינען געוואָרען זעכליעדעלצעס, ראבאצשעס אין פאבריקען, אין זאוואדען, אויף דיא פערמעס. גבירישע, אַריסטאקראטישע טעכטער וואס האבען זיך אין דער היים געהאדעוועט אויף חלב ודבש, האבען פארבראכט זייער צייט אין געזעלשאפטען אין ימים טובים — זיינען געוואָרען נייטערקעס, פוצעמאכערקעס, ציגארען מאכערין אונד דאס גלייכען. אונטער דיא ארבייטערינען קאנען וויר געפינען אונזערע בעקאנטע פריילינס יהודית מיט יעליזאבעטקען, גאלדענבלומס טעכטער, יהודית איז געוואָרען אין איין וועש פאבריק איין נייטערין און יעליזאבעטקע א פוצענמאכערין, זיא האט געהאט א איסקוסטווא אין דער ארבייט וועהרענד זיא איז נאך געוועזן אין יעקעוו. זייא האבען זיך געלעבט גאנץ רוהיג, האבען ניט בעדיערט זייער לאגע, וואס פון אזא רייכטהום דארפען זייא ווערען איינפאכע ארבייטערינס, זייא האבען זיך א גאנצען טאג געארבייט און פאר נאכט פלעגען זייא זיין צוא הויזע מיט דיא עלטערין צוא זאמען וועלכע זייא האבען אויף געהאלטען מיט זייער ארבייטען, פלעגען לעזען ביכער צייטונגען, און פלעגען טרייסטען דיא עלטערין ווען זייא פלעגען זיך קלאגען אויף זייער שיקזאל וואס זייא האבען דער לעבט צוא זייער עלטער אז פון אזא רייכטהום דארפען זייא אן קומען זייערע קינדער זאלען ארבייטען און זאלען זייא קארמענען. זייא האבען געוואהנט צוא זאמען מיט אברהמן מיט חנהן. וועלכע עס האט אויס געהאלטען חנהס זאהן דיעבמאן, ער וואר אין א פאפיר פאבריק און האט פערדיענט פערציג דאללאר א מאנאט.

יהודית מיט יעליזאבעטקען וואלטען זיך זיין גאר פרעהליך ווען ניט איין זאך וואס פלעגט פערזומערען זייא, יהודית האט נאך אלעס ניט געקאנט פאר געסען אן מאנעסזאהנען, אז זיא פלעגט זיך דערמאנען אן איהם פלעגט איהר ניט איין געהן קיין זאך, אבוואהל זיא וואר ארעם נאר פון דעסטוועגען וואלט זיא זיך קריגען יעצט אויך א היפשע פארטייא וואס וואלט זיא פיללייכט גליקליך מאכען. דען איהר שענהייט און קלוגהייט האט זיא נאך ניט פערלארען, נאר זיא האט געזאגט: איינער וואר האט געפונען איין ארט אין מיינעם הערצען און ווען איך האב איהם אנגעווארען קאן איך פאר איין אנדערין מיין הארץ ניט אפ געבען.

יעליזאבעטקען זעהן מיר אויך אפט פערטראכט, זיא דענקט אויך וועגען

ליעבע. איהר ווייסט ליבע לעזער ווענען זיא ליעבט ? דיעבמאנען ! דאס וואר קיין וואונדער, זיא וואר זעהר דאנקבאר דיעבמאנען וואס ער האט זיא גערעטעט פון טויט, זיא האט געפונען יעדע זאך אין דער וועלט פאר צוא קליין צוא בעדאנקען איהם פאר אזא וואהלטהאט וואס ער האט מיט איהר געטאהן, אויסער זיא זאל זיך איהם אין גאנצען אפ געבען, דיעבמאן זעלבסט האט זיך ניט געשעמט אונ האט דאס אפילו פאר געלייגט פאר איהרע עלטערין, אבער ער האט באקומען איין אנטוואורט, דאס אבוואהל זייא געפעלט דיא פארטיי, דען זייא געפינען איהם פאר א גאנץ פיינעם בראווען מאנן, אבער חאו יהודית וועט זיך ניט געפינען איין פארטיע קאנען זייא וועגען דעם ניט רעדען.

55

פון טויט לעבענדיג.

עס וואר זעהר אפיינער אבענד, דער מאנד מיט דיא שטערנע האבען מאיעסטעטיש געלויכטען, דער האריצאנט וואר ריין אונ זעהט אויס וויא א חופה פון העל בלויעס זיידענצייג, אונטער אלע שפאציר געהענדע אין ניי־יארקער שפאציר גארטען זינד געגאנגען צווייא זעהר שיינע פריילינס, אלע פערביינגעהענדע האבען זיך אפגעשטעלט קוקען אויף דיא צווייא אונבעקאנטע פערזאנען וואס איז גאר זעלטען צוא געפינען א זעלכע שעהנהייטען, זייא וואַרען אנגעטאהן זעהר איינפאך, איינע טראגט אונטערין אָרעם א פעקיל מיט ארבייט וויא א נייטעריון, אבער אויף זייער געזיכטער איז צוא זעהן דאס זייא האבען זיך זעהר עדיל ערצויגען; זייא געהן אונ ריידען אפילו צווישען זיך ענגליש אבער נאכען אקצענט קאן מען פערשטעהן אז זייא זיינען ניט היזיגע געבוירענע.

זיי זיינען צוא געגאנגען צוא א בענקעל וואס וואר געבען ברעג טייך אונ האבען זיך אוועק געזעצט.

—זאג מיר יהודית. (זא האט מען גערופען דיא עלטערע פון דיא צווייא פריילינס) וואס איז דיין ציעל וואס דוא ווילסט ניט הערען פון קיין פארטיע וואס מען שלאגט דיר פאר. שוירזע קלערסט דוא צוא בלייבען גאר אויף עוויג אליין ?

—קיין ציעל ווייס איך ניט. איך ווייס מעהר ניט אז איך קאן אויף קיין פארטיע ניט קוקען זייט איך האב ערקאנט מאנעסזאהנען.

וואס איז אבער דיא גוטסקייט דאפאן וואס דוא קאנסט איהם ניט

פערגעסען, אונ וואס איז דיא פעולה פון דעם ? דיא טויטע וועלען לעבעדיג ניט ווערען ! דוא וועסט מעהר ניט זיך א רעה טאהן מיט דעם, איך זאג דיר וויא מען זאגט א שוועסטער, אן צערעמאניע, אז דוא טהוסט א גרויסע נארישקייט וואס דוא נעמסט זיך נאך אלעם דעם לעבען פון מאנעסזאהנען, אונ דוא ווילסט ניט הערען פון קיין פארטיע, יעצט ביסט דוא נאך יונג אונ שיין, אין אמעריקא זינד זעהר וועניג וויבס פערזאנען, קענסט אויף זיך געפינען ארבעטען בעלן וואס וואלט דיך גליקליך מאכען ! עס וועט אוועק געהן איינינע יאהרען דוא וועסט ווערען עלטער פון צוא פיעל זארגען נאך מאנעסזאהנען, וויא דוא האסט אן געפאנגען דיא לעצטע צייטען, וועסט דוא אראפ פון געזיכט, אונ ניעמאנד וועט דיך דא וועלען נעמען, אונ ווען דוא וועסט שוין יא געפינען דא וועמען עס איז וואס בייא איהם וועט זיין רעכט צוא נעמען דיך פאר זיינער לעבענס געפעהרטען וועט ער זיין ניט נאך דיר אונ דוא וועסט ניט קאנען זיין פאר איהם גליקליך. ניט מיין אז איך ווינש דיר, גאט בעוואהר שלעכטס, נאר איך זאג דיר דיא ווארהייט וויא בייא מיר קומט אויס, אז דוא וואלסט זיך באקלערין מיט א קלארען קאפף וואלסט דוא זאגען אז איך בין גערעכט.

—איך וועל דיר זאגען יעליזאבעטקע — רופט זיך אפ יהודית — וואס דוא זאגסט איך זאל פערגעסען אן מאנעסזאהנען, ווענט זיך דאס ניט אן מיר, איך וואלט אפשר אויך וועלען פערגעסען נאר עס פערגעסט זיך ניט, אפ געגעבען מיין הארץ א אנדערען וועהרענד עס איז נאך פערנומען מיט ליעבע צו מאנעסזאהנען, אונטער פיהרען איינעם וואס וועט מיינען אז ער וועט געפינען א לייריגעס הערץ בייא מיר, מעהר ניט וויא פאר איהם אונ אין דער טהאט וועט עס נאר זיין פערנומען מיט איין אנדערען, רעכען איך פיר איין נידערטרעכטיגקייט. אויסער אלעם וואלט איך דיר עפעס ענטדעקען וואס אין מיינעם איננערען טהוט זיך, נאר איך ווייס אז דוא וועסט פון מיר לאכען. מיין הארץ זאגט מיר זעהר שטארק אז איך וועל נאך געפונען מאנעסזאהנען, איבער הויפט דיא לעצטע צייטען שטעלט זיך מיר פאר פארשיעדענע סצענעס: וויא איך געפין איהם, וויא מיר פאלען ארויף איינער אויף דעם אנדערען אונ קלאמערין זיך צוא נויף וויא סטאטויען; א וועלכע סצענעס שטעלען זיך מיר פאר אויפען וואהר, ווען איך שטעה אונ געה, ווען איך זיץ אונ אויך אין טרוים ווען איך שלאף; אונ דאפיר פערגעס איך איהם ניט, אונזער פאטער יעקב האט ניט פערגעסען זיין זאהן יוסף צוואנציג יאהר צייט, ווייל ער איז ניט געשטארבען, ווייל אם ענדע האט ער איהם געפונען, א געשטארבענעם מענשען פארגעסט מען זעהר גיך מען מאג איהם וויא ליעבען, אונ ווען מען פערגעסט איינעם ניט א לאנגע צייט איז דאס איין בעוויז אז יענער לעבט נאך!

—אבער אונז גאטעס ווילען, האבען דען אלע צייטונגען ליגען געשריבען: דאס מען האט געפונען א ערמארדעטען מענשען אויפען אייזען-באהן? אונ נאך דיא דאקומענטען גיך וואס מען האט בייא איהם געפונען וואר דאס איין

ידישער סטודענט פון יורדיטשעסקען פאקולטעט אונטער דעם נאמען מאנעסזאהן.

—איך ווייס ניט וויא, צוא דיא צייטונגען האבען א ליגען געשריבען, צוא זייא האבען געשריבען אמת נאר ער אליין האט דאס געמאכט מיט א שווינדעל כדי עס זאל ארויס געהן א קול אז ער איז געשטארבען וועט מען איהם ניט זוכען, נאר דאס הארץ זאגט מיר אז ער לעבט אונ מיט דער צייט וועל איך איהם געפינען.

—א, עס איז א פאנטאזיע, אונ א ווילדע פאנטאזיע, ווייל דוא דענקסט וועגען איהם שטענדיג שטעלט זיך דיר פאר מאנכערליי סצענעס אונ טרוימען, אונ בייא דיר קאן זיין רעכט זאגאר עס זאל זיין תחית המתים, ער זאל ווערען לעבענדיג צוא ליעב דיר. וואלסט מיך פאלגען וואלסט דוא ארויס ווארפען דיא פוסטע פאנטאזיען פון קאפף וואלט דיר זיין א סך בעסער.

עס וואר איינע פאוזע, זייא האבען אויף געהערט צוא ריידען אונ האבען אן געפאנגען צוא קוקען אויפען טייך וואס וואר בעוואקסען ארום דיא ברעגען מיט מאנכערליי פערשידענע געוויקסע, זיא ליעגט וויא א גוטע זיכטבארעס בלעך אין גרינע ראמען, פון וויטען האט זיך געזעהן דאס בריק העלצעס וואר זעהר שיין געבויעט, אונטער איהם געהן דורך פיעלע באַרקעס, דיזעס אלעס האט אנגעווענדעט זייער אויפמערקזאמקייט; נאר מעהר וויא אלעס האבען זייא זיך פאר קוקט אויף א יונגען מענשען אין א דונקעל בלויער פופייקע, אונ פון דעם זעלבען פארב א קליינע מיטץ מיט קורצע אפ געשווירענע האאר מיט א רונדער שווארצען בארד, וועלכער איז געפאהרען אין דער צייט אין א שיפעל ער האט דערזעהן פאר זיך א גרויסע בארקע, האט ער גענומען אפ קעהרען אן אזייט לאזען איהר דורך געהן אונ האט זיך אפ געשטעלט נעבען רעכטען זייט ברעג. ער האט אונבעוווסט פארט געזעצט זינגען וויא ער האט געזונגען דעם גאנצען וועג, דיזע ליעד:

איך בין פון דער היים פארטריבען
אין א גאנץ ווייטע לאנד,
עלענד וויא א שטיין בין איך געבליבען,
אן עלטערין, אן פריינד!
מיר וואלט דא גאנץ גוט געוועהן,
איך האב ניט וואס צוא ריידען;
נאר, ווס איך קאן מיינע ליעבע ניט זעהן,
דאס מאכט מיר אנגסט אונ ליידען!

אז איך טוהע זיך דערמאנען
אויף מיין געליעבטע אונ מיינע עלטערין,
וויא זייא זיינען ווייט פון דאנען,
איך קאן פון זייא גאר נישט הערען.
איך ווייס ניט וואו זייא זיינען איצטער,
גאט ווייס וואס פון זייא איז געווארען!
זא ווערט מיר אין מיינע אויגען פינסטער,
מיין גליק מיין נחת ווערען פארלארען!...

איינינע פערבייגעהענדע האבען זיך אפ געשטעלט אויפען ברעג אונ האבען געקוקט וויא דיא בארקע איז דורך געגאנגען דעם בריק, אונ האבען

אבראשצייעט וונימאגיע אויף דעם יונגען דזשענטעלמאן , און אויף זיין שיינעם מעלאדיע וואס ער האט געזונגען ! נאר מעהר וויא אלעמען האט דיא ליעד זיינע דערנומען דיא צוויא פרייליינס וואס זינד געזעסען אויפען ברעג. וויל זיא וואר נאכען הארצען . דיא עלטערע וואר זא איינגעטאהן אין דער ליעד דאס זיא האט פערגעסען וואו זיא געפינט זיך און האט אן געפאנגען מיט זינגען נאך איהם . נאכהער האט זיא אויס געשריהען מיט איינער ציטערענדע שטיממע ! א, מיר איז בעקאנט דיא שטיממע , איך פלעג זיא א מאהל הערין אפט בייא אונז אין הויז ! א , וויא זיס זיין קול איז, זיא געהט מיר איבער אלע גלידער ... וואו בין איך ? איך הער ענגלען שטימען ... א , דאס וואר מאנעסזאהנ'ס שטימע ! ... איך מוס לויפען גלייך אראפ זעהן ווער איז דארטען , א , דאס מוז זיין ניט אנדערש מאנעסזאהן ! מיט דעם זעלבען מאטיוו וואס דער דזשענטעלמאן האט געזונגען האט זיא פארטגעזעצט זינגען דיזע ווערטער .

1

איך איר זיך ניט, איך האב קיין טעות,
איך הער זיין שטימע . אך וויא זיס
א, מיין טהייערער מיין חיות !
איך צווייפעל ניט איך וויים געוויס .
וואו ביסט דוא , וואו ביסט דוא זאג געשווינד !
וואו האסט דוא דיך פערבארגען !
לויף צוא מיר גיך וויא א אינד ,
בעפרייע מיך פון מיינע זארגען !

2

איך בין דא דיא געליבטע דיינע,
לויף גיבער א הער צוא מיר !
דיינע עלטערין זינד דא , און מיינע
א, מיר שטארבען אלע נאך דיר !
וואו האסט דוא זיך בייהאלטען ,
פאן דאנען אוועק געלאפען !
עס קלאפט מיין הארץ איך קאן ניט דערהאלטען !
דאס ביסט דוא געוועזן , איך האב געטראפען ! ...

זיא האט שוין גענומען לויפען אראפ דעם בארג , וועלכער וואר קרוטע (אבשטורץ), יעליזאבעטקע האט זיך פאר איהר דערשראקען צוא זיא וואהנזיניג געווארען , זיא האט איר גענומען אויף האלטען , און איהר געלונגען איין צוא האלטען זיא, דער ווילע דער יונגער דזענטעלמא

הערט וויא אײנע פרויען קול האט איהם נאך געזונגען; דיא שטימע האט איהם געטראפען דען זיא וואר איהם זעהר בעקאנט. א! האט ער אוים געשריגען אויב איך אירר זיך ניט דאס איז יהודית'ס שטימע! איך מוס ארויף לויפען זעהן אויב דאס איז ניט קיין טרוים וואס איך האב געהערט איהר זינגענדיג. ער האט אוועק געלעגט דיא רודער אונ איז ארויף שנעל וויא אײנע רעהע אויפען בערג. דער מאנד האט בעלויכטען וויא מיט עלעקטרישעס בעלייכטונג זיין געזיכט, אונ יהודית האט איהם גלייך ערקאנט. זיא איז געווארען בעוואוסט-לאז. איהרע געדאנקען זײנען צו מישט געווארען דיא גלידער האבען זיך איהר געטרעסעלט וויא פון א פיבער, זיא האט אוים געשריגען מיט א שוואכע שטימע: „מאנעסזאהן! ברוך מח... יה המ... תים!" אונ איז געפאלען אין אונמאכט. מאנעסזאהן אויך האט אן געווארען זיין גלייך געוויכט, ער איז ארויף געפאלען אויף איהר קערפער אונ האט אוים געשריגען דיא אײניגע ווערטער: „יהודית! מײנע טהײערע יהודית!" אונ האט אויך געחלשט — יעליזאבעטקע איז געשטאנען וויא פאראליזירט, זיא האט ניט געוואוסט אויף וואסער וועלט זיא איז, נאר גלייך האט זיא זיך געשטארקט אונ האט זייא בײדען אויף געמונטערט; זייא זינד ווידער ארויף געפאלען אײנע אויף דיא אנדערע האבען זיך איין געקלאמערט אונ זינד געשטאנען אונבעוועגט אהנע ניט אוים צוא רײדען א ווארט, צעהן מינוט צייט. מאנעסזאהן האט זיך זעלבסט ערמונטערט אונ האט געפרעגט יהודיתן מיט אײנער שוואכע שטימע וואס מיא האט קוים געקאנט הערען: „דײנע עלטערין זינד אויך דא?"

—יא, האט יהודית געאנטווארטעט — דער נאך אז זיא איז געקומען צוא זיך — מיר אלע וואהנען דא צוא זאמען מיט דײנע עלטערין.

—מײנע עלטערין! זינד אויך דא? אונ זייא זײנען געזונד? א, איך קאן ניט אוים האלטען, מיר איז ניט גוט! איך וואלט פליהען גלייך צוא זאמען מיט דיר צוא מײנע עלטערין, צוא דײנע, אונ ארויף פאלען אויף זייא אונ זאט מאכען זיך מיט זייערע קושען, אן קוקען זייערע געזיכטער. נאר איך האב מורא, וויא מיר איז איצטער ניט גוט, וועל איך ניט קאנען אריבער טראגען דיא פרייד, איך וועל ניט קאנען אוים האלטען פערנעמען אזוי פיעל שמחה מיט א מאהל... געפונען דיך, מײנע טהײערע... מיין זעעלע, מיין לעבען... געפונען מײנע עלטערען מיין קרוין פון קאפף, וואס איך האב שוין געקלערט גאט ווייס וואס מיט זייא מהוט זיך! אויך זעהן זיך מיט דיין פאמיליע וואס זיא זינד בייא מיר טײער וויא מײנע. איך וועל יעצט גלייך פאהרען א היים אונ מארגען צוועלף אוהר קאם איך צוא אייך.

—א, דערצעהל מיר חאטשע וויא אזוי דוא ביסט לעבען געבליבען מען האט דאך געמיינט אז דוא האסט זיך געמאכט דעם טויט מיט דעם וואס דוא האסט זיך געלעגט אויף דיא רעלצען פון אײזענבאהן, אונ וויא עס איז

געשטאנען אין דיא צייטונג, האט מען דיר געפונען א צערמאלמעטען אויף דיא רעלסען פון אייזענבאהן!

—א, טהייערע! בעפריי מיך יעצט פון רייד, מיר איז ניט גוט. לאז מיר דעם אדרעס איערען, און מארגען קאמע איך צו אייך! איך מוז זיך אויס רוהען צו פערגעסען אזא שמחה!

עס איז פאר ביא געגאנגען א בעקאנטער זיינער, האט ער איהם געבעטען, ער זאל איהם ברייגען צוויא דראשקעס איינע פאר זיך און איינע פאר דיא צוויא פריילינס.

דער בעקאנטער איז אוועק געגאנגען ברייגען דראשקעס, מאנעסזאהן האט זיך אוועק געלעגט דערוויילע אויף א באנק, דען ער וואר זעהר שוואך, און האט קיין כח געהאט זאגאר אויס צו ריידען א ווארט, ער האט א קלעהר געטאהן: פיליכט וועט ער מארגען זיין ניט אין גאנצען אין געזונד און וועט ניט קאנען געהן זאל זיא האטאטשע האבען זיין אדרעס. ער האט ארויס גענומען פון טאש צוויא קארטען, איינע וואר א וויזיט קארטע, און דיא אנדערע א פאטאגראפיע, און האט זיא אפ געגעבען יהודיתן.

עס זינד געקומען צוויא דראשקעס, זיא האבען זיך ארויף געזעצט אויף זיא אונד זינד גלייך אוועק געפאהרען. ער אין זיין וועג, און יהודית מיט יעליזאבעטקען אין זייער וועג.

זיא זיינען אפ געפאהרען האלב וועג און האבען אווארט ניט אויס גערעדט צווישען זיך. נאכהער זאגט יהודית צו יעליזאבעטקען: „וואס זאגסטו דוא אויף היינטיגען טרעף האסט דוא זיך געריכט אויף אזא צופאל?“

—וואס זאל איך זאגען, אויף דער וועלט קאן אלעס טרעפען.

יהודית האט זיך דערמאנט אן דיא קארטען וואס מאנעסזאהן האט איהר געגעבען. זיא האט ארויס גענומען זיין בילד האט זיך אויף איהם שטארק אן געקוקט האט איהם אפ געגעבען יעליזאבעטקען זאגענד: „זעה, וויא שיין ער איז געווארען“. נאכדעם האט זיא אקוק געטאהן אויף דער וויזיט קארטע, האט איהר איבער געלעזען: „מאזעס מאנעסזאהן רעדאקטאר פון „העראלד“ און האט איהר אויך געצייגט יעליזאבעטקען. אז זיא זיינען געקומען א היים איז שוין געוועזען גאנץ שפעט, אלע האבען שוין געשלאפען, זיא האבען זיך אויך גלייך געלייגט אהנע צו בענאכריכטען קיינעם פון דיא גוטע נייעס וואס זיא האט זיך געטראפען.

56

א גאנץ גוטער שידוך חלעבען .

יהודית מיט יעליזאבעטקען האבען זיך אויך געלעגט שלאפען אבער זייא זיינען ניט גאר גיך אנשלאפען געווארען, זייא וואַרען שטארק צוא טראגען פון דיא בעגעבענהייטען וואס זייא האט געטראפען. זייא וואַרען פאל מיט געדאנקען וועלכע האבען זייא ניט געלאזען שלאפען. יהודית וואַר פאל פרייד וואס זיא האט געפונען איהר געטרייען מאנעסזאהנען, וואס זיא האט געמיינט אז ער איז שוין לאנג אויף דער וועלט ניט דא, מעהר נישט איהר האט אן געהויבען צוא זאגען דאס הארץ אין דער לעצטען צייט אז זיא וועט איהם געפינען.

יעליזאבעטקע וואַר אויך העכסט פריילאך וואס איהר שוועסטער וועט שוין ניט זיין אומעדיג, עס האט זיך געפונען איהר טהייערער געליבטער אונד זיא וועט שוין זיין גליקליך; זיא וואַר העכסט פערגעניגעד וואס מאנעסזאהן לעבט. דען זיא האט איהם אויך שטארק געליעבט וויא א שוועסטער א ברודער אונ האט פיעל צער פערטראגען פון זיינע צרות אונ פון דער פאלשע נאכריכט וועלכע דיא צייטונג האבען געבראכט אז ער איז געשטארבען, אויסער אלעס וואַר זיא זעהר פריילאך, וואס קיין זאך וועט שוין יעצט שטעהן אויף דעם וועג פון איהר ליעבע צוא דיעבמאנען.

אויף מארגען זיינען זייא אויף געשטאנען פריש, פריילאך אונ מונטער, שטראלען פון פריידע האבען געשיינט אויף זייערע געזיכטער, דיא עלטערין האבען עס באמערקט. אונ זייא האבען ניט געקאנט געפינען איינע אורזאכע דאצוא. עס האט שוין געשלאגען דער זייגער צעהן אונד דיא צוויא גליקליכע שוועסטער זינד נאך ניט געגאנגען אויף זייער ארבייט, וועהרענד יעדער טאג פלעגען זייא אוועק געהן גאנץ פריא זיבען אדער ניט שפעטער אז האלב אכט. דיא עלטערען האבען זייא געפרעגט פאר וואס געהן זייא ניט צוא דער ארבייט?

—צוא אונז דארף קאמען א גאסט היינטע—אנטווארטען זייא.

—ווער איז דאס פאר א גאסט?

—וועהרענד מיר זיינען געגאנגען געסטערין שפאצירען זאגט יהודית האט אונז אן געטראפען איינגער מענש זעהר א פיינער אונ א געבילדעטער, ער וואַר דער רעדאקטאר פונם „העראלד" ער האט זיך מיט אונז שטארק בעפריינדעט, האט בייא אונז געפרעגט ווער מיר זיינען האבען מיר איהם געאנטווארט דאס מיר זיינען פון רוסלאנד אוים יעקעוו. ער וואַר זעהר צוא פרידען בעקאנט צוערען מיט אונז, האט ער געזאגט, דען ער וואַר אויך א מאהל א רוסלענדער אונ אלעס קינד האט ער זיך ערצויגען אין יעקעוו, ער פרעגט אונז ווער מיר זיינען אונ מיר האבען איהם געזאגט. א, איזיראר גאלדענבלומס טעכטער זיינען

זייא ? איך קאן איהם גאנץ גוט, ער וואר איין גאלד הענדלער. מיר האבען ביי איהם געפרעגט זיין פאמיליע און ער האט אונז געזאגט. ער האט זיך מיט אונז א היבשע צייט אונטער געהאלטען, מיר ווארען איהם זעהר געפעלען און ער מאכט מי איינע ליעבעס ערקלערונג איך אנטוואורטע איהם: דאס פון מיינער זייטע איז רעכט, נור זייא דארפען דיא ערלויבניס מיינע עלטערין האבען" ער פרעגטע וואו מיר וואהנען און פערשפרעכטע קאממען הייטע צוועלף אוהר האלבען טאג צוא אונז.

—און בייא דיר איז רעכט? פראגטע דער פאטער.

—יא אנטוואורטעטע זיא, בעשטימט.

דער פאטער האט איהר אן געקוקט אין דיא אויגען און ער וואר העכסט פארוואונדערט אויף דיא פערענדערונג. געסטערען איז געקומען צוא רייד וועגען א שידוך האט זיא געזאגט דאס ווען עס זאל קומען אמלאך פון יענער וועלט וועט זיא אויך ניט קוקען אין זיינער זייטע, און הייטע איז בייא איהר רעכט צוא אנטוואורטען אויף א ליעבעס ערקלערונג פון א מענשען וואס זיא האט איהם ערקאנט מעהר ניט אין א פאר שטונדען אויפען שפאציר גאנג. נאר אין דער טהאט וואר ער העכסט צוא פרידען פון דער ענדערונג, ער גלויבטע דאס דער יונגער מאן קאן זיין א פיינער מענש און יהודית קאן פאר איהם גליקליך זיין

א, זאגט ער צוא יהודיתן, עס פרייהעט מיך זעהר וואס דוא האסט זיך געכאפט צום שכל און האסט זיך ארויס געשלאגען מאנעמזאהנען פון קאפף און אין דער אמת איז דאס אגרויסע דומהייט מען זאל אייביג ניט פערגעסען אויף א געליעבטען וועהרענד ער איז געשטארבען!

יהודית האט א שמייכעל געטאהן א ביסעל.

—א, זאגטע זיא, איך האב אייך גאר פערגעסען צוא ווייזען דיא קארטע זיינע וואס ער האט מיר געגעבען. א, וויא פיין ער ווייזט אוים אויפען פאטרעט. זיא האט ארויס גענומען פון טאשע זיין פאטאגראפישע בילד און האט געצייגט דיא עלטערען. זייא ווארען ערשטוינט אלס זייא האבען דערזעהן אויפען בילד מאנעמזאהנס געזיכט. א, האבען זייא אוים געשריגען, דאס איז דאך מאנעמזאהן, וויא קומט ער אהער, וואס איז ער געווארען פון טויט לעבענדיג? פיירען דאס איז אפשר אאנדערער וואס איז שטארק אהנליך אויף איהם!

יהודית האט עפעס געוואלט אוים ריידען, נאר דיא עלטערען זינד גלייך אוועק געלאפען אין דעם צווייטען צימער און האבען געוויזען דעם פאטרעט אברהמען מיט חנה'ן. זייא האבען א קוק געטאהן איהם און האבען גלייך ערקאנט אז דאס איז מאנעמזאהן! זייא זיינען געקומען וויא פאר סאממע און האבען געפרעגט יהודיתין וואו זיא האט איהם געזעהן, און פיליכט האט ער זייא געזאגט זיין נאמען, דען זייא האט זיך אלעס ניט געגלויבט אז עס זאל זיין מאנעמזאהן, אפשר איז דאס טאקע אאנדערער וואס איז אהנליך צוא איהם?

יהודית האט זייא געוואלט זאגען דעם גאנצען אמת, נאר זיא האט זייא

פריהער געאנטוואָרטעט אויף זייער פראגע : „ווארט, איך קאן אייך זאגען זיין נאמען, ביוא מיר דארף דא זיין זיין וויזיטענע קארטע, זיא האט ארויס גענומען די קארטע און האט זיא געציינט. מען קאן זיך פאר שטעלען זייער פארענדרונג אז זייא האבען איבער געלעזען דיזע ווערטער : „מאזעס מאנעסזאהן רעדאקטער פון „העראלד“... זייא האבען גענומען קוקען איינע אויף די אנדערע אהנע א וואָרט צוא רייערן, דערוויילע האט זיך געעפענט די טהיר און עס איז אריין געגאנגען א שיינער יונגער מאן עלעגאנטיש אָן געטאהן, זייא זינד אלע געוועזען פערטראכט און זייא האבען איהם גאר ניט באמערקט, ער איז גלייך אריין געפאלען אברהמן אין די ארעמס און האט אויס געשריגען מיט א וויינענדיגע שטיממע : פאטער ! טהייערער פאטער ! אָ ! מיין טהייערער זאהן, האט אויס געשריגען אויך חנה, ארויף פאלענדיג איהם אויפען האלדז, זיא זיינען געשטאנען וויא א גרופפע סטאטועו אונבאוועגט — איך האב שוין גאר קיין כח ניט ארום שרייבען די ריהרענדע סצענע און די שמחה וואס וואר ביוא אלעמען אין הערצען, פון מאנעסזאהנ׳ס ערשיינונג. ערשטענס האב איך זיך זעהר אפ געמאטערט שרייבענדיג דעם ראמאן ניט שלאפען פיעל מאהל גאנצע נאכט, ווידער וויים איך ניט צוא וואלט איך זיין אים שטאנדע בעשרייבען עס ניט אפ געמאטערטהייט, לאזען זיך די לעזער פארשטעלען יעדערער נאך זיין בעגריעף. איך קאן אייך מעהר ניט דער ציילען וויא אזוי מאנעסזאהן איז געבליבען לעבען וויא ער אליין האט ערצעהלט נאכדעם אז ער איז געקומען א ביסעל צוא זיך.

57

אַז עס איז באשערט צוא לעבען שטארבט מען ניט.

—אין דעם טאג וואס אין מיין קוואטיר וואר דעם אכיסק פון פאליציא, האט מאנעסזאהן אָן געפאנגען צוא ערצעהלען — האב איך פערבראכט ביז שפעט אין דער נאכט ביוא מיינעם א קאללעגע. איך בין געגאנגען א זייגער איינס ביוא נאכט א היים גאנץ רוהיג. דען איך האב נאך פון גאר ניעשט געוווסט. איך האב אָן געטראָפפען מיינעם א בעקאנטען וועלכער האט ביוא מיר געפרעגט פערוווּנדערט : וויא געה איך דאס אום אזוי רוהיג וועהרענד מען זוכט מיך וויא מיט ליכט. ער האט מיר ערצעהלט אלעס וואס ביוא מיר אויפען קוואטיר האט זיך געטאהן. מיר האט זיך זעהר ניט געוואלט שטארבען א שענדליכען טוידט אויפען גאלגאן וויא א פאליטישער פערברעכער. איך בין צוועק געגאנגען צוא

דעם אייזען־באהן מיט דעם געדאנקען ליגען זיך אויף דיא רעלסען און דער
לאקאמאטיף מיט דיא וואגאנעס זאלען מיך איבער פאהרען , דיא נאכט וואר
א פינסטערע דאס מען האט גאר נישט געזעהן . אזא פינסטערקייט טרעפט גאר
זעלטען . איך האב דערזעהן פון ווייטען פארט דיא ווילדע טהיר מיט דיא פייעריגע
אויגען , איך האב זיך אווארף געטאהן אויף דיא רעלסען איבער געפאהרען צוא
ווערדען , בין איך ארויף געפאהלען עפעס אויף א קערפער און צוויא שטארקע
הענד וויא אייזען האבען מיך דערלאנגט א ווארף דאס איך בין אפ געפלויגען
אויף א קלאפטער א הינטער און בין געלעגען א קליינע ווילע אויף איין ארט דאס
איך האב ניט געקאנט אויף שטעהן . נאכדעם בין איך אויף געשטאנען איך האב
געמאכט געשווינד פייער און האב א קוק געטאהן דאס עס ליעגט א מענש מיט
א צערמאלמענעם קאפף אויף דיא רעלסען , וויא איך פאר שטעה איז ער אויך
א פנים געוועזען פון דיא מענשען וואס דאס לעבען האט זייא דער עסען און
געפינען א מיטעל צוא היילען זייערע וואונדען מיט דעם טויט , נאר אז ער האט
דער הערט וויא איינער האט זיך אוועק געלעגט אויף איהם האט ער געמיינט
אז מען וויל איהם שטערען זיין פלאן האט ער מיך מיט האסט אפ געווארפען פון
זיך אין דער ווילע זינד דיא וואגאנעס איבער איהם אריבער געפאהרען , מיר
איז ארויף אויפען זינען איין געדאנק , און איך האב עס גלייך געטאהן אן אפולע
איבער צוא לעגען דאס . איך האב גענומען גיך האב אפ געצויגען פון זיך דיזע
קליידער האב זייא אן געטאהן דעם טויטען און זיך אן געטאהן אין זיינע , האב
איהם אוועק געלייגט אויף זיין ארט און איך אליין בין מיט גיכע שריט אוועק
געגאנגען . אויפען וועג האב איך גענומען ארום זוכען בייא זיך דיא קעשענעס .
דאס הייסט פון מיינע נייע קליידער , און וויא וואר מיין פרייד אז איך האב
דארטען געפונען א פאספארט מיט הונדערט רובל געלד . דאס וועט מיר
פעלייכט צוא ניץ קומען , קלער איך . איך האב ארום געקוקט דעם פאספארט
דיא פרימעטעס אהנליך אויף מיינע , בין איך געווארען פון דעם העכסט
צוא פרידען . מיר איז אריין א פונק פון האפנונג , דאס עס קאן נאך זיין איך
זאל בלייבען לעבען ווען גאט האט געוואלט אז איך זאל יעצט ניט שטארבען ,
און האט מיך וואונדערבאר אפגעהיט וועט ער מיך אויף ווייטער אויך היטען .
פאר טאג ווען דער פאיעזד געהט אפ האב איך גענומען א בילעט און בין
אוועק געפאהרען . אין וואקזאל און אין וואגאן האב איך אלס געהערט איין
נייעס ערצעהלענדיג , וויא מען האט געפונען א סטודענט פון יורידיצעסקען
פאקולטעט אונטער דעם נאמען מאנעסזאהן אויף דיא רעלסען פון באהן , וויא
עס הערט זיך וואר ער פערמישט אין א פאליטישען פראצעס , און ער האט ניט
געוואלט אריין פאלען אין דיא הענד דער רעכטע האט ער זיך אליין אן געטאהן
א טויט" . איך האב זיך באקלעהרט אוועק פאהרען אירגענד וואו זאגראניצע , און
האב זא געטאהן . איך האב זיך גאר לייכט אריבער געהאפט דעם גרעניץ
נאכדעם איז מיר ארויף אויפען זינען איך זאל פאהרען אין אמעריקא . קיין ריכטיגען

מעם צוא מיין קלערען זא , האב איך ניט געהאט , נאר אזוי האט זיך מיר געוואלט . איך בין געקומען אין אמעריקא אונ האב שוין געקלערט שרייבען מיינע עלטערען א בריעף פון אלעס וואס מיט מיר האט זיך פאסירט , דער חיילע איז מיר געווארען ניט גוט , איך בין געווארען קראנק אונ בין אפ געלעגען איינינע מאנאטען אין א שפיטאל . איך האב אן געהויבען קומען צוא זיך אונ מיר איז ארויף פארשידענע געדאנקען אויפען זינען וואס איך זאל אנהייבען טאהן . אין יענעם טאג איז געקומען דער רעדאקטאר פון דער בעריהמטער צייטונג „העראלד״ אין שפיטאל געוואר ווערען צוא דיא קראנקע , ער האט זיך מיט מיר פארנאנדער גערעדט אונ איך בין איהם זעהר געפעלין געווארען , איך האב איהם דער ציילט מיין גאנצע געשיכטע , אונ ער האטטע מיט מיר מיטלייד ; ער האט ניט געגלויבט דאס איך בין פון רוסלאנד אונ זאל זא ריין ריידען ענגליש . ער האט בייא מיר געפרעגט וואס קלער איך צוא טאהן יעצט , האב איך געזאגט איהם : דאס איך וואלט וועלען ארבייטען אין א וואסערע עס איז רעדאקציע . „אונ איהר פיהלט זיך אין שטאנד צוא ארבייטען אין א רעדאקציע ?״ ווען איך וואלט זיך ניט פיהלען אז איך קאן וואלט איך דאך ניט וועלען אן נעמען זיך פאר דעם , וועלכער מענש וויל דאס אן נעמען זיך פאר אזא זאך וואס ער קאן ניט ? — „אויב אזוי קומט צוא מיר אין רעדאקציע , ווען איהר וועט געזונד ווערען אין גאנצען אונ איהר וועט שוין קאנען אום געהן . אונ אויב איהר וועט מיר געפעהלען ווערען , וועל איך אייך געבען א שטעלע ! איך בין דער רעדאקטאר פון היזיגען „העראלד״ . — „א , איך דאנקע איהנען זעהר !״ אין א פאר טעג הערום בין איך געווארען אין גאנצען געזונד אונ בין דיא ערשטע זאך אריבער געגאנגען צום רעדאקטאר פון העראלד ער האט מיך צוא גענומען זעהר העפליך , האט מיך אוים געפרובירט אין איינינע שפראכען , האט מיר געהייסען שרייבען איינינע זאכען אויף ענגליש אונ איך בין איהם העכסט געפעהלען געווארען , ער האט מיר גלייך בעשטימט א פיינע שטעלע מיט א היפשע געהאלט אונ איך וואר גליקליך . איין צער האב איך מעהר ניט געהאט : איך האב אוועק געשיקט אין גראדסטיוועל א בריעף צוא מיינע עלטערין אונ האב קיין אנטווארט ערהאלטען . (דאס וואר שוין נאך דעם אז זייא זינד אריבער געפאהרען צוא גאלדענבלומען אין יעסעוו) . עס זינד פערפלאססען איינינע מאנאטען אונ איך האב אזוי אוים גענומען בייא מיין ווירטה דאס ער האט מיך געמאכט פאר דעם גאנצען דירעקטאר איבער דער רעדאקציע , ער האט מיר בעשטימט צעהן טויזינד רובל א יאהר געהאלט . אין ניין מאנאטען ארום האט מען מיין פרינציפאל געמאכט היא פאר איין גובערנאטאר . פון דאן אן האט ער גאר ניט אריין געקוקט אין דער רעדאקציע , זיא וואר מעהר ניט אויף זיין נאמען . וואס זאל איך אייך זאגען וואס מיין פרינציפאל איז פאר א מענש , איז גאר צוא זוכען . ער איז צוא אלעמען וויא א גוטער ברודער אונ באגעהט זיך מיט יעדין וויא א פאטער מיט קינדער , נאר דיא ליעבע וואס ער האט באוויזע

צוא מיר ווייס איך ניט צוא וועט ווייזען וועלכער צערטליכער פאטער צוא זיינעם זאהן. ער פלעגט ניט קאנען אוים קומען א טאג ער זאל ביא מיר ניט זיין אדער איך ביא איהם. פאר געסטערין האט ער מיך גערופען צוא זיך, האט זיך מיט מיר זעהר ליעבליך אונטער געהאלטען, אם ענדע זאגטע ער מיר: הער מאנעסזאהן, איך בין א מענש אליין, קיין קינדער האב איך ניט, מיינע פרויא וועלכע איך האב געליעבט איז ביא מיר געשטארבען, נאך א מאהל הייראטען קלער איך ניט, געלד האב איך פיעל, גאט צוא דאנקען, וועמען וועט עס אלעס בלייבען נאך מיין טוידט אז קיין קינדער אונ קיין קרובים האב איך ניט? זייא ביא מיר א זאהן, דען איך ליעב דיך גלייך וויא דוא וואלסט זיין מיינער א קינד, אונ איך האב נאך ניעמאנדען, צייט מיין לעבען, זא געליעבט וויא דיך; דיא רעדאקציע גיב איך שוין אפ דיר אין גאנצען אונ זיא וועט געהן פון היינט אן אויף דיין נאמען. דאס איז זעהר א רייכעס געשעפט, דיא צייטונג איז דיא גרעסטע אין אמעריקא. אונ כמעט אין גאנץ וועלט, איך האב אן געקליבען פון איהר זייט איך בין רעדאקטאר א ערך פון זעכציג מיליאן דאלאר אונ נאך מיין טוידט וועסט דוא זיין מיין גאנצער יורש; העלפט געלד וועסט דוא נעמען זיך, אונ העלפט וועסט דוא צוא טהיילען אויף וואלטהעטיגקייטען, וועלכע דיר וועט געפעלען זיין. איך האב אוים געהערט דיזעס אונ האב ניט געוואוסט וואס צוא טאהן, איך זאל פאלען איהם צוא דיא פים אונ דאנקען איהם? וואס בעטרעפט מיין דאנק געגען דעם וואס ער טהוט מיט מיר. מיינע אויגען זינד אן געלאפען מיט טרערין אונ מיין הארץ האט מיר פאר קוועטשט, דאס איך האב זאגאר איין ווארט ניט געקאנט אוים ריידען ער האט פערשטאנען וואס ביא מיר אין הארצען טוהט זיך אונ האט אן גענומען מיין שווייגען פיר דעם גרעסטען דאנק. איך בין אומגעגאנגען אפאר טעג וויא א צוא מישטער איך האב ניט געוואוסט וואס עס טוהט זיך מיט מיר. געסטערען פאר נאכט בין איך ארוים געפאהרען אויף א שיפעל אונ מיר איז א ביסעל לייכטער געווארען דער קאפף, דאן איז מיר ערשט ארויף אויפען זינען דאס אבוואהל איך בין דער גליקליכסטער אין דער וועלט אבער ניט אין גאנצען; מיר האבען זיך פאר געשטעלט מיינע עלטערין וויא זייא געפינען זיך זעהר אין א שלעכטער לאגע, וואס זייא האבען זיך אן געליידעט פון דיא פאגראמען, נאכהער אייער לאגע (גאלדענבלומס) וויא איהר ליידעט פונם פאגראם וואס וואר אין יעקעוו, וויא איהר האט אן געווארען אייער גאנצען רייכטהום, דען אבוואהל איך וואר פעריאגט פון אייער הויז אלס זינדיגער, אבער מיין ליעבע צוא אייך וואר נאך ניט פארלאשען, נאר מעהר וויא אלעס, האט מיך געמוטשעט אז איך האב ערזעהן אז קיין זאך קאן מיך ניט גליקליך מאכען ווען איך וועל יהודיתן ניט האבען ביא זיך. איך האב זיך געוואונשען בעסער זיין איין ארימער ארבייטער אונ זיין צוא זאמען מיט יהודיתן איידער דער רייכסטער אין דער וועלט אונ אן איהר. מיר איז ארויף געגאנגען אויפען זינען וויא איך בין א מאהל געוועזן ביא אייך אין הויז, אונ וויא איך

בין יעצט אומגליקליך אז איך וואר ערוויטערט פון אייך אונ פון מיינע עלטערין, איך האב אן געפאנגען צוא זינגען איין ליעד אין וועלכע איך האב אויס געדריקט מיינע געפיהלען. דא האט ער דערציילט וויא ער האט געפונען יהודיתן מיט יעליזאבעטקען זיצענדיג אויף א באנק נעבען ברעג טייך.

דיא גאנצע פאמיליע ווארען שטארק גערירהט פון זיין ערצעהלונג. נאך דעם האבען זייא איהם ערציילט אלעס וואס מיט זייא האט זיך אפ געטאהן זייט ער האט זייא אוועק געלאזען. ער האט זיך בעגאסען הערענדיג דיא צרות וואס זייא האבען געליטען וואס ער האט זיך גאר אזוי פיעל ניט פאר געשטעלט. נאר מעהר וויא אלעס האט איהם שטארק דערנומען אונ ער האט זיך ניט געקאנט טרייסטען, דאס אונגליק וואס דיא קינדער זינד געשטארבען.

—א, ארעמע טהייערע שוועסטער הענעלע אונד ברודער מענדעלע, ניט בעשערט אייך צוא לעבען אין נחת, יונגערהייט זייט איהר אפ געפליקט געווארען פון דער וועלט ניט צוא געניסען פון איר גוטס, איהר האט זיך גאר ניט פאר געשטעלט וואס פאר א צוא קונפט אייך איז פאר געשטאנען ווען איהר וואלט געבליבען לעבען, איהר וואלט זיין העכסט גליקליך אונ וואלט פארגעסען אייערע צרות!

עס איז געווארען מיטאג צייט דיעבמאן איז געקומען פון דער ארבייט, ער האט דערזעהן מאנעסזאהנען האט ער גאר ניט געוואוסט וואס דאס בעדייט. צוא איז ער אויף דער וועלט צוא אויף יענער וועלט. מאנעסזאהן האט געפרעגט אויף איהם ווער ער איז? זייא האבען געאנטווארטעט דאס אויף דער ראמאנטישער ענטוויקלונג פון זייער געשיכטע האבען זייא איהם גאר פערגעסען צוא דערציילען. יעצט האבען זייא איהם ערציילט וויא עס האט זיך דער גאנגען אז זיין פאטער מיט גאלדענבלומען זייגען ברידער, אז דיעבמאנן איז זיין מוטערס א זאהן פון דעם ערשטען מאנן, וויא ער האט איהם צום אנפאנג א ביסעל שלעכטס פערארזאכט, נאר נאכדעם האט ער איהם גערעטעט פון זיין פארשפארונג פון הונגער אונ דארשט, וויא ער האט זיינע עלטערין א טובה געטאהן אין ברעסלוי מיא זאל זייא פרייא אריבער פיהרען אין אמעריקא, וועהרענד ער האט נאך ניט געוואוסט אז זייא זיינען איהם עלטערען, וויא ער האט גערעטעט יעליזאבעטקען פון מעער וויא ער האט נאכדעם געארבייט אונ אויף געהאלטען זיינע עלטערען.

א, זינד זיא מיין ברודער? דער זעלבער וואס האט מיך דאן בעפרייט פון מיין איינשפארונג אונ האט צוא טאהן אלעס דיזעס וואס מען האט מיר ערציילט פון דיינט וועגען? דוא ביזט איין טאפפערער מאן, איך שעם זיך ניט מיט דיר אבוואהל דוא ביזט איין מאהל א דיעב געוועזן! דיעבמאן, וואס ער האט איהם ליעב געהאט וויא א ברודער וועהרענד ער האט נאך געמיינט אז ער איז איהם א פרעמדער, האט זיך ניט געוואגט ארום ארעמען מאנעסזאהנען אונ אויס דריקען זיין ליעבע אין הייסע קוססען. נאר מאנעסזאהן האט איהם

פריהער ארום גענומען האט אידם פעסט צוא געדריקט צום הערצען און הילכענדע קיססען האבען געקלונגען איבערין גאנצען צימער .

אין איינינע מינוטען ארום איז צוא געגאנגען דיעבמאן מיט יעליזאבעטקען , צוא גאלדענבלומען מיט דער פרויא , און מיט א ציטערענדען טאן וואס ווייסט הערויס אויף זייערע אינגערליכע געפיהלען , האבען זייא געזאגט : ווען אלעמען איז יעצט פריילך מאכט שוין אונז אין גאנצען פריילך און זעגנעט אונז . . . מאנעסזאהן האט אוים געשריגען ! בראווא ! מאלאדיעטץ ! ער מאכט זיינם , און ער איז גאנץ גערעכט , דען זיא איז אין דער טהאט אין גאנצען זיינע . גאלדענבלום מיט דער פרויא האבען ערפיהלט זייער ווונש .

נאך דעם איז געגאנגען מאנעסזאהן פארשטעלען זיינע עלטערען , זיינע פערליעבטע , גאלדענבלומען מיט דער פרויא , יעליזאבעטקען מיט דיעבמאנען פאר זיין וואהלטהעטער א מאהליגען פרינציפאל , וואס וואר רעדאקטאר פון הערואלד און יעצט גובערנאטאר .

58

ביי דעם גובערנאטאר .

אין אפיינעם פערפוצטען צימער איז געזעסען דער גובערנאטאר אין טיפע געדאנקען . אך , וויא עס איז ניט דא קיין גאנצעס גליק אויף דער וועלט , דענקט ער — אזא מענש וויא איך דאכט זיך ווער וואלט זאגען אז איך קלאג זיך אויף מיין שיקזאל ? וואס קאן זיין בעסער וויא מיר איז ? איך האב געלד וויא פיעל איך וויל , קאן זיך פערשאפען פערשידענע פערגניגען וואס ניט אלע קאנען אוים פיהרען , האב א נאמען ביי דיא גרעסטע מענשען , אי אין ליטעראטורנעם פאפרישצע (לאוף־באהן) , אלעם רעדאקטאר פון איינע פון דיא גרעסטע צייטונגען אין דער וועלט , אין שטאט געזעלשאפטען אלעם גובערנאטאר פון אזא פיינער שטאדט ; אבער קיינער ווייס ניט דיא וואונד וואס בייא מיר אין הארצען , קיינער זעהט זיא ניט וויל זיא איז פערדעקט גוט : עס טרעפט א מענש האט ניט קיין קינדער האט ער א פרויא . האט ניט קיין קינד , קיין פרויא — האט ער ברידער , שוועסטער , פלימיעניקעס שוועסטערקינדער , אבער וואו איז נאך פראגען א מענש זאל זיין זא איינזאם וויא איך בין ? וועמעס בין איך ווער איז מיינער ? קיינע קינדער האב איך ניט , מיין פרוי איז געשטארבען איך האב ניט קיין ברודער , קיין שוועסטער , קיין גואלים , קיין קרובים : וואס

איז מיר דיא פעולה פון מיין געלד. אויף וועמען האב איך געהארעוועט מיין גאנצען לעבען? אמת, איך האב געפונען א מענשען וואס איז מיר טריא וויא א קינד, אונ ער וועט מיך דערמאנען אפשר נאך מעהר וויא א זאהן א פאטער. א קינד אז איהם בלייבט אזוי פיעל פון עלטערען ווייס ער עס גאר ניט וויא צוא שעצען, ער מיינט עס דארף זיין אזוי! אבער ער, ווייס וויא צוא זיין דאנקבאר מיר פאר מיינע וואלטהאטען וואס איך האב מיט איהם געטאהן, אבער אלעס איז ער דאך מיר גאר א פרעמדער, ער וואלט זיין חאטשע מיינער א קרוב, איז פארט איינענע בלוט! ער הויבט אויף דיא אויגען ער זעהט עס געדהט מאנעסזאהן מיט א גאנצע מענגע מענשען: מענער אונ פרויען, אלטע אונ יונגע. ער האט איהם זעהר ליעבליך צוא גענומען. א, דוא ערפרייסט מיך זעהר מיט דיין ערשיינונג, מיין טהייערעס קינד, אז דוא קומסט ווערט מיר אטך פרעהליכער, אז איך בין אליין ווערט מיר אפט מאהל אונמוטהיג. אך, וואס פאר א געדאנקען עס געהן ארויף אויפען זינען! נאר זאג מיר ווער זיינען דיא מענשען וואס דוא האסט א הער געבראכט, עפעס אלע ניט בעקאנטע, וויא עס וויזט מיר אויס זיינען זייא ניט היגע.

—דאס זינד מיין פאטער אונ מוטער, מיין ברויט, קינפטיגע שוועער אונ שוויגער, ברודער אונ זיינע ברויט וואס איז מיינער ברויטס א שוועסטער.

—מיר איז זעהר אנגענעהם צוא זעהן זייא ביי זיך אין הויז — אנטווארטעטע ער — זייא זינד בייא מיר גלייך וויא עס וואלטען קומען צוא מיר מיינע עלטערען, ברידער אונ שוועסטער, ער האט זיך זעהר העפליך געגריסט מיט יעדערין, אונ מאנעסזאהן האט איהם פאר געשטעלט יעדערין בעזונדער.

—נאר זאג מיר וויא קומען זייא א הער?

—מיינע עלטערין וואהנען אין גראדסטייוועל. מיינע קינפטיגע שוויגער עלטערין אין יעקעוו, מיין ברודער אין בלאטע, זייא ווארען אלע ראזאריעט פון דיא פאגראמען זינד זיא זיך צוא נויף געקליבען אין אמעריקא. ער האט איהם ערצעהלט אין קורצען זייער לעבענס געשיכטע, אויך וויא ער האט זיך פערליעבט אין יהודיתן ווערענד ער וואר א ארימער סטודענט אונ איהרע עלטערען ווארען זעהר רייך, וויא אם ענדע האט זיך דערגאנגען אז זיין פאטער מיט זיין קינפטיגען שוויגער פאטער זינד ברודער.

—אונ צייט זייער לעבען האבען זייא גאר ניט געוווסט אז זייא זיינען ברידער? פראגטע דער גובערנאטאר.

—ניין.

—וויא איז דאס מעגליך?

—זייא זיינען געבליבען יתומים פון זייערע עלטערען וואס ווארען גאנץ רייכע לייט אין דער אידעשער שטאדט בילהאם. נאר פארין טויט האט מען זייא בעגנבעט אונ דיא קינדער איז גאר ניכט געבליבען, זייא האבען זיך געהארעוועט בייא א מומע אונ זייא וואר זעהר שלעכט זינד זייא פון איהר

אנטלאפען . איינער איז מגולגל געווארען אין איין ארט און דער אנדערער אין דעם אנדערען . און האבען איינע פון די אנדערע ניט געוואוסט . ביז דורך א צופאל — און די הויפט אורזאך דאפאן ווארען די קלעפ פון די קאצאפעס האבען זיי זיך דערקאנט .

—אין וועלכער שטאדט זאגסט דו האבען זיי זיך געהאדעוועט אלעס קינדער ?

—אין בילהאם .

—אין בילהאם ? ווידערהאלטע דער גובערנאטאר און האט זיך אביסעל פערטראכט — וויא האט געהייסען זייער פאטער ?

—זייער פאטער האט מען גערופען משה גאלדענבלום.

—משה גאלדענבלום ? . . . — ער האט זיך א ביסעל פערטראכט וויא איינער וויל זיך דערמאנען אן א אלטע געשיכטע וואס ער האט שוין לאנג געהערט . און פרעגטע ווייטער : מיט וואס האבען זיי זיך בעשעפטיגט ?

—זיי האטטען א גרויסען געשעפט פון שניט סחורה .

—מיט וואס פאר א אופן האט מען זיי בעגנבעט ?

—דאס קאן איך אקוראט ניט זאגען , דאס קאן אייך מיין פאטער ערצעהלען , ער געדענקט אוודאי .

אברהם האט איהם ערצעהלט אקוראט וויא עס איז פאר געגאנגען די גנבה וואס אונזער לעזער איז שוין באקאנט .

—וויא רופט מען אייך ?

—אברהם .

—און דעם אנדערן ברודער אייערען ?

—יצחק .

—מעהר וויא צוויא ברידער איז ביי אייך ניט געוועזן ?

—ביי אונז וואר אויך א דריטער , וואס נאך מיין פאטערס און מוטערס טויט האט ער זיך געהאדעוועט ביי איינעם א רייכען בעזדיעטניק אין בילהאם.

—איהר געדענקט ניט פיליייכט וויא מען האט איהם גערופען ?

—איך געדענק פאר וואס זאל איך ניט געדענקען מען האט איהם גערופען יעקב .

—יעקב ? — פרעגט דער גובערנאטאר ערשראקען און דאס געזיכט וואר איהם בלאס וויא ביי אלייכע . אלע האבען איהם אן געקוקט שטארק אין געזיכט .

—און וואו איז ער איצטער , ווייסט איהר ניט ?

—ניין . אז מיר זיינען אנטלאפען פון דער מומען האבען מיר איהם געלאזען ביי דעם רייכען בעזדיעטניק, און פון דאן אן האבען מיר פון איהם גאר נישט געהערט .

—איהר געדענקט אפשר וויא מען האט גערופען דעם בעזדיעטניק, ביי

ווען אייער ברודער האט זיך געהאדעוועט ?

—ניין, דאס איז אונז שווער צו געדענקען ווייל איך וואר דאן מעהר ניט ווי צוועלף יאהר אלט. נאר פון דעמאלסטיגען ווארט, איך וועל זיך אפשר דער מאנען... ניין, פערצייהען זיא. איך קאן זיך ניט דערמאנען.

אלע זינד געוועזען פערוואונדערט וואס ער פרעגט זיך אזוי שטארק נאך פארדאבנע וועגען דעם דריטען ברודער זייערען.

—אונ אז איך וועל אייך זאגען דעם נאמען וועט איהר זיך דערמאנען ?

—יא.

—דאכט זיך אז מען האט איהם גערופען תימנני ?

—יא, יא, תימנני, איך האב זיך טאקע דער מאנט.

—פון וואנען ווייסען זיא דעם נאמען זייערס, האבען געפרעגט אויף א מאהל אברהם אונ איזידאר.

—איך ווייס נאך א זאך וואס איהר ווייסט ניט, איך ווייס וואו אייער ברודער איז.

—זיא ווייסען וואו אונזער ברודער איז ? !

—יא, אויב איהר ווילט קאנט איהר איהם שוין זעהן, איך וועל שיקען נאך איהם דען ער איז דא אין ניו־יארק.

—אפשר איז עס אויב מיר ווילען ?

—נו, איז פערשפארט צו שיקען איהר קאנט איהם גלייך זעהן.

—וואו ?

—אט דא נעבען אייך אויפען שטול זיצט ער.

—א! זינד זיא אונזער ברודער יעקב! וואס ריידען זיא ?

—יא יא, איך בין אייער ברודער יעקב! אונ איז ארויף געפאלען פריהער אברהמען אויפען האלדז האט זיך מיט איהם שטארק צו קושט. נאך דעם איזידארען, נאכהער האט ער ארום גענומען מיט זיינע ארעמס מאנטעזאהנען האט איהם שטארק צו געדריקט צו זיך אונ זאגטע: יעצט קאן איך דיך אודאי רופען מיין קינד, ווען דו ביסט מיין ברודערס זאהן. איך האב ניט קיין חרטה וואס איך האב דיר צו געזאגט מיין גאנצע ירושה. ער האט זיך מיט אלעמען צו קושט אונ האט זיך אוועק געזעצט אויף זיין ארט בלאס אונ צערשטערט.

—פערצייהע מיר אויף מיין פראגע, מיין ברודער, פרעגטע איהם אברהם, דו ביסט א אי... ד ?

—וואס פיר איינע פראגע איז דאס ? איך בין דען אין רומעניע וואס אום צו ערדריקען עמיצען א ציעל מוס זיך א איד אפ זאגען פון זיין גלויבען, איך בין א איד ווי אלע אידען אונ האב ליעב א אידען אודאי גלייך ווי אלע פראמע, זאגאר ווי אלע ליעוועלע המידים גאך אפשר מעהר, איך דינט זיך אין רעכטע דינים אויך ניט וועניגער ווי אלע פרומע אמעריקאנישע יודען.

און עס שטערט מיר גאר ניט צוא מיין אמט און ראנג, וועלכע איך פערטרעט.

—זאגען זיא מיר ליעבער אנקעל. אדער וויא זייא רעכנען מיך פאר א קינד, ליעבער פאפא, וויא פאלט איהר אויס צוא פאהרען אין אמעריקא, מיט וויא פיעל צעהנדלינג יאהר צוא ריק? וועהרענד אונזערע רוססישע אידען האבען גאר א קליינעם בעגריף געהאט פון פרייהייט און פון בילדונג — פראגטע מאנעסזאהן.

—דאס איז אויך א קליינע פראגע, עס איז דאן געוועזן וועניג אידען וואס האבען זיך ענטשלאסען מאכען א שריט און אראפ ווארפען פון זיך דיא שטריק מיט וועלכע זייא זיינען געוועזן פערבונדען, אבער א בעגריף האבען א סך געהאט, זייא האבען פערשטאנען אין וואס פאר איינער שלעכטער לאגע זייא געפינען זיך, פיעלע וואס האבען געהאט מוטה און ענערגיע זיינען זייא געווארען מענשען, און דיא וואס זיינד געוועזן שוואכמוטהיג זיינד געבליבען גאר־נישטען, דאצוא דארף יעדער האבען אזאך וואס זאל איהם ארויס שטופען פון זיין אלטער פאלאזשעניע און טרייבען איהם צוא א נייער! איך זעלבסט ווען מיין בעזדעטניק וואס האט מיך ערצויגען וואלט זיין א מענש, וואלט זיך מיט מיר באגעהן וויא א רייכער בעזדעטניק דארף זיך באגעהן מיט א קינד וואס ער נעמט זיך אויף האדעווען, וואלט איך אויך בלייבען א רוססישער קרעמער, א זאוואדשיק אדער א פאדראצשיק, אבער אז ער וואר א קארגער און דאצוא נאך א משוגענער פאנאטיק. ער האט ביי מיר איין מאהל געפונען איין לשון קודש ביכעל האט ער מיך געשניטען געשלאגען מכת רצח. אט האב איך זיך בעשלאסען אוועק לאזען איהם און זוכען זיך אליין עפעס א ציעל, אנדערע האבען זיך דערגאנגען זייערס אין רוסלאנד זיינען געווארען דאקטורים, יוריסטען, אנדערע זיינד אוועק געפאהרען אין אויסלאנד אין פראנקרייך און ענגלאנד, און איך האב זיך אויס געקליבען אמעריקא, און האב קיין חרטה אויף מיין וויבאר...

אין צווייא וואכען ארום ווארען געפייערט אין ניי־יארק צווייא האכצייטען מיט אזא פראכט און גלאנץ דאס עס וואר בעוואונדערט פון אלע ניי־יארקער איינוואהנער. איין חתונה וואר מאנעסזאהנ'ס מיט יהודיתן, דיא אנדערע ריעבמאנס מיט יעליזאבעטקען. דיא חתונות ווארען ביים גובערנאטאר אין הויז, עס ווארען דיא גרעסטע לייט פון שטאדט אויף דיא האכצייטען, עס איז געוועזן מאהל צייטען ניט ערגער וויא ביי א פוילישען גוטען אידען אויף זייערע קינדערס חתונות. נאר מיט מעהר ארדנונג און טאקט! מען האט ניט געחאפט פון דיא טעלער און פון דיא שיסלען. און מען האט זיך ניט געפאטשט איינער דעם אנדערען... טפוי, וואו הין איך בין פערקראכען גאר צוא פוילישע גוטע אידען! אויך מיר א טעמא וועגען וואס צוא רעדען, און אקוראט וויא עס איז א פעולה אז מען רעדט.

גאלדענבלום, און מאנעסזאהן און דיא גאנצע פאמיליעס זייערע האבען געוואהנט אלע צוא זאמען מיט יעקבן, וואס וואר אלעם גובערנאטאר. זייא האבען געלעבט א גליקליכעס לעבען, אויף אלע מיינע פריינד געזאגט געווארען.

(פיערטער טהייל)

יעקב האט שוין ניט געלעבט א אומעדיגען איינזאמען לעבען, ער האט נחת געהאט פון זיינע ברידער, און פון זייערע קינדער גלייך ווי פון אייגענע קינדער. ער האט געדאנקט גאט וואס ער האט איהם צו געשיקט ראטזשע צו דער עלטער געפינען זיין פאמיליע, ניט שטארבען אליין אהנע אייגענע און פריינד.

59

ווי עס קומט צום לעבען קומט דער טויט.

מיר געפינען אפט מאהל מענשען אין דער וועלט וואס זיי איז זעהר ניט גוט, זיי האבען צרות און עניים וואס איז זיי שווער אריבער צו טראגען, זיי איז איבער דריסיג דאס לעבען און זיי ווינשען זיך מיט דעם גאנצען הארצען דעם טויט, ער זאל זיי בעפרייען פון זייערע ליידען; אבער גראד דאן לאזט ער זיך שטארק בעטען און קומט דוקא ניט, דען ער האט פיינט צו טאהן צו ליעבע. ווען קומט ער? גראד ווען מען רופט איהם ניט, ווען מען שרעקט זיך פאר איהם! איינעם איז ניט גוט און נאכהער פערבעסערט זיך זיין אבסטאיאטעלסטווא, דאן קריגט ער זיך א גאסט, דעם טויט! ער מאכט איהם א וויזיט און ער מוז אפ געהן צו איהם וועהרענד ער וויל גאר ניט אוועק געהן פון דער היים! איינער לעבט א גליקליכעס לעבען, איהם פעהלט קיין זאך, ער האט גרויס פערגניגען פון דער שיינער וועלט, האט אייגענע און פריינד וואס ער ליעבט זיי ווי זיך און וויל זיך פון זיי ניט שיידען! און דער טויט הערט דאס ניט און רייסט איהם אוים מיט געוואלד פון זיין פערגניגענדען לעבען!

מיא דארף ניט זוכען א גליקליכערען לעבען ווי עס האט יעצט געלעבט יעקב ניו־יארקער גובערנאטער! ער האט פריהער אויך געלעבט, כמעט בעסער ווי א מקרא דרדקא מלמד, אבער אלעס האט ער געהאט הארץ ווייטאג פון דעם וואס ער וואר א מענש אליין אן קינדער און אן קרובים, און זיין יורש דארף גאר זיין א פרעמדער; אבער יעצט ווען ער האט געפונען זיינע ברידער פלעמעניקעס, זיין יורש וואס ער האט זיך געמאכט איז אויך ניט קיין פרעמדע און ער ליעבט איהם מעהר ווי א זאהן, דאכט זיך אז איהם וואר ניט גא שלעכט און האט געוויס ניט געוואלט שטארבען! ער וואלט וועלען נאך לעבען אין פערגניגען מיט זיינע ברודער און זייערע פאמיליען; אבער דער טויט האט איהם ניט געפרעגט און איז געקומען רופען איהם אויף יענער וועלט און ע

האט געבאך ניט ווילענדיג געמוזט געהן !!!

אין אכט מאנאטען הערום זייט דיא בעגעבענהייטען וואס זינד בעקאנט אונזערע לעזער פון דעם פאריגען קאפיטעל , איז יעקב שטארק קראנק געווארען , ער האט געפיהלט אין זיך אז ער דארף באלד שטארבען האט ער צוא זיך אריין גערופען מאנעמזאהנען אונ האט איהם געזאגט פאלגענדעס :

—מיין קינד , איך האף אז דוא ווערסט זיך באגעהן נאך מיין טויט גלייך וויא אין מיין צוואה איז געשריבען (זיא ליעגט דא אין מיין אייזערנעם שראנק) בעמליך : איך גיב אפ מיין גאנצעס געלד דיר , העלפט ווערסט דוא נעמען זיך אונ העלפט ווערסט דוא בענוצען אויף וואהלטהעטיגע זאכען וועלכע דיר וועט געפעלין זיין . איך פארשטעה אז דוא ווערסט עס אויף נארישקייטען ניט אויס געבען , איך וויים בעשטימט אז דוא ווערסט וויסען צוא בענוצען דאס געלד אויף וויכטיגע זאכען ; נאר איך האב געוואלט וויסען אויף וואס קלערסט דוא איבער הויפט פערטאהן דאס געלד ?

—איך וועל אייך זאגען ליבער אנקעל , ערשטען האף איך אז גאט וועט געבען אז איהר וועט נאך לעבען ביז הונדערט אונ צוואנציג יאהר , נאר דאן קלער איך אויך פון אייער געלד זיך קיין נוצען מאכען , זאגאר פון דער העלפט וואס איהר גיבט אפ מיר אליין ! איך קאן זיך דאנקען גאט און אייער געלד דורך לעבען גאנץ פיין פון דער רעדאקציאן וואס איהר האט מיר איבער געגעבען ; פון דאס געלד וויל איך מאכען אזא זאך וואס זאל האבען א גרויסע בעדייטונג פאר יודען , ניט אויף א ווייל נאר אויף אלע מאהל ! דורך אייער געלד זאל אייער נאמען בלייבען א עוויגער אנדענקען אין דער אידישער געשיכטע ! אייער געלד וועל איך אנווענדען נאר אויף דעם נאציאנאל געפיהל איין צוא ווארצלען ביא אונזערע ברידער , שטיצען מיט אלע מעגליכקייט דיא פיאנערין (חלוצים) פון אונזערע ברידער וואס זייא האבען געאפפערט אלעס אום צוא בעארבעטען מיט זייערע הענד דאס היילגע לאנד , וואס אונזערע עלטערין האבען דארטען א מאהל גליקליך געלעבט אונטער דער שוץ פון זייער אייגענע רעגירונג , פון דארטען איז ארוים דיא צוויליזאציע , וואס בעלויכטעט נאך היינט דיא גאנצע וועלט , אונ דיא צוויליזירטע איירפא קאן נאך היינט ניט גלייך קוקען מיט אפענע אויגען אויף דער שיין פון דער צוויליזאציע וואס מיר האבען בעלויכטען אין דער היילינער לאנד דורך אונזער היילגער תורה מיט דרייא טויזענד יאהר צוריק ! עס וועט נאך הונדערטער וואפפראסען ביא זייא געפרעגט ווערין , פיעל טייכען בלוט וועט נאך ביא זייא פארגאסען ווערין ! ביז זייא וועלין קומען צוא דער צוויליזאציע וואס מיר האבען ארוים געגעבין גאר אין דער שטיל און א טראפפען בלוט אויף א קליין בערגעלע ! נאך ניט איין הונדערט יאהר וועט אריבער , איידער זייא וועלין איין פיהרען ביא אזא הומאניטעט (אלע מענשען ליעבע) וועלכע אונזערע היילגע נביאים האבען איין געפיהרט ביא אונז , אין אונזער לאנד מיט טויזענדער יאהר צוריק ! אט דיא פיאנערין , וואס געווים

וועלין זייא מוזין פיעל שטרייטען אידער זייא וועלין קומען צוא זייער ציעל, ווארום וויא גרויס דער ציעל איז, וועט דאך געוויס אויך גרויסע שטערונגען זיין פון אלע זייטען! זא וויא פון אונזערע ברידער זעלבסט, וואס וועט זיך געוויס געפינען א סנבלט החורוני וויא ביים בית שני*, זא פון דער טירקעשער רעגירונג, נאר וואס מעהר עס איז דא געגין א אידעע שטערונגען, ווערט זיא אלעם מעהר שטארקער אונ עס ווערט מעהר דיא שטרייטער, דיא העלדען פיר דער אידעע. נאר דארום זייא זאלען האבען מיטלען מיט וואס צו שטרייטען, וואס דאס איז נאר געלד, וועל איך אייער גאנצע געלד אן ווענדען נאר אויף דעם איך וועל שטיצען דיא קאלאניען וועלכע עס זיינען שוין געגרינדעט געווארען, איך וועל גרינדען נייע קאלאניען פיר אונזערע מכבים, דיא חברה ביל"ו וואס האבען באוויזען זייער העלדען קראפט, וואס דער נאציאנאל געפיהל האט אין זייא ערוועקט, צוא שטרייטען שוין גאנצע דרייא יאהר געגען אלע שטערונגען אונ ניט נאר א אפענע שטרייט (וואס דאס איז נאך ניט זא שווער) נאר זייא זיינען אויס געשטאנען פערשיעדענע קאפריזען פון דיא סנבלט'ס החורונים אונ נאך פיעל העלדען-טהאטען וואס אויסער וואס זייא דארפען פיעל בעלוינט ווערין פון זייער נאציאן פאר זייער גרויסען אפפער וואס זייא האבען פון זיינעטוועגין געבראכט, נאר אונזער גאנצען האפענונג מוזען מיר אויף זייא באען, אז מיר וועלין האבען אזעלכע העלדען וועלין מיר מיט גאטס הילף קומען צוא אונזער ציעל. דיא קאלאניע וואס איך וועל גרינדען פיר דיא ביל"ו וועט בלייבען א עוויגער אנדענקען פון אייך, ניט נאר אלעם גראסער וואהל-טהאט נאר אלעם גרינדער פון דעם גליק פון אייער גאנצער נאציאן!

—א! איך וועל שטארבען רוהיג—האט זיך יעקב אפ גערופען מיט א וויינענדיגע שטימע — מיין נ"ע זעה איך יעצט פאר מיין לעבין, דער אנדענקונג איז בייא מיר טהייערער וויא קינדער, דיין ציעל איז זעהר גרויס: ווארום מיר דארפען שטרייטען מיט אלע קרעפטין געגין דיא גרעסטע שטערונגען מיר זאל נאר קומען צוא דעם הויכען ציעל! הלואי וואלטען דאס פערשטעהן אלע אונזערע ברידער זא וויא דוא, אז דיא שטערונג פון דער טירקייא זאל זייא ניט אפ האלטען פון זייער היילגער ארבעט צו בעזעצין אונזער היילגעם לאנד, וואלטען מיר געוויס גיך געקאנט קומען צו אונזער ציעל. גאט זאל דיר געבין קרעפטין, מיין קינד, דוא זאלסט ערוועקען בייא אונזערע ברידער זייער אמאהליגען נאציאנאל געפיהל אונ דוא זאלסט נאך זעהן בנחמת ציון וירושלים!

איהם איז געווארען זעהר ניט גוט, עס זינד אריין געגאנגען אברהם מיט

*) בעת עזרא אונ נחמיה האבען אן געהויבען ארויס צוא געהן פון גלות בבל אין ארץ ישראל אונ מאכין דארטען א ישוב, האבען זיך דאמאלס געפונען גרויסע געגנער פון אידען געגען דעם ישוב ארץ ישראל, איינעם דעם גרעסטען פון דיא געגנער האט מען גערופען סנבלט החורוני.

דער פרויא אונ איזידאר מיט זיין פרויא מיט דיא קינדער . ער האט אויף זייא מעהר ניט וויא א קוק געטאהן אונ איז געשטארבען .

מען האט איהם מקבר געוועזן מיט גרויס עהרע , דיא גרעסטע מענשען פון אידען אונ קריסטען זיינד געגאנגען צוא דער לויה , עס וואר א עם רב וואס וואר שווער איבער צוא צעהלען ! ער וואר פון אלעמען שטארק בעקלאגט .

אין א וואך הערום איז מאנטעסאהן געפאהרען מיט זיינער פרויא צוא זאמען אין קאנסטאנטינאפאל אוים צוא פיהרען זיין פלאן וואס ער האט פערשפראכען זיין אנקעל פאר זיין טויט .

60

דאס ענדע דער פרעפפעלטהאט .

וועהרענד מאנטעסאהן אין געוועזן אין פאריז , דורך רייידען מיט חברה כל ישראל חברים זייא זאלען מיט איהם מיט העלפען אין זיין אידעע , העלפען איהם אוים פיהרען זיין פלאן , איז ער אויך ארום געגאנגען איבער אלע אידעשע וואלטהעטיגע ריכטונגען בעקאנט ווערען מיט דיא ארדנונגען אונזערע פראנצעזישע אידישע וואהלטהעטיגקייטען .

אז ער איז געוועזן צוא זאמען מיט יהודיתן אין דעם אידעשען שפיטאל האבען זייא באמערקט אונטער אלע פאציענטען איין פערזאהן וואס איז זיי זעהר בעקאנט . דאס וואר א יונגער מענש וואס איז געלעגען אונבעוועגט אויף איין בעטעל א אפגעצעהערטער וויא א סקעלעט , אויף דעם ארט פון דיא אויגען זעהט זיך נור וויא צווייא גרויסע לעכער , דיא וואנגען זיינד איין געשרומפען אונ עס שטארצען ארוים דיא ביינער , דיא נאזע וואר אוים געצויגען וויא ביא א שטראך דער שנאבעל . זייא האבען ערקענט אין דער פערזאהן אונזער בעקאנטען פינקעלשטיינען ! זייא וואר וואנדערבאר וויא ער קומט אהער , זייא האבען גענומען אריין געהן מיט איהם אין א געשפרעך , אוים נייגעריגקייט צוא וויסען זיין געשיכטע וואס מיט איהם האט פאסירט זינט זייא האבען איהם געלאזען אין יעקעוו אין א גליקליכער פאלאזשענע , ער האט זייא ניט ערקאנט דען ביא איהם ווארען שוואך דיא אויגען , ער האט מעהר ניט געפרעגט ביא זייא ווער זייא זיינען , האט איהם מאנטעסאהן געאנטווארטעט דאס ער איז רעדאקטאר פינם אמעריקאנישען „העראלד״ ער איז געפאהרען ארום זעהן פאריז איז ער אריין אויך אין דער אידעשער האלניצע ארום קוקען דיא ארדענונג וואס אין איהר

איז, ער האט ניט געוואָלט זאָגען פאַר איהם דאס ער איז מאנעסזאהן.

—ווען זייא זייגען אַ רעדאַקטאָר פון אַ צייטונג זאָ מוס איך אייך ערצעהלען עטוואס פון מיין לעבענס געשיכטע, דען אָבוואָהל מיר וועט שוין יעצט פון קיין זאַך קיין פעולה זיין, איך וועל שוין ניט פיעל לעבען אויף דער וועלט, דער טויט וועט מיך באַלד בעפרייען פון מיין טרויעריגען לעבען, נאָר דער וועלט קאָן נוצען ברייגגען די ביאָגראַפיע פון אַזאַ מענשען וויא איך אונ דאס ענדע וואס איך האב געהאט, איבער־הויפט פיר רייכע געבילדעטע יונגע לייט קאָן איך אַלעס מוסטער דיענען זייא זאָלען וויסען וויא צוא פיהרען זיך אויף דער וועלט.

—איך בין אַ איד, איך האב זיך ערצויגען בייא זעהר איין רייכען מאַן, ער וואַר פון דיא רייכסטע לייט אין רוסלאַנד! עס האָבען מיך ערצויגען קריסטליכע אַבער־גלויבישע ניאַנקעס, זייא וואַרען העכסט דום אונ פאַנאַטיש אונ דאַצוא מיט איין געוואַרצעלטען האס צוא יודען, וואס זייא האָבען עס צוא זאַמען מיט זייער מוטערס מילך געזויגען! אָבוואָהל זייא וואַרען בייא אידען אין הויז, דאָך וואס זייא פלעגען קאָנען פלעגען זייא אַראָפּ וואַרפען דעם איד פאַר מיר אין דיא אויגען, זייא פלעגען מיר פאַרשטעלען אַ אידען פאַר אַ טייפעל. אַז זייא פלעגען מיך דאַרפען שרעקען פלעגען זייא נאָר זאָגען: „זשיד אידיאָט" „דער זשיד וועט דיך נעמען אין טאָרבע, דער זשיד וועט דיך שטעכען מיט זיין מעסער"; דער נאָמען זשיד פלעגט ניט אַראָפּ געהן פון זייער צונג אַלעס צוא שאַנדע. אַז איך בין געוואָרען עלטער האָט מען מיר גענומען אַ אידעשען רבין פון יוצא וועגען, אויך אַ פאַנאַטיק, אַ אַבער־גלויבער אונ אַ גרויסער נאַרר, ער האָט גאָר נישט פאַרשטאַנען וויא צוא זיין אַ פעדאַגאָג, ער האָט ניט געזעהן געבען מיר צוא ערקלערען דעם יודענטהום, דיא הויפט זאַכען פון דער אידעשער רעליגיאָן, זאָנדערן ער פלעגט מיר אַלם זאָגען פון ווילדע מנהגים פון נאַרישע אויפפיהרונגען, וואס נאַרען האָבען דאס פערגעטערט, ער פלעגט מיר עפּעס פלוידערין פון שדים, פון רוחות, פון מזיקים, פון קליפות, וואס איך האב ניט געוואוסט מיט וואס מען עסט דאס! ער פלעגט מיר עפּעס לערנען מקיים זיין אַזעלכע מצות, אָפּ היטען זיך אין דינים וואס מען זאָל זאָגאַר זיין אַ מלאך איז דאס אויך שווער אוים צוא פיהרען, אונ ווען ניט שטראָפט מען מיט אַ זעלכע בעשטראָפונגען וואס עס שוידערט הערענדיג. מיינע עלטערען וואַרען זעהר פראָמע, זייא וואַרען ניט קיין לומדים אונ ניט קיין קענער, נאָר גענאַנט האָבען זייא זיך מיט דעם נאָמען אַריסטאָקראַטען ד. ה. זייא האָבען זיך געלעבט גרויס־אַרטיג; זייא האָבען געהערט אַז געבילדעטע לאַכען אָפּ פון אידעשקייט אונ מען רופט זייא אַריסטאָקראַטען, אונ זייא האָבען זיך אויך געהאַלטען פאַר אַריסטאָקראַטען, היינט מיט וואס האָבען זייא געקאַנט אַרוים ווייזען זייער אַריסטאָקראַטיע אַז געקאַנט האָבען זייא גאָר נישט, פון בילדונג האָבען זייא געוואוסט וויא איך פון קבלה—מעהר ניט מיט דעם וואס זייא האָבען געלאַבט

פון אידען. מען קאן זיך שוין פאר שטעהלען וואס פאר א בעגריעף איך האב
געהאט פון אידעשקייט נאך דער ערציהונג פון א זעלכע נייאנקעס, נאך דער
תורה פון מיין רבין וואס ער פלעגט מיר זאגען אויף נארעשקייט אז דאס איז
דיא אידעשע רעליגיע, אונ נאך דעם הערען פון דיא עלטערען אפ לאכען אונ
מאכען חוזק פון אלעס מיט איינאנדער! איך האב אן געהויבען האלטען פון
א יודען וויא פון א פסולער הושענא, אונ האב איהם ליעב געהאט וויא א איד
א שווין, איך האב זיך געשעמט זאגאר מיט דעם נאמען איד. אז איך בין
בעקאנט געוועזען מיט איינעגע קריסטליכע קינדער אונ זייא האבען זיך דערוווסט
אז איך בין א איד האב איך פון דעם געהאט דעם גרעסטען הארץ־ווייטאג.
רעפעטיטארס האט מען מיר גאר ניט גענומען קיין אידעשע זאנדערן קריסטליכע,
וואס אויסער זייא האבען פיינד געהאט א אידען, זיינען זייא נאך געוועזען מעשה
שטן מיט פערדארבענע זיטען, זייא האבען מיך ראזווראשציים מיט זייערע
אירדלעהרונג, האבען אין מיר איין געפלאנצט אונארדענטליכע געדאנקען, דאס
דער גאנצער ציעל פון א מענשען איז ער זאל נאר טאהן וואס ער וויל, זאל ניט
זיין פערצאמט אונ זאל לעבען פרייא. זייערע רייד האבען אויף מיר שטארק
געווירקט, זייא האבען געמאכט א גוטען אן הויב, אונ א פראנצעזישע גווערנאנטען
וואס דער פאטער האט אראפ געבראכט פון פאריז האט געענדיגט וואס זייא
האבען אן געהויבען, דאס וואר עפעס א אויסוואורף וואס מען דארף גאר זוכען, זיא
האט געדארפט זיין ערגעץ אנדערש וואו... ניט א גווערנאנטקע אין א הויז.
דאס רוב טרעפט אז מען פאלט אריבער אין דיא אויסלענדישע גווערנאנטקעס,
פון א היגער שטאדט ווען מען נעמט צוא זיך א מענשען ווייס מען ווער ער איז;
אבער גאר פון ווייטען איז שווער צוא וויסען וואס ער איז פאר א מענש, אויסער
וואס גאר א רעכטע פריילין פון א אנשטענדיגעם הויז וועט ניט וועלען אוועק
פאהרען איינע אליין אין א פרעמדען לאנד, נאר אבער אזעלכער וויא מיין
פאטער האט אראפ געבראכט דוכט מיר טרעפט גאר זעלטען! איך ווייס ניט
צוא מיין פאטער האט עפעס א אייגענע פניה דער בייא געהאט... צו ניט, אבי
מיר האט זיא געטאהן א גרויסע טובה! זיא וואר א זעלטענע שונהייט, אבער
וויא גרויס איהר שונהייט וואר זא גרויס וואר איהר פערדארבענהייט, זיא וואר
כאראקטערלאז. זיא האט מיר פאר דרעהט א קאפף אונ האט מיך אריין געהאפט
אין איהר פאסטקע דאס איך האב זיך ניט גאר זא לייכט געקאנט ארויס דרעהן
אונ ארויס רייסען זיך פון איהרע שארפע נעגעל. וואס איך פלעג אויף איהר
פערשווענדערען געלד וואלט זיין גענוג אויס צוא האלטען פונפציג געזינדען
אז מיין פאטער האט באמערקט וואס פאר איין שלעכטען איינפלוס עס מאכט
אויף מיר דיא גווערנאנטען אונ האט איהר אפגעשאפט, אבער איהר גוטע תורה
האט זיא ניט צוא גענומען פון מיר מיט זיך, איך וואר איהר איין געהארכזאמער
שילער זאגאר נאך איהר אפ רייזען. אנשטאט זיא איינע האב איך געפונען
צעהן אנדערע וואס זינד ניט געוועזען בעסער פון איהר, חאטשע זייא זיינען

געוועזן רוססישע אדער דייטשעשע ניט פראנצעזישע. קורץ דערפאן איך בין געווארען א פאלנער מענש, ווערענד איך וואר איין שילער אין גימנאזיום האב איך שוין שכל געהאט צוא פיהרען זיך וויא א דרייסיג יאהריגער שארלאטאן, נאר וואס געהערט צוא לייען בין איך ניט געוועזן פערדארבען; איך האב געהאט פאלשע מיינונגען איבער דער וועלט איבעראל אונ איבער אידען איבער־הויפט, פערדארבענע אידען וועגען לעבען, איבער־הויפט וועגען מיינעם אייגענעם לעבען, איך האב זיך אפ געקעכענט וויא דיא גווערנאנטען האט געזאגט: אז ניט איך, וואס איך בין א גבירס א מיליאנערס א איינציגער זאהן זאל לעבען פרייא אונ טאהן וואס איך וויל, היינט ווער דען? איך האב געמיינט אז מיין פאטערס קאפיטאל וועט זיך קיין מאהל ניט אויס נעמען; אבער וואס צוא דעם אנדערן געהערט בין איך געוועזן ארדענטליך, איך האב ניעמאנדען געטאהן בעזעס, קיינעם בעליידיגט, קיינעם פערארזאכט שלעכטעס, ניט געטאהן פאלשקייט, פארלאסטען נידערטרעכטיגקייט; נאר באלד האב איך זיך אויס געלעהרנט דאס אויך דיא לעהרע האבען מיך ניט געלערנט מיינע נאנקעס, מיין רבי, מיינע רעפעטיטארען אויך ניט דיא גווערנאנטען, דאס האט מיך אויס געלעהרינט מיין פאטער זעלבסט. איין מאהל איך זיץ אזוי אין שטוב אין א צימער וואס גרענעצט זיך מיט מיין פאטערס קאבינעט, איך הער ווי ער רעדט מיט איינעם אונ ער לעגט איהם פאר עפעס א פאלשקייט טאהן, וואס האב איך ניט געהערט, יענער זאגט זיך אפ פון צוא טאהן דיזעס, דען עס איז א אפאסנע זאך וועהר אן נעמען זיך פאר דעם, אונ מען קען שטארק בעשטראפט ווערען פאר א זעלכע אינטערעסען; מיין פאטער ערקלעהרט איהם דאס עס איז גאר לייכט אויס צוא פיהרען עס, אונ ניעמאנד וועט וויסען פון דעם.

—איך איז גרינג צוא זאגען דעם אנדערען אז עס א לייכטע זאך, איהר אליין אבער אז וואלט דאס דארפען טאהן וואלט איהר זיך ניט מאכען אזוי גרינג, איהר זייט זיך אלס דער שיינער מענש, לייט טוהען אייך וואס איהר ווילט אונ איהר זעלבסט האט נאך פון דעסטוועגען גאר נישט געטאהן צייט אייער לעבען אונ לאז קומען צו וואס, וועט מאכע דער אנדערער ברעכען דעם קאפף, אונ איהר וועט זיך מאכען וויא איהר ווייסט פון גאר נישט.

—א! ביסט נאך גאר א איינגעל, דוא מיינסט אין דער אמתין אז א לעהרער זיין לערנען דעם אנדערין, דארף מען אליין גאר נישט קאנען? מען זאגט איהם טוה דיזעס אונ גאר, ניין, דוא האסט א טעות מיין קינד, מען דארף א פריהער גאנץ גענוג אן שוויצען דעם שטערען ביז מען קומט צוא דער שטופע לערנען דעם צווייטען, מען דארף פריהער אליין גאנץ גענוג אן טאהן מעשים ביז מען קאן לערנען דעם אנדערען ער זאל טאהן פון זיינט וועגען! אין אלע ארבייטען קאן מען ניט ווערען קיין גלאוונער, מען זאל אליין מעהר נישט אכטונג געבען, זאגען וויא צוא טאהן אונ אנדערע זאלען ארבייטען, וואס מען זאל אליין ניט קאנען גוט דיא מלאכה; מיר איז אויף דיר א חידוש, שוין

באלד צוואנציג יאהר אז איך האב מיט דיר צוא טאהן, צום אנהייב ביסט דוא
געוועזן א חדר אינגעל, האסט נאך גאר ניט שכל געהאט צוא טאהן עפעס,
אונ יעצט דאנקען מיין מיהע ביזט דוא געווארען א לייט, מען קאן מיט דיר
פיהרען דאס גרעסטע געשעפט, אויך האסט דוא זיך מיט מיינער הילפע
פערלעבט אויף א קאפיטאל, וואס מען קאן זיך מיט איהם א קעהר טאהן וואו
מען וויל, מען קאן שוין ניט זיין קיין פארפאלענער מענש מיט אזוי פיעל געלד
וויא דוא האסט איצטער; וויפיעל אינטערעסען האסט דוא צו טאהן אין דער צייט
מיט מיינע אונטערריכט, וואס צוא יעדעם מאהל פלעגסט דוא צום אנפאנג
מורא האבען גאר אוים צוא הערען עם, ניט וואס צוא טאהן דיזעס, אונ
דאנקען גאט (?) דוא האסט נאך איין מאהל ניט געהאט קיין גיעפריאטנאסטען
פון איין זאך; שוין זעהסט מיינסט דוא אז איך בין געזעסען ביז איך האב זיך מיט
דיר דערקאנט ביי א גוטען אידען אופען טיש? אונ בין מיט א מאהל געווארען
אזא פיינער יונג, געבען דעם אנדערען עצות וויאס זאלען אלע מאהל אפ גליקען?
ניין, איך האב גאנץ געניג אליין געהארעוועט געשטודירט ביז וואנען איך בין
געקומען צוא דער מדרגה, עס וועלען נאך ניט אפ טאהן צעהן מענשען, וואס
איך האב אליין אפ געטאהן ביז איך האב זיך מיט דיר דער קאנט, אונ קיינעם
גיט צוא דאנקען מעהר ניט זיך זעלבסט האב איך זיך ארויף געהאפט אויף דער
שטעלע אין וועלכער דוא האסט מיך אן געטראפען קוכענדיג אין יעקעוו. דוא
מיינסט אין דער אמתין איך בין עפעס א רב'ס א זאהן אדער פיליכט א מיליאנערס
א קינד, אסור ניט, איך בין גאר פראסט א פוהרמאנס א זאהן, אונ ניט
א ערליכען פוהרמאנס גאר א גנבס, ער האט מעהר ניט געהאט ביוא ליידען
א נאמען פאר א פראכטען ערליכען אידען אונ אין דער אמת וואר ער א ספעציאליסט
א גנב, ער האט שוין שכל געהאט צוא זיין א רבי ביי אלע גנבים, אונ זייא
ווארען איהם געהארכזאם וויא חסידים א גוטען אידען. פון צעהן יאהר אן האט
ער מיך אויך גענומען צוא זיך אין חדר אונ איך וואר א גוטער שילער, אין
א פאר יאהר האב איך זיך אוים געלערענט דיא גאנצע תורה האב נאך אריבער
געיאגט דעם פאטער מיינעם. ער האט איהם גענומען דערצעהלען אלס וואס
ער האט אפ געטאהן זייט ער איז געוועזן אונטער זיין פאטערס שוטץ, אונ
מיינע האאר האבען זיך געשטעלט דובאם, מיין קערפער האט מיר אין גאנצען
געשווידערט. דיא לעצטע טהאטען זיינע ווארען דאס זייא האבען בגנבת
א גרויסען גביר וואס האט געוואהנט אין איין שטאדט מיט זייא אונטער דעם
נאמען משה גאלדענבלום. — פינקעלשטיין האט דער צייילט אלעס וואס מיר ווייסען
שוין פון דער גנבה — אז דוא האסט מיך דערקאנט, זאגט ער צוא זיין טאווארישץ,
בין איך שוין געוועזן גאר אויפען פוס, דאן וואר שוין נאך סעוואסטאפאלער
מלחמה, איך האב ארייין געהאפט א היפשע קאפיקע פון דעם קריעג אונ וואר
גאנץ רייך. פון רעכטוועגען האט זיך מיר ניט געוואלט ווערען א בעל תשובה

און זיין א ערליכער מאנן, אבוואהל איך וואלט זיך שוין קאָנען דורך לעבען מיט ערליכקייט אויף מיין וועלט. דוא ביסט נאך געוועזן א יונגערמאנן. דוא ביסט געוועזן א פערעפישציק ביים אדוואקאט, דורך א צופאל האב איך דיך דערקאנט, איך האב גלייך געזעהן אז דוא ביסט א פעהיגער מענש וואס קאן מיט דער צייט גרויסע פארשריטען מאכען, שאדע אזא מענש זאל געהן פאר פאלען. איך האב דיך גערופען צוא זיך. איך האב זיך מיט דיר פאנאנדער גערעדט און האב געזעהן אז איך האב זיך טאקע ניט גענארט אין דיר. אבער דו ווארסט דאן נאך גאר א חדר אינגעל. איך האב דיר פאר־געלעגט נאך מאכען וועקסלען אויף איניגע מענשען און דוא ביסט אפ געשפרונגען פון דיין ארט גלייך וויא איין שלאנג האט דיך א ביס געטאהן. מיט גרויס מיהע האב איך דיך וויא עס איז איין גערעדעט, און צום סוף דאכט זיך האבען מיר ביידע קיין חרטה געהאט, דען מיר האבען א היפשע קאפיקע אריין געחאפט פון דעם. פון דאן אן וואס מיר האבען ביינאנד צוא טאהן דארף איך דאך ניט איבער ריידען, דאס ווייסען מיר דאך ביידע, אזוי וויא איך אזוי דוא, יעצט קאנסט דוא זאגען אויף אזאך וואס איך שלאג דיר פאר, אז דאס איז צוא פיעל אפאסנע און אויף ווארפען מיר דאס איך בין מעהר ניט א בעלן דער אנדערער זאל טאהן איך זאל געבען עצות?! דיזעס אלעס האב איך געהערט ריידענדיג מיין פאטער מיט דעם אונבעקאנטען מענשען, איך האב געמיינט אז איך וועל ניט קאנען איין זיצען אויף א ארט אוים הערען דאס, נאר איך האב זיך געשטארקט און האב ניט דורך געלאזען א ווארט. דיא שלעכטע מיינונגען מיינע וועגען אידען זינד נאך שלעכטער געווארדען, איך האב גענומען קלעהרען: אט דאס איז א מענש וואס אלע רעכנען איהם פון דיא שענסטע מענשען אין שטאדט? שעצען איהם זעהר הויך, האלטען איהם פאר א וואהלטהעטער, א בארעמהערציגער מענש מיט זעהר א ארדענטליכען באראקטער, און ער וואר א דיעבס א זאהן און אליין אגרויסער גנב און האט אן געלעבט זיין גאנצעס געלד פון גנבה און גזלה!.. אויסער דעם, האב איך אנגעפאנגען צוא צווייפלען אין דער גאנצער וועלט, אלע מענשען ווארען פערדאכטעט אין מיינע אויגען פאר דיעבע און אבמאנשציקעס, און זעלבסט מיין אייגענע ארדענטליכקייט שוואנקטע אין מיר.

איך האב געליעבט א געוויסען גבירס, גאלדענבלומס א טאכטער, גראד האט זיא גאר געליעבט א ארימען סטודענט, אנשטאט וואס איך האב געמיינט זיא וועט מיך ליעבען. איך האב אן גענומען אלע מיטלען אפ צוא ראכען דעם געגנער מיינעם פון וועג, ביז מיר האט געלונגען אריין. ווארפען איהם אין זא איין אומגליק דאס ער האט זיך זעלבסט ערמארדעט... ער האט אוים דער ציילט אלע זיינע אינטריגעס וואס ער האט צוא טאהן מיט מאנעסזאהנען פון אנפאנג ביז דעם סוף.

—אז איך בין פטור געווארען פון מיין געגנער — האט ער ווייטער דערציילט—

האב איך געמיינט אז גאלדענבלומס טאכטער וועט מיך דאן ליעבען , אבער איך האב געהאט א טעות , דען זאגאר אז זייא וואַרען בעראבעוועט אונ בייא זייא איז ניט געבליבען א טאג מיט וואס איבער צו לעבען אונ מיין פאטער האט געזאגט גאלדענבלומען דאס ער ווערט אויף איהם דער לאנגען דיא וועכסלען וואס ער האט אפגעקויפט בייא זיינע קרעדיטארען ווען ער וועט ניט איין וויליגען אויף זיין פארשלאג אפ געבען זיין טאכטער פאר מיר — האט אויך גאר ניט געווירקט , אונ זייא האבען זיך געמאכט א הסכם ארויס פאהרען פון יעקעוו.

דערווייליע האט זיך דא ראזביראַעט מיין פאטערס א דיעלא אין אקרוזשנאי סוד , מען האט איהם בעשולדיגט אן מיסברויכען אין דיא פאדראדען וואס ער האט זיך אן גענומען אין דעם לעצטען רוססיש טירקישען קריעג . וועהרענד עס איז געוועזען דיא דיעלא האט מען אויך געמשפט איינעם א אסטראזשניק וואס איז געזעסען צו זאמען מיט דעם מענשען וואס וואר דיא גאנצע ווערקצייג בייא מיין פאטער אין אלע זיינע פאדלאגען , דער זעלבער וואס האט מיר נאך געמאכט אויף מאנעסזאהנען פאלשע בריעף , (דאן ווען ער איז געוועזען בייא מיר דער גאנצער מאכער אין מיין ליעבעס אינטריגע האב איך ניט געוואוסט אז דאס איז דער זעלבע וואס מיין פאטער פיהרט מיט איהם זיינע גוטע געשעפטען) דורך א צופאל וואס מען האט איהם געהאפט מיט פאלשע בילעטין האט מען איהם ארײן געזעצט אין אסטראג , מען האט בייא איהם אויך געפונען דיא בריעף וואס ער האט נאך געמאכט פון מאנעסזאהנס נאמען וועגען , אויך א בריעף פון גראדכטיוועל , וואס מען גיבט איהם א עצה וויא צו פערהאסען איהם בייא זיין פערליעבטער . ער האט מיר געשריבען א בריעף פון אסטראג אז אויב איך וועל ניט זעהן צו העלפען איהם וועט ער מיך אויך הערויס געבען . א תירוץ אויף דעם האב איך איהם געאנטווארטעט א גוטען , דאס ער האט שוין מעהר ניט געקאנט פרעגען בייא מיר עטוואס , אויף מארגען האט מען איהם געפונען א ערמארדעטען אין אסטראג . ער האט נאך געהאט צייט אבער אויס דערציילען אלעס וואס ער ווייס פון מיין פאטער זיינעם א טאווארישץ וואס איז געזעסען מיט איהם צו זאמען , וועלכען מען האט געריכטעט אין דער זעלבער צייט ווען מיין פאטער .

דיא רעשעניע פון מיין פאטער וואר ניט גאר א גוטע , מען האט איהם אפ געפסקנט אויף פינף יאהר אין ארעסטאנטסקי ראטע . דעם אסטראזניק האט מען אפ געמשפט אויף צוואנציג יאהר קאטארזשנע. ווען איינער טרינקט זיך וויל ער דעם אנדערן אויך דער טרינקען מיט זיך , האטזשע איהם וועט דער פון קיין טובה ניט ארויס קומען , דעם צווייטען האט זעהר פאר דראסען וואָרום האט מען מיין פאטער זא לייכט געמשפט (נאך זיין מיינונג נאך) אונ איהם זא שווער וויא ער ווייס איז מיין פאטער צוואנציג מאהל מעהר פערברעכער פאר איהם . ער האט אויס דערציילט פאר דיא ריכטער אלעס וואס ער ווייס פון מיין

פאטער, וויא זיין טאוואַרישץ האט איהם דערציילט זיצענדיג מיט איהם צוזאמען אין אסטראג. דיא ריכטער, וואָרען העכסט פערוואונדערט אויס הערענדיג דיזעם, זייא האט זיך גאר ניט געגלויבט אז א מענש וואס האט געהאט אזא פיינע רעפוטאציע זאל זיין פעהיג צוא טאהן זא פיעל נידערטרעכטיגקייטען. מיין פאטער האט שוין אויך אן געהויבען שמעקען מיט קאטארגע, און איך האב זיך ערשראָקען ער זאל מיך איך עפעס ניט אריין מישען. דען דורך מיין בעפעהל האט ער ערמאָרדעט זיין טאוואַרישץ יין אסטראג. איך האב צו נויף געקליבען געלד וויא פיעל איך האב געקאנט און בין אנטלאפען זאגראניצע גלייך אין פאריז. דען מיין גאנצעס לעבען וואר פאריז, וועהרענד איך בין געוועזן רוהיג האב איך אלס ניט ארויס געלאזען פאריז פון זינען, און האב געקלערט ארויס פאהרען אין דער שטאדט וואס וואר מיין אידעאל. איך האב געלעבט וויא א גראף, וואס מיר האט זיך נאר געוואָלט האב איך אלעס געקראגען און האב זיך פון קיין זאך ענטזאגט. איך האב פער לעבט אין אייאהר צייט מיין גאנצען קאפיטאל, און אם ענדע האב איך ניט געהאט אפילו א שטיקעל ברויט וואס אפ צוא עסען. איך בין געוואָרען קראנק און מען האט מיך אוועק געלעגט אין דער באלניצע, אבער דיא דאקטוירים ענטזאגען זיך פון מיר, דען זיי זיינען ניט אין שטאנד אויס היילען מיך, איך האב איין ברוסט קראנקייט און נאך אנדערע פעהלערין... איך ריכט זיך יעדען טאג אויף דעם טוידט. מיין לעצטער וואונש איז מאנעסזאהן און גאלדענבלומס טאכטער זאלען מיר פערצייהען פאר דאס שלעכטס וואס איך האב זייא פאראורזאכט...

אך! וויא וואָהל וואָלט מיר געוועזן אז איך וואָלט געפאָלגט מאנעסזאהנען און וואָלט זיך געפיהרט ארטיג, וואָלט איך ניט געוועזן קיין נידערטרעכטיגער יודענפיינד. אז איך האב געזעהן אז מיין פאטער וואס האט א שיינעם נאמען איז אזא פאדליעץ, און איך זעלבסט וואר אויך פאדלע האב איך געמיינט אז אלע אידען זיינען אזוי! דען וואס מען איז אליין זאגט מען אויף דעם אנדערין. אין דער לעצטער צייט האב איך געהאט דיא עהרע צוא זעהן דא היא אין פאריז דיא גרעסטע געבילדעטע געלעהרטע און רייכע יודען זיינען הייסע יודישע פאטריאטען, מענשען וואס פארטרעטען דיא פיינסטע שטעלען אין לאנד ליעבען א אידען וויא זיך זעלבסט, זאגאר פיעל קריסטען דיא גרעסטע מענשען דיא גרעסטע ליטעראטארען וויא וויקטאר הוגא נעמען זיך אן פאר אידען, האבען אויף געקליבען געלד פאר דיא בעראבעוועטע אידען. אויך אין ענגלאנד דיא גרעסטע מענשען האבען ארויס געוויזען וויא זייא האבען גרויס צער פון דיא אידעשע פערפאלגונגען אין רוסלאנד, עס איז זאגאר געוועזן אסיפות אין דיא גרעסטע שטעט אין אייראפא: וויא לאנדאן, פאריז. אויך אין אמעריקא. און דיא נאמהאפטסטע מענער האבען זיך צו נויף געקליבען וויזען דער גאנצער וועלט אז זייא זיינען זיך מצער פון דיא צרות וועלכע עס ליידען דיא רוססישע

יודען. יֶעצְט הָאבּ אִיךְ זִיךְ עֶרְשְׁט גֶערַאפְּט וויא אִיךְ הָאבּ זִיךְ אִין צַלֶעד גֶעאִירֶרְט...

אָ, וואו נֶעהְם אִיךְ יֶעצְט מאנעסזאהנען גֶעשְׁטֶעהְן אִיהְם אויף אַלֶעס וָואס אִיךְ פְלֶעג אַמָאהְל מִיט אִיהְם קְרִיגֶען, אונ בֶּעטֶען אִיהְם אום פֶערְצֵייהוּנג.

מאנעסזאהנען מִיט יהודיתן הָאט דֶערנוּמֶען זַייעֶרֶע רֵייד, עֶר פְרֶעגְט בַּיי אִיהְם: „אִיהְר זֶעהְט שוין גָאר נִישְׁט זָאגַאר וָואס נֶעבֶּען אַייךְ נָאהֶענְט אִיז?

—אַז אִיךְ קוּק זִיךְ אַיין גוּט זֶעה אִיךְ.

—קוּקְט זִיךְ אַיין אונ זֶעהְט ווער זִיצְט נֶעבֶּען אַייךְ. עֶר הָאט זִיךְ קוים אויף גֶעהוֹיבֶּען אונ הָאט זִיךְ אַיין גֶעקוּקְט אִין מאנעסזאהנען אונ יהודיתן אונ הָאט זַיא גְלַייךְ דֶערְקָאנְט. עֶר הָאט עֶפֶּעס גֶעוָואלְט רֵיידֶען נָאר עֶר הָאט נִיט גֶעקָאנְט, עֶר אִיז גֶעפַאלֶען אויף זַיין בֶּעטֶעל, הָאט פַאר גְלָאצְט דִיא אוֹיגֶען, אִין הַארְצֶען הָאט בַּייא אִיהְם אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּא זֶעגֶען, אִין הַאלְדְז הָאט זִיךְ גֶעשְׁפִּיעלְט אַ שְׁטִילֶע מוּזִיק, דָאס בְּלוּט הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּא לוֹיפֶען הִין אונ הֶער, אִין אַ קְלֵיינֶער ווַיילֶע הֶערוּם אִיז עֶר גֶעשְׁטָארְבֶּען. מאנעסזאהן הָאט מִיט אִיהְם מִיטְלַייד גֶעהַאט, נָאר אַנְדֶערֶע וָואלְטֶען זָאגֶען מִיט דִיא וָוערְטֶער דֶער פְּרָאפֶעטִין.

אַלְלֶע דַיינֶע פַייְנְדֶע הֶער׳ מוּסְסֶען זָא צוּא גְרוּנְדֶע גֶעהְן״
דִיא אִיהְן אָבֶּער לִיעבֶּען׳
שְׁטְרַאהְלֶען וויא דִיא זָאנֶנֶע, הָאךְ אַם פִירְמָאמֶענְט.

ע נ ד ע